STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05879

# IN POYLISHE VELDER

Joseph Opatoshu

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אין פוילישע וועלדער

ראָמאַן

פון זעלבען מחבר:

אַ ראָמאַן פון אַ פערד גנב

אונטערוועלט (ערצעהלונגען)

היברו (ראָמאַן)

אַליין (ראָמאַן)

י. אָפּאַטאָשו:

*Temble Ner Tamid*

# אין פּוילישע וועלדער

רָאמאַן

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1921
200

Copyright by
Joseph Opatovsky,
New York, 1921.

מײַן פֿאָטער דעם מקובל דוד אָפּאַטאָװסקי.
מײַן מוטער נאַנטשע פֿון די ליפּאָװצער װעלדער —
**נשמתם עדן.**

# אינהאַלט:

## ערשטער טייל

### אין וואַלד


| | |
|---|---|
| מרדכי'ס יחוס | 3 |
| מרדכי און זיין פאָטער | 9 |
| פוילישע וועלדער | 23 |
| די פּראָצעסיע | 33 |
| ר' איטשע מקובל | 42 |
| אַ נאַכט אין וואַלד | 53 |
| דבורה'לע | 60 |
| מלקות | 70 |
| דער קדושת־לוי און דער אַנטי־קרישטו | 82 |
| פעדים | 92 |


## צווייטער טייל

### קאָצק


| | |
|---|---|
| מען פאָרט צו'ם רבין | 107 |
| ר' מענדעלי קאָצקער | 156 |
| דער אַפּיקורוס | 182 |
| דער לעצטער | 195 |
| „די גרויסע אימפּראָוויזאַציע" | 205 |
| שכר און עונש | 221 |
| ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען | 225 |
| אָראָפּגעלאָזטע אויגען | 238 |
| תפארת | 248 |
| שלמה מולכו | 261 |
| דער „מגיד" | 270 |


## דריטער טייל

### פּאַר'ן שטורעם


| | |
|---|---|
| רוים און ירושלים | 285 |
| בלוט און פייער | 301 |
| די פּטירה | 339 |

איז וואַלד

# ערשטער טייל

## קאפיטעל 1.

### מרדכי'ס יחוס.

מרדכי, זיין טאטע, זיין זיידע, זיין עלטער־זיידע, ביז דעם זעקסטען דור, זיינען אלע געבארען געווארען אין די ליפאווצער וועלדער, חתונה געהאט צווישען זיך און געלעבט משפחה־ווייז. יעדען חנוכה זיינען זיי זיך צונויפגעפאהרען צום עלטסטען אין דער משפחה און זיך גע'חשבונ'ט.

אין די אלטע, גוטע צייטען פלעגען זיי קומען איבער הונדערט. איינס באיינס געקליבענע, ווי די בוימער. זיי זיינען געזעסען ביז האלבע נאכט איבער דעמבאווע טישען, געשריבען מיט קרייד פאסעקלעך מיט רינגעלאך און געגעסען גריוועו, געבראטענע קאטשקעס, אז די ווייבער זיינען אזש מיער געווארען פליקען די פעדערען. זיי האבען פערטרונקען מיט היימיש ביער, זיך געקריעגט אויף וואס די וועלט שטעהט, כהנים געווען. זיך אפט צו'דמ'ט, באלד זיך איבערגעבעטען, געשלאפען צווישען זיך שדוכים און זיך צופאהרען.

האט זיך ביי איינעם געמאכט א חתונה, (און דאס זעהר אפט) זיינען זיך צונויפגעפאהרען בלויזע מחותנים איבער דריי הונדערט.

יעדע משפחה האט זיך מיטגעבראכט פון איהר געגענד דעם רב און א קאפעליע כלי־זמרים — האט מען געשפיעלט אונטער'ן פרייען הימעל, זיך געקריעגט, תמיד געוואלט אפלאזען דעם שדוך פאר דער חופה, תמיד זיך איבערגעבעטען און געטאנצט אין אלע צימערען, אין די שייערען, אין וואלד.

פון צופיעל וואוילטאג און לעדיג געהן האט דאס יונג־וואַרג זיך גע־האלטען אין איין ליעבען, תמיד געסטראשעט די עלטערן, אז אויב מען

וועט זיי שטערען, וועלען זיי זיך סם'ען. די עלטערען פון זייער זייט האבען תמיד געשלאגען, ארויסגעיאגט פון שטוב און דאס יונגוואַרג האט זיך תמיד איבערגעבעטען און צוריקגעקומען.

און אז עס האט איינמאל פאסירט א פישער שייגעץ, פון דער צווייטער זייט ווייכסעל, האט זיך פערליעבט אין זייער'ס א טאכטער און מיט איהר א חופה געשטעלט אין א נאהענטען „קאשטשאל“, האט דאס יונגוואַרג אפגעווארט דאס פארעל אויפ'ן טראקט, אפגעשלאגען די מויד פון דעם שייגעץ, נישט געוואלט האבען א משומדת אין דער משפחה. פון חרפה האט די מויד זיך געווארפען אין דער ווייכסעל, אפגעוואשען דעם פלעק.

אזוי האט מרדכי'ס משפחה, פראסטע, גוטע אידען, געלעבט אין די ליפאוועצער וועלדער ביז אין די גרויסע יאהרען אריין. האבען פיינד געהאט א למדן, דרך־ארץ געהאט פאר א רב, ווייניג געזארגט, געפראפט די קופערם מיט כל טוב, זיך געמעהרט, געהאלטען מלמדים צו די קינדער ביז איבער זעכצעהן יאהר און מעהר ווי דאוונען און מעביר סדרה און זעלטען ווען לייענען די תורה, האט דאס יונגוואַרג זיך נישט אויסגעלערענט.

איינמאל א חנוכה, ווען דער עולם האט זיך נור וואס געהאט אפגעקריעגט און פארעסען מיט פעטע קאטשקעס, איז מרדכי'ס עלטער זיידע, דעמאלט דער עלטסטער אין דער משפחה, מיט אמאל אוועקגעפאלען. די אלטע פישערם, דער רופא, דער שטאדטישער דאקטאר — קיינער האט נישט געהאלפען און דער קראנקער איז געווען חרוב פערביי. די וואלד יודען זיינען געזעסען ארום דעם קראנקען, געפיפקעט שארפען טאבעק. זיך שוין געהאט מיאש געווען און יעדער איינער האט ביי זיך געטראכט וועגן עס וועט ירש'ענען די ספרי־תורות, (די ספרי־תורות פלעגען איבערגעהן צום עלטסטען אין דער משפחה וואו מען איז זיך צונויפגעפאהרען חנוכה חשבונ'ען) איז ווי דורך א נס פונקט דעמאלט פערפאהרען אונטער'ן פענסטער א בויד מיט צוויי פערד. א איד איז ארויס פון דער בויד און געבעטען מען זאל איהם לאזען איבערנעכטיגען: ער פאהרט

מיט'ן לובלינער. גלייך ווי דער רבי איז אריין אין שטוב און ארויס־געלעגט דעם קראנקען די האנד אויפ'ן קאפ, איז דעם חולה בעסער גע־ווארען און ער האט זיך אויפגעזעצט.

פון דעמאלט אן האט מרדכי'ס משפחה גענומען פאהרען נאך לוב־לין, דערנאך נאך פשיסכע, דערנאך נאך קאצק.

און אזוי ווי זיי זיינען געווען ווארימע אידען, אזוי זיינען זיי געווא־רען הייסע חסידים, געזעסען ביים רבי'ן אויבען אן, אויפגעהערט צו שלי־סען שדוכים צווישען זיך און אז מען האט געהאלטען ביי א שדוך איז מען געפאהרען צום רבי'ן.

ביסלעכווייז האבען די וואלד אידען אנגעהויבען ארויסצושיקען די זיהן אין אנדערע גובערניעס, אראבגעבראכט פאר די טעכטער חסיד'ישע לומדים, וואס האבען זיך באלד נאך דער חתונה בעזעצט אין די ארומיגע שטעדט, נישט געוואלט וואוינען אין וואלד. האבען די וואלד אידען זיך צושאטען איבער פוילען, איבער וואהלין, זיך גוויפגעהערט צו מעה־רען, יעדעס יאהר חנוכה צום חשבונ'ען איז די משפחה געווארען קלע־נער, ביז אין א משך פון צוויי דורות איז אין די ליפאוויצער וועלדער גע־בליבען בלויז מרדכי'ס פאטער.

דורות לאנג האט מרדכי'ס משפחה געוואוינט אין די ליפאוועצער וועלדער. און כאטש זיי זיינען נור געווען „שרייבער" — האבען זיי פונ־דעסטוועגען די חזקה געהאט איבער די וועלדער און זיך גערעכענט פאר די אמת'ע בעלי־הבתים. וואו נור א נייע קהלה האט מרדכי'ס משפחה געשיקט פארטיג געהילץ — פערזארגט א שטיק פוילען מיט שוהלען, בתי־מדרשים, וואו אידען האבען געדאווענט. וואו נור א תלמוד־תורה, א בית־המדרש האט פערלאנגט אויף ווינטער האלץ, האט מרדכי'ס משפחה געשיקט — בעהייצט א האלבע גובערניע.

די פויערים פון דער ארומיגער אקאליצע האבען פראנק און פריי געקליבען די צווייגען פון די אראבגעלאזטע בוימער. און וואו נור א מת ביי אן ארימען פויער — האט מרדכי'ס משפחה געגעבען ברעטער אויף א טרומנע.

רעכטס — די געדיכטע ליפּאָווצער וועלדער, וואו הונדערט יעהריגע דעמבעס זיינען פון אלטקייט געפאלען, זיך צוקרישעלט און ארויסגעלאָזט נאָך שטארקערע דעמבעס. לינקס — פעטע לאָנקעס, וואו קליינע געקא־לעכטע פישער־הייזלעך האָבען זיך קוים ארויסגעזעהן פון די הויכע גראָזען.

די גאנצע געגענד איז געווען ווייט פון א מענשליכען ישוב, ווי אָפּ־געשניטען צווישען וואסער און וואלד — זיינען די פישער קינדער גע־וואקסען האלב־ווילדע, זיך בעהאלטען, ווי איבערגעשראָקענע חיה׳לעך, פאר א דורכפאָהרענדען מענשען.

בייטאָג זיינען די פישער געשלאָפען. און געשלאָפען זיינען זיי, ווי די ציגיינער, משפחה־ווייז. זיי האָבען פערנומען א גאנצע שטוב. טאטע, מאמע, קינדער, שניהרען און איידעם׳ס זיינען געלעגען צוזאמען אויף שטרויענע זעק. מיט דער נאכט זיינען די מענער זאטע, אויסגערוהטע אוועק אויפ׳ן פאנג. פאר׳ן אוועקגעהן האָבען די ווייבער זיי אָבגע׳צלמ׳ט, מיטגעגעבען יעדען אָנגעברענטען ווייץ צו פערנארען די פיש און א ביי־טשעל מיט וועלפישע ציינער — א סגולה אז וואנדע, די קייסערין פון דער ווייכסעל, זאָל נישט פערפיהרען.

די געזונטע אָבגעברענטע פישערס, וואָס האָבען נישט איינמאָל גע־קוקט דעם טוידט אין די אויגען, זיינען פערבליבען צווישען וואסער און וואלד, גרויסע קינדער, פערשטאנען קינדער לשון און זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט יעדען וואָל, מיט יעדען רויש פון וואסער.

די פישערס האָבען זיך אויסגעצויגען אין די שיפלעך, געוואָרפען אין וואסער אריין די אָנגעברענטע ווייצען און זיך איינגעהערט. און אז די ווייכסעל האָט זיך גענומען בלעזלען, ווי זודיגע וואסער, זיינען די פי־שערס געווען זיכער, אז עס וועט זיין א גוטער פאנג. צופריעדענע האָ־בען זיי אָנגעגרייט די סיטשען, שארפער אָנגעשפּיצט די אויערען. דאָס גערויש איז געוואָרען אלץ גרעסער — מחנות קליינע פישלעך ווי זיל־בערנע קריהעס, האָבען זיך דורכגעטראָגען מיט אימפּעט, פערשוואונדען

און צוריק זיך בעוויזען. אויסגעהונגערטע העכט, קארפען, שלאַיען מיט אָפענע מיילער האָבען זיך געיאָגט נאָך זיי.

פאמעליך האָבען די פישער אריינגעלאָזט אין וואסער די סיטשען, יעדע ווייַלע ארויסגעשלעפּט פון די כאַליאוועס די „מאַמעס" מיט בראַנ־פען, זיך דערוואַרימט און גע׳חלומ׳ט. און גע׳חלומ׳ט האָבען זיי וועגען פערפיהר־ליכטלעך, וואָס לויכטען ביי נאַכט אויפ׳ן וואסער, וואָס בליש־טשען דאָ און דאָרט פון וואלד ארויס, ווי וועלפישע אויגען. זיי זיינען געווען זיכער, אז דאָס זיינען אוצרות — וואנדעס אוצרות. יאָגען זיך אָבער נאָך א פערפיהר־ליכטעל טאָר מען נישט — עס פערפיהרט.

און אז די ווייכסעל האָט זיך צושפּיעלט, צופאָלדעוועט, זיך אוועק־געשטעלט אונטער דער לבנה ווי גרינליכע שטיקער אייז, האָבען די פי־שערס ווי קינדער זיך געבעטען ביי איהר, ווי ביי א מאַמען, זי זאָל זיך ערבאַרמען און אויפהערען. און אז דאָס וואסער איז נישט שטילער גע־וואָרען, האָבען זיי וואנדע׳ן געוואָרפען א וואָלפישען צאָהן נאָך א צאָהן און צוזאמען פעראנקערט די שיפלעך ביים ברעג. זיי האָבען פערצויגען די פּאַרצעלאַנענע פיפקעס, געשפּיגען אין וואסער אריין און צום הונדער־טען מאָל געהערט פון די אַלטע פישערס, אז דער פאַנג ווערט שוואכער פון יאָהר צו יאָהר, אז וואנדע איז געפּענטעט, אז די ווייכסעל איז צור־שניטען, אז נישטאָ מעהר די אַמאָליגע צייטען, ווען א פישער האָט זיך געטראָגען איבער׳ן וואסער ווי א פויגעל.

און דאָרט פון וואסער שניידט זיך וואנדע אין דער נאַכט אריין. זי שפּרייט זיך, הילט איין די ווייכסעל, קלאָגט זיך פאַר איהרע קינדער, אז מען האָט איהר דאָס וואסער פעראונרייניגט, אז פרעמדע מענשען זיינען אַנגעלאָפען ווי א היישעריק און איהר איז דושנע — האָבען די יונגע פישערס אויסגעלאָשען די לאַמטערענס, פון צער זיך געשפּיגען אין די פויסטען אריין, שטארקער גענומען די וויאָסלעס אין די הענד און זיך געגליטשט איבער׳ן וואסער, ווי איבער דעם רוקען פון א בויגיגער, גרוי־סער חיה. דאָס האָבען זיי זיך גע׳גנב׳עט אין די רעגירונג וואסערען, וואו דער פאַנג איז גרעסער.

אזוי האָבען די פישערס געלעבט פון דור־דורות, ווייט פון א מענש־ליכען ישוב. און געוואקסען זיינען זיי ווי די דעמבעס, מיט פלאקסענע קעפּ, שטולענע אויגען און אין די אכציגער האבען זיי נאך געהאט אלע ציינער — געלע ציינער, ווי אלטע מיט מאך בעוואקסענע פיענעס.

זיי זיינען זעלטען געגאנגען אין „קאָשטשאָל“, נאך זעלטענר זיך מתודה געווען. א טאָג פאר פסח האָבען זיי זיך אלע צונויפגעלעגט, גענעבען יעדער מיט א פולער האנד און אראָבגעבראכט דעם גלח, ער זאָל בעשפּריצען דאָס געבעקס מיט הייליג־וואסער. און מאָנטאָג, דעם צוויי־טען טאָג פסח, זיינען אלע, קינד און קייט, אוועק אויסגעפּוצטע אין וואלד אריין, פארבעטען דעם „פאן־שרייבער“ און געפיהרט מיט פאראד צו דער ווייכסעל א שטרויענעם גולם מיט גרויסע אויגען פון קאָלירטע אייער. און געגלויבט האט מרדכי׳ס משפּחה באמונה שלמה, אז די ווייכסעל פערלאנגט איהרם — האָבען זיי יעדעס יאָהר געשטעלט פּעס־לעך ביער און מיט געזאנג האָבען די „קאַצקער“ צוזאמען מיט די פישערס געבראכט וואנדע׳ן א קרבן — געוואָרפען דעם גולם אין וואסער אריין.

## קאפיטעל 2.

## מרדכי און זיין פאָטער.

מרדכי'ס פאָטער ר' אברהם האָט געהאַט די צווייטע ווייב. ער איז געווען א איד אין די פופציגער, פון מיטלען וואוקס, ברייטביינינג מיט א לאנגע גרויליכע באָרד ביז צום גארטעל, פון די אידען וואָס האלטען קיינ־מאָל נישט געלד אין א בייטעל, שיטען עס אין די הויזען־קעשענעס אריין, עס זאָל קלימפּערען, מען זאָל לייכטער קענען געבען א נדבה און מיט א פור־לער האנד.

ר' אברהם איז געווען א נגיד און מענשען האבען גע'טענה'ט אז ווען ער וואָלט נישט געווען אזוי „משוגע", וואָלט ער גאָר נתעשר געוואָרען. די שררים, וואָס האבען געוואוינט מיט אברהם'ן אין שכנות, האבען זיך געבע־טען ביי איהם, ער זאָל ביי זיי צונעהמען די תבואה, די וואָל. מעהר אָבער ווי א שטיקעל וואלד האָט אברהם נישט געוואָלט קויפען. און ווען ער איז געוואָהר געוואָרען אז שמאי שאפּט, א שטאָדטישער חסיד, א קמצן, וואָס האָט ביי איהם געגעסען און געשלאָפען וואכען לאנג און אברהם האָט איהם געמאכט א „פּיסעל" אין די הויפען, אז דאָס אידעל קויפט אויף ביי די פּריצים תבואה פון איין יאָהר אויף'ן צווייטען בחצי־חנם, האָט ער איהם געפּאטשט, געשריען אז עס איז א חלול השם און נישט געהייסען שמאי'ן מעהר אריינלאָזען צו זיך אין שטוב. שמאי, האָט צוגענומען די פּעטש ווי קיינמאָל גאָר נישט. אז כאָטש ער איז שוין דעמאָלט רייכער געווען פאַר אברהם'ן, געהאַט שווערע טויזענדער, האָט ער פונדעסטוועגען געטאנצט פאַר איהם אויף אלע פיער און געקוקט אזוי הכנעה'דיג אברהם'ן אין די אויג־גען, ווי נור געשלאָגענע הינד זיינען פּעהיג.

אברהם איז עטליכע מאָל אין יאָהר געפאָהרען נאָך קאצק. און אז עס איז איהם אויסגעקומען שבת צו האלטען אונטערוועגענס, האָט ער גע־פיהרט אן אייגענעם טיש, פארבעטען וויפיעל חסידים עס האבען זיך נור

געפונען אין שטאדט. ביים טיש האבען די קאצקער אויסגעמידען צו רעדען תורה. זיי האבען געוואוסט אז כאטש אברהם איז א בעל־תשובה, האט ער פונדעסטעוועגען א לייכטען קאפ, האט ליעב אז הלצה און לאכט אפילו פון אייגענעם רבין. ער האט אמאל פון מיטען טיש ארויסגעפיהרט א חסיד, א תם און איהם געפרעגט אויף'ן אויער, אז אלע האבען געהערט, צו וואס ר' מענדעלי האלט ביי זיך אויף אזוי פיעל מוהמעס און שוועגערינס, ווי להבדיל דער גלח פון זיין דארף. דעם לעצטען פערגלייך האט ער עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט און זיך צולאכט ווי פון א פאס ארוים. אדער ווען ר' מענדעלי האט נאך דעם ווייב'ס טוידט חתונה געהאט מיט איינע פון זיינע קרובות און אין זעקס חדשים נאך דער חתונה איז זי געלעגען געווארען, האט אברהם פאר א גאנצע עדה חסידים געזאגט אז היינט איז איהם קלאר דער פסוק: „מלאכתם של צדיקים נעשו על ידי אחרים“.

— כ'מיין גאר נישט! כ'מיין גאט, מיין איך — — — — האט אברהם גערעדט אפגעהאקט, ווי ער וואלט זיך פערענטפערט, געמאכט בשעת־מעשה א תמ'עוואטע פנים און זיך צולאכט.

די חסידים וואס וואלטען א צווייטען דער'הרג'עט אויף'ן ארט. די זעלבע חסידים האבען נאריש געשמייכעלט פון אברהם'ס הלצות. זיי האבען זיך געשעמט איינער פאר'ן צווייטען, ווי א גוי וואלט געזאגט א גראבען וויץ צווישען אידישע לומדים. די לומדים נעהמען זיך אבער נישט צום הארצען, זיי ווייסען, ס'איז א גוי, עס מאכט ניט, פונקט אזוי האבען די חסידים תמיד אויפגענומען אברהם'ס הלצות. זיי האבען געוואוסט, אז אברהם האט אן אפען מויל, בטבע אבער איז ער א גוטער יונג, האט א אידיש הארץ, ווארפט זיך מיט געלד, האט דער עולם זיך נישט געמאכט הערען וואס ער זאגט.

מיט'ן ערשטען ווייב האט אברהם קיין קינדער נישט געהאט. ער אליין, אז ער האט זיך אמאל געפיהלט גוט אויפגעלעגט, געזעסען איבער א גלעזעל משקה מיט חסידישע לעב־קינדער, האט דערצעהלט אז ביי דער „ערשטער“ האט ער אבגעטהאן נישט קיין אידישע מעשים און נישט

איין פּאר פּאלק פון די ארומיגע שטעדטלעך האט זיך שיעור נישט גע׳גט איבער איהם.

נאך דער ערשטערם טוידט איז ער געווארען א בעל־תשובה. ער האט זיך אראפּגעבראכט א יונגען מאן, א פּרוש, פון קאצק און גענומען לערנען. פּונקט צום יאהר (ער איז דעמאלט פערציג יאהר אלט געווען) האט ער חתונה געהאט מיט אן ארים מיידעל, א רב׳ס א טאכטער. דבורה׳לע, אזוי האט מען זי גערופען, איז געווען א גרויסע מיוחסת, וועגען וועלכער דער רב האט געשריעבען אז זי איז געבארען געווארען „בקדושה ובטהרה": צו דער חתונה איז דבורה׳לע נאך געווען זעהר יונג, נאך קיין זעכצעהן יאהר נישט געהאט. זי איז געווען א צארט שעמעוודיג מיידעל און אין גאנצען האט זי אויסגעזעהן ווי עפּים אן איידעלע פלאנץ, וואס דער קלענסטער ריהר מאכט זי וועלקען. די ערשטע צייט נאך דער חתונה האט אברהם זיך זעהר געשראקען, איהם האט זיך אלץ געדאכט, אז ווען ער נעהמט זי ארום קען זי זיך צוברעכען, און תמיד געהאט דאס געפיהל, ווי א גרויסער, געזונטער מענש נעהמט א פּיצעל קינד און שרעקט זיך ער זאל עם נישט וועה טהאן מיט זיינע הענד.

דבורה׳לע איז געווען זעהר א פרומע. תמיד געהאלטען א ווייבערש ספר׳ל, עפּים געזאגט און אלץ געפּאלגט וואס דער מאן האט איהר געהייסען. זי האט געהאלטען אין איין שיקען פּדיונים צו רביים, געבענשט איבער ניין לייכטערס, און אז אברהם האט זי אמאל ארומגענומען, ווען זי האט געהאלטען אין מיטען זאגען, האט זי זיך נישט געווערט, געשטאנען שטום ווי א טויב און אין דער שטיל האט זי געוויינט, אז דערפאר שטראפט זי גאט און זי האט קיין קינדער נישט. דערצו האט זי גלייך נאך דער חתונה געגומען קרענקען.

אברהם האט בעהאנדעלט דבורה׳לען מלכות׳דיג, אפּגעהיט דאס ארט וואו זי איז געשטאנען, געפאהרען מיט איהר נאך דאנציג צו דאקטוירים און תמיד וואו ער איז געפאהרען האט ער איהר געבראכט מתנות.

דריי יאהר נאך דער חתונה האט דבורה׳לע געבארען א זוהן. מרדכי איז געוואקסען א פערטראכטער, א צוריקגעהאלטענער. גאנצע טעג האט

ער זיך ארומגעשלעפט מיט וואצעקען, דעם לעשניקס שייגעץ, מיט וועל־כען ער איז געווען אין איין עלטער. אינגעלוויין האט מרדכי ווייניג גע־רעדט און אז מען האט איהם עפּיס געפרעגט האט ער באלד נישט געענט־פערט, געקלערט א ווײלע, ווי עס וואלט איהם שווער געווען צו בעגרייפען וואס מען פרעגט איהם, תמיד ארויסגעזאגט א נארישקייט, זיך פער־רויטעלט, און געקוקט מיט זיינע גרויסע, גרויע אויגען אזוי פריי און ווייך, אז יעדער האט איהם געמוזט ליעב קריעגען. נאך אלס אינגעל האט מרדכי זיך ארויסגעצייגט אנדערש ווי אנדערע קינדער — ער האט נישט גע־קענט קוקען ווי די פעשער־שקאצים מאטערען שטוביגע חיות. פונדעסט־וועגען אז ער האט צום ערשטען מאל געזעהן ווי א שוחט האט געקוילעט ביי זיי אויף'ן הויף היהנער, האט עס איהם כמעט ווי נישט געארט. שפּע־טער, האט זיך איהם איבער א וואך געהאלטען אין איין חלום'ען דער שוחט מיט א פערבלוטיגטען חלף אין מויל און מיט א פּאר ווייבע, צעשראקענע אויגען. (כמעט אלע שוחטים האבען ווייבע צעשראקענע אויגען.) און דאס האט איהם אזוי געמאטערט, ביז מרדכי איז איינמאל אויפגעשטאנען א צורודערטער, געבליבען זיצען אויף'ן בעטיל, לאנג געגעניצט און אוועק אין שטאל אריין צו די היהנער. און ווען דער פאטער וואלט פונקט דעמאלט נישט אנגעקומען, וואלט קיינער נישט געגלויבט אז דאס יונגעל מיט די גרויסע פער'חלום'טע אויגען, וואס האט קיינמאל קיין פליעג ניט אנגע־ריהרט, האט מיט א מוצא־מעסער גע'שחט'ען א הוהן.

די מעשה מיט דער הוהן האט מרדכי געדענקט זיין גאנץ לעבען, אויך די פעטש וואס ער האט דעמאלט בעקומען פון פאטער און זיך תמיד געוואונדערט, ווי ר'נאך עס האט איהם גאר געקענט איינפאלען צו טון אזא זאך.

צו צעהן יאהר האט אברהם אראפּגעבראכט פאר מרדכי'ן א גמרא מלמד. דער מלמד, איז געווען א איד א פופציגער מיט א גאלען קאפּ, וואו פון פארענט זיינען געבליבען עטליכע פעריתומטע האר און ארום קארק האבען זיך געגרייזעלט שיטערע לאקען ווי ביי א קינד. אויף'ן שפּיץ קאפּ איז געזעסען א פעטער קאפּעל, ווי צוגעוואקסען, און געגאנגען איז ער

סאַי ווינטער סאַי זומער, אין אַ ריפּסענע אויסגעריוועלטע קאַפּאָטע, וואָו פון ריפּס איז כמעט קיין זכר געבליבען, בלויז דער אונטערשלאַג מיט צוויי שורות גרויסע, קיילעכדיגע קנעפּ האָבען זיך געזעהען. דאָס פנים מיט אַ פעטען שמייכעל איז געווען בעוואַקסען מיט אַ קאַלטענעוואַטע, גרועליכע באָרד, וואָס איז זיך אזש פערגאַנגען אין די אויגען אריין און ווען נישט די באָרד וואָלט עס אויסגעזעהן ווי אַ לבנה־פּנים. אין דער מיט באָרד איז געווען אַ געל גריבעל, ווי אויסגעגעסען פון די טראָפּענס טאַבעק, וואָס האָבען תמיד געקאַפּעט פון דער נאָז.

שלמה איז געווען פויל ווי אַ ציגיינער. ער האָט וועניג מיט מרדכי׳ן געלערנט. גאַנצע טעג איז ער געלעגען אויף אַ סאָפּקע, איין האַנד צוקאַפּענס, געשנופּט טאַבעק און דערצעהלט חסידישע מעשיות. און די מעשיות האָבען זיך ביי איהם קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. מיט דער־זעלבער התלהבות וואָס ער האָט גערעדט וועגען רבין, האָט ער גערעדט וועגען דעם דריטען נאַפּאָלעאָן. ער איז געווען זיכער אַז נאַפּאָלעאָן איז דער גרעסטער כשוף־מאַכער, אַז ער האָט אַזעלכע מאַשינען וואָס ווען מען שטעלט זיי אוועק, הויבט דער שונא אַן צו ניסען און אַזוי נאָך געווינט ער די מלחמות.

שלמה איז געווען אַ פרעהליכער, גוטמוטיגער חסיד. ער האָט כמעט קיינמאָל זיך נישט געערגערט, זעלטען איז כעס געווען אויף אַ מענשען. אַן אויסנאַהם זיינען געווען דאָס ווייב און דער ווילנער גאון. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין דעם ווילנער גאון די מחלוקות מיט׳ן בעל־שם־טוב און וואָס ער האָט מדחיק געווען דעם קץ. אויף׳ן ווייב, מיט וועלכער שלמה האָט שוין עטליכע יאָהר נישט געוואָהנט, האָט ער געטראָגען אַ בעהאַלטענע שנאה, און אויסגעמיטען צו רעדען וועגען איהר. פאַר יעדען יום־טוב ווען ביי אברהם׳ן איז שטוב זיינען אַלע געווען פערטהון, איז שלמה ארומגעגאַנגען אַן אַנגעכמורעטער, זיך געבלאָזען און קיין אָרט זיך נישט געקענט געפינען. ער האָט אויפגעהערט צו שנופּען טאַבעק, גע־טרונקען ריינעם אַקעוויט, געשאָלטען גלאַט אין דער וועלט אריין און גע־זוכט פאַר וועמען דאָס האַרץ זיך אָפּצורעדען. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט

געדויערט. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האט ער זיך פערמאכט מיט מרדכי'ן אין א בעזונדערען חדר, כלומרשט געגאנגען ווייזען איהם די דינים פון יום־טוב און זיך פונאנדער געוויינט פאר'ן תלמיד מיט ביטערע טרערען. מרדכי האט מיטגעוויינט און זיך געשעמט צו קוקען דעם רבי'ן אין די אויגען. שלמה האט פערגעסען אז ער האט פאר זיך א אינגעל און איהם דערצעהלט, ווי מען דערצעהלט א פריינד, יעדע קליינינקייט, אויס־גערעדט אלעם ביז אויף'ן ווייב און אנדערש נישט גערעדט וועגען איהר ווי „זרש האט מיך אונגליקליך געמאכט", „וועו נישט די ארורה, וואלט איך אויף דער עלטער זיך נישט געדארפט וואלגערען ביי פרעמדע טישען, זיין א מלמד". מרדכי האט בשעת מעשה גאר נישט פערשטאנען, בלויז געזעהען דעם רביז'ס ווייב, א הויכע, א דארע, מיט א הארן אויף'ן שטערן, פונקט ווי ביי ושתי'ן.

און אז שלמה האט זיך אויסגעוויינט, איז ווי מען וואלט מיט דער האנד אוועקגענומען, צוריק געווארען דער גוטמוטיגער חסיד, וועניגער געטרונקען מעהר געשנופט גאליצישען טאבעק, תמיד געזונגען, תמיד געווען פרעהליך, ווי ער וואלט קיינמאל קיין פערדרוס נישט געהאט און אזוי ביז דעם קומענדען יום טוב.

פערקעהרט, יעדעס מאל ווען דער מלמד האט זיך פונאנדערגעוויינט פאר מרדכי'ן, איז דאס אינגעל ארומגעגאנגען א צורודערטער. ער איז גע־ווען זיכער אז שלמה איז דער אומגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, האט קיינעם נישט און מרדכי האט געהאט פערדרוס פאר וואס ער האט פיעל־מאל שלמה'ן נישט געפאלגט, געלאכט פון איהם און ער האט גע־שווארען אז פון היינט אן וועט ער דעם רבין פאלגען און וועט איהם אזוי ליעב האבען, ווי זיין אייגענעם טאטען.

צו צוועלף יאהר האט שוין מרדכי אליין געלייענט א בלאט גמרא. געווען אבער פערחושט. אין מיטען בעסטען לערנען האט ער געקענט שטע־לען שלמה'ן א קשיה, פאר וואס עס ווערט נישט קיין פליך אויף דער בארד נור אויף'ן קאפ, אדער ארויסשלעפען פון דער קעשענע א גרין זשאב־קעלע און עס לאזען פאר א שפאציר איבער דער גמרא.

שלמה האט תמיד געשמייכעלט פון זיין תלמיד'ס חכמות און איהם קיינמאל נישט אנגעריהרט. נור איינמאל ווען די מוטער האט מרדכי'ן געשטראפט אין שלמה'ס געגענווארט, אז עס פאסט נישט פאר א גמרא־בחור זיך צו שפיעלען מיט פישער־שיקסלעך און אפילו מיט רחל'ן, דעם פאכטערס מיידעל אויך נישט, האט מרדכי געשוויגען, געקוקט דער מוטער גלייך אין די אויגען און זיך געדרויטעלט. שלמה האט געשפרייזט אן אויפגערעגטער איבער'ן צימער, געהאלטען אין איין שפייען, ווי עס וואלט איהם א פליגעלע אריין אין מויל. גלייך ווי די מוטער איז ארויס, האט ער אווארט נישט אויסגערעדט, אוועקגעזעצט מרדכי'ן ביים טיש און אויפגעמישט א „ראשית־חכמה". ער האט זיך אוועקגעשטעלט הינטער מרדכי'ן, אנגעשפארט זיינע הארינע הענד אן טיש, זיך צעווינט איבער מרדכי'ס קאפ און איהם געגומען אריינשרייען אין אויער:

— דו פושע ישראל, דו! שיקסעס גאר, הא? דו עוכר ישראל, דו!

צום ערשטען מאל, צייט שלמה האט געלערנט מיט מרדכי'ן, האט ער איהם א קניפ געטהאן, אז דאס יינגעל איז אזש אונטערגעשפרונגען. מרדכי האט זיך פערפלאנטערט, נישט פערשטאנען וואס דער מלמד זאגט, נישט געוואוסט וואס מען וויל פון איהם, בלויז געפיהלט ווי שלמה'ס בארד קריכט איהם איבער'ן קארק, איבער די באקען ווי גליטשיגע שלענגלעך און עס איז איהם קאלט געווארען. ער האט זיך אפגעריסען פון אונטער שלמה'ס הענד, פערפאלען געווארען און אוועק מיט די פישערס אויף עטליכע טעג.

אזוי איז מרדכי געוואקסען א גרויס קינד, געקוקט יעדען גלייך אין די אויגען, ליעב געהאט די פישערס, ליעב געהאט דעם מלמד און פאר קיין זאך זיך נישט געשראקען. ער האט געגלויבט שלמה'ן אז אריסטאטעל האט איבערגעגעבען דעם רמבם דעם נאמען פון א קליין מענשיש אדערעל, וואס אז מען שניידט עס אויס נאך'ן טוידט, ווערט מען צוריק לעבעדיג. ער האט אויך געגלויבט וואצעקען אז טיעף אין וואלד איז דא א ווערבע וואס האט קיינמאל נים געהערט דעם רויש פון וואסער, דאס קרעהען פון

א האָהן און אז מען מאַכט פון אזא ווערבע א פייפעל, קען מען מיט'ן פייפען טוידטע פו די קברים אויפוועקען.

דבורה'לע האָט געהלאַטען אין איין ווייגען אז מרדכי וואַקסט א ווילדער. זעהט קיין עיז־הרע אוים ווי אַן אכצעהן יעהריגער בחור און קען מיט א מענשען קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידען. זי איז דורכאוים צוגעשטאַנען אז אברהם זאָל איהם אוועקפיהרען צו איהר פאָטער, וועט ער זיך אביסעל אויסמענשלען.

אברהם האָט נישט ליעב געהאַט דעם שווער און אָבגעלעגט די רייזע פון איין חדש אויף'ן צווייטען. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט א רייכער תבואה סוחר, געשלאָסען מיט אברהם'ן תקיעת־כף און מרדכי איז א חתן געוואָרען. דער מחותן האָט פערלאַנגט אז מרדכי זאָל ביז צו דער חתונה לערנען ביים זיידען, דעם רב.

צו פערצען יאָהר האָט אברהם אוועקגעפיהרט מרדכי'ן צום שווער, שוין דעמאָלט א זקן פון עטליכע זעכציג.

דער רב, ר' משה, איז געווען א קליין, דאַר אידעל, מיט א שיטער בערדיל וואָס וויל קיינמאָל נישט גרוי ווערען און מיט קליינע וואַסערדיגע אויגען. ער האָט געהאַט א טבע, אז ער האָט גערעדט מיט עמיצען, האָט ער דעם מענשען נישט אָנגעקוקט, זיך בשעת־מעשה בעטראַכט די נעגיל פוןביידע הענד　ווי א איד צו הבדלה.

ר' משה איז געפאָהרען נאָך קאָצק אין תוך אָבער איז ער געווען א מתנגד, געטראָגען אויף חסידים א שנאה שוין פון יאָהרען. נאָך אלס יונגערמאַן, ווען ר' משה איז צום ערשטען מאָל געקומען אין שטעדטיל און מיטגעבראַכט פון ר' לייבוש חריף געשריבענם צום אלטען רב, מען זאָל איהם, משה'ן, אויפרופען צו דער תורה „מורנו" — האָבען די חסידים אין שבת צעריסען דאָס געשריבענם אויף שטיקלעך, נישט געוואָלט האָבען צווישען זיך קיין יחסנים.

דער רב איז תמיד געזעסען און געלערנט, פיינט געהאַט אַן עם־הארץ און דער עיקר — געווען פרום ביז צו משוגעת. פאַר דער קלענסטער זאַך האָט ער גע'רודפ'ט די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, זיך נוקם ונוטר

געוועז, אזוי אז אלע האבען זיך געשראקען פאר איהם, געשטאנען ווי פאר א מלכות. יעדען פרייטאג איז ער געגאנגען מיט'ן שמש פון געוועלב צו געוועלב, פרובירט יעדע וואג, יעדעס געוויכט און נישט ביי איין קרעמער האט ער צוגענומען די געוויכטען, געשטראפירט מיט געלד. פאר ליכט ציני־דען האט ער תמיד געפענט אין בית־דין שטוב א קופער געשמיערט מיט מעש, איבערגעצעהלט די נדן'ס, וואס ארימע חתן־כלה האבען ביי איהם איינגעלעגט און מיט א שטילע פרייד איז ער געגאנגען אין שוהל אריין מקבל־שבת זיין.

די ערשטע צייט איז מרדכי ארומגעגאנגען ווי א צומישטער. ער האט נור געהאלטען אין איין קלעהרען ווי צו אנטלויפען אהיים. דער זיידע האט פון איהם קיין אויג נישט אראפגעלאזט, געהאלטען אין איין מוסר זאגען און ביי יעדער געלעגנהייט איהם געזידעלט, אז פון איהם וועט ארויסוואקסען פונקט אזא לייט ווי פון זיין טאטען. און אז דער רב האט מרדכי'ן אמאל געפונען שלאפענדיג אהן א קאפעל, האט ער איהם גע־סטראשעט צוצובינדען אויף איבער נאכט ביי א פוס צום בעט.

דער זיידע האט אכטונג געטון אז מרדכי זאל לערנען פון דער פריה ביז ביי נאכט. זעקס פארטאג האט ער איהם שוין געוועקט צו א שיעור. ביי טאג געשיקט אין בית־המדרש אריין און אין אבענד — יוידער מיט איהם געלערנט.

מרדכי האט פון זיידען קיינמאל קיין גוט ווארט ניט געהערט און ווי גוט ער זאל נישט זאגען דעם שיעור, האט דער אלטער תמיד געפונען א חסרון, נישט געוועזען צופרידען, אזוי אז דאס לערנען מיט'ן זיידען איז ביי מרדכי'ן געוועזען אן אפקומעניש. און עס האט איינמאל געטראפען מרדכי האט נישט געוואוסט דעם שיעור, איז דער רב געווארען אן אנגע־צונדענער, ער האט א ווארף געטאהן זיין קאלירטען שניף־טוך איבער דער גמרא, צועפענט א זילבערן טאבאק־שקעטעלע, געשמעקט צום טאבעק פון דערוויילטענס און געשריען:

— אז דו דארפסט גאר נישט קענען לערנען, שוטה דו! אוים יחוס א למדן? וועמסט סיי ווי סיי זיצען מיט דיין טאטען אין קאצק אויבען אן!

מרדכי איז געזעסן א צופלאָמטער, געקוקט ווי ביים זיידן ציטערט דאָס דאָרע נעזעל, די דינע ליפּן שנירלען זיך פונקט ווי ביי זיין מאַמען און צומיינסטן האָט איהם פערדראָסן וואָס דער זיידע מישט תמיד אריין דעם טאַטען און מעהר נישט געקענט פערשוויינען.

— האָט דער זיידע נישט געדאַרפט נעהמען דעם טאַטען פאר אן איידעם!

— דרך־ארץ, דו עזות־פּנים! — האָט דער רב א געשריי געטון און אויפגעשפּרונגען.

ער איז עטליכע מאָל דורך דעם חדר, געפּייפט מיט דער נאָז, גע־ווישט, געמאַכט הויות, ווי ער וואָלט מיט זיך אליין מפלפל געווען און אַז דער כעס איז איהם דורך, האָט ער ארויפגעלעגט די האַנד אויף'ן אייני־קעל און גוטמוטיג געזאָגט: „שווער צו זיין א מלמד, שווער! לא הקפדן מלמד!“ און ער איז ארויס פון שטוב.

דאָס ערשטע יאָהר האָט מרדכי געהאַט א גרויסע פעולה און אין שטעדטיל האָט מען געשמועסט אַז עס וואַקסט א גוטער בחור.

מרדכי האָט זיך אָבער געפיהלט געקרענקט. ער האָט זיך נישט געקענט איינלעבען מיט'ן זיידען און עס האָט איהם געצויגען אין וואַלד אריין. דערצו האָט מרדכי בעמערקט אַז די בית־המדרש בחורים האַלטען איהם פאַר א בעשיידענעם. מיידען איהם אויס און הערען אויף צו רעדען אין זיין געגענוואַרט וועגען די געפּעפּערטע שטעלען אין „הלכות־אישות“. וואָס כמעט יעדער בחור ווייס אויף אויסווענדיג. מרדכי האָט בגנבה גענומען אויפזוכען די געפּעפּערטע ערטער, זיי געשלונגען און זיך גע'חדושט פאַר וואָס ער האָט עס ביז איצט נישט באַמערקט, כאָטש ער איז דורכגעגאַנגען די שטעלען צעהנדליגע מאָל. עס האָט זיך איהם געוואָר־פען אין די אויגען אַז די אַלע שטעלען זיינען מעהר אָפּגענוצט ווי אַנדערע און אין פיעל גמראות האָט מען אפילו די אותיות נישט געקענט דערקענען, אַזוי אָפּגעריבען זיינען זיי געוואָרען פון צופיעל געברויך.

יעדעס מאָל ווען מרדכי האָט געבלעטערט די גמראות, האָט ער זיך אין מיטען א כאַפּ געטהון, זיך ארומגעקוקט און רויט געוואָרען. ער איז

זיכער געווען אז אלע בחורים קוקען אויף איהם, ווייסען זיינע רעיונות. ער האט א בלעטער געטהון די גמרא, זיך צוזינגען העכער און העכער, געוואלט פערשרייען זיינע מחשבות, און וואס העכער ער האט זיך צוזונגען, און וואס שטארקער ער האט זיך צושאקעלט אלץ בולטער איז פאר איהם ארויסגעשוואומען זיין כלה, מיט וועלכער ער האט קיינמאל נישט גערעדט און תמיד ווען ער האט נור פון איהר געטראכט, האט זי זיך איהם פארגע־שטעלט ווי רחל, זייער פאכטערס טאכטער.

אז דער זיידען איז געווען אין בית־המדרש, האט זיך מרדכי תמיד אריינגע'גנב'עט אין בית־דין שטוב, געבלעטערט א גמרא נאך א גמרא, געשראקען דער זיידע זאל נישט אנקומען און זיך געשעמט פאר זיך אליין. ביים זיידען אין ש"ס זיינען די זעלבע שטעלען אויך געווען מעהר אפגע־ניצט ווי אנדערע. און נישט איינמאל אז מרדכי איז געזעסען מיט'ן זיידען ביים טיש, געקוקט אויף זיין שיטער בערדיל, אויף דעם אויסגעדארטען פנים, אויף די קעצישע אויגען, איז איהם יעדעס מאל איינגעפאלען אז דער אלטער זיידע פערמאכט זיך אין בית־דין שטוב, בלעטערט די גמראות און ציטערט פונקט ווי ער, מרדכי.

ער האט זיך געשעמט צו קוקען דעם זיידען אין די אויגען, זיך אליין געזידעלט, פאר קיין פאל נישט געגלויבט אז זיין זיידע, דער עהרליכער אפגעהיטען איד, וואס שמעקט מיט פארמעט, אלטע ספרים און רצועות זאל אזא זאך טון. געווים נישט! וואס פאלט איהם איין!

אזוי איז מרדכי ארומגעגאנגען א פער'חלום'טער, געפיהלט ווי בייזע מחשבות קלייבען זיך ארום איהם, געוועלדיגען איבער איהם און כאטש ער האט געוואוסט אז „הרהורי עברה קשין מעברה" — האט ער פונדעסט־וועגען זיך גאר נישט געקענט העלפען און געהאלטען אין איין זינדיגען.

פונקט דעמאלט האט געטראפען א קלייניגקייט וואס עס האט אין גאנצען געענדערט מרדכי'ס לעבען. צו יענער צייט איז דער רב שלאף גע־ווארען, נישט געקענט מעהר לערנען מיט מרדכי'ן און ער האט איהם אי־בערגעגעבען א חסידישען יונגען־מאן. דער יונגער מאן האט מיט מרדכי'ן ווייניג געלערנט, געשפרייזט שעה'ן לאנג איבער'ן בית־המדרש און זיך

גע'מחט. און אז דער יונגער־מאן איז מיעד געווארען פון צופיעל שפרייזען און מח'ן זיך, האט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען מרדכי'ן, אנגעכאפט איהם פארביידע הענד, ווי ער וואלט מורא געהאט מרדכי זאל נישט אנטלויפען און שטיל „ברחילה ורחימה" האט ער אריינגערעדט אין איהם אהן אויפ־הער, מדריך געווען מרדכי'ן אין חסידות. מרדכי, וואס איז בטבע געווען א גלויביגער, נישט געדארפט קיין נסים, ער זאל גלויבען, האט זיך איבער־געגעבען דעם יונגען־מאן מיט לייב און לעבען. ער האט אויפגעהערט צו לערנען, גאנצע טעג זיך ארומגעשלעפט מיט חסידישע יונגע־לייט, זיך פיעל אנגעהערט וועגען ר' מענדעלין און די מעשיות האבען זיך אזוי איינ־געקריצט אין איהם, אז עס האט איהם נישט געלאזט רוהען. געצויגען צום "בי'ן און ער האט בעשטימט אהן די עלטערינס וויסען אוועק נאך קאצק. מרדכי האט נאך איצט ערגערע מחשבות געהאט ווי פריהער, זיך אבער מעהר נישט געפיהלט זינדיג, געגלויבט ס'איז דא וואו זיך אנצושפארען — ר' מענדעלי איז דער צדיק־הדור. פונקט צו יענער צייט האט מרדכי גע־הערט אז ר' איטשע מקובל, דעם קאצקערס לייב־מענש, איז ביי זיי אין וואלד. ער האט אין דעם געזעהען א גאט זאך, זיכער געווען אז ר' איטשע וועט האלטען זיין צד, בערוהיגען די עלטערען. און ער האט זיך גענומען גרייטען אין וועג אריין.

די רייזע נאך קאצק האט ביי מרדכי'ן אויסגעזעהן ווי א שפאציר אין וואלד, ווען ער פלעגט פערפאלען ווערען אויף עטליכע טעג. ביז דער לעצטער מינוט האט ער נישט געקלערט וואו ער וועט נעהמען געלד, קיינע פלענער געמאכט, געווען זיכער אז ווען ער וועט דארפען אויף הוצאות וועט זיין.

שבת צו מנחה, ווען דער רב איז געווען אין בית־המדרש, האט מרדכי אויפגעזוכט אין דעם זיידעס וואכעדיגע וועסט א שליסעל, געעפענט דעם קופער און ארויסגענומען פינף־הונדערט גולדען. דעם זעלבען שבת־צו־נאכט ווען מרדכי איז שפעט אין אבענד אהיים געקומען, געוואלט מאכען דאס פעקיל אין וועג אריין, איז צו איהם אריינגעקומען דער שמש:

— דער זיידע רופט דיך!

אין בית־דין שטוב איז געזעסען דער רב און מרדכי'ס מחותן, ר' פישעל.

— מרדכי, דו האסט ארויסגענומען פון קופער פינף־הונדערט גול־דען? — האט דער רב איהם געפרעגט.

מרדכי איז רויט געווארען, געקלערט א ווײלע און געענטפערט:

— איך — איך האב גענומען.

— אום שבת? — האט דער אלטער א קוויטש געטהון, אויפגע־שפרונגען און דערלאנגט מרדכי'ן א פאטש — מחלל שבת געווען, פושע ישראל דו!

דער רב האט געציטערט, פערקוועטשט די פויסטען, בלאס געווארען. ווי ער וואלט געהאלטען אין די הענד אנגעגליהטע שטיקלעך אייזען און זיך געווענדעט צום מחותן:

— פישעל, לאז אפ דעם שידוך! מיין אייניקעל איז א גנב! הערסט!

— כ'הער, רבי'שי — — —

צומארגענס איז מרדכי שוין געווען אין וואלד.

דבורה'לע האט געוויינט פאר פרייד, געקושט דעם זוהן. מרדכי האט געקוקט אויף'ן טאטען, געווארט ער זאל איהם געבען שלום. אברהם איז געשטאנען אז א זייט, די הענד אין די הויזען־קעשענעס, ווי א פיען פון א צעצווייגטע בוים,געשמייכעלט און קיין שלום דעם זוהן נישט געגעבען.

— וואס עפיס אין מיטען דערינען, תכשיט מיינער?

— כ'האב נישט געקענט הויזען מיט'ן זיידען!

— א נייעס, נו! און דער מחותן האט דיך אוועקגעלאזט?

— כ'בין אוים חתן.

אברהם האט געטון א גוטען שניף טאבעק, דריי מאל גענאסען אז די שויבען האבען אזש געציטערט, געווישט די הענד אז דער לאנגער באָרד און זיך איבערגעקוקט מיט דבורה'לען, וואס איז געשטאנען מיט צושפריי־טע הענד, ווי ס'וואלט איהר דאס גרעסטע אומגליק געטראפען. אין האר־צען האט אברהם'ן הנאה געטון וואס מרדכי איז אוועק פון שווער, דער

שרוך איז איהם אויך נישט שטארק געווען צום הארצען, נור די מעשה מיט די פינף הונדערט גולדען האט איהם זעהר ניט געשמעקט.

— האסטו בע׳גנב׳ט דעם זיידען, הייסט עס? כא, כא, כא! נחת דערלעבט! דערצו האסטו געדארפט לערנען ביז זעכצעהן יאהר, עוכר ישראל דו!

עטליכע טעג האט אברהם זיך געבלאזען, מרדכי׳ן קיין שלום געגעבען, ביז דבורה׳לע האט גענומען וויינען, אז אברהם פארשטערט איהר דאס לעבען. מישטיינס געזאגט, וויפיעל קינדער האט זי אין גאנצען, איין אויסגעוויינטען זוהן, האט אברהם איהם נעגעבען שלום און בעשלאסען צו באקענען מרדכי׳ן מיט׳ן וואלד.

מרדכי האט באמערקט אז דער טאטע איז עלטער געווארען, זיך צער־וואקסען, און זעלטען ווען ארויסגעפאהרען פון וואלד. און כאטש דער אל־טער איז פון טאג צו טאג פרומער געווארען, פלעגט ער פונדעסטוועגען נאך אויך אמאל נכשל ווערען. ער האט ביי זיך אויף׳ן הויף וואו א קליינער קוואל האט געשלאגען, געלאזט מאכען א ברונעם און יעדען נאכמיטאג ווען די פישער־שיקסעם האבען געשעפט וואסער, איז ער געזעסען אויף דער ווערטנדע, איינגע׳טענה׳ט מיט זיי און שטארק הנאה געהאט ווען די שיקסלעך האבען דעם „פאן־שרייבער" געקושט די הענד.

## קאפיטעל 3.

## פוילישע וועלדער.

די וועלדער אין פוילען האבען גענומען ווערען שיטערער. דער אלטער שררה, דער לאנג וואנסיגער שליאכטשיץ מיט'ן פארמעטענעם הערב אויף דער וואנד, מיט דער צוויי רעהריגער ביקס איבער זיין בעט, דער אמת'ער מאטע פון דארף, איז געוואָרען אלץ זעלטענער. דער אלטער שליאכטשיץ האט געהיט זיין וואלד, ווי זיין פארמעטענעם יחוס, ווי זיינע שווערע, מיט מעש געשמידטע קופערס, וואו אלט־פרענקישע, זילבערנע קריגלעך מיט פוילישע מטבעות זיינען געלעגען. און אז ביי איינעם האט זיך פערוואל־גערט א זילבערנע מטבעה מיט העברעאישע אותיות פון מיעשקא סטארי'ס צייטען, וואס אידען, פיליכט די ערשטע אמת'ע בעלי־בתים פון דער וועכ־סעל, האבען געמינצט — האט מיט דעם שליאכטשיץ געקלונגען די גאנצע „אקאליצע".

זעלטען ווען האט אן אלטער שליאכטשיץ אויסגעהאקט א דעמב, קיינ־מאל נישט פערקויפט א דעמבאוועז וואלד, געוואוסט, אז אין די „הייליגע דעמבאווע וועלדער" האבען זיינע אור־עלטערען אויפגעשטעלט גאנטי־נעס*). אין די גאנטינעס ארום דעם „אייביגען פייער" האבען בלוט־אויגי־גע, האלב נאקעטע פריסטערינס פרעהליך געמאכט די עלטסטע פון די שבטים, צוגענומען קרבנות פאר דער ווייס־האלזיגער קאלעדא, פאר דער שעמעוודיגער מארזשאננא, וואס האט זיך יעדען פריהלינג איבערגעגעבען דער ערד, זיך צובליהט און א מאמע געוואָרען. און דער קלוגער שוויאטא־וויד איז געשטאנען קעגען פייער געהאלטען די הענט אויף זיין פעטען בויך, ווי ער וואלט זיך געשמאלצען פון נחת, וואס זיינע טעכטער, די שעהנע פריסטערינס, האבען געריכערט אויף קופערנע בלעכען בעזימלעך ווייץ.

*) היידנישע געבעט־הויז.

טרוקענע פיוואניע, זיך געוואָרפען צווישען די שמעקעדיגע בלעטער, איינגעהילט אין וואלקענס קטורת, אויף ווייסע, פרישע שעפסען פעל און געזונגען, גע'כשופ'ט.

די קריגער מיט די שפיזען אין די הענד, וואו דער משפחה־הערב איז געווען אויסגעקריצט, מיט גאלדענע און זילבערנע צלמים אויסגעהאַפּטען אויף זייערע בלויע קאַפּטאַנעס, — האבען נישט געהערט ווי די שווערע קלויסטער גלאָקען האבען גערופען און מחנות־וויין האבען זיי געצויגען אין די הייליגע דעמבאווע וועלדער, צו די גאַנטינעס, צו די שעהנע פּריסטערינס.

און נישט איין שרה, אן עהרליכער קאטאליק, וואס האט אויסגעבויט א קלויסטער, אויסגעהאלטען עטליכע הונדערט בענעדיקטינער, וואס האט זיין גאנץ לעבען מלחמה געהאלטען מיט'ן אנטי־קריסט, האט אין דער שטיל, קיינער זאל נישט וויסען, אויך אויסגעבויט אין וואלד א שטיבעל, ארומגערינגעלט מיט אנגעשאטענע ערד, מיט צעוואקסענע דעמבעס און אויסגעהאלטען א מכשפה מיט שעהנע טעכטער.

דער אלטער שליאכטשיץ מיט'ן פארמעטענעם הערב אויף דער וואנד, מיט'ן יוד וואס האט געפיהרט זיינע געשעפטען, איז געווארען אלץ זעלטענער און דער יונגער דור וואס איז געוואקסען איןווארשע, רוים, פאריז, האט דאס דארף כמעט נישט געקענט. דער יונגער שליאכטשיץ האט געקניעט און בעזונגען די קורטיזאנקע, געצאהלט הונדערטער פאר א שרייענד אונטער־קליידעל, געווארפען טויזענדער פאר א האלב ענטבלויזט פיסעל — האבען די געדיכטע וועלדער פון פוילען געקרעכצט, געווארען אלץ שיטערער, איבערגעגאנגען אין אידישע הענד. די קלעצער האט מען געבונדען אין פליטען. און א קיילעכדיגען זומער האבען אידען געשיקט איבער דער ווייכסעל, איבער דער זשאלדעווקא דאס געהילץ נאך דייטשלאנד. פארזעען פרישע וועלדער האט נישט געלוינט פאר די פריצים, צו לאנג צו ווארטען ביז א וואלד ווערט צייטיג. האט מען די קארפעס אויסגעברענט, פאראקערט דאס לאנד און פון די וועלדער איז קיין זכר געבליבען.

מאנטאג דעם צווייטען טאג פסח נאך מיטאג זיינען די פישערס אוועק אין וואלד.

דער וואלד איז געווען אזן אלטער, א געמישטער. די בוימער, ווי צווילינגס זיינען געוואקסען איינס נעבען אנדערען, פון ענגשאפט גע־שפארט פון דער ערד ארויס זייערע אפגעסמאליעטע ווארצלען, ווי איינ־געקרעמפטע גלידער.

די צעצווייגטע דעמבעס, וואס האבען זיך איבערגעוואלד ארויסגע־שפארט אין דעם געדיכטען וואלד, געהויקערט און אויסגענאגט די ארומיגע ביימער ביז צום איינדארען, האבען געבליהט מיט קליינע ווייסע בלימלעך. טיעף אין וואלד וואו די זון איז כמעט קיינמאל נישט צוגעקומען און שטיק־לאך שנעע, ווי אלטע אויסגעקראכענע שטיקלאך שעפסען פעל, זיינען נאך געלעגען. האבען רויט־צובליהטע נים־ביימלעך זיך געפלאכטען און גע־פלאנטערט מיט אשינע ביימער און צוטיילט דעם וואלד אויף שררה׳ישען און פויערישען.

בארג אראפ, אין פויערישען וואלד, האט די ערד א בויגיגע, א פאריגע געשמעקט מיט פריש געבאקען ברויט, מיט געווייקטע דעמבאווע קארע. די אשינע ביימער מיט קרומע צעיאוירענע צווייגען. ווי לאפעס, האבען זיך געווייקט אין דער פעטער, זומפיגער ערד און די תמיד שווארצליכע קארע איז פון פייכטקייט אזש רויטליך געווארען.

בארג ארויף, אין שררה׳ישען וואלד, וואו די ערד איז זאמדיגער, האבען די סאסנאווע ביימער אראבגעווארפען פון זיך דעם שנעע, גע־צויגען דורך די ווארצלען, ווי דורך אדערן, פון דער מאמע ערד און פרישער געווארען. פולע, אנגעקוואלענע, ווי פול־אייטערדיגע בהמות, האבען די סאסנעס, ווי זיך געבעטען, ביי די צוהיצטע וואלד־העקער, ביי די מיעדע דורכגעהער זיי זאלען צולעגען די ליפען און טרינקען.

מרדכי מיט׳ן פאטער זיינען געשטאנען אין וואלד, געצעהלט די אראבגעלאזטע ביימער און זיי געצייכענט מיט רויטען קרייד. דער אלטער אברהם אין א פאר לאנגע שטיוועל, אין א ווינטער רעקיל, איז געלאפען

אז אנגעכמורעטער פון איין בוים צום צווייטען, געהאלטען אין איין שמעקען טאבעק פון א זילבערנע שקעטעלע, געקרומט מיט דער דארער נאז, אפגעווישט דעם טאבעק פון די שפיץ פינגער אז דער לאנגער, גרויער בארד און געררעדט אפגעהאקט, ווי מען לאזט פארע פון א קעסיל:

— אלץ הייסט ביימער! אז ס'איז נישטא אויף וועמען צו פערלא־זען זיך! ביזט דאך געשטאנען ביים אראפלאזען? וואו איז דיין קאפ גע־ווען? אז דו ביזט שטענדיג פער'חוש'ט! צום לערנען מיין זוהנדעל, האסטו פונקט דיין טאטענס חשק! האב איך צו דיר גאר נישט! אלא מה? בין איך דאך אבער אין דיינע יאהרען שוין א סוחר געוועזן! געפאהרען מיט בעלי־בתים אויף מבינות! און דו? גארנישט! — האט מרדכי א צוג געטהאן מיט די אקסלען — שפענער האבען זיי אראבגעלאזט די „פסו־בראטעס", נישט קיין ביימער!

אז דאס איז שפענער — האט מרדכי א געזונטער, אז אפגעברענטער געצייגט מיט'ן האנד אויף די ליגענדע ביימער און געשמייכעלט — ווערסטו טאטע, א צווייטען מאל זיך אליין מטריח זיין און הייסען די פויע־רים אראבלאזען ביימער, נישט קיין שפענער!

— וואס דען, ביימער איז עס! — האט דער אלטער אויסגעשאסען, אנגעכאפט דעם זוהן פאר'ן ארבעל און איהם געצייגט אויף אן אראבגע־לאזטען בוים — ווי אלט א שטייגער רעכענסטו איז דאס ביימעל? וואס, ציילסט גאר די רינגען? לא'מיך שוין, לא'מיך, חמור דו!

— אודאי צעהל איך! קיין נביא בין איך נישט! — האט מרדכי גע־ענטפערט.

— איך אין דיינע יאהרען האב אויפ'ן אויג געטראפען ווי אלט א בוים איז! — האט דער אלטער זיך געבייזערט, אבגעשטופט דעם זוהן און זיך איינגעבויגען, אז דער רויטער קארק האט זיך אנגעצויגען ביז צום פלאצען — קוק זיך איין, ווי מען מעסט: פינף צאל, צעהן — — — — נו, כ'פרעג דיך? עטליכע פערציג יאהר א ביימעל, מעגען זיי נישט פער'־שרפ'עט ווערען?

— איך האב קיין עלטערע ביימער דא נישט געזעהן! — האט מרדכי זיך פערענטפערט.

— האקט מען נישט! האט דער אלטער אויסגעשאסען — דער הול־טאי מאכט דאך א תל פון וואלד! אז ס׳שנייד ביים הארץ! ביי זיין פאטער אז מען האט דורך א טעות אראבגעלאזט א הונדערט יעהריגען בוים, האט מען איהם געמוזט בעהאלטען! צו יונג געווען! און היינט — — — אז ס׳ארט איהם נישט! ער האט שווער געארבייט, דער הולטאי, אויף דעם אלעם גוטס. זיצט ער דארטען, דער זולל וסובא, אין פאריז שרייבט וועקס־לען, פטר׳ט א פערמעגען אויף שטרויענע פאנפאראנקעס און דעם אלטענס פראצע געהט מיט׳ן רויך! אז ס׳איז נאכל ונשתה כי מחר נמות!

מרדכי האט געוואוסט אז ענטפערען דארף מען נישט. דער אלטער וועט אפשרייען, זיך פארגעסען און אנשווייגען ווערען. איז אבער ביי זיי געווען אין בלוט, ביי דער גאנצער משפחה, נישט צו פערשווייגען, סתם אזוי, צוליעב קריעגעריי. און כאטש מרדכי האט בעשלאסען נישט צו ענטפערען, האט עס אבער נישט ווילענדיג פון איהם ארויסגערעדט:

— וואס קאכסטו זיך. וואס? ער וויל האקען — לאז ער האקען! ס׳איז דאך נישט דיין וואלד!

— איך וויל אבער נישט! — האט דער אלטער אויסגעשאסען און צוגעפייפט מיט דער נאז.

— דאס איז ווייניג — האט מרדכי געשמייכעלט — דו ביזט נישט דער בעל־הבית, טאטע!

— ווי לאנג כ׳וועל לעבען בין איך בעל־הבית! — האט אברהם גע־שריען אויפ׳ן זוהן און ס׳האט זיך געדאכט אז דער אלטער פליהט איהם אין די אויגען אריין — כ׳האט געשריבענם פון אלטען שררה אז ווי לאנג כ׳וועל לעבען טאר מיר קיינער נישט אפזאגען! פערשטעהסט באמוליע דו!

— וואס פאר א סמיכת הפרשה? — האט מרדכי זיך געהיצט — ווער רעדט וועגען אפזאגען? איך טענה, אז וועלדער זיינען בעשאפען גע־ווארען אז מען זאל זיי האקען!

דער לעשניק, א פופציג יעהריגער פויער, אנגעטון אין א בלויע טובענע קאפאטע מיט צוויי שורות הילצערנע קנעפ, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען.

— אט איז מארטשין — האט אברהם אבגעהוסט און געוואונקען מיט א פינגער צום לעשניק ער זאל צוגעהן — וואס זאגסטו, מארטשין, דארף מען אויסהאקען די וועלדער?

דער לעשניק האט געשמייכעלט, געהאט הנאה, וואס דער "פאן־שרייבער" פרעגט איהם און זיך געקראצט א ווײלע דעם קאפ:

— בא, האקען א וואלד — האט מען אייביג געהאקט! אז דער וואלד איז געדיכט, איז וואס מעהר מען האקט — וואקסט מעהר! מיט א מענש איז פונקט דאס זעלבע — אז צונעהמט א מענשען, ס'בריהט, דארף מען לאזען אדער, נישט אמת? כא, כא, כא, ס'איז געזונד! אויסהאקען אבער אין גאנצען א וואלד, דאס פאנאוויע, איז א זינד! האקסטו אוים א וואלד צולויפען זיך די נישט־גוטע און ברענגען אלע שלעג אויף'ן מענש!

— מיט אן אמת? — האט מרדכי פערוואונדערט געפרעגט דעם לעשניק.

— פאר וואס זאל דאס נישט זיין אמת? האט מארטשין געשמייכעלט — עה, „פאניע מלאדי" —וואו מיינט דער פאן זיינען די בערען אהינגעקומען? און נאך א פאר יאהר וועלען שוין קיין הירשען אויך נישט זיין! האקט מען אוים א וואלד, צולויפען זיך די חיות, פגר'ן אוים און אין יעדער חיה זיצט א נישט־גוטער. — — —

אברהם האט ניש געהערט וואס דער לעשניק רעדט, געזעסען אויף אן אראפגעלאזטען בוים, געקייט די לאנגע באָרד און געטראכט אז מען דארף שיקען אין שטאדט אריין קארטאפעל. דער רב האט איהם געשריעבען, אז אידען שטארבען פון הונגער. צייטען דערלעבט! מע דארף אברהם'ען דערמאהנען! מיינען מסתמא אז ער האלט עם פאר זיך, אז ער איז שמאי שאפט, בהמות! ווער ווייס נאך אזוי גוט ווי דער רב, אז זיי טאטע, עליו השלום, ר' מרדכי, האט אויסגעהאלטען איבער זעקס חדשים א האלבע שטאדט אידען מיט קארטאפעל און ברויט. אז היינט — — — — אז היינט איז א תוכחה! שוין ס'דריטע יאהר ווי עס ווערט אלץ פארברענט אויף די פעלדער. פויערים עסען קלאיען, געקאכטע ווארצלען, ווערען גע־

שוואלען און גאנצע דערפער שטארבען אויס. ווער געדענקט אזא הונגער? נישט פרעהליך, גאר נישט פרעהליך!

— הער זיך איין — האט אברהם זיך געווענדעט צום זוהן — מאר־גען, בלי נדר, גאנץ פריה געה אויפ'ן וויאטריק*) און היים מיקאלען צו־מאהלען די עטליכע קערץ קארן, ער וויים שוין, וועסטו נישט פארגעסען?

— כ'וועל נישט פארגעסען.

אברהם האט ארויסגענומען דאס זילבערנע שקעטעלע, עטליכע מאל מעכאניש א קלאפ געטהאן אויפ'ן דעקעל, געטהאן א שניף־טאבאק און נישט קוקענדיג אויסגעשטרעקט דאס שקעטעלע צו מארטשינען.

מארטשין איז צוגעגאנגען אויף די נעגעל, געהאלטען גרייט צוויי פינגער און אין גאנצען האט ער אויסגעזעהן, ווי ער וואלט זיך געגרייט דורכצוגעהן א וואסער איבער א שמאל דרעננגיל.

— א־א פששא־יוכא! ס'בייסט! — האט דער לעשניק זיך פאנאנ־דערגעניסט, ווי פון אפיסטאלעט, און אין די אויערען איז געבליעבען א טויבקייט, ווי ס'וואלט דארט אריין וואסער.

— און דו מארטשין, וואס זאגסטו — האט אברהם געפרעגט דעם לעשניק — וועט היינטיגעס יאהר זיין א גערעטענים?

— ווער וויים? איין גאט וויים, פאניע, וואס ס'וועט זיין! דער מענש האט זיך שוין גענוג אנגעהונגערט! און דא דערצעהלט מען אז דאס פויערים־פאלק בונטעוועט זיך אומעטום. אין פעפלאווקע האבען די פויערים נישט געוואלט זעצען קארטאפעל פאר'ן הויף, געסטראשעט צו דער־הרג'ע־נען דעם שררה. צייטען דערלעבט, א פויער זאל אויפהויבען א האנד אויף א שררה!

— מארטשין אליין א פויער פון דור־דורות, א לייב־קנעכט, האט פונדעסטוועגען פיינט געהאט פויערים, זיך געהאלטען פאר א שטיקעל שליאכטשיץ און גערעדט וועגען זיי ווי פון אויבען אראפ.

— ביים אלטען טאבעצקי, וואלט דאס נישט געוועזן! — האט אברהם

*) ווינד־מיהל.

נעברומט אין דער באָרד אריין — ער האָט געשמיסען און מען האָט דעם קאנטשיק געקושט! אז דער יונגער, דער פּריצאַק, איז דאך קלוגער פון דער גאנצער וועלט! ער האָט דאך אויפגעבויט פאר די „כאמעס״ א שקאַלע, נו, נו, האט ער! און גלויבט מיר, אז כאָטש דער אַלטער האָט גע־שמיסען, האָבען די פּויערים איהם ליעבער געהאט, ווי דעם יונגען!

— וואָס רעדט איהר, פּאניע — האָט דער לעשניק זיך אנגערופען — די פויערים טענה'ען אז דער קיסר געהט זיי „וואָלאָשטשען״**) און עס וועט ווערען אוים „פּאנשטשיזנע״. כאַ, כאַ, כאַ! נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען!

פון וואַלד האָט זיך געטראָגען א געזאנג. דאָס געזאנג האָט זיך אָפּ־געשלאָגען אן די ביימער און אָפּגעהילכט ווי ווייטע קלויסטער־אָרגעלס. אויף א רגע האָבען אַלע אנגעשפּיצט די אויערען און זיך איינגעהערט פון וואַן דאָס געזאנג קומט.

די פישערס זינגען — האָט מאַרטשין זיך אָפּגע'צלם'ט — דאָס געהן זיי מיט דער פּראַצעסיע. מיין אַלטע און וואַצעק זיינען אויך דאָרט.

דער לעשניק האָט אראָפּגעצויגען דעם הוט, זיך פערנייגט און גע־נומען אוועקגעהן.

— גאר אין גאנצען פערגעסען — האָט אברהם זיך געכאַפּט — האסט זיי געשיקט ביער?

— געשיקט. פינף פעסלעך.

— גוט!

—מאַרטשין! האָט מרדכי נאָכגעשריען דעם לעשניק — לאָז מאַר־טשין וואַרטען, כ'געה אויך!

— ער וועט נישט געהן! — האָט אברהם געשריען, געמאַכט צו מאַרטשינען מיט'ן האַנד ער זאָל אַליין געהן או זיך געווענדעט צו מרדכי'ן — דו וואָלסט נור געלאָפען! כ'האָב דיר געזאָגט, אז צייט זיי האָבען אויפ־געשטעלט „מנשה'ן מיט די זיבען טעכטער״***) ביים סאמע אריינפאָהר

**) צוטהיילען די שררה'ישע ערד.

***) א הייליגע געמוירטע פיגור, וואָס שטעהט אויף א שייד־וועג.

פון וואלד, וועט מעהר מיין פוס דארט נישט איבערטרעטען און דו דאפסט אויך נישט געהן, הערסט ?

מרדכי האט נישט געענטפערט, געשטאנען אן אנגעכמורעטער, גע־בראכען מיט׳ן שפיץ שטיוועל טרוקענע צווייגלעך און זיך איינגעהערט. ווי ארום איהם האט א רויש געטהאן, ווי געפאלדעוועט זיידענס און טיעף אין וואלד האט עפעס זיך פונאנדערגעטרייסעלט, פערכאפט דעם אטעם און געצויגען.

דער טאטע מיט׳ן זוהן זיינען געגאנגען פאמעלעך און געשוויגען. מיט אמאל האט אברהם ארויפגעלעגט די האנד אויף מרדכי׳ן, איהם צו־געדרוקט צו דער ברוסט :

— דו ווייסט בן־יחיד מיינער, אז נאך אלעמען האב איך דיך ליעב. ביזט אין גאנצען אין טאטען, אזא זינדיגע נשמה ווי איך, כא, כא, כא !

מרדכי האט נישט געגלויבט זיינע אויערען, צועפענט א פאר אויגען און געקוקט אויפ׳ן פאטער. ער האט קיינמאל אזעלכע רייד פון איהם נישט געהערט.

— וואס קוקסטו מיך אזוי אן, הא ? — האט דער אלטער ווייך גע־שמייכעלט און גענומען דעם זוהן אונטער דער האנד — חדוש׳ט זיך ? מיט אן אמת׳ן, זאג, ווי געפעלט דיר ר׳ איטשע ? א צדיק, הא ? — איז דער אלטער מיט אמאל אריינגעפאלען, ווי ער וואלט געוואלט דעם זוהן פאר־רעדען — צווישען אונז זאל עס בלייבען, נור מיר געפעהלט ער בעסער. ווי ר׳ מענדעלע. ר׳ מענדעלע האט ארום זיך צופיעל ווייבער, וואס דער עולם האט נישט פיינט, און ר׳ איטשע, פערשטעהסטו מיך, איז א מלאך ! ווער ווייס, אפשר אין זיין זכות — — — מיר וואהנען דאך אונטער איין דאך — — — בלי נדר, אויף ראש השנה שיק איך דיך מיט ר׳ איטשען נאך קאצק.

אברהם האט אבגעלאזט מרדכי׳ן, זיך געריבען א האנד אן א האנד. צונומען די לאנגע בארד און אפגעהענדיג עטליכע טריט האט ער זיך אויסגערעדעהט :

—כ'זעה דאך אז דיך ציהט צו די פישערס, הא? טא געה, געה! הכלל, וואס האב איך געוואלט זאגען? יא: הער זיך איין, שקאץ — האט דער אלטער געגראזשעט מיט א פינגער און געשמייכעלט — טשעפע זיך נישט מיט די שיקסעס, הערסט?

מרדכי האט אראפגעלאזט די אויגען, זיך פערשעהמט ווי א יונג מיידעל, פאר דעם פאטערס לעצטע ווערטער. ער איז געבליעבען שטעהן. נאכגעקוקט דעם פאטער, ווי ער לאזט איבער נאך זיך טיעפע טריט. געהט שטייף מיט אפעררייסענעם קאפ, ארבייט בשעת מעשה מיט די הענד, ווי מיט פליגעל און א ווארימקייט האט איהם ארומגענומען. ער האט בע־מערקט ווי דער פאטער לאזט אראפ איין מיטען געהן דעם קאפ, די תמיד גלייכע פלייצעס הויקערט זיך און אין גאנצען ווערט ער מיט אמאל אזוי שוועך, פערעלטערט, איז מרדכי'ן דורך א געדאנק, אז באלד, באלד וועט ער בלייבען איינער אליין אין דעם גרויסען וואלד, דער לעצטער פון דער גאנצער משפחה. מרדכי האט זיך פערשעמט פאר זיין לעצטער מחשבה. זיך פיינט געקראגען און א טרויער האט זיך צולעגט איבער'ן מאטען, לענג־ליכען פנים, ארויסגעקוקט פון די גרויסע, גרוע אויגען. ער האט דערפיהלט א וועהטאג און א שטארקע ליעבע צום אלטען. ער האט איהם ליעב געהאט פאר זיין כעס, פאר זיינע קריעגערייען, פאר די קלעפ, וואס ער האט פון איהם ארייגעכאפט און נעפיהלט א וועהטאג, וואס מיט'ן פאטער ענ־דיגט זיך כמעט די משפחה.

## קאפיטעל 4.

## די פראצעסיע

מרדכי איז געגאנגען צו די פישער־הייזלעך.

אן אלטער פערדארטער בוק, דער איינציגער אין גאנצען וואלד, מיט צוקנייטשטע קארע, ווי פערטרוקענטע שוואמען, איז געשטאנען אויף א בערגעל. דער בוים איז געווען צושניטען און באדעקט פון אויבען ביז אראפ מיט נעמען פון אונבעקאנטע, מיט נעמען פון פערליעבטע, מיט דאטען. צווישען די נעמען האבען זיך געווארפען אין די אויגען די קוואדראטנע יודישע אותיות פון מרדכי'ס זיידע, פון זיין עלטער־זיידע, וואס האבען מיט דורות צוריק עס אויסגעשניטען, זיך מסתמא געווארעמט און געטרייסט, אז זייערס אן אייניקעל, אן אור־אייניקעל וועט איבערלייענען, זיך פארטראכטען און זיי דערמאהנען. מרדכי האט זיך אפגעשטעלט. ביי דעם זעכצען יעהריגען בחור האבען זיך די גרויסע, גרוע אויגען צושפיעלט און ער האט מיט אמאל, אונבעוואוסט, ווי אנגעטאפט הינטער זיך דורות און זיך דערפיהלט בכח ווייטער צו שפינען דעם פאדעם. ער האט געגלויבט צוזאמען מיט די וואלד־העקער, אז ווען דעם בוק, דער איינציגער פילייכט איבערגעבליבענער בוים אין גאנץ פוילען, פערשווואונד אין איין לאנד, וואקסט ער אויס אין א צווייטס און אין עטליכע דורות ארום בעוויזט ער זיך ווידער.

איבער'ן וואלד האט זיך געטראגען א געזאנג.

מרדכי האט צוגעלעגט דאס אויער צו די ווארצלען פון א בוים — געוואלט וויסען פון וואנען דאס געזאנג טראגט זיך. האבען זיך אבער די קולות אויסגעמישט, געקומען פון אלע זייטען און אפגעהילכט ווי דאס זשומעריי פון ביהן־שטאקען.

ער איז געגאנגען מיט'ן וואלד, געריסען אויף'ן וועג פאר־יעהריגען שווארצען יאלאוויץ, ווי גרויסע, שווארצע יאגדעס, זיי געקייעט און גע־

טראכט וועגען פאטער, וועגען דער פראצעסיע, וועגען דעם אז פויערים ווייקען ביטערען יאלאוויץ אין וואסער, זייען איהם דורך שטרוי, מישען אוים מיט האפען און ציהען דערפון היימיש, שווארץ ביער.

מרדכי איז ארוים פון וואלד און געקוקט אויף די באיעהרטע סאסנעס, וואס האבען נאך פאריאהרען זיך צובליהט. די סאסנעס האבען ארויסגע־קריגען אויף'ן סאמע קאפ קרוינען פון לענגליכע בלעטער, ווי נעסטען פון אדלער'ן, א סמן אז זיי וועלען שוין מעהר נישט וואקסען. זיי האבען פערי־סען די שטאלצע קעפ און שטומע, ווי פער'משפט'ע צום טוידט, האבען זיי געוואַרט אויף'ן וואלד־העקער.

מרדכי איז ארויף אויף א סאסנע — געקוקט וואו די פישערס זיינען. ער האט געזעהן ווי דער אלטער נעדיכטער וואלד ציהט זיך א שטאלצער אויף מיילען, געזעהן ווי פון צופוילטע דעמבעס שפארען זיך ארוים יונגע, געזעהן ווי די נאקעטע פעלדער גרעזלען זיך און פון די קליינע פישער־הייזלעך שארען זיך ארוים אויף אלע פיער, נאך'ן לאנגען, שווערען ווינ־טער, נייע נפשים'לעך, ווי נור וואס פון די אייער אויסגעפיקטע און פער־וואונדערטע עפענען זיי די מיילעכלעך, זשמורען מיט די קלארע אויגעלעך, קוקען אויף די בלויע וועלדער, אויף די נאך בלויערע הימלען — האט מרדכי זיך פארגעסען, פעסטער ארומגענומען די סאסנע, פעררייסען דעם קאפ איבער איהר קרוין, געקוקט מיט פרייד פון מזרח קיין מעריב און הנאה געהאט פון גאטס שעהנער וועלט.

די פישערס יונג און אלט זיינען געגאנגען מיט געזאנג פון פויערשען וואלד אין שרה'שען און פון שרה'שען אין רעגירונג־וואלד אריין. אויף א פריהער אין געשטרייפטע, רויטע קליידער זיינען געגאנגען פיער שיקסעס און געטראגען אויף די אקסלען א שטרויענעם גולם. די ווייסע טוליענע שלייערען וואס האבען אראפגעהאנגען פון די שיקסעס קעפ, האבען זיך געהויבען און געפלאטערט איבער'ן גולם, ווי פעהנער.

די פישערס, בראנזענע מיט שטוהלענע אויגען, זיינען געגאנגען מיט די ווייבער, געזונגען מיט פולע מיילער, האבען די פייגעל איבערגעשרא־קענע זיך אפגעריסען פון די צווייגען, געבליבען הענגען אנטקעגען דער

זוהן, זיך צוטרעלט, זיך צופייפט, צום ערשט שטיל, דערנאך העכער און העכער, א קנאל געטאן, געפלאצט און דאס פייפעריי האט זיך צושאטען איבער'ן וואלד, איבער די ברייטע, נאקעטע פעלדער, זיך אויסגעמישט מיט'ן פישער געזאנג און איבערגעלאזט אין יעדען פערוואָרפען שטיבעל א פרייד.

נאך דער פראצעסיע איז נאכגעפאהרען א וואגען מיט קאליקעס — צומיינסטען קינדער מיט גרויסע וואסערדיגע קעפ, אויסגעדארטע פיס, ווי שטעקעלעך, און שטייפע, געשוואלענע בייכער, ווי פויקלעך, פון צופיעל עסען נישט געשיילטע קארטאפעל.

ביי דער „הייליגער־מאמע" וואו די וועגען קרייצען זיך, און וועלכע מען האט מיט יאהרען צוריק אויפגעשטעלט די כאליערע זאל אויפהערען, האט די פראצעסיע זיך אבגעשטעלט. צופוסענס דער „מאמע", וואו דער נישט־גוטער רוהט, האט מען אוועקגעלעגט דעם גולם און דאס יונג־ווארג האט צולעגט א פייער.

די מוטערס האבען ארא‌בגענומען די קינדער, צוגעטראגען זיי צו דער „מאמע" און די קאליקעס האבען איהר אַנגעטון קראנצען פון פאפירענע בלומען, פון גרינעם יאלאוויץ. די קראנקע קינדער האבען אויסגעשטרעקט זייערע דארע הענטלעך צו דער „הייליגער־מאמע", געקוקט אין איהרע פער'חלום'טע, גוטע אויגען, געקוקט אויף איהרע שעהנע קוים־צוגעמאכטע ליפען און גליקליכע, צושטראהלטע האבען זיי געפיהלט, ווי עס ווערט זיי בעסער און געהאפט אז די „מאמע" וועט זיך באמיהען פאר זיי.

די אונגליקליכע מוטערס זיינען געפאלען מיט די קאליקעס צו־פוסענס דער מאמע, צו־פוסענס דעם גולם און מיט טרעהרען אין די אויגען, האבען זיי לאנג און שטיל תפלה געטאן און געהאלטען און ווישען די קינדערס אויגען מיט הייליגע קאלירטע אייער און מיט לאנגע שטיקלעך טייפעל־פינגער.

— נו, גענוג. באבעס, גענוג! — האט א פישער א געשריי געטון — געהט שוין מיט די קאליקעס אויף'ן וואגען ארויף!

— וויים איך — האט זיך א צווייטער א קראץ געטון אונטער'ן ה טעל — ס'וועט העלפען ווי טוידטען ווייִרוך!

—צי ס'וועט העלפען, צי נישט, וויים איך נישט! ס'איז א גאט זאך!
— האט א מיטעל־יעהריגע פויערטע זיך וואוילעריש א שטעל אויף געטון און געכאפט דאס קראנקע קינד אויף דער האנד — נור לאכען, ברודער, דארפסטו נישט! די פיס קענען דיר נאך איינדארען און קרום ווערען, ווי פיילבויגענס, אז מען וועט דיך מוזען אהיימברענגען אין א טאטשקע!

— שטראף מיך נישט פאר די רייד, הייליגע פאניענקא — האט זיך א צווייטע אויפגעשטעלט און זיך אפגע'צלם'ט פאר דער „מאמע" — נור פאר אזעלכע רייד מעג איהם דער פיסק פערדרעהט ווערען אויף א הינטען!

— נו, גענוג, גענוג, באבעס! — האט זיך געטראגען פון אלע זייטען.

און עלטערער פישער האט אריינגעמאכט די הענד אין די הויזען־קעשענעס, אויסגעשפיגען און געזאגט ווי פאר זיך:

ווער ס'טוט צו אפט תפילה צו דער „מוטער",
אין איהם אונטער'ן הויט א נישט־גוטער!

אלע האבען זיך צולאכט.

די מוטערס מיט פערלאפענע אויגען און מיט ליידענדע פנים'ער האבען צוריק אוועקגעשלעפט די קאליקעס אין וואגען אריין. די עלטערע פישערס האבען פון פלעשליך זיך געגאסען איינער דעם צווייטען וואסער איבער די הענד, זיך צוזעצט ארום פייער, זיך מכבד געווען מיט קאלירטע אייער און זיך געקלאגט אז דאס יונג־ווארג ווערט קאליע, אז דער יום־טוב ווערט שוואכער פון יאהר צו יאהר.

דאס יונג־ווארג האט געגאסען וואסער מיט גאנצע עמערס און נישט איבער די הענד, נור אין קארק אריין—האבען די שיקסעס מיט א קוויטשעריי, מיט א פאטשערייי זיך געטראגען איבער'ן וואלד, ווי מחנות איבערגעשראקענע פייגעל און זיך בעהאלטען אונטער דיביימער. די שקאצים האבען זיך געיאגט נאך די שיקסעס, זיי געכאפט און קוויטשענדיג, לאכענדיג האט דאס יונג־ווארג פארעל־ווייז זיך צושאטען איבער'ן וואלד, זיך צוזעצט אונטער אלטע דעמבעס און טוליענדיג זיך איינער צום צווייטען, האבען זיי צוזאמען מיט'ן אלטען, גערדיכטען וואלד, געפייערט דעם יום־טוב, ווען מארזשאנא האט זיך איבערגעגעבען דער מאמע־ערד.

צווישען די פארלעך איז געזעסען מרדכי. מיט איין האנד האט ער ארומגענומען די בלאסע, שווארץ־חנ׳עוודיגע רחל, דעם פאכטערס טאכ־טער, מיט דער צווייטער האט ער געגלעט איהרע צופאטעלטע, שווארצע האר, וואס האבען כמעט אין גאנצען איהר פנים פארדעקט.

מרדכי איז געזעסען מיט א פערכאפטען אטהעם, נישט געגלויבט צו דאס איז אמת און נישט געוואוסט ווי ר׳נאך דאס איז געווארען. אז ער האט זיך געלאזט מיט די שייגאצים נאך די שיקסעס, האט ער זיך פריי־הער ארומגעקוקט, געווען זיכער אז קיינער פון די שטוביגע זעהט איהם נישט. און אז ער איז שוין געהאט פערלאפען טיעף אין וואלד, האט ער דערזעהן אז ער יאגט זיך גאר נאך רחל׳ן און זיך פערשעהמט. ער האט גע־וואוסט אז רחל האלט איהם פאר א יונגעל, מאכט איהם תמיד זיך רויט־לען, באמערקט איהם נישט, האט מרדכי זיך געהאלטען אין איין איינרע־דען, אז ער האט זי פיינד. אז.ווער איז זי? אן ארימען פאכטערס א טאכ־טער! און אז ער וויל, בעט ער דעם פאטער און מען שיקט דעם פאכטער ארויס. און וואס מעהר רחל האט איהם אויסגעמיטען, אלץ מעהר האט מרדכי זיך איינגערעדט אז ער האט זי פיינד און אין דער זעלבער צייט, אנשטאט צו שיקען איין זעקיל קלייען פאר׳ן פאכטערס פערד א וואך, האט ער געשיקט צוויי.

יעצט, ווען מרדכי האט זיך געכאפט אז ער געפינט זיך מיט רחל׳ן איינער אליין אין וואלד, האט ער דערפיהלט דאס גאנצע בלוט אין די שלע־פען און זיך שוין געוואלט בעהאלטען אונטער א בוים, זי זאל איהם נישט באמערקען. האט רחל פונקט דעמאלט זיך אפגעשטעלט און זיך אויסגע־דרעהט. זיי האבען זיך א רגע אנגעקוקט. רחל האט זיך פארשעהמט, אראפגעלאזט איהרע גרויסע, טונקעלע אוגען, ווי טונקעלע וועלדער, באלד זיי צוריק אויפגעהויבען און געקוקט אויף מרדכי׳ן אזוי ווייך, אזוי ווארעם און אין וואלד איז טונקעל געווען און ארום קיין לעבעדיגער נפש — האט מרדכי זיך פארגעסען און זי ארומגענומען. זיי זיינען געבליבען שטעהען אונטער א בוים. מרדכי האט פון פרייד אזש פערמאכט די אויגען, גע־פיהלט ווי דאס בלוט פון די שלעפען לאזט זיך אראפ, מאכט שטייף די

פּים, ווי מען וואלט זיי אין דער ערד איינגעווארצעלט, און דער מח ווערט ביי איהם דורכזיכטיג און העל, אז ער זעהט מיט איהם אויף מיילען. האט ער פעסטער ארומגענומען רחל'ן, געקושט איהרע אויגען, איהר האלז. דאס מיידעל האט זיך נישט געווערט, געבליבען הענגען אויף זיין אקסעל א פער'חלש'טע מיט עטוואס צועפענטע ליפּען. מרדכי האט געפיהלט ווי איה־רע שווארצע האר פאלען פאסמעס־ווייז איבער זיין פנים, ווי איהר אטהעם גלעט איבער'ן אויער, ווי מיט שטרוים־פעדערן, האט ער זי לייכט אויפ־געהויבען און זיך מיט איהר אוועקגעזעצט אונטער א בוים.

דער וואלד האט שטיל גערוישט.

די ריזיגע סאסנעס האבען אויסגעזעהען אונטער דער פערגעהענדער זון, ווי קופּערנע און בארענשטיינענע זיילען, וואס שפּארען אונטער מיט זייערע קרוינען דעם הימעל. די דארע יאלאוויץ ביימלעך, ארומגערינגעלט מיט קוסטען, ווי מיט קרינאלינעס, האבען זיך געבויגען און געשאקעלט צווישען די סאסנעס, ווי קופּקעס ווייבער. שטיקלעך וואלקען, וואס זיינען געווען צעווארפען איבער'ן הימעל, האבען זיך ביסלעכווייז אראפּגעלאזט איבער'ן וואלד, איינגעהילט די שפּיצען פון די ביימער, האבען די שפּיצען זיי דורכגעלעכערט און דער הימעל איז געווארען פערבלוטיגט.

די פישערס האבען זיך צוגעבויגען צו דיווארצלען פון די ביימער, צוגעלעגט צו די מיילער די הענד, די היטלען, זיך צושריען, האט עס אב־געהילכט איבער'ן וואלד טעמפּ און לאנג, ווי פון אונטער דער ערד ארויס. דאס האבען די אלטע גערופען דאס יונג־ווארג.

רחל האט זיך ארויסגעריסען פון מרדכי'ס ארעמס, האלב פארשעמט, האלב ברוגז, זיך פאריכט די האר, גענומען רייסען מיט ביידע הענד מאָה. בעשיט מרדכי'ן און זיך כלומרשט געבייזערט:

— נעה, ביזט א שלעכטער.

פון אלע זייטען וואלד האט דאס יונגוואָרג גענטפערט מיט א פּיי־פעריי, מיט א געזאנג. פּארלעך־ווייז זיך געשארט צווישען די ביימער און עס האט אויסגעזעהן, ווי אין די טיעפע הייהלען זיינען די וואלד־געטער אויפגעשטאנען תחית־המתים און זיך געלאזט מיט'ן טונקעלען וואלד צו דער ווייכסעל באגעגענען וואנדען.

מרדכי איז געגאנגען מיט רחל'ן, געוואלט זי ווילען, געוואלט איהר עפּיס דערצעהלען זי זאל לאכען און נישט געוואוסט וואס.

ער האט יעדע ווילע גענומען איהר האנד, זי אפּגעלאזט, ווידער גענומען, געקוקט אויף'ן אלטען, צוברומטען וואלד, וואו יעדער בוים האט איהם געררופען, האט מרדכי גענומען געהן אלץ פּאמעליכער נאך דער פּראַ־צעסיע, באלד געבליבען הינטערשטעליג, געהערט ווי דאס געזאנג ווערט אלץ שטילער, שטילער און געבליבען זיצען מיט רחל'ן אונטער א בוים.

ארום דער וויכסעל האבען זיך א הויב געטון „סלומקעס", וואסער פייגעל מיט לענגליכע שנאבלען, געבליבען הענגען ווי ווייסע פלעקען און בעגריסט די נאכט מיט טשיר־טשיר.

די נאכט האט זיך צולעגט איבערן וואלד, איז דער וואלד געדיכטער און טיעפער געווארען. די נאכט־פייגעל האבען זיך פאנאנדערגעטרייסעלט, געקוקט פון די שפּיצען ביימער מיט זייערע גרינע אויגען, געקלאפּט מיט די שווערע פליגעל. האט דער וואלד פון צופיעל ברייטקייט פערכאפּט דעם אטהעם און אנגעיאגט א שרעק.

פון דערווייטענס האט די וויכסעל זיך געשפּיגעלט ווי אפּגעסמאַ־ליעט, בויגיג שטוהל, זיך דאכט זיך גערוקט אלץ נעהנטער און נעהנטער און עס האט אויסגעזעהן ווי דער וואלד־מכשף האט איבערגעשטעלט די ביימער, דאס וואסער, ארויסגעלאזט פון זיינע ברייטע ארבעל פלעדערמייז ווי פיילען, אלץ צונעגרייט און געווארט אויף האלבע נאכט.

די פישערס, ווי סנאפּעס שאטענס, האבען זיך געשארט איבערן ברעג פון וואסער, מיט אמאל ערגיץ וואו פערשוואונדען און זייער הארציג גע־זאנג האט געוואגעלט ביז האלבע נאכט איבער די נאקעטע פעלדער, אי־בער'ן וואלד, האבען די הונדערט יעהריגע דעמבעס זיך שטיל צוברומט.

מיט דורות צוריק, ווען מענשען זיינען נאך יונג געווען, פערשטאנען ביימער לשון, האט געלעבט דער פּרינץ קראקוס, ליאכס יונגסטער זוהן.

געוואהנט האט קראקוס מיט זיין יונגער ווייב לאנדאנא ביים קוואל פון דער וויכסעל אין א הייהל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א מענשישער שארבען — האט זיין הייהל גע'שם'ט איבער ווייטע לענדער.

גוט זיינען דעמאלט מענשען געווען. זיי האבען געוואוסט אז דער בעל־הבית פון וואלד, דער גרויער וואלד־זיידע, וואס איז פון אלטקייט אזש מיט מאך בעוואקסען, גלעט יעדעם בוימעל, קושט יעדעם צווייגעל, האט ליעב דעם וואלד ווי א מאמע איהרע קינדער. זיי האבען געוואוסט אז דער וואלד־זיידע וואהנט אין יעדען בוים, אין יעדער צווייג, אין יעדען בלאט, פיהלט זיך ענג און דושנע אין אן אייגען הויז. האבען זיי איהם קיין אייגען הויז נישט אויפגעשטעלט. נאכט נאך נאכט האט ער צונויפגערופען אלע ווינטען, חיות און פייגעל, זיי איבערגעגעבען דעם וואלד און אליין האט ער געשוועבט פון איין הייהל אין דער צווייטער, וואו מענשען האבען געוואהנט, געקושט די בלוי - אויגיגע טעכטער — האבען געטער גענומען שפאצירען איבער די וועלדער, גערעסען אויף יעדען בוים, אויף יעדער צווייג.

קראקוס האט געזעהן ווי זיין שווערד ראסטעט אויף דער וואנד, האט איהם א צער ארומגענומען. ער האט צונויפגערופען זיינע מחנות האריגע מענשען, אוועק מיט זיי נאך רויב איבער די פערשנעעטע בערג אויף יענער זייט ווייכסעל און איבערגעלאזט די שעהנע לאנדאנא איינע אליין, דען ביי קראקוסען צו האקען מיט זיין שווערד מענשישע קעפ, איז מעהר פרייד געווען, ווי צו האבען ביי זיך אויף׳ן געלעגער די שעהנע לאנדאנא.

געבענקט האט לאנדאנא נאך קראקוסען, געווארט אויף איהם, לאנג געווארט, זיך אויסגעוויינט ביי נאכט איהרע בלויע אויגען — קראקוס אבער איז נישט געקומען.

דער וואלד־זיידע האט מעהר איהר צער נישט געקענט צוזעהן און געטריקענט מיט זיינע קושען איהרע טרערען.

פונקט דעמאלט איז וואנדע, דאס וואסער־קינד מיט די גרינע אויגען געבוירען געווארען:

יאהרען זיינען אוועק, קראקוס איז נישט צוריקגעקומען און וואנדע, שעהן ווי זיבען זונען, איז געוואקסען מיט א טרויער אין הארץ, געבענקט נאך דעם פאטער:

פון די פערשנעעטע בערג, פון יענער זייט ווייכסעל, זיינען אנגעקומען

מחנות ווי היישעריקען, איז די האריגע מענשען א שרעק בעפאלען און זיי זיינען צוגעשטאנען צו וואנדען:

— קיניג איבער אונז!

האט וואנדע פערזאמעלט איהרע מחנות אויפ'ן ברעג טייך, געווארט אויפ'ן שונא און געזונגען א ליעד דער ווייכסעל. זי האט א שאר געטון מיט די פינגער איבער א הארפע, האבען גרעזליך גענומען שפּראצען, ביי־מער — בליהען, וואלד און וואסער האבען אנגעהויבען מיטצוזינגען.

דער שונא האט אפּגעשטעלט זיינע מחנות. דער פּרינץ ריטינגער איז ארוים צו וואנדען, אריינגעשטעקט זיין שווערד טיעף אין דער ערד און זיך פערנייגט:

— שעהנע פּרינצעסין, כ'האב נאך קיינמאל ניט פּעראנקערט מיינע שיפען אין א שטורם, מיינע מחנות לאכען פון ווינד, לאכען פון פערשנעעטע בערג — — — זעה, נאך מיין בלוטיגען שווערד ציהען זיך מחנות קרוען — — — שעהנע פּרינצעסין — — —

האט וואנדע אויפגעהויבען די אויגען:

— כ'וועל דיינע ניט זיין, דו פערשאלטענער דייטש!

דער פּרינץ האט זיין שווערד פון דער ערד ארויסגעצויגען, דריי מאל א צייכען געגעבען, זיינען אבער זיינע זעלנער פערבלענדט געווארען פון וואנדעס שעהנקייט, נישט געקענט קוקען אין איהר פּנים, ווי אין דער צופלאמטער זון און פון ארט זיך נישט געריהרט.

פון עגמת־נפש און חרפּה האט דער פּרינץ זיך געווארפען אין דער ווייכסעל.

— איצט וועל איך דיינע זיין! — האט וואנדע אויסגעשריען.

און זי איז געווארען די קייזערין פון דער ווייכסעל.

## קאפיטעל 5.

# ר׳ איטשע מקובל

מרדכי איז געשטאנען ביים פענסטער, געקוקט אויף ר׳ איטשען, וואס איז געזעסען ביי א דעמבאווען בית־מדרש טיש און געלערענט מיט דבקות.

ר׳ איטשע איז געווען א איד אין די דרייסיגער. א הויכער, א דארער, מיט א פאר שווארצע, טיפע אויגען, א וואקסען פנים, א שווארצע געדיכטע בארד און א פול מויל ווייסע, קרומליכע ציינער, ווי פערקרומטע ביימער נאך א שטורם. ער איז געווען א איד א מקובל, א חסידי׳שער מח־מענש. די אידען זעהט מען נישט מעהר. זיי האבען זיך בעוויזען מיט׳ן חסידות. מיט׳ן טלית און תפילין אונטער׳ן ארים האבען זיי געוואנדערט פון שטאדט נאך שטאדט, וואו נור א אידישער ישוב, געשמועסט חסידות און מיט זייער שטארקען גלויבען און גרויסע ליעבע האבען זיי איינגענומען פוילען, גאליציע, וואהלין. גלייך ווי די מלחמה צווישען די חסידים און מתנגדים האט אויפגעהערט און חסידות איז געווארען א מאדע, זיינען די חסידישע מח־מענשען פערשוואונדען. די פריהערדיגע רביים האבען זעלטען וועו איבערגעגעבען די „שטוהל״ צו זייערע קינדער. יעדער רבי האט זיך געהאט זיינע תלמידים. יונגע־לייט וועלכע ער האט מדריך געווען, געשמועסט מיט זיי חסידות, זיי אויסגעטון פון גשמיות און נאך דעם רביז׳ס פטירת זיינען די חסידים געפאהרען צו די תלמידים.

ר׳ איטשע איז געווען איינער פון זיי — דעם קאצקערס א ליעב־מענש. און כאטש ער איז תמיד געווען אליין, ווי ער וואלט אויסגעמיטען מענשען. געזוכט יחוד, פונדעסטוועגען ווער ס׳איז נור געקומען איז זיינע דלת־אמות, האט איהם ליעב געקראגען. און ליעב געהאט האט מען איהם, ווייל ער איז געווען צוגעלאזען, נישט געזעהן די חסרונות ביי א מענשען וואס ווארפען זיך אין די אויגען און געהאט פאר יעדען איינעם א ווארעם ווארט. זיינע שווארצע, טיפע אויגען האבען מיט׳ן ערשטען בליק דורכגענומען

דעם מענשען און ער האט דערזעהן דאס, וואס א צווייטען נעמט עס יאה־רען און דאס רוב מענשען באמערקען עס אין גאנצען נישט. יעדער וואס האט מיט איהם געגומען רעדען, האט געפיהלט אז ר׳ איטשע קוקט אריין אין יעדען שפּעלטעל פון זיין נשמה, דער בעהאלטענסטער סוד איז פאר איהם אן אפענע קארט. האט יעדער איינער זיך געפונען זינדיג און גענו־מען אפּרעדען פאר ר׳ איטשען דאס הארץ, ווי א קינד רעדט זיך אפּ פאר דער מאמען. און אז מען איז אוועקגעגאנגען פון איהם, האט מען נישט חרטה געהאט, וואס עס איז זעהר זעלטען. נור געוואלט וואס גיכער זיך ווידער מיט איהם טרעפען.

אין קאצק האבען אלע געוואוסט אז ר׳ איטשע מיידט אויס מענשען. זוכט יחוד, ווייל ער איז פערטיעפט אין קץ. און דער רבי האט שוין נישט איינמאל געלאזט וואַרפען א ווארט, אז איטשע דארף התבודדות, מענשען קען ער שוין צופיעל, דארף אביסעל ביימער קענען, איז פונקט דעמאלט געווען אברהם „שרייבער" אין קאצק, זיך געקלאגט פאר׳ן רבי׳ן אז ער איז ווייט פון א מקום־תורה, האט דער רבי איהם געענטפערט — נעם מיט ר׳ איטשען ועסטו האבען תורה און א ברכה וועט רוהען איבער דיין הויז.

מיט פרייד האט אברהם פארבעטען ר׳ איטשע׳ן צו זיך. און אז ר׳ איטשע איז געקומען אין וואלד אריין, האט אברהם איהם אפּגעגעבען דעם שענסטען חדר מיט ספרים, איהם אפּגעהיט, ווי אן אבן־טוב — איז טאקע ר׳ איטשע שוין דעם צווייטען זמן געזעסען, אפילו נאך קאצק נישט געפּאהרען און געלערענט.

מרדכי האט פון פאטער און פון חסידים זיך פיעל אנגעהערט וועגען ר׳ איטשען, געוואוסט אז ער איז א מקובל, א גרויסער קאפּ־מענש און דא פון ערשטען טאג אז האט ר׳ איטשע איהם גענומען מקרב זיין, גע־שמועסט מיט איהם, ווי מיט א גרויסען, זיך פערהאלטען מיט איהם ווי מיט זיינס א גלייכען, קיינמאל נישט ארויסגעוויזען אז ר׳ איטשע איז דער מח־מענש, האט מרדכי איהם טאקע פון ערשטען טאג אן ליעב גע־קריגען.

ר׳ איטשע האט איהם געבעטען, אז ווען ער וועט נאר האבען א פער־לאנג אריינצוקומען צו איהם אין חדר, מעג ער קומען. ער וועט איהם

נישט שטערען, האט זיך מרדכי באלד צוגעוואהנט צו ר׳ איטשען און בים־לעכווייז איהם גענומען אלץ דערצעהלען, אלע זיינע מחשבות. און ר׳ איטשע האט איהם נישט געשטראפט, קיינמאל נישט געזאגט טהו נישט אזוי, נור שטענדיג ווען מרדכי האט איהם עפעס דערצעהלט, האט ער מיט איהם גענומען שמועסען חסידות און געשמועסט אזוי, אז מרדכי האט תמיד געפונען אין ר׳ איטשעס רייד אן ענטפער אויף זיינע שלעכטע מחשבות. מיט דער צייט איז ער אזוי צוגעבונדען געווארען צו ר׳ איטשען, אז ער האט איהם געמוזט זעהען יעדען טאג, פלעגט אריינקומען אין זיין חדר, איהם נישט שטערען, זיך אוועקזעצען ביים פענסטער און קוקען אויף ר׳ איטשען, קוקען א לענגערע צייט, פיהלען אז קיין שלעכטס קען ניט קו־מען. ווי לאנג מען איז מיט ר׳ איטשען אונטער איין דאך, זיך בערוהיגען און ארויסגעהן אהן א ווארט און זיין נשמה איז תמיר רוהיגער געווארען.

נאך דער פראצעסיע האט מרדכי אין גאנצען אויפגעהערט לערנען. ער האט גאנצע טעג זיך ארומגעשלעפט איבער׳ן וואלד און געטראכט וועגען רחל׳ן. שעה׳ן לאנג איז ער אבגעזעסען אין טויבען־שלאק און געקוקט ווי די טויבען פארען זיך. און אז ס׳איז געווארען אבענד, האט זיך א העליש פייער אנגעצונדען אין אלע זיינע גליעדער. ער האט נישט געקענט איינזיצען אין שטוב, יעדע ווייל אריין צום לעשניק מיט אן אויסרייד און דערווייל געקוקט ווי דער גוי שלאפט מיט דער ווייב. און ווי אויף צו להכעים האט נישט געוואלט נאכט ווערען און קיינער אין שטוב איז נישט געגאנגען שלאפען, איז מרדכי, ווי א געפאנגענע חיה, געלאפען פון איין צימער אין צווייטען, פון פערדרום אריין אין בעט און זיך איבערגעדעקט איבער׳ן קאפ. דער מח האט זיך ביי איהם געצונדען ווי אין פיבער און ער האט געפלאפעלט אהן אויפהער, געוועדט צו רחל׳ן ביז אין שטוב זיינען אלע איינגעשלאפען. דעמאלט איז ער א בארפיסער שטיל ארום דורכ׳ן פענסטער און אריבער צו רחל׳ן, וואס האט געוואהנט א האלבען וויארסט פון זיי. און אזוי א טאג נאך א טאג. די ערשטע צייט איז מרדכי געווען אזוי גליקליך, אזוי פערטון מיט זיך, אז ער האט אלעמען אויסגעמיטען, אפילו ר׳ איטשען.

מרדכי האט באמערקט אז אין שטוב שפירט מען איהם נאך, אז רחל׳ס

טאטע, דער פאכטער, איז געווארען א צו אפטער גאסט ביי זיי און ער האט בעשלאסען אלץ צו פערטרויען ר' איטשען. האט ער זיך אבער גע־שעמט, פארוואס ער איז אזוי לאנג ביי איהם נישט געווען, און איהם אין גאנצען געגומען אויסמיידען. שפעטער אז מען האט גענומען אפען דערפון רעדען און די מוטער האט איהם געגעבען אנצוהערען אז אויב ער וועט נישט אויפהערען זיך ארומצושלעפען מיט דער מויד, וועט מען דעם פאכ־טער ארויסשיקען, איז מרדכי געווארען א צורודערטער און גלייך אוועק צו ר' איטשען.

דאס מאל אז מרדכי איז אריין האט ער געטראפען ר' איטשען א פערטיעפטען איבער א ספר: א מיעדער פון היץ איז ר' איטשע געזעסען אהן כאלאט, דעם טלית־קטן פערבויגען, דאס העמד צוכראשטשעט, גע־ריבען מיט איין האנד דאס האריגע לייב, פערקוועטשט יעדע ווייל־ע די אויגען און געזאגט מיט א ברען, כמעט געשריען:

„— — — תא חזי — קום און זעה, שטעה אויף, בר־נש, און זעה, אין'ם גן־עדן התחתון איז פארהאן אן ארט, וואס קיין אויג האט עס נאך נישט געזעהן, איז עס אויסגעמאהלט מיט די שענסטע פארבען. טויזענד פאלאצען זיינען דארט בעהאלטען און קיינער קומט נישט אין זיי אריין אויסער משיח'ן, וואס איז תמיד אין גן־עדן. און דאס גאנצע גן־ערן איז ארומגערינגעלט מיט רייטוועגען פון די צדיקים און משיח געוועלטיגט אי־בער זיי און איבער פיעל ארמייען נשמות פון צדיקים: ראש־חודש, שבת און יום־טוב געהט ער אריין פערברענגען אין די אלע פאלאצען: ווייט דארטען געפינט זיך נאך א בעהאלטען ארט, וואס ס'איז אין גאנצען נישט בעקאנט, עדן הייסט עס, און קיינער קען נישט וויסען וואס דארט טוט זיך: משיח דרעהט זיך ארום דעם עדן ביז עס ענטפלעקט זיך פאר איהם אן אנדער ארט וואס הייסט „קן־צפור". אין דעם דאזיגען ארט זיינען אויסגעמאלט די בילדער פון אלע פרעמדע פעלקער, וואס האבען געוואלט אידען שלעכטס טון. ער געהט אהין אריין, הויבט אויף זיינע אויגען און דערזעהט די אבות, וואס זיינען דארטען זייט דעם חורבן, ער דערזעהט רחל'ן מיט טרערען אין די אויגען און גאט אליין טרייסט זי און זי לאזט זיך ניט טרייסטען. דאן הויבט משיח אויף זיין שטים און וויינט

און דאס גאנצע גן־עדן ציטערט אויף און אלע צדיקים וויינען מיט איהם מיט. ער שרייט און קלאגט, קלאפט אין די הימלישע טירען, און דער הי־מעל פון איבער'ן גארטען מיט הונדערט און פופציג טויזענד ארמייען ציטערן אויף, ביז עס דערגייךכט דעם כסא־הכבוד. דאן גיט גאט א וואונק צום פויגעל, וואס שטעהט אויף'ן דריטען שטאפעל פון כסא־הכבוד און ער געהט אריין אין זיין נעסט און זעצט זיך נעבען משיח'ן. און פון כסא הכבוד ווערט דריי מאל גערופען „קן־צפור" און משיח געהט ארויף. און גאט שווערט צו אויסצוראטען דורך משיח'ן אלע שלעכטע מלכים פון דער וועלט און זיך אבצורעכענען פאר די אידען. ער דערצעהלט זיי וועגען אל־דעם גוטען וואס ער וועט טאן מיט זיין פאלק. און אלע געהט צוריק אויף'ן ארט און משיח בעהאלט זיך צוריק אין זיין באהעלטעניש ווי פריהער —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האט געזעהן, ווי ר' איטשעס וואקסענע פנים מיט'ן גרויסען צו־אקערטען שטערען צושטראהלען זיך, ווען ער זאגט ארוים משיח'ס נאמען און אן אימה האט איהם ארומגענומען. ער האט זיך מיט אמאל דערפיהלט אזוי קליין און נישטיג. א זינדיגע נשמה, זיך געטרייסעלט אין גאנצען, ווי מען וואלט איהם העגד און פים אפגענומען, פארגעסען צו וואס ער איז געקומען און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבען.

„— — — נאך צוועלף חדשים וועט זיך משיח ענטפלעקען אין גן־עדן און אלע צדיקים וועלען איהם קרוינען און אנגארטען געוועהר אויס־געקריצט מיט הייליגע שמות. און א פורכטבארער שטערען וועט זיך דער־וועקען אין מיטען הימעל, פורפור וועט זיין קאליר זיין און ער וועט ברענען און בלישטשען ביי טאג פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט. און אן עמוד האש וועט זיך דערהויבען פון צפון זייט ביז'ן הימעל און ער וועט שטעהן אנטקעגען דעם שטערען פערציג טעג און די גאנצע וועלט וועט דערשראקען ווערען. דאן וועט דער שטערען מאכען א מלחמה מיט'ן פלאם פאר אלעמען אין די אויגען. א שטים וועט זיך אויפכאפען מיט דונערען און בליצען, אז די ערד וועט אויפציטערן דערפון און פיעל ארמייען און חיילות וועלען דערפון אויסשטארבען. אין דעם זעלבען טאג וועט זיך אין רוים דערפון אויפכאפען א פלאם ,וואס וועט פארברענען פיעל שלעסער. פאלאצען און

טורמען. דאן וועט א שטים צובראכען ווערען אז די צווייגען פון די ביימער פון דעם גארטען, זי וועט שרייען הויך און אויסרופען: שטעהט אויף הייליגע, שטעהט אויף פאר משיח׳ן! נעקומען איז די צייט וואס דער מאן געהט צוריקנעהמען זיין ווייב, ער וויל זיך אברעכענען פאר איהר מיט דער וועלט, זי אויפהויבען און אבשאקלען די ערד פון איהר... דאן וועלען זיי אלע אויפשטעהן און איהם ווידער אנגורטען אין געוועהר. אברהם פון זיין רעכטער האנד, יצחק פון דער לינקער, יעקב פון פארענט און משה, דער טרייער הירט, וועט געהן און טאנצען מיט אלע צדיקים פון גן־עדן. ווען משוח וועט זיין אן אויסגעשטאטער וועט ער צוריק ארייגעהן אין „קן־צפור“ און וועט דארטען זעהן דאס בילד פון חורבן בית־המקדש און אלע צדיקים וואס זיינען דארט אויסגע׳הרג׳עט געווארען. ער וועט פון דארטען ארויסנעמען צעהן קליידער פון נקמה און וועט זיי דארטען בעהאלטען פערציג טעג. דאן וועט פון כסא־הכבוד גערופען ווערען דער „קן־צפור“ מיט משיח׳ן. זיי וועלען ארויף און גאט וועט דערזעהן דעם מלך־המשיח אנגעטון אין די נקמה־קליידער, אנגעגורט אין געוועהר, וועט ער איהם א קוש טהון אין קאפ. און אויפציטערען וועלען דאן די דריי הונדערט און ניינציג הימלען. גאט וועט דאן א וואונק טהון צו איין הימעל, וואס איז פערבארגען געוועזן פון ששת־ימי־בראשית אן, און וועט ארויסנעמען פון א פאלאץ א קרוין, וואס איז אויסנעקריצט מיט הייליגע שמות. אין דערזעלבער קרוין איז גאט געקרוינט געוועזן, ווען אידען זיינען דורך דעם ים, אין איהר האט ער נקמה גענומען פון פרעה׳ן און די קרוין וועט ער אנטהון משיח׳ן און וועט איהם ווידער א קוש טהון, און הייליגע רייטוועגען און אויבערשטע ארמייען וועלען איהם ארומרינגלען. פון די אלע וועט ער געקרוינט ווערען. ער וועט אריין אין א פאלאץ און ער וועט זעהן די אלע אויבערשטע מלאכים וואס ווערען אנגערופען אבלים פון ציון, וואס וויינען אייביג אויפ׳ן חורבן. דאן וועט ער ארויס פון דארט געקרוינט און אנגעטהון אין אלע אויסשטאטונגען פון אונטען און פון אויבען און פיעל הייליגע ארמייען ארום איהם. די גאנצע וועלט וועט דערזעהן איין ליכט וואס הענגט פון הימעל ביז דער ערד: זיבען טעג וועט עס שטעהן און די גאנצע וועלט וועט דערשראקען און צוטומעלט

ווערען און קיינער אויסער די חכמים וואס קענען זיך אויף סודות, וועט נישט וויסען וואס דאס איז. די גאנצע זיבען טעג וועט ער געקהוינט ווע־רען אויף דער ערד אין'ם „קן־צפור" — רחל'ס קבר. אויף'ן שיידוועג שטעהט זי: ער וועט איהר אנזאגען די בשורה און וועט איהר טרייסטען און זי וועט געטרייסט ווערען. זי וועט אויפשטעהן און איהם קושען. דאן וועט אוועק דאס ליכט פון דארט און וועט זיך אבשטעלען אין יריחו, די שטאדט פון פאלמען. צוועלף חדשים וועט ער בעהאלטען זיין אין דעם ליכט פון „קן־צפור". דערנאך וועט ער אויפשטעלען דאס ליכט צווישען הימעל און ערד און וועט רוהען אין גליל און דארט וועט ער זיך אנטפלעקען פון'ם „קן־צפור־ליכט" און וועט צוריק געהן צו זיין ארט. אין יענעם טאג וועט ווידער די גאנצע ערד אויפציטערען פון איין עק הימעל ביז אין צווייטען און די גאנצע וועלט וועט זעהן אז משיח איז געקומען. — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

„גליקליך וועט זיין דער וואס וועט דעמאלט זיין און גליקליך וועט זיין דער וואס וועט דעמאלט נישט זיין!" — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האט געקוקט אויף ר' איטשען און געגלויבט אז ער האט איצט „עלית־נשמה".

דורך'ן אפענעם פענסטער האט זיך געזעהן א שטיקעל װאלד אין פלאמען — די זון איז פערגאנגען. ביים שטאל האט דער לעשניק געריי־ניגט דאס פערד. זיין פיערצען יעהריגער שייגעץ, וואצעק, איז געזעסען א בארפיסער, געהאלטען פילוטען פאר די אוירען, איהם געררייצט, געווארפען א שטיינדעל. דער הונד האט זיך אבגעריסען, פון אימפעט אריבער דעם שטיין, איהם געכאפט אין פיסק אריין מיט א בילעריי און א נישט צופרי־דענער זיך צוריק געשלעפט צום בעל־הבית.

מרדכי האט געקוקט אויף'ן לעשניק, אויף וואצעקען, בעדויערט וואס זיי וויסען גאר נישט, לעבען ווי די חמורים און דא איבער דער וואנד זיצט ר' איטשע, וואס בויעט און מאכט חרוב וועלטען און א גרויס רחמנות האט איהם ארומגענומען.

ר' איטשע האט פערמאכט דעם ספר, דערזעהן מרדכי'ן און הארציג געזאגט:

— גוט וואס דו ביזט געקומען, מרדכי.

מרדכי האט געקוקט ווי ר' איטשע האט זיך אויפגעשטעלט, אנגעטון דעם כאלאט, געריבען א האנד אן א האנד, גענומען שפרייזען אן אויפ־גערוימטער איבער'ן חדר, האט זיך מרדכי דערפיהלט היימליכער און גע־נומען איהם אליין דערצעהלען. מרדכי האט זיך געקרעקט, רויט געווארען, נישט געקענט זיך ארויספלאנטערען. האט ער אויף דאס נייע אנגעהויבען פון אנהויב, זיך מעהר פערפלאנטערט און אין עטליכע ווערטער איבערגע־געבען ר' איטשען די מעשה מיט רחל'ן. מרדכי האט באמערקט אז דורך דער גאנצער צייט, וואס ער האט גערעדט, האט ר' איטשע איהם נישט אנגעקוקט, ער זאל זיך נישט פערלירען און ער האט איהם נאך ליעבער געקראגען.

ר' איטשע האט אויסגעהערט, זיך אפגעשטעלט און אנגעהויבען צו רעדען, ווי ער וואלט פארטגעזעצט אן איבערגעריסענעם שמועס:

— הייסט עס, האסט דערגרייכט די ערשטע מדרגה — — — אנדערע דערגרייכען דאס אויך נישט — — גוט! גוט! זאלסטו וויסען אז אן עהר־ליכער איד דארף זיך איבערגעבען אין דעם רשות פון צדיק בלב ונפש. דען דער צדיק איז כולל אין זיך חכמה, בינה, חסד, אהבה — — — וואס זאג איך? ער איז כולל איז זיך אלע ספירות, האט נישט ארום הארץ קיין חלל שמאל, קיין לינקע הויל, וואו די קליפות האבען שליטה. דען וויסען זאלסטו אז א מענש האט פון ביידע זייטען הארץ צוויי חלל'ס, א חלל ימין און א חלל שמאל. דער חלל ימין איז בלויז רוחניות און דער חלל שמאל איז פול מיט דם וואו די קליפות זיצען און פיהרען אראפ דעם מענש פון גלייכען וועג.

א פער'מח'טער איז ר' איטשע עטליכע מאל דורך דעם חדר, געקייעט די שווארצע, געדריכטע בארד און זיך צוריק אפגעשטעלט.

— דען וויסען זאלסטו, אז וואס מעהר דו טהוסט זיך ארויס פון די גשמיות, גיסט זיך איבער אין דעם רשות פון דעם צדיק, דאס הייסט, גיסט איבער דעם צדיק דיין רצון, דיין נשמה, ווערט דיין רצון, דיין נשמה שותפים

צום צדיק'ס רצון, צום צדיק'ס נשמה, וואס זיי זיינען כולו אהבה און אהבה, דארפסטו וויסען, איז דאס הארץ פון דער וועלט. אהבה האט מדרגות די נידריגסטע איז אהבת אמנון ותמר. דערשטיקען אין זיך א מדרגה, אפילו די נידריגסטע טאר מען אויך נישט — מען מוז דורכגעהן אלע מדרגות און אז ביזט כולל אין זיך אלע מדרגות, וועסטו קיינמאל נישט ווערען קיין עבד ביים יצר־הרע. דעמאלט, פארשטהעסטו, ווערט דער חלל שמאל אלץ ביי דיר קלענער, דאס דם טריקענט איין, די קליפות פערשוואונ־דען און דו אליין האלסט אין איין שטייגען פון א נידריקערע מדרגה צו א העכערע, ביז דו דערפיהלסט אין זיך דעם אויביגען רצון, די אייגענע נשמה, ביזט ביכולת משיג צו זיין וואס א צדיק איז, דערשפירסט א פייער אין אלע דיינע איברים און ווילסט עם לעשען מיט'ן צדיק'ס א ווארט, א בליק:

ר' איטשע האט אויפגעהערט רעדען, געשפרייזט איבער'ן צימער, געקייעט די וואנסע, פעשנירעלט דעם שטערען, ווי ער וואלט מיט זיך איינ־גע'טענה'ט:

— מעגסט הערען — האט ר' איטשע זיך אפגעשטעלט אין צווייטען עק צימער — מיט א יאהר צוועלף צוריק, באלד נאך דער חתונה האב איך זיך נישט געקענט בעפרייען פון שלעכטע מחשבות, געזעסען איבער'ן קאפ אין דער ערשטער מדרגה. כ'בין דעמאלט געפאהרען נאך פשיסכע. און ר' מענדעלי האט שוין דעמאלט געהאט א שם, די וועלט האט שוין מיט איהם געקלונגען. טראכט איך מיר כ'וועל זיך אריבערכאפען נאך קאצק. און כך הוה — געקומען נאך קאצק, געשריבען א קוויטעל און געבעטען כח צו עבודת־הבורא. רופט מען מיך אריין. כ'קום אריין פרעגט מיך דער רבי: „וואו ביזטו ביז אהער געפאהרען?" ענטפער איך: „קיין פשיסכע". „טא וואס ווילסטו פון מיר?" — שרייעט דער רבי. שוויינ איך. שרייעט ער העכער: „אקס, אז דער פשיסכער האט דיר נישט געהאלפען, וועל איך דיר אודאי נישט העלפען!" פאהר צוריק, גיב זיך איבער אין זיין רשות, פאר דיר איז נאך דא א תקומה, געהסט איצט דורך די ערשטע מדרגה. א מענש דארף זיך פיהלען זינדיג ווי לאנג דער חומר איז ארום דער נשמה און אז דו וועסט דערפיהלען דעם אייגענעם רצון און משיג זיין ווער דער פשיסכער איז, דעמאלט קום צופאהרען."

מרדכי איז נאך א לאנגע צייט געזעסען ביים פענסטער, ווי ער וואלט זיך איינגעהערט, כאטש ר' איטשע האט שוין נישט גערעדט.

ער האט געקוקט ווי דער הימעל איבער'ן וואלד צופלאמט זיך אלץ שטארקער, ווערט רויט ווי פורפור, איז איהם איינגעפאלען אז דאס זיינען די נקמה־קליידער, וואס משיח וועט אנטהון ווען ער וועט ארויס פון קן־צפור". א גליקליכער איז מרדכי געזעסען, געקוקט אין די פלאמען, פאר־געסען וואו ער איז און געזעהן ווי משיח, א הויכער, געלער איד מיט א פייערדיגער בארד, איינגעהילט אין א פורפורנעם טלית מיט שווארצע פאסען, דרעהט זיך ארום אין גן־עדן.

ער האט זיך מיט א מאל א טרייסעל געטהון, ווי ער וואלט אראפ פון א בארג און דערפיהלט אז ס'איז איהם עפעס קשה. יא. ווי קומט עס משיח זאל זיין א געלער? ער האט זיך תמיד פארגעשטעלט משיח'ן מיט א שווארצער בארד... א טרויער האט זיך ביסלעכווייז צולעגט איבער זיין מאטען פנים. פון די גרויסע, גרוע אויגען האט א צער ארויסגעקוקט און אלץ אין איהם האט זיך געריסען, געוואלט א געשריי טהון. ער האט זיך האסטיג אויפגעשטעלט, געוואלט עפיס זאגען דעם גוטען ר' איטשע — איז אין שטוב שוין קיינער נישט געווען. ער האט איבער א מינוט געקוקט אין דעם לעדיגען פלאץ, וואו ר' איטשע איז געשטאנען, ווי דער פלאץ וואלט נאך אלץ געווען פול מיט'ן מקובל, זיך צוריק אוועקגעזעצט, אנגע־שפארט דעם קאפ אן די הענד, געבליבען זיצען איינער אליין ביים אפענעם פינסטער און זיך איינגעהערט ווי די פארבענקטע בהמות מעקען אין די שטעלער.

ס'איז געווארען נאכט. די צייטיגע סאסנאווע ביימער האבען זיך צו־עפענט, געטריפט מיט געלען פעך. ליפעס האבען מיט זייער ריח מיער געמאכט און טיעף אין וואלד האבען מיליאנען געוואוקסען אויסגעהויכט דעם לעצטען אטהעם אין דער נאכט אריין — איז מרדכי'ן דושנע געווארען, נישט געקענט מעהר איינזיצען אין צימער. די ביימער האבען זיך געהילט, צווייגען מיט צווייגען זיך געפלאכטען און די ווייכסעל, א שטוהלענע, האט געוואונקען — איז פאר מרדכי'ן ערשיענען די בלאסע רחל, מיט

איהרע שווארצע, ווי די נאכט, אויגען, מיט איהרע שטילע, בויגיגע טריט און גערופען, געצויגען ווי מיט א מאגנעט. איהם האט זיך דעמאלט גע־וואלט הייסען יעקב, זיין א פאסטוך, זיצען אויף'ן פעלד מיט א פלייט אין מויל און שפיעלען, רופען די בלאסע רחל. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאפיטאל 6.

## א נאכט אין וואלד

שפעט ביי נאכט, ווען אלע זיינען שוין געשלאפען, האט זיך מרדכי שטיל ארויסגע׳גנב׳עט דורך׳ן פענסטער און געלאפען א בארוויסער אי־בער׳ן פייכטען גראז. דער קלענסטער שארך האט איהם אויסגעדאכט אז דער טאטע מיט ר׳ איטשען יאגען זיך נאך איהם. מיט א ציטער האט ער זיך אווארף געטון אין טהוי־באדעקטען גראז און געפיהלט ווי די בלוטען וואשען זיך אוים אין טהוי און אזא פרישקייט האט איהם ארומגענומען, אז דער גאנצער קערפער איז שטייפער געווארען.

אנריהרענדיג דאס פענסטער האט זיך שוין בעוויזען דאס בלאסע פנים מיט׳ן וואלד האר, מיט די גרויסע, שווארצע אויגען. א לויזע, צולאזטע בלוזע מיט קורצע ארבעל, א לייכט קורץ אונטער־קליידעל. זי האט זיך ארומגעפלאכטען ארום זיין האלז, און ער איז מיט איהר אוועק אין וואלד אריין.

גליקליכע איז מרדכי מיט רחל׳ן געגאנגען האנד אין האנד, נישט גע־פיהלט ווי סאסנאווע נאדלען, פערטרוקענטע צווייגלעך שטעכען די פיס, פעסטער געדריקט די הענד, יעדע ווײלע זיך אפגעשטעלט אונטער אנאנדער בוים, זיך געקושט און געפלאפעלט:

— מיין רחל׳ע!

— מיין יונגעל!

דער וואלד האט זיך שטיל געוויעגט. דורך די שפיצען פון די בוימער, ווי דורך אנגעצויגענע סטרונעס, איז פון מאל צו מאל דורך א ווינטעל, האט דער וואלד א ציטער געטון און אפגעהילכט ווייט און טיעף.

די לבנה איז געשטאנען איבער׳ן וואלד, זיך געשפיעלט מיט די קליינע ביימלעך, מיט די בלעטער — האבען די שאטענס זיך געשארט צווישען די הויכע בוימער, ווי הינקענדיגע חיות, ווי מחנות בלייכע פייגעל.

דאס פארעל האט זיך געזעצט הינטער א צובליהטע ליפע, מיט אמאל א־געשאטען געווארען מיט קליינע ווייסע בלימלעך. האבען זיי גליקליכע זיך געכאפט פאר די הענד און פון די יונגע הערצער, פון די קוים צו־עפענטע מיילער האט זיך א שטום געזאנג, א שטומע פרייד געריסען אין דער נאכט אריין.

מרדכי׳ס ליפען, ווי שמעקעדיגע ליפאווע בלומען, האבען רחל׳ן איינ־געוויעגט. האט זי דערפיהלט ווי זי הויכט אויס אין דער נאכט אריין איהר לעצטען אטהעם, ווערט נישט און לייכט ווי א ווינטעל האט זי זיך ארומ־געפלאכטען ארום מרדכי׳ן און זיך געפיעשטשעט:

— אז כ׳האב אזוי מורא פאר דיין טאטעשי...

— דארפסט נישט מורא האבען רחל׳ע...

— אז דיין טאטעשי איז אזא רייכער...

— דעריבער?

— און איך בין א פאכטערס א טאכטער...

— גענוג, רעד נישט אזוי, רחל׳ע! אז דו ווילסט זאג איך מארגען מיין טאטע, אז כ׳האב דיך ליעב. גוט?

ניטע, זאג נישט!

— פארוואס רחל׳ע?

— ווייל כ׳בין אן ארים מיידעל! און דיין טאטעשי — — — —

— —וואס מיין טאטעשי, זאג?

רחל האט איינגעביסען איהר אונטערשטע ליפ מיט די ווייסע ציינער און ארומגעכאפט מרדכי׳ן מיט ביידע הענד:

— האסט מיך ליעב?

— מיין רחל׳ע!

—שטארק ליעב?

— —מיין קעציל!

— טא אז ער וועט נישט וועלען?

— ווער?

— דיין טאטעשי!

— ער וועט יא וועלען!

— און אז נישט?

— אז נישט?

— וועסטו מיך אוועקווארפען?

— איך — דיך? קיינמאל נישט!

— מיין וואויל יונגעל!

זיי האבען זיך צוקושט. מרדכי האט גענומען רחל'ן אויף דער שוים.

— אויב מיין טאטע וועט נישט וועלען, רחל'ע, וועלען מיר ביידע אוועק, גוט?

— גוט!

— מיר וועלען וואוינען אין „וואלד־שטיבעל". כ'וועל אנשניידען פריי־שען היי, אנפאקען א פול שטיבעל און מיר ביידע וועלען זיך אווארף טהון אין היי אריין, ווי אין א וואסער. זעהסט, אזוי!

זיי האבען זיך אויסגעצויגען אויף'ן מאך. מרדכי האט אוועקגעלעגט רחל'ס שווארצען קאפ, בעשפריצט מיט ווייסע ליפע בלימלעך צו זיך אויף'ן שויס, אויסגעריסען א שוואם און מיט'ן פייכטען פוכאווען קעפיל האט ער געקיהלט רחל'ס צופלאמטע באקען, די מיעדע ברעמען. רחל האט פערזשמורעט די אויגען און אראפגעלאזט די אונטערשטע ליפ:

— כ'וויל נישט וואוינען אין „וואלד־שטיבעל". מען וועט אונז כאפען — — —

— וואו דען?

— לאמיר וואהנען אין דער הייהל!

— דארט וואהנען דאך נישט־גוטע?

— האסטו מורא?

— איך?

מיט אמאל האט מרדכי דערזעהן פונקען פאר די אויגען. ער האט א דרעה געטהון מיט'ן קאפ, געוואלט זעהן פון וואנען דער פאטש איז גע־קומען, האט ער געכאפט א פלאם און געפיהלט בשעת־מעשה ווי אלע ציינער שאקלען זיך ביי איהם אין מויל. ער איז אויפגעשפרונגען. דער פאטער איז בלויזען וועסטיל און אין א קאפעל איז געשטאנען און גע־

שריען. די קולות זיינען געווען אפגעהאקט, ווי זיי וואלטען ארויסגעפאלען פון מויל:

— וועסט זיך א וויסט יאהר אויסרעכטען, דו פושע ישראל, דו! כ'וועל דיר ווייזען ווי ארומצושלעפען זיך מיט מוידען ביי נאכט! פאר א שוסטער וועל איך דיך אוועקגעבען, דו עוכר ישראל, דו! אויב דו ווילסט נישט פאלגען א טאטען, געה אויף אלע פיער וועגען!

מרדכי איז געשטאנען מיט פארקוועטשטע פויסטען, געפיהלט ווי דאס גאנצע בלוט שלאגט איהם אין די שלייפען אריין, ביים הארץ ווערט הויל, ווי מען וואלט עפיס דארטען אויסגעריסען און זיך איינגעהאלטען מיט אייזערנע כחות, ער זאל זיך נישט ווארפען אויפ'ן טאטען, כאטש ער איז געווען זיכער אז ביי'צוקומען דעם פאטער וועט נישט זיין לייכט.

דערווייל האט דער פאכטער, וואס האט זיך נאכגעשארט נאך מרדכי'ס טאטע, אנגעכאפט די טאכטער פאר'ן צאפ און זי געשלעפט מיט קולות א היים.

מרדכי האט פארגעסען אז דער פאטער שטעהט דא, אז ער קען דער'הרג'עט ווערען, מיט איין שפרונג, ווי א חיה, איז ער ארויף אויפ'ן פאכטער, איהם אנידערגעווארפען און גענומען דושען:

— וועסט שלאגען! וועסט שלאגען!

דער פאטער האט איהם קוים אראפגעשלעפט פון פאכטער און א צו'דם'טער, מיט פארקוועטשטע פויסטען, ציטערדיגע קניען, איז מרדכי געשטאנען און געפיהלט אז אט, אט ווארפט ער זיך אויפ'ן טאטען. ער האט געהעשעט ווי אז אויסגעמאטערטער הונד:

— טאטע, ס'וועט גאר נישט העלפען, אפילו קיין קלעפ אויך נישט. כ'וועל חתונה האבען מיט רחל'ן!

— נישט ביי מיין לעבען, מרדכי! — האט דער פאטער געגראזשעט מיט דער האנד — דערווייל בין איך נאך טאטע און כ'האב נאך דאכט זיך א דעה אויך, דו עוכר ישראל, דו! דו וועסט ביי מיר פליהען אויף אלע פיער זייטען, הערסט? חרפות ווילסטו מיר אנטהון? — האט דער אלטער א געשריי געטהון און אנגעכאפט מרדכי'ן פאר'ן גערדיק — בעגראבען

וועל איך דיר בעסער לעבעדיגערהייט, איידער צו נעהמען שמחה פאכטער פאר א מחותן!

— לאז אפ! — האט מרדכי זיך א ריס געטון פון אלטענס הענד — אויב דו ווילסט ניט כ'זאל אן עברה טהון! געה בעסער אהיים, טאטע, דען די נכפה עסט מיך, כ'קען נישט גוט זאגען פאר מיר, טאטע! געה א היים!

— ווילסט שלאגען א טאטען? — האט דער אלטער אויסגעשאסען און זיך געלאזט צו מרדכי'ן.

מרדכי האט זיך ארומגעקוקט, דערזעהן א צווייג, זי אפגעבראכען מיטרייסענדיג א פאס קארע און זיך פערמאסטען:

— דער'הרג'ענען וועל איך, ווער עס וועט מיר אהינטערקומען אונ־טער דער האנד!

דער אלטער אברהם האט זיך אפגערוקט אויף א הינטער. ער האט געקוקט אויף מרדכי'ן, ווי ער איז געשטאנען מיט'ן בוים אין דער האנד און א טראכט געטהון אז ער איז אויך נישט בעסער געווען, אז דער זוהן גראט אין טאטען אריין, אז דאס איז שוין ביי זיי אין דער משפחה, נישט בחנם זיינען זיי כוהנים, און דער כעס איז איהם אוועק.

אז מרדכי האט זיך בערוהיגט איז שוין אין וואלד קיינער נישט גע־ווען. אן אויסגעמאטערטער האט ער געשפרייזט צווישען די ביימער, יעדע ווייל א וואריף געטהון מיט'ן קאפ, ווי ער וואלט אפגעיאגט זשומע־דיגע ביהנען און זיך אפגעשטעלט. א לענגערע צייט איז ער געשטאנען אונ־טער א בוים און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבען, געוואלט וויסען צי עס זשומעט ביי איהם אין די אויערען, צי דאס רוישט אזוי דער וואלד. דאס גערויש האט זיך געטראגען פון אלע זייטען — פו די בוימער, פון הימעל, פון דער ווייכסעל. פון פוערישען וואלד האט זיך געהערט א צאפ־לען, ווי פאטשען פון פליגעל, ווי קנאקען פון ציינער. טיעף אין וואלד האט א בעקאס געשריען, ווי א קינד וואלט געוויינט. און די ווייכסעל אונטער דער לבנה האט פון מאל צו מאל צווישען די בוימער זיך א צינד געטהון, ווי וועלפישע אויגען. האט מרדכי דערפיהלט קאלטע דרעשטשעס און פון שרעק ארויף אויף אן אלטען בוים.

ער האט געקוקט אויף'ן וואלד וואס האט זיך געצויגען פון מזרח נאך מעריב ביז איבער פלאצק. ער האט געזעהן ווי צווישען די בוימער צינדען זיך גרינע פייערלעך, געהערט דעם קלאפען פון שטארקע פליגעל און געפיהלט ווי דער גרויסער, מורא'דיגער וואלד וועקט זיך. מיט א פייפעריי איז אנגעלאפען א ווינד, ווי א שד וואלט זיך אפגעריסען אין א הייהל, און דער וואלד האט זיך פונאנדערגעטרייסעלט. די ברייטע בעוואקסענע פעלדער, דער וואלד, דער הימעל בעלאדענט מיט שטיקער וואלקענס — אלץ האט אויסגעזעהן אזוי גרויס, זיך צולעגט אין דער נאכט אריין, גע־אטהעמט מיט טויזענדער ריחות, האט מרדכי זיך דערפיהלט אזוי שוואך און אונבעהאלפען ווי א קינד. ער האט דערהערט טריט, זיך פעסטער אנ־געהאלטען אן בוים און געזעהן ווי פון אלע זייטען נעמען געהן צו איהם הויכע מענשען. און דארט וואו די בעריאזקעס שטעהן, האבען מיידלעך אין לאנגע, ווייסע העמדער זיך געפלאכטען זילבערנע צעפ און איהם גערופען.

מרדכי האט געוואוסט אז דאס זיינען בוימער, אז זיי וועלען קיינמאל נישט צוקומען צו איהם, אז ס'איז נאריש צו שרעקען זיך, פונדעסטוועגען האט זיך ביי איהם אין מח געפלאנטערט א מעשה מיט א דארף ־ שוחט, וואס האט אין א פראסטיגען פרייטאג־פארנאכט זיך געאיילט צום ווייב אויף שבת אהיים. דער שוחט איז געגאנגען מיט דער וויכסעל און גע־טראגען אויף דער פלייצע א זעקעל מיט לונג־און־לעבערס. פון וואלד איז ארויס א וואלף, דורכגעקרייצט דעם שוחט דעם וועג, האט דער שוחט א כאפ געטהון דעם חלף אין מויל און ארויף אויף'ן וואלף. אן איבערגעשראָ־קענער האט דער וואלף זיך געלאזט לויפען מיט דער וויכסעל איבער'ן שנעע אין שטאדט אריין.

מרדכי האט געזעהן ווי איבער'ן שנעע טראגט זיך א וואלף, אויף איהם זיצט א שוחט, הויך און דאר, ווי דער מלאך־המות מיט א בלאנקענ־דען חלף אין מויל און דער שנעע הויבט זיך וואלקען־ווייז, הויבט זיך — —

מרדכי האט זיך צולאכט אויף'ן קול, וואס ער איז עפיס ארויף אויף א בוים און א לץ האט איהם טיעף אין וואלד נאכגעקרומט.

אנטקעגען איבער אויף א צווייטען בוים איז געשטאנען א „קרוק" מיט א שווארצען־קרומען שנאבעל און מיט א פאר אויגען ווי צוויי קאלטע

פייערלעך. דער פויגעל האט געקוקט אויף מרדכי׳ן. מרדכי האט א הויב געטהון די האנד, געוואלט דעם פויגעל איבערשרעקען, האט זיך אבער דער פויגעל קיין רודער ניט געטהון, ווי נישט איהם וואלט מען געמיינט, ווייטער געקוקט אויף מרדכי׳ן אז ס׳איז איהם אזש קאלט געווארען. פון שרעק איז מרדכי אראפ פון בוים און גענומען לויפען מיט׳ן וואלד. ער האט זיך דערמאהנט אז דער פאטער האט איהם ארויסגעיאגט, רחל׳ן האט מען צוגענומען, האט ער זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענד פאר די האר און זיך צושריען ווי א הונגעריגע חיה.

דאס גערויש אין וואלד איז געווארען אלץ שטארקער.

מרדכי איז געלאפען צום פויער׳שען וואלד. ער האט געפיהלט געזאלצען אין מויל — די ציינער האבען געבלוטיגט. יעדער קלאפ פון א בלאט, פון א פויגעל האט זיך איהם אויסגעדאכט אז א וואלף יאגט זיך נאך איהם. ער האט געוואוסט פון ספר „רזיאל“ אז מען חזר׳ט די שמות פון מלאכים וואס האבען שליטה איבער וועלף וועלען די חיות קיין בייז נישט טהון. איז ער געגאנגען און געוויספערט: — מתניאל, אפתיאל, שמשיאל! מתניאל, אפתיאל, שמשיאל!

ביי דער וויכסעל האט ער דערזעהן פלעקער אריינגעשלאגען אין דער ערד אין דער פארם פון א ראד. ארום די פלעקער איז געווען ארומגעבונדען א לויזער שטריק מיט אייזערנע האקעס. אויף די האקעס האבען געהאנגען פישלעך. דא האט עמיצער געכאפט ווילדע קאטשקעס. פינף קאטשקעס האבען זיך געווארפען, געקלאפט מיט די פליגעל, מיט די רויטע לאפקעס און וואס שטארקער זיי האבען זיך געצאפעלט אלץ טיעפער איז דער האק אריין אין קעפיל.

מרדכי האט אנגעכאפט די ערשטע קאטשקע, געוואלט ארויסציהען דעם האק, האט ער דער קאטשקע דעם שנאבעל צובראכען. ער האט פון פערדרוס געשאלטען דעם לעשניק און אוועק צום וואלד־שטיבעל. א מיעדער האט ער זיך אריינגעווארפען אין דעם פרישען אנגעשניטענעם גראז, געהערט ווי אין וואלד שרייט נאך אלץ דער בעקאס, ווי א קינד וואלט געוויינט, און איז גלייך איינגעשלאפען.

## קאפיטאל 7.

# דבורה׳לע.

דבורה׳לע, אין א ווייסער, זיידענער שלאף־קופקע מיט שפיצעו, איז געזעסען א האלב אויסגעטוענע אויף א בעט און שטיל געוויינט; אנט־קעגען אויף א שמאלער, בויכיגער קאמאדע האט געברענט א סטערינען ליכט אין א זילבערנעם לייכטער און קוים בעלויכטען דעם גרויסען שלאף־צימער. פון צופיעל וויינען איז ביי דבורה׳לען דאס פנים געווען דורכ־זיכטיג און די אויגען וויין; זי האט נישט געוואוסט פאר וואס גאט שטראפט זי. מרדכי האט קיין עין־הרע אין וועמען אריינצוגעראטען. זייער יחוס שפארט אן ביז תוספות־יום־טוב.

אין דעם אייזערנעם קופער, וואו איהרע פערל ליגען, ליגט אן אלט ספר, א ירושה פון איהר מאמען, וואו ס׳איז אויסגערעכענט איהר יחוס. זי פערשטעהט אין דעם ספר קיין ווארט ניט, ווייס אבער פון איהר מוטער, אז ווען ס׳וועט איהר שלעכט זיין, ווען, חס וחלילה, א צרה וועט אויף איהר קומען, זאל זי אויפמישען דאס ספר, וועקען די זיידעס פון די קברים. וויינען אזוי לאנג ביז די צדיקים וועלען דערהערען, וועלען לויפען זיך מיהען פאר איהר און זי וועט נעהאלפען ווערען. ס׳קומט איהר אפילו אן שווער, זעהר שווער זיך אויסצושמועסען מיט איהרע זייבעס! תמיד ווען זי עפענט דאס ספר דערזעהט זי פאר זיך בלויז שטריימלען מיט בערד און פון פחד נעמט זי אזש שטאמלען, ווייס נישט ווי מען רעדט מיט מאנסבילען. ווען דארט וואלטען געווען איהרע באבעס, וואלט לייכטער געווען און מען וואלט געקענט מעהר דערצעהלען, נישט אלץ קען מען זאגען פאר א מאנסביל!

אז דבורה׳לע האט זיך גערעכנט מיט מרדכי׳ן אין בעט אריין, האט זי דאס ספר געהאלטען צו קאפענס און געבעטען אז זי זאל געבוירען

א זוהן. צומיינסטען האט זי געבעטען ר׳ געציל׳ן. זי איז געווען זיכער אז ער איז ביים אויבערשטען מעהר חשוב ווי אנדערע. נישט בחנם איז ער אומגעקומען אויף קדוש־השם! אז כמעלניצקי מיט זיינע קאזאקען האבען אין ת"ח חרוב געמאכט קאצק, וואו ר׳ געציל איז געווען רב, ארומגערינגעלט די שוהל וואו די איבערגעבליבענע אידען האבען זיך בעהאלטען און געפאדערט אז אלע זאלען זיך שמד׳ען אז נישט צינדט ער זיי אונטער — איז ר׳ געציל ארויף צום ארון־קודש, איהם געעפענט און דער ערשטער זיך גע׳שחט׳ען פאר דער גאנצער עדה אידען. מיט ר׳ געציל׳ן האט זיך דבורה׳לע געפיהלט א תקיף ביים רבונו־של־עולם.

מיט׳ן וואליער רב ר׳ פאוועש, האט זי קיינמאל נישט איינגע׳טענה׳ט, זיך געשראקען פאר איהם. ער האט זיך נישט געוואלט משדך זיין מיט א חסיד און אז זיין יונגסטער זוהן איז געפארען צום „יוד" איז ער געזעסען שבעה נאך איהם. פאר דער פטירה האבען ר׳ פאוועשעס זיהן איהם געמוזט צושווערען אז זיי וועלען בלייבען מתנגדים און רודף׳ן חסידים ווי ער.

דערפאר האט זי ליעב געהאט איהר עלטער פעטער, ר׳ מאיר׳ל „דבש". א קליינינקייט! דער קדושת־לוי איז געווען זיינס א חבר! געקומען צו איהם צו גאסט נאך שעפס! דבורה׳לעס פאטער האלט נישט שטארק פון פעטער. פון וועמען האלט ער יא? ער רופט איהם, „ווייבערשער רבי", ווייל דער פעטער האט גענומען קוויטלעך אין דראבנין. בעזוין און שעפס, נור וואס וויים זי, דבורה׳לע? ווי קען זי, א זינדיגע אשה, בעגרייפען זייערע דרכים? אז אידען פאהרען — מסתמא איז עפים! פאהרט טאקע, דבורה׳לע, יעדעס יאהר שטילערהייט. קיינער זאל נישט וויסען, נאך שעפס אויף ר׳ מאירל׳ס יאהרצייט, לאזט איבער ח״י גילדען אויף ליכט און בלייבט מיט׳ן צדיק איינע אליין אין אוהל. דער שמש קען זי. ער וויים אז א זייטיגער מענש דארף נישט זיין אנגעוועזענד ווען דבורה׳לע שמועסט זיך אוים מיט איהר פעטער. און אז זי האט עפים פאראיבעל, טענה׳ט זי זיך אוים מיט איהם, אייגען בלוט איז גאר עפים אנדערש! יעדעס מאהל ווען זי געזעגענט זיך מיט׳ן צדיק, בעט זי איהם אין ר׳ געציל׳ס נאמען, רעכענט אוים איהר יחום...

מיט איהר פאטער איז דבורה'לע געוועזן פון דערוויטענס, פון גרוים דרך ארץ אזש געציטערט פאר איהם, זי געדענקט נישט דער פאטער זאל אמאל א שמייכעל טון צו איהר. ער האט תמיד געלערנט, שטענדיג געוועזן פערטון מיט שטארטישע זאכען, צוטהיילט צווישען ארימע לייט די מתנות און פדיונים, וואס מענשען האבען איהם געגעבען און אין שטוב איז כמעט אימער געוועזן א דוחק. דערפאר אבער איז געוועזן מיט וואס אויפצוואווארפען זיך א קלייניגקייט, איהר טאטע! די גאנצע געגענד האט געוואוסט, אז ר' משה איז א גרויסער מיקל. ער איז איינמאל אפגעזעסען א גאנצע נאכט און נישט געקענט געפינען א היתר. דער שוחט איז געפאלען פון די פיס, מעהר קיין כח געהאט צו בלאזען און ר' משה האט געוואוסט אז אויב ער וועט מאכען טריף דעם אקס, ווערט דער קצב בדיל־הדל. האט ער געשטעלט אויף זיך און געזאגט: „ביי אן „אחרון" האט איך געפונען אין היתר און איך, משה, בין אויך מתיר, ס'איז כשר!"

דערפאר האט ער תמיד טריף געמאכט די רביצינס שאלות און אז דבורה'לעם מאמע האט געהאט א שאלה, האט זי מורא געהאט צו פרעגען און געשיקט א שכנת'טע.

דבורה'לע געדענקט ווי איהר עלטסטער ברודער, ר' בעריש, האט זיך צוויי וואכען נאך דער חתונה פארבענקט נאך ר' מענדעלי'ן און איז אוועק נאך קאצק. עס איז אוועק א חדש, צוויי, דריי און ר' בעריש איז נישט צוריקגעקומען. דאס יונגע ווייבעל איז א פערוויינטע אריין צום שווער און איהם אויסדערצעהלט איהר ביטער הארץ. ר' משה האט אויסגעהערט די שנור און אנגעשריעבען דעם קאצקער א בריעף. וואס דארט איז געשטאנען וויים מען עד־היום נישט. אז ר' מענדעלי האט דורכגעליינט דעם בריעף האט ער געשמייכעלט און גע־הייסען גלייך ר' בערישען אהיימפאהרען. נישט „מפני כבוד אב", האט ער עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט, נור צוליעב דיין ווייב. און אז ר' בעריש איז אהיימגעקומען, האט דער פאטער איהם נישט געוואלט געבען שלום. אין די מאמע אריין מיט א געוויין: סטייטש? דער רב האט אבער א נדר געטון אז ער וועט איהם דריי טעג נישט זעהן און אויף'ן פיערטען געהייסען קומען אין די זאקען. ר' משה איז געוועזן אן איינגעשפארטער

איך, א רב א מתנגד, האט קיין זאך נישט געהאלפען. און אז ר' בעריש איז אויף'ן פיערטען טאג אריינגעקומען אין די זאקען צום פאטער, האט ער איהם ווידער קיין שלום נישט געגעבען:

— וואס האסטו זיך אזוי לאנג געזוימט אין קאצק?

— כ'האב געלערנט מיט'ן רבי „עין־יעקב".

— וואס, „עין־יעקב"? — האט דער פאטער געשמייכעלט, ווי ער וואלט געזאגט: „אויך א למוד!" און זיך געזעצט שמועסען מיט'ן זוהן אין לערנען.

אז ר' משה האט אפגעשמועסט מיט'ן זוהן איבער א שעה האט ער איהם געגעבען שלום און אריינגערופען די רביצין:

— איטע פייגע, גיב לעקיך און בראנפען! מיר האבען זיך גאר נישט צו שעמען מיט אונזער בערישען!

יעדע צווייג פון דבורה'לעס יחוס איז געווען א בעזונדער שטיק לעבען, א אידישע לעגענדע, וואס איז איבערגעגאנגען פון טאטע צו זוהן, פון מאמע צו טאכטער, א לעגענדע פון אידען אין פוילען.

דבורה'לע האט אפגעווישט די אויגען און ארויפגעווארפען אויף די אפגערעקטע פלייצעס א זיידענעם, טערקישען שאל. זי האט זיך אויף א ווײלע פערטראכט, בעקוקט דעם שלאף־צימער פון אלע זייטען, ווי זי וואלט דא צום ערשטען מאל געוועז, און באמערקט ווי אברהם'ס גאל־דענער זייגער גליטשט זי אפער פון אונטער'ן קישען און בלייבט ליגען אין צעווארפענעם לעדיגען בעט.

א דערשראקענע האט זיך דבורה'לע נאך אמאל ארומגעקוקט און נישט זעהענדיג קיינעם האט זי פארקוועטשט די דינע ליפען, פערבראכען די הענד און אויף'ן בלאסען, לענגליכען פנים האט זיך צולעגט א וועהטאג.

זי האט זיך געפיהלט שולדיג. מרדכי'ס מעשים לאזען אודאי נישט רוהען איהרע זיידעס. פאר וועמענס זינד שטראפט זי גאט? דבורה'לעס זוהן זאל חתונה האבען מיט'ן פאכטער'ס טאכטער — — — זי וועט עס נישט איבערטראגען! צייטען דערלעבט! אז ער איז תמיד צווישען גוים געהט ארום שלינג און שלאנג, קריכט ער אויף די גלייכע ווענד!

און אפשר האט זי נישט געדארפט אויפוועקען אברהם'ן? געוויס נישט! ס'איז געווען א נארישקייט — — אויף א פריהער האט זי גע־דארפט רעדען מיט ר' איטשען, ער זאל דעם אינגאטש גוט אפשייגעצען! פאר ר' איטשען האט ער גרויס דרך־ארץ. איצט וועט זיין א חתונה אויף א גאנצע נאכט! און ווער ווייס צי ער וועט דאס דעם אינגעל נישט דער־הרג'ענען? אז ע"ר ווערט אין כעס — — — זאל גאט שומר ומציל זיין!

דבורה'לע איז אראפ פון בעט געקוקט דורכ'ן פענסטער צי אברהם געהט און נישט זעהענדיג קיינעם, האט זי אונבעוואוסט, גאר נישט טראכטענדיג דערביי, אהינטערגערוקט אברהם'ס גאלדענעם זייגער אונ־טער'ן קישען און איז א פערוויינטע צוריק אריין אין בעט. זי האט דער־הערט אין צווייטען צימער טריט און געגומען רופען:

— בריינע. דו שלאפסט?

— ניין, בעל־הבית'טישי, כ'געה שוין!

— אסור א מאמע! — האט דבורה'לע אפגעזיפצט — אז זי וועט שוין נישט רוהען, זיך שארען פון איין שטוב אין דער צווייטער ביז מרדכי וועט צוריק קומען. ס'איז דען ס'ערשטע מאל?

בריינע האט געדיענט ביי מרדכי'ס עלטערען איבער צוואנציג יאהר. זיי האבען איהר געגעבען פינף הונדערט גולדען און א קוה נדן און זי חתונה געמאכט פאר א דארף שניידער. אז בריינע האט זיך גערעכט אין קינד־בעט האט זיך איהר מאן מיט אמאל אוועקגעלעגט און איז גע־שטארבען. פון עגמת נפש האט בריינע גע'מפילט און געבוירען א טוידט קינד. פונקט דעמאלט איז מרדכי געבוירען געווארען. בריינע איז צוריק־געגאנגען צו אברהם'ן, פערבליבען כמעט די איינציגע בעל־הבית'טע און געפיהרט דאס ווירטשאפט לויט איהר אייגענעם שכל.

בריינע איז אריין א בארוויסע אין איין אונטער־קלייד: זי האט אריבערגעווארפען דאס פארטוך איבער'ן אפענעם האלז און געבליבען שטעהן ביי דער טהיר:

— די בעל־הבית'טע שלאפט נאך נישט?

— ווי שפעט איז דען?

— כ׳ווייס? ס׳מוז שוין זיין נאך צוועלף — ר׳ איטשע האט נאך וואס אויסגעלאשען ס׳ליכט.

— ביזט געווען אין דרויסען?

— אז ווער קען איינשלאפען? כ׳בין געגאנגען זעהן צו זיי נעהן שוין!

— נו?

— מען זעהט קיין לעבעדיגען נפש!

—זיי האבען שוין געדארפט זיין — האט דבורה׳לע א צוטראגענע געזאגט — כ׳האב מורא ער זאל דארט נישט האבען דעם איינגעל דער׳הרג׳עט! ווייסט דאך, וואס פאר א כעס׳ן ער איז!

— האט נישט קיין יסורים, בעל־הבית׳טישי, א טאטע דער׳הרג׳עט נישט קיין קינד! — האט ברײנע געמאכט צו נישט דבורה׳לעס שרעק און איז צוגעגאנגען צום בעט — ווייס איך וואס? נור ס׳איז גלאט אן עולה! איהר האט נישט געדארפט דערצעהלען דעם בעל־הבית און איהם שיקען ביי נאכט אין וואלד אריין!

— וואס הייסט כ׳האב נישט געדארפט? — האט דבורה׳לע זיך גענומען פארענטפערען, געפיהלט בשעת־מעשה אז ברײנע איז גערעכט און איהר בלאס פנים איז בלאסער געווארען — אז וואס ווייסטו, ברײנע. ער האט דאך מיך פשוט איבערגעשראקען!

— ווער, דער פאכטער?

— יא. ער איז אריין א פערסאפעטער, נישט טויטער, נישט לעבעדיג, ווי ס׳וואלט חס וחלילה אן אומגליק געשעהן און איידער וואס, ווען האב איך פון שרעק אברהם׳ן אויפגעוועקט! און צוריקגערעדט, האט עס דאך פריהער אדער שפעטער געמוזט נעהמען א סוף! כ׳בין שוין מיעד רעדענ־דיג! כ׳בעט זיך ביי איהם פון ערשטען טאג אן, ווי ביי א גזלן, ער זאל מיר קיין חרפות נישט אנטון! די וואנד ענטפערט? אזוי ענטפערט ער! כ׳פרעג דיך, ברײנע, דו ביזט דאך נישט קיין נאר — האט דבורה׳לע אנגענומען ברײנען פאר א האנד און זי אוועקגעזעצט צו זיך אויף׳ן בעט — האב איך דערצו געדארפט טעג פאסטען, קברים רייסען, נישט לאזען רוהיג ליגען דעם פעטער מאיר׳ל אין אוהל? גלויב מיר ברײנע — האט

דבורה'לע כמעט געשריען און צוגעלעגט די האנד צום הארץ — כ'האב דאך נישט מעהר, ווי דאס איינע אפגעציטערטע קינד, נור ס'זאל מיר אפילו געהן אין לעבען, וועט ר' משה'ס טאכטער קיינמאל נישט זיין שמחה פאכ־טער'ס מחותנת'טע!

בשעת דבורה'לע האט אריינגערעדט אין בריינעו, איז אברהם שטיל אריין, געבליבען שטעהן ביי דער טהיר און זיך איינגעהערט. אז דבורה'לע האט געענדיגט האט אברהם אויסגעשריען:

— דו וועסט זיין שמחה'ס מחותנת'טע, וועסט זיין!

איבערגעשראקענע זיינען די ווייבער א רגע געבליבען זיצען שטיל. באלד האט דבורה'לע אויסגעשטרעקט די הענד צום מאן:

— וואו איז מרדכי, וואו?

— דער גן־עדן פיהרער לעבט! — האט אברהם ביטער א שמייכעל געטון און גענומען שפרייזען א צוטראגענער איבער'ן צימער — אונז אויף צופלאצעניש, זאגט ער, וועט ער חתונה האבען מיט איהר, מיט דער מויד! וועסט נישט גלויבען, דער שקאץ, האט זיך דאך געכאפט מיך שלאגען אויך! נחת דערלעבט, מיין ווייב, אויף דער עלטער, הא, הא!

— טא וואו האסטו איהם געלאזט, וואו? — איז דבורה'לע אראפ פון בעט — וואו איז ס'יונגעל?

— זעהסט, די מאמע? זעהסט? — האט אברהם זיך אפגעשטעלט אין מיטען צימער, געצייגט פון א זייט מיט א גראבען פינגער אויף דבורה'לע און זיך געווענדעט צו בריינעו — ס'איז נישטא ווער ס'זאל לאכען! זי האט דאך יעצט געוואלדעוועט אז ס'זאל איהר געהן אין לעבען וועט זי נישט דערלאזען צום שידוך? נו איז דא מיט וועמען צום טיש צו געהן? מ'קען א סך אויפטון מיט ווייבער! — און ער האט זיך געווענדעט צו דבורה'לען — צי וואס האסטו מיך געשיקט אין וואלד אריין, צי וואס? כ'זאל א קניפ טון דעם תכשיט אין בעקעל? זעה נור ווי זי ציטערט? שרעקט זיך פאר'ן זוהנדעל? ער לעבט! ס'יונגעל לעבט! דיין יונגעל האט צו'הרג'עט דעם פאכטער ווי א גזלן, שוין גאר נישט ווי א יונגעל! און ס'האט פיעל נישט געפעהלט ער זאל זיך ווארפען אויף מיר אויך!

וויין, וויין! וויין אויף דיין פינסטער מזל, מיין ווייב, וואס האסט מיר אזא תכשיט אויסגעהאדעוועט! דאס האבען זיך דיינע צדיקים געמיהט פאר איהם!

דבורה'לע האט נישט געענטפערט, זיך אוועקגעזעצט אויף'ן בעט און גענומען ווישען די אויגען מיט'ן טערקישען שאל.

— קענסטו מיר נישט זאגען וואס זי וויינט? — האט אברהם אז אויפגערעגטער געפרעגט ברייגען.

— אזעלכע שמחות אויף אלע מיינע שונאים געזאגט! — האט בריי־נע אריינגעשנייצט אין פארטוך און גענומען פינטלען מיט די אויגען.

— נו, נו, האב איך עס געדארפט? — האט אברהם כלומרשט מיט א שמייכעל געהאלטען אין איין רוקען דעם קאפעל פון קארק אויף'ן שטערען — אלע אויף מיר! גוט, גוט — — — —

— ביזט דאך א טאטע! — איז דבורה'לע אויפגעשפרונגען — ווי לאזט מען איבער א יונגעל אליין אין וואלד? וואו איז דיין יה'נ'דות הלב? מען דארף דאך האבען א לב פון א — — — כ'וויים. א גוי טוט עס אויך נישט! ס'יונגעל קען זיך נאך א מעשה אנטון!

— וואס האט איהר זיך אנגעזעצט אויף מיר? — האט אברהם א געשריי געטון — וואס, כ'האב חוטא־בעגל געווען? כ'האב אפשר געדארפט נעמען דעם תכשיט אויף דער האנד און איהם אהיים ברענגען, הא? ווי לאנג לעבט ער! אז דער בן'אק האט געטראפען מיט דער מויד אין וואלד אריין, וועט ער אהיים טרעפען אויך, אויף מיינע אחריות!

— ווען דו פאלגסט אבער מיך, — האט דבורה'לע זיך א קלאפ גע־טון מיט די שפיץ פינגער אין הארץ אריין — פון דער ערשטער מינוט אז האב איך געשריען שאף אפ דעם פאכטער, וואס דארף איך אן אנשיקעניש איבער'ן קאפ? אז נישט, שיק מרדכי'ן נאך קאצק!

— כ'האב צום פאכטער גאר נישט! — האט אברהם זי איבערגעריסען — ער איז א שטילער מענש! און אז כ'וועל איהם איצט אפשאפען נעם איך צו ביי אז ארימאן דעם ביסען פון מויל, כ'שחט איהם אהן א מעסער! אז מיר האבען א זוהן א—א—א אן עוכר־ישראל — — — ?

— אויף אלע אידישע מאמעס אזעלכע זיהן! — האט ברײנע גלאט אזוי ארײנגעװארפען א װארט.

— מײן טאטע, עליו־השלום, האט קײנמאל קײן פאכטער נישט אפגע־שאפט — האט אברהם װײטער געװעדט — װעל איך אויך נישט! און כ'פארזיכער דיך אז נאך הײנט בײ נאכט װעט שמחה אװעקפיהרען די טאכטער נאך פלאצק, ביזט צופריעדען?

דבורה'לע האט ניט געענטפערט און גיך זיך גענומען אנטון:

— קום, ברײנע, קום מיט מיר! איך האב ניט מעהר װי אײן אײנ־ציגען זוהן!

— בערוהיגט אײך, בעל הבית'טע — האט ברײנע זי ארומגעכאפט, גענומען קושען די הענד — װאו װעלען מיר איהם זוכען? ס'איז דאך בײ נאכט!

— װאס בעטסטו זי? — האט אברהם זיך געװענדעט צו ברײנען — לאז זי לויפען! שלאגט זי קאפ אן קישען מיט'ן זוהן צוזאמען!

דבורה'לע האט פערביסען די דינע ליפען, נערװעז ארומגעװיקעלט דעם טערקישען שאל ארום קאפ, געכאפט א פארטוך, אויסגעמיטען צו קוקען דעם מאן אין די אויגען און זיך געװענדעט צו ברײנען:

— דו געהסט? אז נישט געה איך אלײן!

— אודאי געה איך! װאס, כ'װעל לאזען די בעל הבית'טע אלײן געהן?

אז די װײבער זײנען שוין געװען בײ דער טהיר, האט אברהם מיט'ן נאנצען כח א קלאפ געטאן אײן האנד אן דער צװײטער:

— אז װאס טוט זיך דא? כ'האב דאכט זיך נאך אויך א שטיקעל דעה צו זאגען! מרדכי איז פונקט אזוי מײנער װי דײנער! נור ס'מוז דאך — — —

מיט אײן שפרונג האט ער זיי פערשטעלט דעם װעג:

— דו װעסט נישט געהן, הערסט, דבורה'לע! מײן נאמען איז נישט אברהם צי דו װעסט געהן — — — װאס װײנסטו? די שװארץ

יאהר וועלען איהם נישט נעמען! זעה נור ווי זי העשעט? כ'גנעה, כ'געה נאכ'ן בן, ביזט צופריעדען?

אז אברהם איז ארויס האט ברײנע צוגעפיהרט דבורה'לען צום בעט:

— דער בעל הבית שרייט דאך, ער האט שוין אזא טבע, נור גלויבט מיר, דבורה'לע, אז ס'הארץ טוט איהם פונקט אזוי וועה ווי אייך!

דבורה'לע האט אנגעשפארט דעם קאפ אן ברײנען און זיך צעוויינט ווי א קינד.

## קאפיטעל 8.

# מלקות

מרדכי האט זיך עטליכע מאל געוועקט, זיך געוואלט אויפכאפען. געוואוסט אין שלאף אז ער דארף לויפען צו רחל׳ן, אז זיווארט אויף איהם. זיינען אבער זיינע גליעדער שטייף געווארען פון קעלט, ווי צוגעפרוירען צום געלעגער. פון גרוים צער האט ער א געשריי געטון און זיך אויפגע־כאפט.

ס׳איז געווען פארטאג. אלץ ארום האט זיך געהילט אין גרויען. נור אין מזרח האט דער הימעל זיך שוין גענומען לויטערען און די שפיצען פון די בוימער האבען זיך געצונדען.

מרדכי האט זיך געטרייסעלט פון קעלט, זיך טיעפער איינגעגראבען אין היי, געווען זיכער אז ער וועט שוין מעהר נישט שלאפען, ליגען אזוי א ווייליע מיט פערמאכטע אויגען און אין דער זעלבער צייט געפיהלט ווי די אויגען־לעפלעך קלעפען זיך און אלץ ארום צושווימט.

זעה נור? זעה נור? דער דאך עפענט זיך — — — אט איז דער כסא־הכבוד — — — ווער זיצט דארט? — — — א בלוער זוים לאזט זיך אראפ און וויקעלט מיך איין — — — שרפים קלאפען מיט פייערדי־גע פליגעל, שרייען איינער קעגען אנדערען קדוש, קדוש, קדוש! — — — פון געשריי ציטערן אויף די בוימער, פאלען, צינדען זיך אן און א געדיכ־טער רויך וויקעלט מיך איין, שטיקט — — — וואס איז דאס? א האנד? ווי גרוים — — — טאטע־פאטער! די האנד האלט א קויל־פייער — — — לענט זיך איבער מיר ווי א צוגליהטער בארג — אוי, מיינע ליפען! — — — כ׳הער א שטים: „ — — — פייער רייניגט זינד — — — פייער רייניגט זינד — — — "

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

—וואס בלויעט זיך דארט אזוי, א? — — — א בלויער וואלד? ווער געהט? זעה נור ווי די בארד ברענט ביי איהם? — — — ווועמען פיהרט ער? וועמען? — — — רחל'ן? איהר פאטער האט דאך זי אהיים געשלעפט פאר'ן צאפ — — — יא, ס'איז אויף מיין ווארט, רחל — — זי שמייכעלט צו מיר — — — און ווער געהט דא? א, ס'איז דאך ר' איטשע! — — —

— גוט, גוט, מרדכי, כ'דארף דיך טאקע האבען — — — קום, משיח ווארט אויף אונז — — — ער פיהרט דיין כלה — — — ווי שטעהט: „געקומען איז די צייט דער מאן זאל נעמען זיין כלה — — —"

— רבי, וואו איז משיח?

— אט דארט שטעהט ער — — — מיט דער פייערדיגער בארד — — — מיט די הערנער — — —

— און איך האב געמיינט משיח האט א שווארצע בארד — — —

— יא, מיין זוהן, ביזט גערעכט — — — משיח בן־דוד האט א שווארצע בארד — — — דאס איז דאך משיח בן־יוסף — — —

— מרדכי איז נעגאנגען מיט ר' איטשען, געפיהלט ווי עפעס צופלאקערט זיך אין איהם, בריהט, עסט זיך איין ביז אין בלוט און ער האט פון גרויס פרייד אזש גענומען ציטערן — — — ער האט זיך מיט אמאל דערמאהנט אז משיח בן־יוסף מוז אומקומען, האט איהם א גרויס רחמנות ארומגענומען און ער האט זיך צעוויינט.

— וואס וויינסטו? א איד דארף תמיד זיין פרעהליך — — — דערצו געהסטו דאך באגעגענען דיין כלה! — — —

כ'בין זינדיג, רבי — — — ווי קען איך קומען פאר משיח'ן? — — —

— טהו אויס די שיך — — —

מרדכי האט א ווילדע געקוקט אויף זיינע בארוועסע פיס, ווי ער וואלט נישט פערשטאנען וואס ר' איטשע וויל פון איהם און צום סוף זיך געכאפט:

— כ'געה דאך בארוו — — —

—אויב ביזט זיכער, טא קום!

מרדכי האט זיך נאך העכער צעוויינט:

— כ'האב נעכטען געשלאגען א איד — — — רחל'ס טאטע — — — זיך געכאפט שלאגען מיין אייגענעם טאטען — — — כ'בין זינ־דיג — — —

— האב נישט מורא, מרדכי — — — ע ר איז בלויז רחמים — — קום, דיין כלה ווארט אויף דיר! ווי שטעהט: „ה נ ה א נ כ י ש ל ח ל כ ם א ת א ל י ה ה נ ב י א, ו ה ש י ב ל ב א ב ו ת ע ל ב נ י ם — — — —"

— און וואס וועט זיין מיט משיח בן־יוסף?

— ער וועט אומקומען — — —

מרדכי האט דערפיהלט א וועהטאג, צעשפרייט די הענד און זיך צוכליפעט:

— רבי! — — — רבי! — — —

— טרעהרען רייניגען זינד — — — טרעהרען רייניגען זינד — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א צוטומעלטער האט זיך מרדכי אויפגעכאפט און געבליבען זיצען אויף'ן היי. א גרויקייט פונקט ווי פריהער האט אלץ ארומגענומען. ער האט געקענט שווערען אז ער איז נישט געשלאפען, בלויז צוגעמאכט אויף א רגע אן אויג און אין דער זעלבער צייט געווען זיכער אז עפעס איז פארגעקומען און זעהר געוואלט זיך דערמאהנען וואס ס'האט זיך איהם גע'חלומט. מרדכי האט געפיהלט אז דאס לעצטע ווארט פון חלום ליגט ביי איהם אויף דער שפיץ צונג, כאטש טאפ עס אן. געווען זיכער אז ווען ער וועט זיך דערמאהנען דאס לעצטע ווארט, וועט זיך דער גאנצער חלום פונאנדערוויקלען — איז ער געזעסען און צוגעטראכט ווערטער און, ווי אויף צו להכעיס, איז דאס אמת'ע ווארט איהם נישט געקומען אויף דער צונג.

פון פערדרוס האט מרדכי אויסגעשפיגען און זיך ארומגעקוקט. ער האט דערקענט אז ביי נאכט איז געגאנגען א רעגען. ער האט געזוכט מיט וואס זיך איינצוואוואשען, גאר נישט געפונען, האט ער זיך געלאזט לויפען, ווי ער איז געגאנגען, א בארוויסער, צום פאכטער.

אין מיטען וועג האט זיך מרדכי דערמאהנט, ווי דער פאטער האט איהם געשלאגען אין רחל'ס געגענוואַרט און ס'איז איהם אומעטיג גע־ווארען. איהם איז איינגעפאלען אז נישט ער לויפט, נור עמיצער האט איהם איינגעשפאנט, זיצט פון הינטען, און ער, מרדכי, פיהרט איהם. שפרינגט, ווי א יונג פערד, איבער קלעצער, איבער גרובער, האט ער מיט אמאל דערפיהלט א וועהטאג און מיט יעדען טריט וואס ער איז נעהנטער געקומען צום פאכטער איז דער וועהטאג שטארקער געווארען.

אונטער'ן בארג ביי דער ברונע האט זיך מרדכי אפגעשטעלט. ער האט בעקוקט זיינע צעביילטע, בארוויסע פיס, זיך געשעמט אזוי אריינ־צוגעהן צו רחל'ן, זיך אבער נישט געקענט העלפען, האט ער זיי גוט ארומ־געוואשען און געבעטען גאט אז דער פאכטער זאל שוין האבען געפאהרען אין שטאדט אריין מיט דער מילך.

די בהמות האבען געמעקעט אין די שטאלען — ס'האט זיי געצויגען אין פעלד אריין.

שטיל האט זיך מרדכי גע'גנב'עט צווישען די בוימער. מיט הארצ־קלאפעניש און פרייד האט ער נאך פון דערווייטענס באמערקט אז דער וואגען איז שוין נישטא און מיט אמאל, אליין נישט וויסענדיג פארוואס, האט ער דערפיהלט אז עס ווערט איהם נאך אומעטיגער. ער איז צוגע־קומען צום הויז און געפונען טהיר און לאדען צוגעשלאסען. מרדכי האט נישט געגלויבט אז זיי זאלען נאך שלאפען און ער האט אנגעקלאפט אין פענסטער. קיינער האט נישט געענפערט. ער האט שטארקער גענומען קלאַ־פען אין טהיר, זיך איינגעהערט, איהם האט זיך געדאכט אז ער הערט טריט, אז מען געהט איהם עפענען, קיינער איז אבער נישט געקומען. מרדכי האט געקלאפט, לאנג געקלאפט, זיך געבעטען רחל זאל חאטש איהם ענטפערען, ווייזען דאס בלאסע פנים, די שווארצע פלעכטען, די אויגען — קיינער ענטפערט נישט. ער האט אויפגעריסען דעם לאדען און געפונען דאס פענסטער אפען ווי ביי נאכט. דאס צימער איז געווען לעדיג, בלויז ביים פענסטער איז געשטאנען א צעווארפען בעטיל.

א דערשלאגענער האט זיך מרדכי אראפגעלאזט אויף דער שוועל פון הויז, אפגעווישט דעם שוויים פון שטערען, גענומען דעם קאפ איןביידע

הענד. געקוקט אין אלע זייטען, ווי ער וואלט עפּעס געזוכט, און גאר נישט געזעהן. מיט אמאל האט מרדכי באמערקט אז דער פּלאץ וואו דער וואגען איז געשטאנען איז טרוקען און ס'איז ביי איהם ליכטיג געווארען אין מח. ער האט זיך איינגעקוקט אין מזרח — ס'איז געווען ארום פינף פארטאג. ער איז זיכער געווען, פארוואס האט ער אליין נישט געוואוסט, אז דער רעגען האט אויפגעהערט ארום פיער, הייסט עס, ווען ער זאטעלט איצט אן דעם שימעל און לאזט זיך מיט'ן וואלד כאפּט ער רחל'ן אין מיטען וועג.

מרדכי האט זיך פארגעסען וואו ער איז, געזעסען אויף דער שוועל מיט'ן קאפּ צווישען די הענד און געפּלאנט אז ער געהט פּאמעליך אין שטאל אריין, פיהרט ארויס דעם שימעל א געזאטעלטען און לאזט זיך וואס כח נור מיט'ן וואלד. דאס פערד רייסט זיך פון דער אייגענער פעל, שפּרינגט איבער גרובער, איבער פּלויטען טראגט זיך ווי א רוח, שניידט דורך דעם וואלד, פּאטשט איבער'ן שאסעע און פון דערווייטענס זעהט זיך שוין דאס וועגעלע געשפּאנט אין איין פערד. דער פּאכטער דערזעהט מרדכי'ן, נעהמט שטארקער יאגען דאס פערד און מרדכי ציהט זיך אויס אויף'ן שימעל, גלעט איהם איבער'ן האלז, איבער דער גריווע, ווארפט דער שימעל אפער די פאדערשטע און די הינטערשטע פיס, שניידט אויס האלבע לבנות און רחל א פערוויינטע רייסט זיך צו איהם, נאך איין שפּרונג און — — —

עס האט זיך געהערט א קנאל פון א בייטש. מרדכי האט זיך א טרייסעל געטון, זיך ארומגעקוקט און דערזעהן ווי וואצעק טרייבט ארויס די בהמות פון די שטעלער.

מרדכי האט זיך א הויב געטון, געוואלט צוגעהן צו וואצעקען האט ער דערזעהן דעם פאטער, ווי ער איז געשטאנען מיט'ן היטעל אן א זייט און געקוקט אויף איהם. זיי האבען זיך א רגע אנגעקוקט. מרדכי האט דער־פיהלט ווי מען וואלט איהם א קלאפּ געטהון אין הארץ אריין, האט ער זיך א וואקעל געטהון פון איין פוס אויף'ן צווייטען און זיך צוריק אראפּ־געלאזט אויף דער שוועל. און כאטש ער איז געווען זיכער דער פאטער וועט צו איהם נישט צוגעהן, נישט רעדען מיט איהם, האט ער פונדעסט־

וועגען זיך אין גנאצען געטרייסעלט, מורא האבענדיג פאר זיך און גע־
ווארט אויף עפעס מיט א פערכאפטען אטהעם.

וואצעק האט געקנאלט מיט דער בייטש, פערלאפען דא א קוה, דא א
ביקעל, געשאלטען און געטריבען די בהמות אויף דער לאנקע. פון אונ־
טער'ן וואלד האט זיך אלץ שטילער געהערט, ווי וואצעק קנאלט מיט
דער בייטש, ביז עס האט אין גאנצען אויפגעהערט און ארום אין דער
לופט איז נאך אלץ געשטאנען דאס מעקען פון די בהמות און דער פריה־
מארגען האט געאטהעמט מיט געשמאקען בהמה ריח.

דער אלטער אברהם איז געשטאנען און געקוקט אויף דער זייט וואו
די בהמות זיינען אוועק. ער האט גערוקט דאס היטעל, ווי ער וואלט זיך
גע'ישוב'ט, א מאך געטון מיט דער האנד, אראפגעלאזט דעם קאפ און פא־
מעליך זיך געשלעפט צום וואלד צו.

מרדכי האט דערפיהלט טרעהרען אין האלז. ער וואלט איצט אלץ
אוועקגעגעבען דער פאטער זאל מיט איהם א ווארט אויסרעדען, איהם זיד־
לען, שלאגען. עס האט איהם געהויבען פון ארט. אלץ אין איהם האט זיך
געריסען צום פאטער, זיך געוואלט ווארפען דעם אלטען צו די פיס, איהם
איבערבעטען. ער האט געזעהן, ווי דער פאטער מיט אן אראפגעלאזטען
קאפ, צושפרייטע הענד, שארט זיך צווישען די בוימער, פאלט דאכט זיך,
האט מרדכי'ן פארקלעמט אונטער'ן הארץ און איז אויפגעשפרונגען. ער
איז אפגעלאפען עטליבע טריט, געפיהלט ווי די פיס האקען זיך איהם אונ־
טער און א צוואוועהטיגטער, א הונגערינער איז ער צוריקגעגאנגען צו
רחל'ס פענסטער. מיט איין שפרונג איז ער געווען אין חדר. דער הונגער
האט איהם געצויגען אין קיך אריין. ער האט געעפענט דאס שפייז־שענ־
קיל, ארויסגענומען אן ערדענעם טאפ מיט זויער־מילך, א לאבען ברויט
געבאקען פון קארן און קארטאפעל. פון גרויס אפעטיט איז מרדכי געבליבען
זיצען ביי דער שיסעל איבער א מינוט. מיט א פערכאפטען אטהעם, ווי א
הונגערינע חיה, האט ער געריסען שטיקער פון ברויט, עס געשלונגען נישט
צוקייטערהייט, פערטרונקען מיט זויער־מילך. ער האט זיך אפילו דער־
מאהנט אז ער עסט אונגעדאוועגט, געווען אבער אזוי פערטיעפט אין דער
אכילה אז קיין זאך איז איהם נישט אנגעגאנגען. נאך'ן עסען האט ער פער־

טרונקען מיט א שעפער וואסער, זיך דערפיהלט לייכט, אונטערגעטאנצט, ווי ער וואלט געגאנגען אויף שטאלצען. ער האט געפיהלט אן אנגענעהמע פוילקייט אין אלע זיינע גליעדער, עס האט איהם אין גאנצען צונומען, האט ער זיך איבערגעצויגען, פון בענקשאפט געוואלט ארומנעהמען די וואנד, קריכען אויף איהר און רחל'ס בעטיל, מיט די ווייסע פארהאנגלעך פוןביידע זייטען, איז געווען געבעט, האט מרדכי זיך אריינגעווארפען, זיך גע־טוליעט, זיך געקורטשעט אין דרייען און שטיל אהן טרעהרען האט ער גע־כליפעט: רחל, רחל — — —

פון פענסטער האט זיך געהערט א שטים. מרדכי האט זיך האסטיג אויפגעזעצט, דערזעהן בריינען, האט ער זיך צוריק געלעגט.

— מאמעלע, וואו האט ער זיך אוועקגעלעגט, וואו? שעהן, שעהן — האט בריינע גענומען די הענד פארדבאקעם און געשאקעלט מיט'ן קאפ — קיין בעסער געלעגער האט דער חתן־בחור נישט געפונען ווי ביי רחל'ן אין בעטיל! וואס קוקסטו מיך אזוי אן. וואס? דערקענסט שוין מיך אויך נישט?

מרדכי האט זיך איבערגעצויגען און כלומרשט געשמייכעלט:

— שפעט, בריינע?

— שפעט, שפעט, ס'טאגט שוין אין פינטשעוו!

מרדכי האט זיך געצויגען:

— ווער האט אייך אהערגעשיקט? דער טאטע?

— אז ווער דארף מיך שיקען? כהאב שוין גאר קיין שכל נישט, מיינסטו? האסט אונז געמאכט א נאכט, אסור תשעה־באב!

— וואס, די מאמע האט געוויינט?

— ניין, זי האט זיך געפרעהט! ער פרעגט נאך! די מאמע האט גע־וויינט און געקלאגט, ארויסגעיאגט דעם בעל־הבית אין מיטען דער נאכט ער זאל דיך געהן אויפזוכען.

— איז דער טאטע געגאנגען?

— אז אך און וועה, וויפיעל זיחן האט דער טאטע? אין גאנצען איין אפגעציטערט מרדכי'לע, האט ער טאקע א גאנצע נאכט קיין אויג נישט צוגעטון, געהאלטען דיך אין איין ארומזוכען!

מרדכי האט געפיהלט ווי עס פארקלעמט איהם אונטער'ן הארץ און אין האלז איז געזאלצען. האט ער זיך אויסגעריבען די פייכטע אויגען און אראפ פון בעטיל.

ברײנע האט זיך איבערגעבונדען דאס דריי־עקיגע טיכעל פון קאפ. אנגעשפארט די צושניטענע הענד פון קארטאפעל שובען אן אפענעם פענסטער און אפגעזיפצט :

— ס'פארע איבערקערעניש ס'איז געווארען איבער איין נאכט? מיט'ן טאטען זיך צוקריגט, דעם פאכטער האלט מען ביים אפזאגען, צו־נעמען ביי א איד דאס ארימע שטיקעל פרנסה און גלויב מיר, אז צו־מיינסטען שנייד מיר דאס הארץ פאר רחל'ן — — — אזא שטיל, וואויל קינד, אסור א קצינ'ס א טאכטער!

— קוקט בעסער צו ס'גרייטע! — האט מרדכי געזאגט און א צורו־דערטער גענומען שפרייזען איבער'ן צימער.

— וואס מיינסטו?

— כ'מיין — גלויבט מיר, ברײנע, ס'וועט זיי גאר נישט העלפען! ס'זאל מיר געהן אין לעבען מוז איך חתונה האבען מיט רחל'ן!

— עה, רעדסט דאך שוין גאר נארישקייטען — האט ברײנע גע־שמייכעלט — קלוגער פון דער גאנצער וועלט קען מען נישט זיין! אין דער וועלט, פארשטעהסטו מיך, האט יעדער זיין שטאנד, אזוי פיהרט זיך שוין מקדמונים אן, האסטו געדארפט וויסען אז דער טאטע וועט פאר קיין פאל נישט צושטימען צום שדוך און נישט פארדרעהען אן ארים מיידעל דעם קאפ — — — ווי שטעהט דארט אין די הייליגע ספרים? דו ווייסט דאך בעסער פאר מיר! אז ארימע אידישע טאכטער איז געגליכען צו א טויב, זי ווערט זיך נישט, שטעקט אליין אוים דאס העלזיל אונטער'ן חלף — — —

— וואס ווילט איהר נאך פון מיר? — האט מרדכי א געשריי גע־טון — לאזט מיך צורוה און געהט אהיים! כ'האב גענוג אהן אייך!

— גוט, גוט — האט ברײנע ארייגעשנייצט אין פארטוך — וואס כ'ווינש דיר שלעכטס, זאל אויף מיר קומען, טאטע־פאטער! אז כ'האב דיך געזויגען, געניאנטשעט און אויסגעהאדעוועט, קיין עין־הרע, אזא בחור,

דארפסטו מיך נישט טרייבען! און אז דו וועסט טהון אז עולה, וועל איך דיך אפשיינגעצען אויך! גלויב מיר, ס'הערט דאך דא קיינער נישט, נור אז כ'האב געהערט האסט געשלאגען דעם פאכטער, האט מיר ס'הארץ וועה געטון! — — — נור וואס געווען איז געווען, פערפאלען, מסתמא האב איך זיך שוין בעסער נישט פערדיענט — — —

בריינע האט ווידער אריינגעשנייצט אין פארטוך, זיך אויסגעווישט די אויגען און שטארקער אפגעזיפצט:

—מרדכי'לע, כ'האב צו דיר א בקשה — — — נור, זעה, זאג מיר נישט אפ — — —

— וואס איז?

— אז ביזט אין כעס — — —

—ווער איז אין כעס? זאגט, וואס איז?

— כ'בעט דיך — — טהו מיר צוליעב — — בעט איבער דעם טאטע, וועסטו ביי איהם פועל'ן ער זאל נישט אפזאגען דעם פאכטער. כ'בעט דיך! זאגסטו מיר צו?

— כ'פארזיכער אייך, בריינע, דער פאכטער וועט בלייבען! כ'נעם עס אויף מיר, גוט? איצט לאזט מיך א ווײלע אליין!

— כ'וויל אבער מרדכי'לע, דו זאלסט מיט מיר גלייך אהיימגעהן —

— וואס, איהר האט מורא כ'וועל אליין נישט טרעפען?

— טא נעדענק זשע, קום באלד! — האט בריינע זיך געבעטען, גענומען אוועקגעהן און באלד זיך צוריק אומגעקעהרט א צופרידענע — כ'האב דאך גאר אין גאנצען פארגעסען, מרדכי!

זי האט ארויסגענומען פון פערבויגענעם פארטוך א פאר האלבע ישיך מיט גומעם:

— נא, טהו אן! אז די מאמע וועט דיך זעהן א בארוויסען וועט זי דאך האבען עגמת־נפש!

מרדכי'ן איז געווארען ווארעם, זיך פארשעמט פאר בריינעס טריישאפט און איבערגעגעבענקייט און א שטומער מיט פערלאפענע אויגען האט ער נאכגעקוקט דער דינסט און איהר געווען דאנקבאר.

ער האט געזעהן ווי אין מזרח ארום דער אויפגעהענדער זון שניידען זיך איבער'ן הימעל קאלירטע שטרייפען, דורכגעוואָרפען מיט פערעלמור־טער און אזא ליכטיגקייט האט איהם דורכגענומען אז ער איז פאר זיך אליין געוואָרען דורכזיכטיג:

א דערשלאגענער איז ער געגאנגען מיט'ן וואלד, געטראכט אז בריינע איז א שעהנערער מענש פון איהם און דערפיהלט, ווי עס ווערט איהם מיט אמאל הויל ביים הארץ. צי דערפאר וואס מען האט איהם געשלאגען אין רחל'ס געגענוואַרט, צי דערפאר וואס ער האט זיך געריסען שלאגען אן אייגענעם טאטען. ער האט אליין נישט געוואוסט פארוואס. נור געווען זיכער אז ער וועט שוין קיינמאל נישט קומען אהיים, זיך פערקלייבען ערגיץ אין א הייהל, זיצען און לערנען — — און רחל ? — — רחל וועט איהם טראגען עסען ! און אז די צייט וועט קומען ער זאל נתגלה ווערען, וועט ער רופען רחל'ען, איהר אפמאהלען די שענסטע קריסטאלענע פאלאצען פון מלכים ושרים און דער פאלאץ וואס וועט איהר געפעלען, וועט ער פונקט ווי ר' אדם בעל־שם גוזר זיין, אז דער פאלאץ מיט די קנעכט און דיענער זאל אריבער אין וואלד אריין — — —

פערזונקען אין רעיונות האט זיך מרדכי געשלעפט און וואס טיעפער ער איז אריין אין וואלד, איז די הוילקייט ביים הארץ אלץ גרעסער געוואָ־רען. זיך געלעגט אויף איהם ווי א משא.

אנטקעגען איהם איז אנגעפאהרען שמחה פאכטער, איינער אליין. ביי מרדכי'ן האט אויפגעבליצט אין מח, ווי ער איז נעכטען ארויף אויף'ן פאכטער, איהם געשלאגען, געהאקט מיט דער פויסט אין פנים אריין, גע־זעהן אין דער פינסטער ווי דעם פאכטערס געלע בערדעל ציטערט, די אוי־גען דערשראקען, פון מויל רינט בלוט, טא מיט וואס איז ער בעסער פאר קין'ען ?

מרדכי'ן איז קאלט געוואָרען. ער האט מורא געהאט צו טרעפען זיך מיט'ן פאכטער'ס איבערגעשראקענע אויגען, געבליבען שטעהן א רגע ווי א פאראליזירטער, געקוקט אויף זיין געל בערדעל, מיט אמאל זיך דער־מאהנט אן פריהמארגעדיגען חלום מיט אלע קלייניגקייטען, אפגעזיפצט

און דערפיהלט ווי ס'ווערט איהם ליכטיג אין די אויגען. זאל דאס זיין אמת? מרדכי האט ניט צייט געהאט צו טראכטען. מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, ווי א צורייצטער ביק, האט ער זיך א לאז געטון צום וועגעלע און אפגעשטעלט די פערד. דער פאכטער איז אויפגעשפרונגען, זיך ארומגע־קוקט, דאכט זיך געוואלט אנטלויפען און געבליבען שטעהן אין עק וואגען. ער האט צועפענט א פאר שרעקעדיגע אויגען, ווי איינער וואס רעכענט אז אט איז זיין טוידט, ארויסגעלאזט נישט קיין מענשישען קוויטש און גענר־מען שלאגען מרדכי'ן מיט'ן בייטש וואו ער האט נור געטראפען. מרדכי האט איינגעבויגען דעם קאפ, צוגענומען די קלעפ. דער פאכטער זעהענדיג אז מרדכי שטעהט אויף איין ארט און בעוועגט זיך נישט, איז ווי נאך בייזער געווארען. ער האט אין גאנצען זיך אויפגעהערט שרעקען, מיט אמאל דערפיהלט אז מען האט איהם בעליידיגט און מיט יעדען שמיץ וואס ער האט געטון מרדכי'ן מיט'ן בייטש, האט ער זיך אפגערעכענט פאר זיינע נעכטיגע קלעפ, פאר זיין טאכטערס טרעהרען. און וואס לענגער דער פאכטער האט געשלאגען, אלץ מעהר האט די קנויל פון חרפות און בזיונות, וואס עס האט זיך אנגעזאמעלט ביי איהם אין משך פון זיין לעבען זיך פונאנדערגעוויקעלט, איז זיין האנד לויזער געווארען, זיך צר־שפיעלט, ווי זי וואלט זיך אפגעריסען פון ארעם, און איהם איז לייכטער געווארען.

מרדכי האט זיך נישט גערירט פון ארט, פון צופיעל שלאגען שוין כמעט נישט געפיהלט ווי די בייטש שנייד דאס לייב. ער האט זיך אראפ־געלאזט אויף אלע פיער, ווי א איד וואס מען שלאגט מלקות און געטראכט אז דער פאכטער וועט איהם איצט מוחל זיין, אז ער האט געגען איהם גע־זינדיגט. ער וועט געהן מיט ר' איטשען צום פאטער און וואס פארע תשובה ר' איטשע וועט איהם ארויסגעבען וועט ער צונעהמען.

דער פאכטער האט אויפגעהערט שלאגען. ס'קען זיין ער האט זיך פארשעהמט, וואס מרדכי ווערט זיך נישט, ס'קען אויך זיין אז די קלעפ האבען שוין געהאט געשטילט זיין כעס, אפגעווישט די חרפות וואס ער איז אויסגעשטאנען דורך זיין גאנץ לעבען. ער איז געבליבען שטעהן אויף'ן

וועגעלע, געקוקט מילד און דערשראקען און ס׳איז שווער געווען צו גלויבען קוקענדיג אין די אנגעוועהטיגטע אידישע אויגען, אז דער איד איז געווען מסוגל צו שלאגען. דער פאכטער האט עפּיס געשטאמעלט, געקוקט אויף מרדכי׳ן און אנטלאפען מיט׳ן וועגעלע. מרדכי האט אויפגעהויבען זיינע גרויע אויגען, נאכגעקוקט דעם פאכטער און געווען זיכער אז שמחה׳ס לעצטע ווערטער זיינען געווען — זיי מיר מוחל.

## קאפּיטעל 9.

## דער קדושת־לוי און דער אנטיקרישטו.

מרדכי האָט געזעהן, ווי דער פּאכטער מיט'ן וועגעלע פערשוואונדען אין א וואָלקען־שטויב, דאָס קלאַפּעריי ווערט שוואכער, מישט זיך אויס מיט'ן רויש פון וואלד און ארום ווערט אזוי שטיל, אז עס נעמט אזש קלינגען אין די אויערען.

— כ'בין דיר מוחל, כ'בין דיר מוחל — — — האָט אלץ אין מרדכי'ן געוויספּערט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אין טיעפען, בלויען הימעל, געזעהן ווי די קאַלירטע שטרייפען ארום דער זון פערשוואונדען, ס'בלייבען בלויז דאָ און דאָרט צו עטליכע בלייכע שפּריצען פּערעלמוטער און ער האָט זיך בערוהיגט.

א רוהיגער איז ער געגאנגען אהיים, געוועזן זיכער מען וועט איהם מוחל זיין און מיט אמאָל זיך דערפיהלט א קליין אינגעל ביים פאָטער אין הויז. יעדען שבת האָט דער פאָטער איהם אריינגערופען אין דעם חדר וואו די ספרי־תורות זיינען געשטאנען און דערצעהלט וועגען עלטער־זיידען ר' אברהם'ן, וועגען שרה'לען דער באָבען, וועגען זיידען ר' מרדכי'ן, נאָך וועמען ער הייסט. דער זיידע, ר' מרדכי, איז א שטאָלצער איד געוועזן! זיין שכן, הראביא קאַשינסקי, האָט אמאָל א באָל געמאכט, שיקט ער נאָך'ן זיידען און בעט ער זאָל איהר באַרגען זיין אטלאסנע קאַפּאָטע מיט'ן שטריימעל. ער וויל זיך פּארשטעלען, ווייל'ען די געסט און דעם זיידען וועט ער דערפאר אמאָל אָפּדיענען. ר' מרדכי האָט צוגעזאָגט דעם הראביא אלץ צו בעזאָרגען, ווי דען אנדערש, און צוגעשיקט דעם שרה'ה א קאַפּאָטע מיט א נאַרטעל פון א בענעדיקטינער. זיי האָבען זיך מעהר נישט באַגריסט.

מרדכי האָט ליעב געהאט דעם זיידען און ווען ער האָט נור געטראכט וועגען איהם, האָט ער זיך געפיהלט שטאָלצער. ער האָט דעם זיידען נישט געקענט, נור פון דעם טאטענס מעשיות האָט ער זיך איהם פאָרגעשטעלט א הויכען, מיט א לאַנגע, גרויליכע באָרד, א שווארצע סאמעטענע וועסט, פארקנעפּעלט ביז אונטער'ן האלז, וואו דער ווייסער קאָלנער פון העמד האָט זיך איבערגעלייגט.

אז מרדכי איז עלטער געוואָרען, גענומען לערנען רש"י און זיך אָנ־געשטויסען אין פאָטערס געגענווארט אויף א „בלעז", האָט אברהם תמיד ארויפגעלעגט א האנד אויף'ן אינגעל און א צופרידענער געשמייכעלט:

— און די באָבישע, צו לעננערע יאָהר אונז, האָט די אלע ווערטער יאָ געוואוסט, הא, הא, הא!

שרה'לע איז געווען א גרויס־פּוילישע, גע'שם'ט פאר א געלערענטע און זעהר א שעהנע. זי האָט גערעדט מיט די פריצים פראנצויזיש און איינ־געפיהרט אז יעדען שבת פאר די פיש זאָל מען עסען קוכען מיט קאפע.

די גאנצע משפחה פון מרדכי'ס צד האָבען זיך גע'יחוס'ט מיט שרה'־לען און ביי יעדער געלעגענהייט דערצעהלט און איבערדערצעהלט א וואונ־דערבארע מעשה וועגען א „שוסטער־שייגעץ", וואָס איז געוואָרען קייסער. דער קייסער האָט מורא געהאט אז מען זאָל איהם נישט אויפוואָרפען זיין יחוס, האָט ער איינגענומען איין מלוכה נאָך דער צווייטער און געוואָרען כמעט דער איינציגער הערשער איבער דער גאנצער וועלט. און וואָס מעהר לענדער ער האָט איינגענומען אלץ שטארקער האָט ער געוואָלט די וועלט זאָל פארגעסען זיין יחוס, האָט ער אָפּגע'גט זיין ערשטע ווייב און חתונה געהאט מיט א פרינצעסין און דאָ איז ס'מזל פון איהם אוועק און אלץ האָט גענומען געהן מיט דער פוטער אראָפּ.

איינמאָל אין א קרירה, דערצעהלט די משפחה, איז ר' מאיר'ל „דבש" געקומען צום זיידען אין וואלד אריין וועגען א צדקה זאך. ס'איז געווען טבת תקע"ג. ר' מרדכי האָט פערהאלטען ר' מאיר'לען אויף איבער נאכט, געזעסען מיט'ן צדיק איינער אליין ביי א צופלאמטען אויווען, געזיפּעקט לולקעס און געשמועסט וועלט זאכען. ר' מאיר'ל האָט פערטרויעט דעם זיי־דען אז ס'איז משיח'ס צייטען, אז אויף אידען רוקען זיך אָן רדיפות,

אשר לא ידעו אבותינו. דער „שוסטער־שייגעץ" האט שוין באלד איינגענר־
מען די גאנצע וועלט. ער איז שוין אויף יענער זייט מאסקווע און וועט
מסתמא ארייניאגען דעם יון אין ים־הקרח. נור ער וועט האבען א מיאוסען
סוף — דער קאזניצער מגיד ראנגעלט זיך שוין מיט איהם פון יום־כפור
ביים מוסף אן. און ווען נישט דער בערדיטשעווער ז"ל, וואס האט אין יאהר
פון זיין פטירה תמיד ביים דאווענען מכוון געווען דער „שוסטער־שייגעץ"
זאל מצליח זיין, וואלט דער קאזניצער איהם שוין לאנג געהאט. א רמז דער־
רויף האט ר' מאיר'ל געפונען אין א מדרש, וואו ס'רעדט זיך ארום דער
זיעבעטער מופת איידער משיח וועט קומען. אין מדרש שטעהט אז אין רוים
איז פארהאן א מארמאר־שטיין, וואס זעהט אוים ווי א בתולה, א יפת־
תואר און דעם שטיין האט קיין מענשליכע האנד נישט געמאכט, נור גאט
אליין האט איהם בעשאפען. די רשעים פון די אומות־העולם, די גרעסטע
אויסוואורפען, וועלען קומען צו דעם שטיין, ליגען ביי איהם, זיך ווארמען,
וועט גאט זייער ווארעמקייט ארייננטון אין דעם שטיין, וועט דער שטיין
צופלאצט ווערען און ס'וועט ארויסקומען א רשע־מרושע. און דאס וועט
זיין ארמילוס דער שטן, וואס די אומות־העולם רופען אנ־
טיקרישטו. ער וועט זיין צועלף איילען הויך און צוועלף איילען
ברייט און צווישען ביידע אויגען וועט זיין א שפאן. די אויגען וועלען זיין
טיעפע, רויטע און די האר פון קאפ געל ווי גאלד. די טריט פון זיינע פיס —
גרין און ער וועט האבען צוויי קעפ. ארמילוס דער רשע וועט אנקומען נאך
צרפת ווען דארט וועט זיין א גרויס איבערקערעניש, ער וועט קומען און
זאגען, אז ער איז דער ערלעזער, וועט מען איהם גלויבען און קרוינען פאר
קייסער. דאן וועט ער איינגעהמען פיעל לענדער, מדינות, אומקערען די אי־
דען דעם סנהדרין און בלייבען וועלען בלויז אויף דער וועלט צוויי נישט
איינגענומענע מדינות — אדום און מואב. און אז ער וועט איינגעמען די
צוויי לענדער, וועט ער שיקען א שלוח צו די אידען, און צו די עשרת־
השבטים, וואס אויף יענער זייט סמבטיון, מען זאל איהם אוועקגעבען די
אידישע תורה און איהם מאכען פאר גאט. דאן וועט אויפשטעהן דער גבור
נחמיה מיט דרייסיג טויזענד גבורים, פון די גבורי־אפרים, אויפמישען די
תורה און לייענען פאר איהם: „אנכי ה' אלהיך, לא יהיה

לך אלהים אחרים על פני", וועט ארמילוס ענטפערען אז אין זיין תורה שטעהט דאס נישט און וועט דורכאויס פערלאנגען אז אלע אידען זאלען גלויבען אז ער איז גאט, פונקט ווי די איבעריגע פעלקער גלויבען. דאן וועט נחמיה בן חושיאל מיט זיינע דרייסיג טויזענד גבורים מלחמה האלטען מיט איהם און אוים'הרג'ענען צוויי מאל הונדערט טויזענד מאן, וועט ארמילוס דער רשע אן אויפגעקאכטער ווערען, צונויפרופען זיינע ארמייען פון דער גאנצער וועלט און מלחמה האלטען מיט די אידען. זיינע חילות וועלען פאלען ווי פליגען און דעמאלט וועט גע'הרג'עט ווערען משיח בן־יוסף, וואס איז אויך נחמיה בן חושיאל. די מלאכי־השרת וועלען גלייך אנקומען און איהם מקבר זיין מיט די אבות. די אידענס הערצער וועלען באלד ווערען ווייך און דערשראקען און ארמילוס הרשע וועט נישט וויסען אז משיח איז טוידט, אז נישט וועט ער נישט איבערלאזען קיין שריד ופליט פון די אידען — — —

ווען ר' מאיר'ל האט אזוי געהאלטען אין מיטען דערצעהלען איז פער־פאהרען א שליטען אונטער'ן פענסטער. עטליכע מענשען האבען אנגע־קלאפט.

ר' מאיר'ל איז אויפגעשפרונגען:

— מרדכי, מען פיהרט איהם!

— ווענען?

— דעם רשע!

א פערציטערטער האט מרדכי געעפענט די טהיר. עטליכע מענשען, רויט פון פראסט מיט ווייסע, פערפרוירענע בערד, זיינען אריין, אוועקגע־רופען מרדכי'ן אן א זייט, זיך געסוד'עט און באלד האט מרדכי געהייסען שרה'לען עפענען די סאליע, בעטען דאס בעט. ער האט זיך בשעת־מעשה געטרייסעלט, געוואַרט מיט א פערכאפטען אטהעם מען זאל אריינטראגען ארמילוס דעם רשע, מיט צוויי קעפ, צוועלף איילען די ברייט, צוועלף — די הויך, און אמת'ער גג־ומגוג. האבען די פרעמדע, אריינגעטראגען א קליין מענשיל איינגעוויקעלט אין פעלצען, געזאגט ס'איז א גרויסער גענעראל, א פראנצויז, ער איז שטארק פערקיהלט — — —

ר׳ מרדכי זעהענדיג דאס קליינע מענשעל האט לייכטער אפגע־אטהעמט, געוועז זיכער אז נישט איהם האט דער צדיק געמיינט און נישט שטארק געגלויבט אויב דאס איז אפילו א גענעראל. ער פאבעט דאך קוים מיט דער נשמה! ער האט זיך ארומגעקוקט, געזוכט ר׳ מאיר׳לען, נור דער צדיק איז נעלם געווארען.

שרה׳לע איז אליין געבליבען מיט׳ן קראנקען, געווארעמט הייסע פלע־שער מיט וואסער, איהם געלעגט צו די פיס, איהם איינגעדעקט מיט פור־כאווע דעקען און א גאנצע נאכט געזעסען ביי זיין בעט. זי האט זיך איינ־געהערט ווי דער קראנקער מישט, שיקט ארמעען, קאמאנדעוועט, קוועטשט איין די פויסטען, לאכט, וויינט אז דעם קייסער האבען אלע פערלאזט, אז איצט וועט ער דארפען געהן מיט דער טארבע איבער דער וועלט. האט שרה׳לען א שרעק ארומגענומען און ס׳האט איהר פארקוועטשט אונטער׳ן הארץ. פון גרויס רחמנות צום קראנקען האט זי אראפגענומען פון האלז א קמיע, וואו ס׳איז געשטאנען: „איך לוי־יצחק בן סאסיא האב געזאגט אז די חולאת זאל אוועקגעהן”, זי געוואלט אנטון דעם חולה, זיך געקווענ־קעלט און אויפגעהאנגען די קמיע איבער׳ן בעט. און גלייך ווי שרה׳לע האט אויפגעהאנגען די קמיע האט זיך די טהיר געעפענט און ס׳איז געווארען ליכטיג. דער קדושת־לוי אין א טלית ביז איבער די פיס מיט א זילבערנע עטרה איז שטיל אריין, געבליבען שטעהן ביי דער וואנד צוקאפענס דעם קראנקען און פון זיינע פערלאפענע מיט טרעהרען אויגען האט זיך געגאסען א ליכטיגקייט.

אין אפגעגאסענער מיט שוויים האט דער קראנקען געעפענט די אויגען און זיך ארומגעקוקט. אלץ איז צעשווימען. וואו איז ער? ווער זיצט ביי זיין בעט? א—א! ער איז דאך נעבטען קראנק געווארען! איז ער ביים שונא אין די הענד? ניין, גוטע מענשען האבען איהם ערלויבט איבערצור־נעכטיגען. עס איז שוין אזוי לאנג נישט געשלאפען אין א בעט — — — — אח, ווי ווארים! — — —

— ווי פיהלט איהר, מאסיע? — האט שרה׳לע איהם געפרעגט.

— בעסער, מאדאם, כ׳דאנק אייך זעהר, כ׳וועל קיינמאל נישט פאר־געסען — האט דער גענעראל ווי געשטאמעלט, בעטראכט די שווערע פור־

באוועדעק אונטער וועלכער ער האט געשוויצט ווי אין א באד און גע־שמייכעלט — אונטער אזא דעק וואלט אין מאסקווע אויך נישט קאלט געווען. כ'האב זיך צוגעקיהלט, אז ביי אייך זיינען אזעלכע פרעסט — — יא, מאדאם, האט איהר נישט געהערט ווענגן נאפאלעאנען? ווייסט איהר נישט צי ער האט געוואונען די מלחמה מיט די רוסען? אז כ'בין שוין אזוי לאנג קראנק — — —

— געוויס געהערט — האט שרה'לע געענטפערט — מען שמועסט אז ער איז שוין אויף יענער זייט מאסקווע!

— ווער?

נאפאלעאן!

דער גענעראל האט א ביטערען שמייכעל געטאן און געבעטען מען זאל ארייגרופען זיינע מענשען.

זיי האבען איהם איינגעהילט אין פעלצען און אז ער איז שוין גע־זעסען אין דער קאטש, וואס איז געשטאנען אין א שליטען, האט ער שרה'־לען געדריקט די האנד, געדאנקט און איהר איבערגעלאזט זיין גאלדען טא־באק־שקעטעלע וואו אויף'ן צו־דעקעל איז געווען זיין בילד און זיין אונ־טערשריפט. ס'איז געווען נאפאלעאן.

און יעדעס מאל ווען דער פאטער האט מרדכי'ן דערצעהלט די מעשה, האט ער תמיד געענדיגט:

— דאס טאבעק־שקעטעלע איז ווערט א פערמעגען! מאגנאטען האבען עס געוואלט קויפען. נור די באבישעס א ווארט איז טהייערער — זי האט עס נישט געהייסען פערקויפען!

מרדכי האט געפיהלט א בעהאלטענע ליעבע צום וואונדער־מענש, זיך געפרעהט מיט זיינע נצחונות, געטרויערט מיט זיין מפלה און תמיד בעדויערט וואס ער איז נישט געבוירען געווארען א איד. ער האט זיך אימער געשפארט מיט'ן פאטער אז ער איז נישט געווען קיין „שוסטער־שייגעץ", אז די מעשה מיט ארמילוס'ען מיינט מען נישט איהם, אז ער איז אין רוים קיינמאל נישט געבוירען געווארען. אין הארצען אבער האט ער געגלויבט, קיינמאל פאר מענשען נישט אויסגעזאגט, אז איין פעהלער איז ער יא בעגאנגען — זיך נישט געדארפט גט'ען מיט'ן ווייב.

מרדכי האט זיך דערמאהנט ווי ער האט קליינערהייד איינגעטיילט דעם וואלד אין צוויי ארמעע. די דעמבעס זיינען געווען נאפאלעאן'ס ארמעע און די קליין־געוואוקסינע, פערקרומטע אלשינע — דעם שונא'ס. ער — נאפאלעאן האט געקיניגט איבער די דעמבעס און וואצעק — דער שונא — איבער דער אלשינע. מיט א האלצערנער שווערד אין דער האנד, מיט א שפיעז אויף דער פלייצע האט זיך מרדכי א לאז געטאן אנטקעגען וואצעקען, געפיהלט ווי די דעמבעס לויפען איהם נאך, ש־טען מיט זייערע לענגליכע נים, ווי מיט קוילען, צושמעטערען די אלשינע ...— —

און איצט געהענדיג מיט'ן וואלד, האט מרדכי זיך געפיהלט שטאלץ וואס זיין באבע האט מיט'ן קיסר גערעדט, וואס ביי זיי אין שטוב, איז דא ויין בילד און ס'קאן זיין אז אויף דעם זעלבען וועג וואו ער, מרדכי, געהט, איז נאפאלעאן געפאהרען.

ס'איז געווארען הייסער. פון ביידע זייטען וואלד, האבען די פער־בליעבענע טראפענס פון ביים נאכטיגען רעגען געבלענד, געפינקעלט און זיך געצונדען אונטער דער זון ווי שטיקלעך רעגען־בויגען. נאקעטע ווארצ־לען, ווי א שדרה פון אן אויסטרעלישער חיה, האבען ערטערווייז דורכ־געשניטען דעם זאמדיגען וועג און זיך פערפלאנטערט צווישען די בוימער.

מרדכי האט זיך אפגעשטעלט. איבער'ן וועג האט זיך געשלעפט א פויער מיט א וואגען האלץ. דער פויער א בארוויסער האט מיט איין האנד נאכגעשטופט דעם וואגען, מיט דער צווייטער האט ער געקלאפט מיט דער בייטש, געיאגט די אויסגעמאטערטע, פערשלאפענע פערד, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז זיי וועלען זיך אבשטעלען, וועלען זיי שוין פון די זאמ־דען נישט ארויס.

מרדכי האט געזעהן ווי דער פויער מיט'ן וואגען פערשווינדען, ס'ווערט נאך שטילער און ווארימער ווי פריהער, האט ער פערזשמורעט די אויגען און געגאנגען ווייטער.

אין וואלד־פנקס וואס איז אלט געווען איבער הונדערט יאהר, האט מען פערשריעבען ווען איינער איז געבוירען געווארען, ווען—געשטארבען. מרדכי האט ליעב געהאט צו בלעטערען דעם וואלד־פנקס, בעטראכטען די האנד־שריפטען פון יעדען בעזונדער, תמיד געשמייכעלט, דען צומיינס־

טען פון זיינע זיידעס און פעטערס האבען קוים געקענט שרייבען, אויס־געלעגט די סדרות מיט גרייזען און געפיהלט בשעת מעשה ווי דורות רעדען צו איהם.

ער האט געוואוסט אז דער מאמעס יחוס איז א שעהנערער, אז די משפחה צווישען זיך באדויערען וואס די מאמע איז אריינגעפאלען צווי־שען עמי־הארצים. און די מאמע אליין, ווען דער טאטע זאגט אמאל, אז מרדכי גראט אין גאנצען אין זיידען, שווייגט אפילו, נאר מאכט בשעת מעשה אזא מינע, ווי זי וואלט געזאגט: א גליק האט מיך געטראפען!

מרדכי האט דער מאמע'ס משפחה ניט ליעב געהאט, געווען מיט זיי פון דערווייטענס, ווי זיי וואלטען געווען פרעמדע און, ווי אויף צו להכעים, זיך בלויז גע'יחוס'ט מיט'ן טאטענס צד, געזוכט און געניש־טערט אין פנקס מיט וואס זיך אויפצוואוארפען. און ס'איז געווען מיט וואס.

אין פנקס איז געווען פערשריבען, אז דער קדושת־לוי איז גע־פאהרען צו ר' מאיר'לען נאך שעפס, האט ער ביי זיי אין וואלד זיך אפ־געשטעלט מנחה דאווענען. זיינע צעהן פינגער זיינען נאך ביז דעם היינ־טיגען טאג פערבליבען אויפ'ן ארון־קודש. אז דער קדושת־לוי האט זיך אוועקגעשטעלט דאווענען מנחה האט ער פון גרויס התלהבות ארומגעכאפט מיט ביידע מענד דעם ארון־קודש, וואס איז געווען פריש געפארבט. פון דעמאלט אז האט מען אפגעהיט די פינגער ווי אן אבן־טוב און אכטונג געטאן מען זאל זיי נישט פערשמירען. און תמיד ווען מרדכי איז שלאף געווארען, האט די מוטער איהם צוגעפיהרט צום ארון־קודש, ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף דעם קדושת־לוי'ס. זיך פונאנדערגעוויינט, איהם דער־מאהנט איהר יחוס, דעם פעטער ר' מאיר'ל, איהם דערמאנט אז ער האט דא געדאווענט און מרדכי'ן איז תמיד בעסער געווארען.

מרדכי האט פארגעסען וואו ער איז, געגאנגען א פער'מח'טער, גע־קוקט אין זיין איינענעם שאטען, געגלויבט אז דער בערדיטשעווער וואנ־דערט פון שטאדט צו שטאדט, האקט האלץ פאר ארימע אלמנות, איז „מתקן" זינדיגע נשמות און זיך געטרייסט וואס די גוים האבען נישט א קדושת־לוי:

ער האט אפילו געהערט פון די פוערים אז אויך זייערס א הייליגער. פאוועל, שלעפט זיך איבער די וועגען מיט א פעקיל אויף די פלייצעס. און אז א פויער פערבלאנדזשעט א מאל אין א זומפ אריין מיט א פוהר משא. וואקסט ער אוים, ווי פון אונטער דער ערד, העלפט ארויסשלעפען דעם וואגען, שמירט אן די רעדער, איז נאך מכבד מיט א פעקעל „טיטון" — און ווערט פערשוואונדען.

מרדכי האט נישט געקענט טראכטען, בלויז געפיהלט, פארוואס האט ער אליין נישט געוואוסט, אז ס'איז נישט קיין פערגלייך. ווי קומט מאקע פאוועל צום קדושת־לוי? און ער האט רחמנות געקראגען אויף די גוים.

איהם האט באנג געטון, וואס דער בערדיטשעווער איז מעהר ניטא, מקנא געווען און גרוים דרך־ארץ געהאט פאר אן אלטען דארף־שוחט. געלכער האט דעם קדושת־לוי איינגעלוייז געזעהן און געהאט גרוים פער־דרום פארוואס איז ער דעמאלט נישט געבוירען געווארען און לעבט אין אזא וואכעדיגען דור.

מרדכי האט נישט געהאט קיין טענות צום רבונו־של־עולם, בלויז געפיהלט ווי עפעם קוועלט איהם, ווי מיט אמאל ווערט איהם באנג ביז צו טרעהרען. און איידער ער האט צייט געהאט זיך צו אריענטירען. האט ער דערהערט, ווי זיין אייגענע נשמה ציטערט אויף:

— „לא המתים יהללו י"ה — — — !"

טיעף אין וואלד האט עפעם א ציטער געטהון. מרדכי האט פער־זשמורעט די אויגען און זיך איינגעהערט. דער ציטער איז איבערגעגאנגען אין א שטיל, אומעטיג געזאנג... דאס געזאנג איז געווארען העכער, שטאר־קער. זיך געטראגען פון יעדען בוים. פון יעדער צווייג. פון יעדען גרזיל. איינגעשלונגען אין זיך דאס שטומע געשריי פון מרדכי'ס הארץ — האט ער אין גאנצען פערמאכט די אויגען, געזעהן ווי טויזענדער געוואוקסען, ווי לעבעדיגע באשעפענישען ציהען זיך צו איהם, פלעכטען זיך ארום ווי פעדים, ווי שמעקעדיגע ריחות און מיט אמאל דערפיהלט ווי יעדעם גליעד זיינס, יעדעם ביינדעל אין איהם זינגט מיט. — — — —

און פון דערוויטענס. אויף'ן ברייטען זאַמדיגען שליאַך, האָבען זיך געשאַרט האַנד אין האַנד דער קדושת־לוי אין אַ טלית מיט אַ זילבערנע עטרה און דער קייסער מיט'ן דריי־עקיגען היטעל.

מרדכי האָט טיעף געבויגען דעם קאָפּ, געוויספּערט:

— געבענשט זאָל זיין גאָט, וואָס האָט איינגעטיילט פון זיין כבוד צו אַ בשר ודם!

ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ שטאַרקען טרייסעל געטהאָן, ווי ער וואָלט געפאַלען פון אַ באַרג, צועפענט די אויגען, קיינעם נישט געזעהן און זיך שטאַרק פערשעהמט.

די זון האָט געברענט. מרדכי האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען, זיך דערמאָנט אָן רחל'ן, געפיהלט אַ לאַך אין האַרץ און אַ צעוועהטיגטער כמעט געלאָפען אַ היים.

## קאפיטעל 10.

## פ ע ד ע ם.

אז מרדכי האט פון דערוויטענס דערזעהן דאס הויז, האט ער זיך פון דער ערשטער מינוט דערפרעהט, ווי איינער וואס איז שוין א לאנגע צייט פון דער היים. ער האט גענומען געהן פאמעליכער, עטליכע מאל א טראכט געטון וואס ער זאל זאגען די עלטערען, גאר נישט געקענט צו־טראכטען, האט ער זיך אפגעשטעלט און ווידער דערפיהלט ווי עם הויבט איהם אן צו ווערען הויל ביים הארצען. ער האט זיך געשעמט א היים צו געהן. אין כעס געווארען אויף זיך אליין, וואס ער קען זיך נישט באַ־הערשען און זיך אויסגעקניפט שטיקער פלייש. ער האט בעשלאסען זיך צו פערדרעהען אויף א ווײלע צוריק אין וואלד אריין, איבערקלערען מיט א קלארען קאפ אליץ אויף דאס גייע, האט ער פונקט דעמאלט דערזעהן ווי אימיצער קוקט איהם אן און שמייכעלט.

ברײנע איז געשטאנען ביים פענסטער פון דער קיך און געשארט א טאפ מיט א „וויעכעטש" שטרוי.

מרדכי האט זיך פערלוירען און גענומען גלייך געהן אין שטוב אריין. ברײנע האט פון גרויס שמחה אויפגעהערט צו שארען דעם טאפ, געזוכט א פלאץ וואו איהם אוועקצושטעלען און זיך בשעת־מעשה פעררוקט דאס טיכעל אויף'ן קאפ, איבערלאזענדיג אויף'ן שטערען און ארום די שלייפען עטליכע סאזשע פלעקען. מיט א פערכאפטען אטהעם איז זי אריין צו דבורה'לען, האלטענדיג דעם טאפ צווישען די הענד:

— בעל־הבית'טישי, ער געהט! מרדכי'לע געהט!

דבורה'לע האט געהאלטען אין מיטען דאוונען, נישט געוואלט אויס־רעדען, האט זי געפרעגט ברײנען מיט די הענד, מיט א שטום מויל:

— א — א — נו?

זי האט געזעהן אז ברײנע פארשטעהט נישט וואס זי מײנט, האט זי אן אויפגערעגטע אויסגעשאסען:

— אפילו דאווענען קען איך נישט! אט האב איך שוין אן עברת געטון איבער'ן יונגאטש אויך! — און זי איז באלד וויכער געווארען — וואו איז ער, וואו, זאגסטו?

— אט געהט ער! — האט ברײנע געצײגט אויף'ן פענסטער.

ברײנע, למען השם, דערמאן איהם קײן ווארט נישט — האט דבורה'לע זיך געבעטען, געמאכט עטליכע טריט צו דער דינסט, געבליבען שטעהן און א צורודערטע זיך גענומען ברעכען די פינגער — דו ווייסט דאך אז ער איז אן עקשן! צי וואס קאליע מאכען רייד, אז ס'העלפט נישט קײן שטראפען!

— וואס דארף איך איהם עפעס שטראפען? — האט ברײנע א בעליידיגטע בלומרשט געשמייכעלט — ער האט קײן עין־הרע א מאמע ביז הונדערט און צוואנציג יאהר!

מרדכי איז שטיל אריין, געבליבען שטעהן א רגע ביי דער טהיר, זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואלט געווארט וואס פארע רושם זיין קומען וועט מאכען. ער האט געזעהן ווי די מוטער פערלעגט די הענד, פארקוועטשט די ליפען, שאקעלט צו איהם מיט'ן קאפ, ווי זי וואלט איהם בעוויינט. האט ער א שמייכעל געטון און צוגעגאנגען צום טיש:

— גוט מארגען, מאמע!

דבורה'לע האט נישט געענטפערט, זיך שטיל צעוויינט, געצוגט מיט די אקסלען און ברײנע, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען אין א ווינקעל, האט זיך איצט ארומגעזעהן, אז זי האלט אלץ דעם טאפ, איהם אראפגע־לאזט אויף דער פאדלאגע און זיך געווישט מיט'ן פארטוך די אויגען.

מרדכי האט זיך געפיהלט שולדיג, געוואלט איבערבעטען די מוטער, זיך אבער געשעמט און פון פערדרוס געקנייטשט די בלעטער פון אפענעם קרבן־מנחה סידור:

— אז כ'וויים נישט, וואס איהר וויינט איבער מיר?

— נו יא, די מאמע דארף זיך פרעהען! קנאפ נחת האט זי פון דיר?

— האט בריינע זיך נישט געקענט איינהאלטען, זיך געווישט די נאז, אויסשמירענדיג דאס גאנצע פנים מיט סאזשע.

מרדכי האט בעמערקט ווי די מוטער ווינקט צו בריינען זי זאל שוויי־גען, דערזעהן ווי די דינסט אין איינגעריסט, האט ער זיך פארגעסען און זיך צולאכט:

— וואס איז דער מעהר, בריינע? וואו האט איהר זיך אזוי אויס־געשמירט? אסור, א קוימען־קערער!

בריינע האט זיך פארשעמט, אראפגעלאזט די אויגען אויף דער נאז, זיך געוואלט איבערצייגען צי מרדכי מאכט נישט חוזק פון איהר, האט זי דערזעהן איהרע איינגעריסטע הענד, זיי געוויזען דער בעל־הבית'טע, ווי זי וואלט זיך דערמיט געוואלט פארענטפערען, געכאפט דעם טאפ און מיט א צניעות'דיגען שמייכעל ארויסגעלאפען.

— אז צו די אלע צרות איז נאך דא כח צו לאכען אויך — האט דבורה'לע ווי פאר זיך געזאגט, זיך אויסגעווישט די אויגען און איז צוגעגאנגען צום זוהן — הער זיך איין, מרדכי, דער טאטע האט געזאגט כ'זאל דיך ארייננשיקען צו איהם, ער וויל מיט דיר עפּיס רעדען.

— וואו איז ער, דער טאטע? — האט מרדכי זיך געפרעגט און געוואלט ארויסגעהן.

—ווארט נור א ביסעל — האט דבורה'לע שטילער געזאגט, זיך ארומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער און פערמאכט די טהיר וואס פיהרט אין קיך אריין — הער זיך איין, כ'האב צו דיר א בקשה — — — —

— וואס איז?

דבורה'לע האט אנגענומען דעם זוהן פאר א האנד:

— מרדכי'לע, כ'האב דאך נישט מעהר ווי דיך, זעה, טהו מיר נישט אן קיין חרפּות, האב רחמנות אויף דיין שוואכער מאמען — — —

זי האט נישט געקענט דעררעדען, געמאכט א ליפּ, א קוש געטון מרדכי'ן אין שטערען און זיך צוכליפּעט ווי א קינד.

מרדכי האט געפיהלט טרערען אין די אויגען, אוועקגעזעצט די מו־טער, איהר געקושט די הענד, איהר אלץ צוגעזאגט, אבי זי זאל זיך בע־רוהיגען.

— הער זיך איין — האט דבורה׳לע זיך געווישט די אויגען — כ׳האב אפילו צוגעזאגט דעם טאטען כ׳זאל דיר גאר נישט זאגען, נור כ׳קען זיך נישט העלפען, ס׳הארץ טהוט מיר וועה — און די אויגען האבען זיך ביי איהר בשעת־מעשה ווידער בענאסען מיט טרעהרען — מיר האבען בע־שלאסען דו זאלסט פאהרען מיט ר׳ איטשען נאך קאצק — — — אם ירצה השם מארגען וועט איהר ארויספאהרען — — —

— כ׳וועל איך אלץ צוליעב טון — האט מרדכי געשטאמעלט — נור — — — —

— וואס נור ?

מרדכי האט זיך פערלוירען, אויסנעמיטען צו קוקען דער מוטער אין די אויגען :

— איך וויל איהר זאלט ניט ארויסזעצען דעם פאכטער !

— ווי דען ? וואס פאלט דיר איין ? קיינער האט איהם נישט בדעה ארויסצוזעצען !

— אויב אזוי גען איך שוין צום טאטען !

דבורה׳לע האט איהם צוגעפיהרט ביז צו דער טהיר. געווען גליקליך וואס דער שמועס פאר וועלכען זי האט זיך אזוי געשראקען, איז אזוי לייכט דורך און געווען זיכער אז זי וועט נאך פון מרדכי׳ן דערלעבען נחת. מישטיינס געזאגט, מען וואוינט צווישען גוים, ווייט פון א ישוב, ווערט אפילו דער איידעלסטער מענש פארגרעבט, א פשיטא — יונג בלוט ! עס צובריקעט זיך אמאל ! זי האט געהאפט אז דער שמועס מיט אברהם׳ן וועט אניך רוהיג דורך, געוואוסט אזביידע זיינען עקשנים און זיך געבעטען ביים זוהן :

— זעה, מרדכי׳לע, רייס דיך נישט איין מיט׳ן טאטען ! אויב ער וועט דיר עפּיס זאגען, פערשווייג, ס׳איז דאך א טאטע ! דו ווייסט דאך, ער שרייט אפּ, שרייט אפּ און אז ס׳קומט צו עפּיס, שלאפט ער דאך קיין נעכט נישט ! וואס האב איך געוואלט זאגען ? יא. האסט שוין גערא־ווענט ? טא גען פריהער עפּיס איבערבייסען, ס׳הארץ איז דאך דיר מסתמא אוועק !

— כ׳וועל זיך באלד שטעלען דאווענען

אז אויפגערוימטער האט מרדכי א האסטיגען עפען געטון די טהיר, געפיהלט ווי זי שפרינגט צוריק, דערהערט א קוויטש, האט ער געמאכט א פנים, ווי ער וואלט ארויפגעטרעטען אויף א קליין קעציל און ארויס־לויפענדיג געזאגט צו דער מוטער:

— כ'האב שוין מסתמא עמיצען דארט דער'הרג'עט!

הינטער דער טהיר איז געשטאנען בריינע, א פארשעמטע, מיט ארעפגעלאזטע אויגען, ווי מען וואלט זי געכאפט ביי א גנבה, און זיך צוגעהאלטען דעם שטערען.

— כ'האב אייך א גוטען קלאפ געטון, בריינע? אז כ'בין אסור שולדיג! — האט מרדכי זיך פארענטפערט אראפגעכאפט פון דער וואנד א האנדטוך. עס איינגענעצט אין וואסער און עס געגעבען דער דינסט — נא'ט, לעגט צו צום קלאפ וועט עס אויסציהען!

— ס'וועט מיר גאר נישט זיין, פטור, פטור — האט זיך בריינע נאך מעהר פערלוירען, וואס מען פארעט זיך ארום איהר און זיך געוועג־דעט צו דבורה'לען — אז ס'איז א מצוה אויף מיר, בעל־הבית'טישי! כ'וויים ס'איז נישט שעהן אונטערצוהערען, נור וואס קען איך מיר העלפען, אז כ'האב שוין אזא טבע? די שווארץ יאהר טראגען מיך!

מרדכי האט געשמייכעלט און געגאנגען אין חדר אריין וואו די ספרי־תורות זיינען געשטאנען. ביי דער שוועל האט ער אפגעשטויבט די שיך, פערריכט דאס היטעל און אן ערענסטער געעפענט די טהיר. תמיד ווען ער איז אריין אין דעם חדר, האט ער געהאט דאס געפיהל, ווי ער געהט אין אן אלטער פערלאזענער שוהל.

דאס חדר מיט די ספרי־תורות וואו די משפחה איז דורות לאנג זיך צונויפגעקומען חנוכה חשבון'ען, זיך געקריגט אויף וואס די וועלט שטעהט און שדוכים געשלאסען, איז געווען האלב טונקעל און קיהל.

מרדכי האט זיך ארומגעקוקט, גאר נישט געזעהן און געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. ר' אברהם וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל און צונויפגעלעגט דעם טלית, האט איהם א רוף געטון, ווי ס'וואלט צוויי־שען טאטע און זוהן גאר נישט פארגעקומען:

— מרדכי, קום נור אהער!

מרדכי האט זיך א טרייסעל געטון, דערזעהן דעם פאטער און צונג־גאנגען מיט אראפגעלאזטע אויגען.

— האסט שוין געדאוונט?

— ניין!

טא שטעל דיך דאוונען, באלעמוטשע נישט! נא, נעם מיינע תפילין — און אברהם האט גענומען אויסטון דעם של־יד — יא. דו ווייסט? בלי נדר, מארגען פריה פאהרסטו דאך מיט ר׳ איטשען נאך קאצק — — צופריעדען? און געלד גנב׳ענען ביים זיידען וועסטו אויך נישט דארפען! אברהם׳ס בן־יחיד דארך גראטען אין טאטען אריין, זיך פיהרען ברייט, מענשען זאלען וויסען אז ער האט אין וועמען אריינצוגראטען!

א פערוואונדערטער האט מרדכי אנגעקוקט דעם פאטער. שוין דאס צווייטע מאהל ווי ער הערט איהם אזוי רעדען. אברהם האט אויסגעטון דעם של־ראש און ארויפגעלעגט א האנד אויף׳ן זוהן׳ס אקסעל:

—הער זיך איין, מרדכי, וואס געווען איז געווען, פארגעס עס! נור איין זאך בעט איך דיך — למען השם, זעה, כ׳זאל נישט האבען פון דיר קיין חרפות! זאגסטו מיר צו?

ר׳ אברהם האט נישט געווארט אויף אן ענטפער, זיך אויסגעגלייכט, צונומען די בארד און יעדער קעהר אין איהם איז געווען פון א נגיד בן־נגיד, זיין בלויזע האלטונג האט ארויסגערופען דרך־ארץ. ער האט צוקנע־פעלט די קאנגארענע קאפאטע, ברייט אריינגעשטעקט א האנד אין א הויזען קעשענע און א קלימפער געטון:

— כ׳פרעג דיך, ס׳הערט דא קיינער נישט, וואס פארע מחותן בין איך מיט שמחה פאכטער? אמת, זיין פאטער האט כל־ימיו געשינדען ביים זיידען עליו־השלום די קעלבער און שמחה אליין, אויב כ׳וועל איהם נור שיקען, וועט ער מיר פאר א גילדען טרייבען א קאלב פאר׳ן עק אזש נאך פלאצק! אלא־מה? די מויד געפעלט דיר? יור וואס פארע מויד וועט דיר נישט געפעלען? ס׳איז, רחמנא לצלן, א משפחה פעהלער! איך בין אויך נישט בעסער געווען, האב איך דאך פאר דיר אראפגעבראכט ר׳ איטשען, זאלסט האבען פון וועמען זיך אפצולערנען!

פונקט דעמאלט איז ר׳ איטשע שטיל אריין, ארויסגענומען פון א

פאליצע א ספר און זיך פערטיעפט. ביי ר׳ אברהם׳ן האבען זיך די אויגען צושפיעלט. ער האט מיט אמאל חשק געקראגען, ווי אין די אלטע גוטע צייטען, ווען ער איז נאך א יונגער־מאן געווען, צו מאכען אן הלצה. ער האט זיך אזוי אוועקגעשטעלט, אז מרדכי זאל נישט באמערקען ר׳ איטשען און אנגעהויבען מיט א הויך קול:

— און דו גלויבסט טאקע, אז ר׳ איטשע האט נישט קיין שלעכטע מחשבות? זעהסט, ווענען ר׳ מענדעלין ווייס איך נישט! דער רבי וואהנט מיט א ווייב, דערצו האלט ער נישט שטארק פון חרם דרבנו גרשון — — וואס קוקסטו מיך אזוי אן? גלויבסט נישט? מעגסטו זיך אויף מיר פערלאזען! לעגט זיך אויף׳ן שכל, אז ווי באלד ס׳איז נישט ביי איהם קיין יקר־המציאות, קלערט ער מסתמא דערפון זעלטען און במילא האט ער ווייניגער שלעכטע מחשבות — — — אבער ר׳ איטשע, פארשטעהסטו מיך, איז דאך שוין יאהרען א פרוש און דער „בעל־דבר" קריכט איהם גוט אין די ביינער, דו ווייסט דאך! ווי אלט ביזטו דען? נאך קיין זעכ־צעהן יאהר נישט! און חתונה האבען ווילסטו דאך שוין מסתמא פון א גוטע מינוט. הא, הא!

מרדכי האט נישט געגלויבט זיינע אוירען. רויט געווארען פון פאר־טערם רייד און גאר נישט געענטפערט.

— נאך גוט וואס דו שעהמסט זיך! א אידישע מדה! — האט ר׳ אברהם פאטערליך א קלאפ געטון דעם זוהן איבער דער פלייצע, זיך אפגערוקט און כמעט געשריען — טא וואס האב איך געוואלט אויס־פיהרען? יא, טענה איך אז ס׳איז א געוואלדיגער נסיון פון א מענשען ער זאל תמיד „בשככך ובקומך" מלחמה האלטען מיט׳ן יצר־הרע! איך וואלט ער נישט געקענט!

— טאטע — האט מרדכי זיך א כאפ געטון, ווי אן אומגליק וואלט געשעהן — טאטע, שטילער, ר׳ איטשע שטעהט דאך ביי דער ספרים־אלמער קוק!

— וואס האב איך דען געזאגט, וואס? — האט אברהם נאך הע־כער גערעדט — וואו שטעהט ער, זאגסטו? א־א, — האט ער כלומרשט אן איבערראשטער, ווי ער וואלט איהם נור וואס דערזעהן.

א מאך געטון צו ר' איטשען מיט דער האנד און גערעדט ווייכער — גוט מארגען, ר' איטשע! זייט זשע מוחל, כ'וויל אייך עפּיס פרעגען און האט נישט קיין פאראיבעל וואס כ'בין אייך מטריח — — —

מרדכי איז בלאס געווארען. ער האט נישט געוואוסט וואו אהינצער טהון די אויגען. געציטערט, געבעטען גאט ס'זאל זיך עפענען א גרוב וואלט ער אריינגעשפרונגען. אבי נישט צוזעהן ווי דער פאטער וועט מביש מאכען ר' איטשען.

ר' איטשע האט זיך אבער נישט פערלוירען. צוגעגאנגען ווי עס וואלט זיך נישט געהאנדעלט וועגען איהם, ווי מען וואלט איהם גערופען פסק'ענען א דין. צי גלאט פרעגען אן עצה און כאטש ער האט געוואוסט אז אברהם טרייבט שפּאס, האט ער זיך פונדעסטוועגען ניט וויסענדיג געמאכט, ווי קיינמאל נארנישט, און איידער אברהם האט צייט געהאט עפּיס צו זאגען האט ער אנגעהויבען:

— יא, ר' אברהם, איהר האט געטראפען! איך האב טאקע שלעכטע מחשבות!

—זייט זשע מוחל, ר' איטשע — האט זיך אברהם פערלוירען — איך האב דאס נישט געזאגט! איך האב נור געזאגט, אז אויב א מענש לעבט אהן א ווייב, איז דער שכל מחייב אז מען דארף האבען שלעכטע מחשבות!

— מען האט טאקע, ר' אברהם — האט ר' איטשע רוהיג גע־ענטפערט — און וואס מעהר שלעכטע מחשבות דער מענש האט, וואס גרעסער די מורא ער זאל נישט זינקען, אלץ שטארקער איז די התעוררות און אלץ מעהר מסוגל איז ער אויסצוטון די גשמיות פון יעדער „מחשבה זרה" און משיג צו זיין דעם אויבערשטען — — —

— טא צו וואס דער גאנצער נסיון — האט אברהם געשמייכעלט — אז מען קען איהם אויסמיידען? ווי שטעהט דארט: „על כן יעזוב איש את אביו ואמו — — —"

— וואס זאל איך אייך זאגען? — האט ר' איטשע עטליכע מאל געקנייטשט דעם שטערען, האלטענדיג זיך פאר'ן שווארצען בערדיל — איהר האט אמאל געזעהן ווי קינדער הוידען זיך? אום זיך אויפצוהויבען

מיט דער הוידע העכער און העכער מוז מען יעדעס מאָל זיך אונטערשפּאַ־
רען מיט א פוס אן דער ערד און דאָס קינד וואָס שפּאַרט זיך נישט אָן
מיט א פוס אן דער ערד, וועט זיך איבער איהר, איבער דער ערד מיין
איך, קיינמאָל נישט אויפהויבען. מיט מענשען איז דאָס זעלבע. דער
מענש וואָס האָט נישט קיין „מחשבות־זרות", קיין שלעכטע גדאַנקען.
איז שוין אזוי טיעף געזונקען אין גשמיות, אזוי פאַרגראָבט, אז ער פיהלט
גאָר נישט, האָט קיין זאַך נישט „מתקן" צו זיין. דען וויסען זאָלט איזור,
אז אין יעדער „מחשבה זרה" איז פאַרהאַן א „ניצוץ־אלוה", א געטליכער
פונק, וואָס איז געזונקען צו זעהר א נידריגע מדרגה און בעט זיך „תקון".
און דער מענש דאַרף זיך נישט שרעקען פאַר א „מחשבה־זרה". עד דאַרף
איהר אנטקעגען געהן מיט אָפענע אורעמס, זי אויסטון א נאַקעטע, אוועק־
וואַרפען דעם מלבוש. דען נור דער לבוש איז זינדיג. און אז ער וועט זי
אויסטון, די מחשבה מיין איך, א נאַקעטע, וועט ער זיך באַהעפטען מיט'ן
„ניצוץ־אלוה" און אזוי ר'נאַך מתקן זיין צוויי זאַכען — ראשית, דער־
הייבען דעם געזונקענעם „ניצוץ" צו א העכערע מדרגה, איהם אומקערען
צו זיין שורש, איהם מתקן זיין און מיט דער מיט וואָס ער וועט מונקן
זיין דעם „ניצוץ־אלוה", וועט דעם מענש אליין אויך דערהויבען ווערען
און ווערען א שותף צום רבונו־של־עולם, איהר פאַרשטעהט?

ר' איטשע איז אויף א ווײַלע אנטשוויגען געוואָרען. די שוואַרצע
אויגען האָבען געברענט, דאָס מויל איז געווען אָפען, זיך געבעלזועלט ארום
די ווינקלען און די נאַסע קרומליכע ציינער האָבען געקוקט ווילד. ער האָט
א שאַר געטון מיט דער ווייסער האַנד איבער'ן שטערען און ווידער אָנ־
געהויבען.

— און איצט קומען מיר צו דער הוידע — וואָס שטאַרקער דו צע־
וויעגסט דיך, דאָס הייסט, וואָס טיעפער די „מחשבה־זרה" באַהערשט
דיך, כאַפּט דיך פאַר'ן גרגרת, אַלץ העכער איז דיין שטייגונג, אויב דו ביזט
די מחשבה גובר.

— זייט זשע מוחל, ר' איטשע — האָט אברהם געשמייכעלט —
הייסט עס, ווי איך האָב אייך פאַרשטאַנען, קומט אויס, אז ס'איז א מצוה
צו זינדיגען, הא, הא, הא! און ווען כ'האָב נעכטען געכאַפּט מיין זונדעל

מיט'ן פאכטערס טאכטער, האב איך איהם געדארפט טון א קניפ אין באק
— שמח בחור בילדותך, הא? — — —

ר' איטשע האט זיך מיט אמאל געענדערט. דאס פייער אין די אוי־גען האט זיך ביי איהם אויסגעלאשען, דאס בלאסע פנים איז געווארען מיעד און ארום די פארקוועטשטע ליפען איז געלעגען א פערדרוס, ווי ס'וואלט איהם באנג געטון דער גאנצער שמועס.

— איך וויל אז איהר זאלט מיך פארשטעהן! — האט ר' איטשע זיך א בייזער געטון, באלד חרטה געהאט און נאך ווייכער גערעדט, כמעט זיך געבעטען — איך מיין נישט, חס־וחלילה, אז א מענש דארף זיך אריינ־טון אין גשמיות, דארף זיך איבערגעבען דער תאוה אין די הענד אריין. כ'האב דאס נישט געזאגט! כ'האב נור געזאגט, אז אין יעדער תאוה, אין יעדער קלפה איז פארהאן א „ניצוץ־אלוה" און די פונקען בענקען צו זייער שורש, ווי קינדער צו א מאמען, שרייען מיט א שטום געשריי פון איין עק וועלט צום אנדערען, און אז עמיצער דערהערט דאס שטומע געשריי און בעפרייט דעם „ניצוץ" פון דער קלפה, צי פון דער תאוה און דערהויבט זי צו איהר ערשטער מדרגה, ווערט ער אליין אויך דערהויבען.

מרדכי האט געציטערט, געבעטען גאט אז דער פאטער זאל נישט מביש זיין ר' איטשען, געקוקט אויף איהם מיט זיינע גרויסע, גרוע אוי־גען מיט אזוי פיעל ליעבע און איבערגעגעבענקייט, ווי ער וואלט איהם געטרייסט — נעמט אייך נישט צום הארצען, רבי, איך פערשטעה אייך — — — —

— זייט איהר דאך אליין זיך סותר! — האט אברהם געשמייכעלט — מען דארף האבען אן ערגערע קלפה ווי א ווייב און איהר — — — —

— מסתמא, ר' אברהם, דארף אזוי זיין! — האט ר' איטשע איהם איבערגעריסען און אויך געשמייכעלט.

בריינע האט אריינגעשטעקט דעם קאפ אין דער טהיר.

— לאז דער בעל־הבית געהן אנבייסען! ס'עסען שטעהט שוין אויף'ן טיש!

— קומט ר' איטשע, מיר וועלען בעסער עפיס איבערבייסען! — האט אברהם זיך געריבען איין האנד אן דער צווייטער און זיך געוועג־

דעט צו מרדכי'ן — וואס ווארטסטו? שטעל זיך דאווענען, ס'איז דאך שפעט!

אז מרדכי איז געבליבען אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער, אנגעטון די תפילין, זיך געפיהלט בעליידיגט פאר ר' איטשען און נישט פערשטאנען צי וואס דער פאטער האט פערצויגען דעם גאנצען שמועס. איהם זיינען עטליכע מאל אויפ'ן זינען ארויף ר' איטשעס לעצטע ווערטער — מסתמא, ר' אברהם, דארף אזוי זיין — געווען נייגעריג וואס ר' איטשע האט דערמיט געמיינט און זיך פערטראכט.

מיט א זשומעריי איז אנגעפלויגען א ביהן, זיך אנגעקלאפט אן דער שויב פון פערמאכטען פענסטער, זיך גערעדעלט מיט צושפרייטע פליגעל איבער'ן גלאז און פער'עקשנ'ט געזוכט מיט'ן שנוק ווי ר'נאך ארייגצו־קומען אין שטוב אריין:

מרדכי האט פארלעגט די הענד אויף א הינטען, געשפרייזט אי־בער'ן חדר, געוואוסט אז ער דאווענט אהן כונה, עטליכע מאל געוואלט צונויפנעמען די געדאנקען און נישט געקענט. ער האט געהערט ווי די ביהן קלאפט אין דער שויב, איז איהם איינגעפאלען — אז ווער ווייס? טאמער שטעהט ער אויך פאר א וואנד, האפט, פונקט ווי די ביהן, זי דורכצוברעכען מיט'ן קאפ און וועט מסתמא די וואנד קיינמאל נישט אריבער. פון ענמת־נפש, וואס ער קען נישט אוועקטרייבען פון זיך די שלעכטע מחשבות, האט מרדכי מיט אמאל א קלאפ געטון אין דער וואנד אריין מיט די פויסטען, אפגעדיבען די הויט ביז צום בלוט און זיך בערר היגט.

א רוהיגער האט ער געשפרייזט איבער'ן חדר, געקוקט אין יעדען ווינ־קעלע, בעטראכט יעדע זאך, ווי ער וואלט זיך מיט אלעמען געזעגענט. ער האט בעטראכט דעם וואלענעם פרוכת וואס זיין עלטער־באבע אסתר־רבקה האט אליין געשפונען, געפארבט, אויסגעהאפטען מיט געלען באנ־וועל. ער האט זיך אפגעשטעלט פאר'ן פרוכת דורכגעוועבט מיט זילבערנע בלעטער, וואס די באבע שרה'לע האט געלאזט ברענגען פון ירושלים, געליינט אויפ'ן זוים פון פרוכת איהר נאמען, וואס זי האט אליין אויס־גענייט מיט זילבערנע פעדעם. ער האט שטיל געעפענט איין ארון־קודש'ל

נאך׳ן צווייטן, געוואוסט ווער פון זיינע יידעס און פעטערס האבן גע־לאזט שרייבן די ספרי־תורות, געשטאנען מיט א פרייד פאר די הייליג־קייטן, אויסגעפוצטע אין סאמעט און אין זילבער, ווי שעהנע כלות, און זיי געקושט.

מרדכי האט זיך פארגעסן. איינגעל־ווייז האבן די אויסגעצירטע ספרי־תורות ביי איהם אויסגעזעהן ווי גענעראלען, וואס היטען אפ זייער הויז פון וואלד גזלנים. די גענעראלען האבן געטראגען קרוינען מיט גלעקליך אויף די קעפ, אויף די ברוסטען — זילבערנע פאנצערס מיט קליינע גאלדענע ארון־קודש׳לעך, וואו די עשרת־הדברות האבן אראפ־געלויכטען, און ביי יעדען גענעראל איבער די פלייצעס האט געהאנגען א זילבערנע שפיזן — א יד מיט אן אויפגעשטעלטען פינגער.

מרדכי האט געשמייכעלט. ער האט ארויסגענומען פון א בלעכען שייטעל א האלב־קיילעכדיגען, געקארבירטען שופר פון צפת, בעטראכט די אויסגעקריצטע ווערטער — אשרי העם יודע תרועה — און צוגעשטעקט דעם שופר צו די ליפען. א תרועה האט זיך דורכגעריסען איבער׳ן חדר. מרדכי האט זיך דערשראקען, גיך בעהאלטען דעם שופר אין בלעכענעם שייטעל, דערהערט טריט און זיך ארומגעקוקט.

ביסלעכווייז האבן זיך פון די ארון־קודש׳ן, פון אלע ווינקלען, פון די טונקעלע ווענד גענומען שארען פעטערס, זיידעס, באבעס און מוהמעס און מרדכי׳ן איז היימליכער געווארען. ער האט געקוקט אויף די זילבערנע און גאלדענע לייבען מיט די ארויסגעשטעקטע צונגען, פערבויגענע עקען, וואס האבן זיך כמעט געריסען פון די פרוכת׳ן, אנגעיאגט א שרעק און געטראכט בשעת־מעשה אז נישט בחנם זיינען זיינע זיידעס כוהנים געווען — — ער האט זיך גענומען אויס׳טענה׳ען מיט זיי, ווי זיי וואל־טען קיינמאל נישט געשטארבען, געבליבען אין דער אלטער שוהל, געשפי־נען פון דור־דורות די משפחה מעשיות און איצט זיינען זיי ארויס פון

זייערע באהעלטעניישען, מיטגעגעבען דעם אייניקעל א ברכה און צוגע־זאגט איהם קיינמאל נישט צו פערלאזען. און פון אלע ווינקלען, חפצים, געזימסען, פון דער שווארצער, פעטער ערד האבען זיך געצויגען פעדים, זיך געוועבט ארום מרדכי׳ן ווי א פאנצער, אז קיין ווינד זאל איהם נישט צו־ברעכען, און תמיד וואו ער איז נור נישט געוועז, האבען די פעדים איהם געצויגען צוריק אהיים.

קאַצם

# צווייטער טהייל

## קאפיטעל 1.

## מען פאהרט צום רבי'ן.

דבורה'לע איז געשטאנען צופוסענס מרדכי'ן, געקוקט ווי ער איז געשלאפען א פרישער מיט דער לינקער האנד צוקאפענס, פונקט ווי זיין טאטע, און ס'איז איהר מיט אמאל געווארען פערדריסליך, וואס ער גראט אין גאנצען אין פאטער אריין, ווי ער וואלט נישט געוועזן איהר זוהן. דער זיידענער קאפעל האט זיך אין שלאף אראפגערוקט ביי איהם פון קאפ, געבליבען ליגען אויפ'ן קישען. דבורה'לע האט פרובירט אנטון מרדכי'ן דעם קאפעל, מורא געהאט איהם נישט איבערצואוועקען, איז זי געבליבען שטעהן מיט'ן קאפעל אין דער האנד און געטראכט אז אפילו די האר זיינען אברהמ'ס. גלייכע, שווארצע, פאלען אין די אויגען אריין ווי פאסמעס. איהרע זיינען דינע, געקרויזטע. און וואס לענגער דבורה'לע האט געקוקט אויף מרדכי'ן מיט דער פרישקייט אין די מאטע באקען, מיט דעם שמייכעל ארום די ווינקלען פון מויל, איז איהר אלץ ווארעמער גע־ווארן. איהר מוטער־הארץ האט זיך צונומען און זי האט אליין נישט געוואוסט צי זי וויינט פון פרייד, וואס האט קיין עין־הרע אויסגעהאדע־וועט אזא זוהן, צי זי וויינט וואס איהר בן־יחיד פערלאזט זי איצט. א קליינינקייט, אזא ווייטע נסיעה? קנאפע פינף מעת־לעת זיך שלעפען מיט'ן אקס! און חס ושלום, די שעה זאל נישט בע'שעה'ן, ס'טרעפט אויפ'ן וועג... זי האט נישט געוואלט קלערען דערפון, געמאכט מיט די ליפען איבער מרדכי'ס קאפ און איהם אפגעשפראכען אן עין־הרע.

ברײנע איז שטיל אַרײַן מיט אַ פֿריש געבאַקענעם קוכען. אַן אנגע־נעהמער ריח האָט אָנגעפֿולט דעם צימער, פֿערכאַפּט דעם אָטהעם.

— דאָס געבעקס איז מיר קיין עין־הרע געגראָטען — האָט ברײנע אַ גליקליכע אונטערגעטראָגען דעם קוכען דבורה׳לען, קלאַפּענדיג בשעת מעשה מיט די פֿינגער אויפֿ׳ן ברוינעם אויסגעבאַקענעם באָדעם — זײט איהר בעל־הבית׳טישי אַ מבין ווי לײַכט דאָס איז?

— טאַקע לײַכט — האָט דבורה׳לע פּראָבירט דעם קוכען אויף די שפּיץ פֿינגער — און וואָס הערט זיך, ברײנע, מיט׳ן זײַטעל־פֿלייש?

— כ׳האָב עס נאָך נעכטען אײַנגעפּעקעלט און ס׳ליגט שוין אפֿילו אין דער בריטשקע אויך!

— ביזטו דאָך טאַקע אַ בריה!

— איהר ווייסט עס איצט פֿון היינט? — האָט ברײנע צניעה׳דיג געשמייכעלט.

— הער זיך איין, ברײנע, — האָט דבורה׳לע געוויזען אויף אַ גרוי־סער לעדערנער וואַליזע, וואָס איז געלעגען נעבען בעט — כ׳גיעב איהם מיט אויף צוועלף וואָכען וועש. נו טאַקע, אַ אינגעל אין דער פֿרעמד, וואו וועט ער עס געבען צו וואַשען? וואָס זאָגסטו, ס׳וועט זיין גענוג?

— גענוג, ווי דען... ס׳איז די ויותר — —

— ברײנע, מען טאָר דאָך נישט זינדיגען — האָט דבורה׳לע צוגע־לעגט די האַנד צום האַרץ — מרדכי פֿאָהרט דאָך צום רבין, נור גלויב מיר, אַז ס׳האַרץ טוט מיר וועה, כ׳פֿיהל שוין ווי ס׳פֿעהלט מיר עפּיס אין שטוב!

— ווי דען, כ׳גלויב אייך, בעל־הבית׳טישי, איך אַליין גיעה אַרום ווי אַ נעכטיגע, ווי שוין איהר — אַ מאַמע? נור צום האַרץ נעמען דאַרף מען זיך נישט, מיר וועלען נאָך אם ירצה השם נחת דערלעבען פֿון איהם, איהר וועט זעהן!

— הלואי רבונו־של־עולם! — האָט דבורה׳לע זיך געווישט די אויגען, גענומען אין דער האַנד אַרײַן מרדכי׳ס וועסטיל און געוויזען ברײנע׳ן — זעהסט, כ׳האָב איהם דאָ אײַנגענייט פֿינף אימפּעריאַלען. כ׳ווייס, אין דער פֿרעמד, ער וועט דאָך מסתמא האָבען אַ צוגעצעהלטען גראָשען.

און בעטען ביי דער מאמען וועט ער דאך אויך נישט קענען, טא לאז ער האבען! וואס זאגסטו, הא? כ'וועל איהם גאר נישט דערצעהלען. ער וועט עס אליין אויסגעפונען, וועט עס איהם ליעבער זיין, וועט וויסען וואס א מאמע איז, דאס וועסטיל געהט ער דאך יעדען טאג, וואס זאגסטו, הא?

— כ'וויס, — האט ברײנע א קוועטש געטון מיט די אקסלען — גלייבער מען זאגט איהם, מאלע וואס... נו, וואס באלעמוטשע איך? כ'וועל א קוק טון וואס ס'געבעקס מאכט!

— איך וועל שוין א קוק טון צום געבעקס — האט דבורה'לע אפ־געזיפצט — און דו, ברײנע, פערבינד די וואליזע און עפען דעם לאדען. צייט מרדכי זאל אויפשטעהן!

ברײנע האט געעפענט ד'עם לאדען: א כוואליע ליכט האט אבגע־גאסען דעם צימער, פערגאסען אויף א רגע ברײנע'ן די אויגען און אויפ־געוועקט מרדכי'ן.

---

מרדכי האט זיך כמעט נישט געזעגענט מיט דער מוטער. זי איז גע־שטאנען די גאנצע צייט אויף דער וועראנדע מיט פערבראכענע הענד און געוויינט, געהאט אזוי פיעל צו זאגען מרדכי'ן און אז ער איז צוגעגאנגען, גענומען איהר האנד, זי געקושט און געזאגט: „בלייב געזונד, מאמע". איז דבורה'לע זיך נאך שטארקער פערגאנגען, ארומגעכאפט דעם זוהן, פארגעסען וואס זי האט איהם צו זאגען און איהם נישט אפגעלאזט.

— לאז שוין נעהמען א סוף! — האט אברהם א בייזער אפעדגענר־מען מרדכי'ן פון אונטער דבורה'לעם הענד — ער געהט דאך נישט פאר קיין זעלנער אוועק! אז דו וויינסט שוין היינט אזוי, וואס וועסטו טון אז ער וועט חתונה האבען? וויבער בלייבען ווייבער!

ער האט גענומען מרדכי'ן אונטער'ן ארעם, איהם אוועקגעפיהרט אן א זייט און איהם געגעבען די האנד:

— פאהר געזונטערהייט, מרדכי, זיי מצליח און אז ס'וועט דיר אויס־פעלען געלד, נעם ביי אונזער מחותן, ביי ר' יוסעל'ען. ער וועט דיר געבען און דער עיקר — זעה, שרייב בריעף!

דער טאטע מיט'ן זוהן האבען זיך א ווײלע אנגעקוקט, נישט ארויס־לאזענדיג איינער דעם צווייטענס האנד און יעדער איינער פון זיי האט געפיהלט אז דער צווייטער האט עפּיס נאך וואס צו זאגען. ביידע האבען מיט אמאל אראפּגעלאזט די אויגען, ווי זיי וואלטען פערשטאנען איינער דעם צווייטענס רעיונות און שטומע, נישט צופרידענע וואס זיי האבען עפּיס נישט דערזאגט, זיינען זיי זיך צעגאנגען.

א צורודערטער האט מרדכי זיך געזעגענט מיט ברײנען, מיט עטליכע פישערס. געוואלט וואס גיכער איבערקומען און אריין אין דער בריטשקע. האט פּילוט זיך פערפּלאנטערט צווישען זיינע פיס, ווי ער וואלט זיך אויך געקומען געזעגענען מיט איהם. מרדכי האט איהם אנגעכאפּט פאר דער מארדע, איהם געגלעט. בשעת־מעשה דערפיהלט אז ס'איז איהם אליין אויך א שאד אוועקצופאהרען און ווען דער פאטער אדער די מוטער וואל־טען דערמאלט געלאזט פאלען א ווארט ער זאל נישט פאהרען, וואלט ער געוויס געבליבען.

מרדכי איז אריין אין דער בריטשקע וואו ר' איטשע איז שוין גע־זעסען און מארטשין האט פאמעליך גענומען טרייבען די פערד. מרדכי האט געהערט ווי מען שרייט איהם נאך, געזעהן ווי די פישערס ציהען די היטלען, פּילוט שפּרינגט מיט א בילעריי אויף א פריהער, א פישער כאפּט איהם. האלט איהם צו פאר די אויערען און מיט אמאל האט ער זיך גע־כאפּט אז ברײנע האלט זיך אן מיט איין האנד אן דער בריטשקע, מאכט מיט דער אנדערער צו מארטשינען ער זאל פאהרען פאמעליך און טענה'ט אין איהם אריין אין וועלכען זעקיל ס'פליייש ליגט, אין וועלכען די קוכענס. און די זעקליך זאל ער נישט אוועקווארפען, זיי צוריקשיקען מיט מארטשי־נען זאל אפט שרייבען, נישט פערשאפען עגמת־נפש דער מאמען, דען אזעלכע מאמעס זיינען נישטא קיין סך! זי האט דעם זוהן איינגעניים אין ווערטיל פינף אימפּעריאלען און אז ער וועט אויסטון פרייטאג וועש. זאל ער, למען השם, עס אריינלעגען אין'ם ציבעל מיט'ן איינזאץ, דען אויף אזא שטיקעל וועש איז יעדער א בעלן. ס'איז דאך ריינער וועב! און אז מארטשין איז צוגעקומען צום שטיינערנעם פארקאן, האט ברײנע ארויס־געשלעפּט פון בוזים א לייווענטען טארבקעלע און א פערשעמטע עס אריינגעשטעקט מרדכי'ן אין דער האנד אריין:

— נא, מרדכי'לי, כ'וויים, אין דער פרעמד, וועסט האבען אויף נים. כ'בעט דיך, זאג מיר נישט אפ, אין גאנצען צעהן פוילישע גילדען — —
— וואס קוקסטו מיך אזוי אן? וועסט עס אויף מיין ווארט נעמען! נו, בעהאלט, בעהאלט כ'וועל עס אם־ירצה השם אפנעמען ביי דיר מיט פראַ־צענט — — — פאהר געזונטערהייט, גאט זאל געבען א גליקליכען וועג — — — און זי האט זיך געווענדעט צו ר' איטשען — נעמט נישט פאר־אומגוט, ר' איטשע, ס'קאן זיין כ'האב אייך נישט גוט בעהאנדעלט, זייט מיר מוחל, פאהרט געזונטערהייט און טוט למען השם אכטונג אויף מרדכי'ן — — —

— גוט, גוט, בלייבט געזונד, בריינע — האט ר' איטשע זי בערוהיגט.

בריינע האט אפגעלאזט דעם וואגען, איהם ווידער געוואלט אנכאפען, אין די בריטשקע דערוויל אפגעפאהרען און זי איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעשטרעקטע הענד און נאכגעשריען:

— פאהרט געזונד!

—א וואוילע אידענע — האט ר' איטשע ווי צו זיך גערעדט.

מרדכי האט זיך אויסגעדרעהט צו ר' איטשען. געפיהלט טרערען אין האלז און געבליבען אנטשוויגען. ער האט געקוקט ווי די פערד הייבען די עקען, ווי זיי געהען בארג ארויף, ווארפען יעדע ווייל מיט די קעפ און די בריטשקע טראגט זיך מיט א געפילדער איבער'ן אויסגעשטיינערטען וועג. וואס פיהרט פון הויז אין וואלד אריין, שפרינגט דאכט זיך פון די רעסא־רען אראפ.

די זון איז שוין געשטאנען הויך אין הימעל, געווארעמט און צוגע־זאגט אז ס'וועט זיין א הייסער טאג. די לופט איז געווען ריין און בלוי און אז מען האט זיך לאנג איינגעקוקט אין דער בלויקייט, האט עס קער־בלענדט די אויגען, איבערגעשטעלט בוימער, קוסטען און פון מאל צו מאל האט אין דער לופט א בלישטש געטון מיט טראפענס פייער. דאס האט די ווייכסעל זיך געשפיעלט, זיך געפליעסקעט, געדופען און געלאכט מיט איהרע מיליאנען אויגען, זיך געצונדען אין גרין, בלוי, פאנס, פערכאפט דעם אטהעם און זיך געוויעגט ווי צופלאסען זילבער דורכגעווארפען מיט שטיקלעך רעגענבויגען.

מארטשין האט איינגעדרעהט אויף א זאמדיגען וועג, וואס האט דורכגעשניטען דעם וואלד, ארא‍פגענומען דאס היטעל פאר דער „שטייי־נערנער פיגור“, זיך אפגע׳צלם׳ט און א פייף געטון:

— א נו, פרעסערס!

די פערד האבען א כאפ געטון די בריטשקע, לעבעדיג געלאפען איי־בער׳ן זאמדיגען וועג, וואס איז געווען בעשאטען מיט בלעטער און צווייג־לעך, פון מאל צו מאל געהירזשעט און זיך געשמיסען מיט די לאנגע עקען איבער די פולע גלאנציגע זייטען.

מרדכי האט געוואוסט אז זיי וועלען פארבייפאהרען רחל׳ס הויז. און כאטש ער איז געווען זיכער אז רחל איז ניט אין דער היים, האט ער פונדעסטוועגען געפיהלט ווי דער אטהעם ווערט ביי איהם אפגעהאקט, די קניהען ציטערען. וואס נעהענטער די בריטשקע איז צוגעקומען צום הויז, ער האט בעשלאסען נישט צו קוקען אהינצו, פערמאכען די אויגען, האט זיך, ווי אויף צו להכעיס, בשעת־מעשה דאס לינקע אויג אויסגעדרעהט און גע־קוקט.

ארום הויז איז געווען שטיל. די פענסטער צוגעמאכט. און ווען נישט די היהנער, וואס זיינען איבערגעשראקענע אנטלאפען פון מיטען וועג, וואו זיי האבען זיך געבאדען אין הייסען זאמד און די פאר קעזלעך, וואס זיינען געלעגען אין זעקלעך אויף א ברעטיל אונטער׳ן פענסטער, צוגעפרעסט מיט שווערע שטיינער און זיך געטריקענט—וואלט מען געקענט מיינען אז אין הייזעל וואהנט קיינער נישט.

א מענשישער שאטען האט זיך א שאר געטאן ארום דער סטאדעלע און איידער מרדכי האט צייט געהאט זיך איינצוקוקען איז ער נישט גע־ווארען. א פערציטערטער האט מרדכי געקוקט מיטביידע אויגען, דערזעהן דעם פאכטער אונטער דער סטאדאלע, ווי ער וואלט זיך פאר איהם בעהאל־טען. און דערפיהלט ווי מען וואלט איהם א שפיי געטון אין פנים. ער האט פארביסען די ליפען און א טראכט געטון: אז ווער ווייס? טאמער איז רחל שוין צוריקגעקומען. ליגט פערשלאסען אין איהר חדר, ווײנט זיך די אויגען אויס, ווארט ער זאל נאך איהר קומען — — ער האט דאך געשוואוירען, איהר צוגעזאגט — — אט דא, אין דעם פענסטער — — דאכט זיך, מען

קוקט ארויס — — רחל? ער פיהלט ווי ס׳בלוט זעצט איהם אין קאפּ אריין. דאכט זיך, מען רופט איהם — — — הא? ער דארף נור אויס־שמועסען די האנד און רחל איז זיינע. ער דארף נור עפענען ס׳מויל און מארטשין וועט זיך אפּשטעלען. וועד האלט איהם צו ס׳מויל? ווער האלט איהם פאר דער האנד? רחל! רחל! ווי ער שרייט, וואס פארע קולות ער מאכט און קיינער הערט נישט. ווי ס׳וואלטע פערוואקסען געווארען ביי אלע די אויערען — — —

מרדכי האט געפיהלט ווי דאס הארץ בלוטיגט ביי איהם און ווען ער וואלט זיך נישט געשעמט פאר ר׳ איטשען, וואלט ער זיך פונאנדערגע־וויינט. עס האט אבער לאנג נישט אנגעהאלטען. אלץ ארום האט שטיל גע־זונגען, געאטהעמט מיט לעבען און מרדכי איז געווען יונג, איז גענוג געווען אז א מחנה זונען־פליטערלעך זאלען איהם בעפאלען. ער זאל זיך פארגע־סען. ער האט געזשמורעט מיט די אויגען, זיך אויסבעהאלטען פון די זונען־פליטערלעך און געזעהן ווי רחל קומט ארויס אז אפּגעשאטענע מיט ווייסע בלומען אין די שווארצע האר. זי האלט זיך פאר׳ן קורצען אונטערקליידעל. קוקט איהם אן מיט גרויסע, דאכט זיך קורצזיכטיגע און אין דער זעלבער צייט אזעלכע טיעפע, אויגען — האט ער מעהר נישט געקענט איינזיצען אין דער ברישקע, אראפּגעשפּרונגען, געפיהלט איהרע האר, איהר לייב — — —

— שעם זיך, האסט מיך אזוי לאנג געלאזט ווארטען — — אלע אין שטוב האבען זיך געריסען מיט מיר, געזאגט אז דו וועסט קיינמאל נישט קומען — — און איך האב אזוי געוויינט — — זעהסט ווי מיינע אויגען זיינען פערוויינט? געה, ביזט א שלעכטער!

מרדכי האט זיך א טרייסעל געטון און זיך ארומגעקוקט. מארטשין האט אפּגעשטעלט די פערד. פון דער לאנקע איז אנגעלאפען וואצעק א באר־וויסער, אהן א היטעל. ער האט געקנאלט מיט דער בייטש און דער בלינ־דער אויף איין אויג בורעק איז געלאפען אויף א פריהער.

וואצעק האט נישט געוואוסט וואס ער האט צו טון, זאל ער א קוש טון דעם יונגען „פאן" אין דער האנד אריין, האט ער זיך עפּעס געשעמט. פארט צוזאמען געוואקסען און זיך תמיד מיט איהם געשפּיעלט און וואס

צו זאגנו האט ער אויך נישט געוואוסט, איז ער געבליבן שטעהן און נאריש געשמייכעלט.

— וואס האסטו זיך אוועקגעשטעלט ווי א דראנג, בהמה דו? — האט דער פאטער זיך א בייזער געטון — אז דאס זעהט קיין מענש נישט, וואקסט ווילד ווי א חיה. קען ס'מויל נישט עפענען! וואס שטעהסטו. וואס? מעלקען וועט מען א קוה, נישט דיך! גיב א קוש דעם פאן און געה צו די בהמות. קוס, וואו די רויטע קוה איז שוין!

מרדכי האט זיך נישט נעלאזט א קוש טון, איבערגעלאזט וואצעקען לעצט־געלד, זיך ארויסגעבויגען פון דער בריטשקע, איהם א קלאפ געטון איבער דער פלייצע, האבען זיי נישט ווילענדיג זיך צוקושט אוןביידע האבען זיך שטארק פארשעמט.

מארטשין האט א יאג געטון די פערד, מכבד געווען די רויטע קוה. וואס איז ארויס אויף'ן וועג, מיט דער בייטש און דער בלינדער בורעס האט זי שוין געטריבען מיט א בילעריי צוריק אויף דער לאנקע.

דער וועג איז געווען לעדיג, זיך געצויגען אין די טונקעלע וועלדער אריין. די פערד זיינען אריין אין וואלד, זיך צוהירזשעט, ווי זיי וואלטען א לאלטע טרונק וואסער געטון, שטארקער געשמיסען מיט די עקען איבער די זייטען און זיך געטראגען אפערווארפענדיג מיט די קאפיטעס שטיקער ווייכע ערד מיט מאך. ס'איז געווארען קיהלער. פון ביידע זייטען וועג האט זיך געצויגען אן אלטער, געדיכטער וואלד. די בוימער זיינען געווען אזוי פערצווייגט און צוואקסען אז די צווייגען פון ביידע זייטען וועג האבען זיך כמעט אנגעריהרט, נישט צוגעלאזט די זון און זיך געפלאכטען איבער'ן וועג ווי א געוועלב. די זון האט זיך ערטערווייז פער'גנב'עט, זיך דורכגעבראכען א וועג און טיעף אין וואלד האבען זילבערנע זיילען פליע־נעלעך, זיך געוויענט, זיך אויפגעהויבען איבער די בוימער.

עס איז געווען שטיל, קיהל. דאס קלאפען פון די קאפיטעס איז גע־ווארען בולטער און די פייכטע ערד איז זיך צולאפען און געפידעלט אונ־טער' די קלעפ ווי גוט אויסגעקנאטען טייג. ווען נים ווען האט זיך א פויגעל צושריען. און פון וואלד, פון אלע באשעפענישען וואס אין איהם האט זיך נעטראגען א שטיל זשומעריי, וואס האט נישט געלאזט טראכטען, גע־שלעפערט און גערוישט אין די אויערן, ווי ים־שקעטעלעך.

די שטילקייט אין מארטשינעו געקראכען אין די ביינער. האט ער אפגעלאזט די לייטשעו און זיך צעוויינט אויף דער קעלניע. בארג ארויף האבען די פערד גענומען געהן פאמעליכער. דרעמעלנדיג האט מארטשין געפיהלט אז די פערד שלעפען זיך. פון געוואוינהייט א שמיץ געטון מיט דער בייטש איבער זייערע קעפ, א בורטשע געטון — אנו, פרעסערס! — און זיך צוריק צעוויינט.

אויף׳ן בערגיל הינטער א פערטרוקענטען דעמב, וואו א בלעכענער, אבגעריבענער צלם האט געהאנגען, האט געקניעט א בעטלער מיט א גרוען בעוואקסענעם קאפ און תפלה געטון. איבער׳ן צלם אויף א נאקעטער צווייג איז געשטאנען א שווארצע ווארנע מיט צושפרייטע פליגעל, דעם שנאבעל פערווארפען, געקראקעט, ווי זי וואלט מיט א שלעכטער בשורה געוועקט די פינסטערע כוחות פון אלטען וואלד, געוואלט פער־שרייען דעם גרייז׳ס שטילע תפלה.

אויף איהר קראקען האבען ווארנעס געענטפערט פון אלע זייטען, גענומען קלאפען מיט די פליגעל און א מחנה ווי א דריי־עק האט זיך אראפגעלאזט אין מיטען וועג און אויסגעזעהען פון דערווייטענס ווי א גרויסער, שווארצער פליגעל.

פון געשריי איז מארטשין אויפגעקומען, גענומען טרייבען די פערד, צויאגט מיט דער בייטש די ווראנעס און א בייזער אויסגעשפינען:

—פערשאלטענע נשמות!

עס איז צוריק שטיל געווארען. דער וועג האט זיך געצויגען בארג־ארויף, בארג־אראפ און צוריק בארג־ארויף. מרדכי האט געוואלט טראכטען וועגען רחל׳ען. וועגען די עלטערען, וועגען קאצק, נישט געקענט, האט ער פון לאנגווייליגקייט, ווי א איינגעל, זיך אויסגעזוכט, ווי וויית ס׳אויג האט געקענט כאפען, דעם ווייטסטען בארג־ארויף און גענומען צעהלען ווי לאנג ס׳וועט נעהמען ביז די בריטשקע זאל דארט אהינקומען. און וואס נעהענ־טער די בריטשקע איז צוגעקומען, איז דער בארג־ארויף אלץ קלענער גע־ווארען, ביז ער האט זיך אין גאנצען אויסגעגלייכט מיט דער ערד. מרדכי׳ן האט באנג געטון, ווי ער וואלט עפיס אנגעווארען. אויף דאס נייע אויפגע־זוכט דעם ווייטסטען בארג־ארויף און געווען זיכער אז איצט וועט ער

איהם שוין נישט פארלירען. עס איז איהם אבער גיך דערעסען געווארען.
ער האט זיך געדרעהט אויף'ן געזעס און מיט אמאל א צאפעל געטון:

ס'איז דאך א פויגעל! — האט איהם ר' איטשע בערוהיגט.

א פויגעל האט זיך האסטיג ארויפגעלאזט פון א בוים, אנגעפלויגען אויף דער בריטשקע ווי א שטיין. האט מרדכי א פערטראכטער זיך א טרייסעל געטון. ארויפגעלאזט דעם קאפ, ווי ער וואלט געוואלט דעם שטיין אויסמיידען.

די בריטשקע איז ארויס פון וואלד און ס'איז ליכטיגער געווארען אין די אויגען. פון ביידע זייטען פעלד האבען זיך געצויגען בעוואקסענע פעלדער, ווי קאלירטע שטיקער לייווענט. מארטשין האט זיך איבערגע־צויגען, ארויסגענומען א שקעטעלע געמאכט פון קארע, געטון א גוטען שניף טאבעק און זיך צונאסען.

— דאנקען גאט, א גערעטעניש היינטיגעס יאהר! — האט מאר־טשין זיך אויסגעדרעהט צו מרדכי'ן און געוויזען אויף די פעלדער — נור ווייסען, פאניע. קען מען נישט! וואס איז געווען פאריאהרען? צוויי וואכען פאר'ן שניט איז אלץ פארברענט געווארען. גאט זאל אויסהיטען. מענשען האבען זיך שוין גענוג אנגעליטען הונגער — —

פאסמעס קארן האבען פערכאפט דאס אויג, געקרייצט די פעלדער, זיך געפאלדעוועט, געבויגען די געלע קעפלעך. די נור וואס צובליהטע זאנ־גען זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט קליינע בלימעלעך ווי מיט קרוינען. א היים, שטיל ווינטעל האט קוים א בלאז געטון — האבען די זאנגען זיך צעוויגט, אנגעלאפען אויף די זאמדיגע פעלדער, ווי א ים, און מיטגע־בראכט דעם ריח פון גרויפען, פון פריש ברויט. די ריחות האבען גע־האנ־גען איבער די פעלדער ווי א שטויביגער נעבעל, געקרעלט אין האלז. די גריקע האט געבליהט אין ווייסען, ווי מיט דינע שנעעלעך אפגעשאטען. איבער די זאנגען איז געהאנגען א פויגעל, זיך פערגאנגען, זיך אויסגע־מישט מיט'ן שטילען רויש פון דעם קארן און געשלעפערט.

דא און דארט האט זיך א ברייטביינערדיגער פויער אין מיטען דער לאנקע אויפגעשטעלט, זיך אנגעשפארט אז דער בלאנקענדער קאסע, אפ־געווישט מיט'ן לייווענטען העמד דאס פארשוויצטע פנים, ארויפגערוקט

דעם ברייטען. שטרויענעם קאפעליוש און זיך איינגעקוקט ווער ס'פאהרט. דער פויער האט זיך בעגריסט. נאכגעקוקט די פרעמדע אין דער בריטשקע. ווי ער וואלט מיטגעשיקט אין דער ווייטער שטאדט אריין א גערוס, גע־זעהן ווי זיי פערשוואונדען אין א וואלקען שטויב, און א פערטראכטער האט ער זיך ווידער מיט די ארעמס צעווינט, געקלימפערט מיט דער קאסע.

מארטשין האט איינגעדרעהט. דער וועג איז געלאפען אן א זייט, גע־ווארען אלץ ברייטער און זאמדיגער און וואס מעהר ער האט זיך דערוויי־טערט פון ישוב, אלץ ווייניגער האבען זיך געזעהן תבואות. בלויז קופקעס גראז, וואס וואקסען אויף זומפען, האבען זיך געווארפען אין די אויגען. די קופקעס זיינען געווארען געדיכטער, געווען באדעקט מיט רויר־שטעקע־לעך און „טאטארניק". און ווי ווייט ס'אויג האט געקענט כאפען, האבען זיך געצויגען נאסע לאנקעס, אזש שווארץ פון נאסקייט, און געפונקעלט אונטער דער זון ווי שויבען.

עס איז געווארען מיט א מאל אזוי שטיל, ווי אלץ וואלט אויסגע־שטארבען, ווי דער קלענסטער קלאנג וואלט צושווימען אין דער פייכטער לופט. אז אומעט איז געלעגען איבער די ברייטע, צופארעטע פעלדער, אפערגעקוקט פון אונטער דעם איינציגען, צוקרומטען בוים, ווי ער וואלט א געלעמטער געבליבען שטעקען אין די זומפען.

פון הינטער א בינטעל רויר־שטעקעלעך האט זיך אויפגעהויבען א ווילדע קאטשקע, געבליבען א רגע הענגען אין די לופטען, ווי זי וואלט עפיס אויסגעקוקט, געפאטשט מיט די פליגעל און נידריג זיך געטראגען איבער דער לאנקע.

בארג ארויף פון ביידע זייטען וועג זיינען געשטאנען עטליכע קא־לופקעס געדעקט מיט שטרוי. א גרוער הונד איז בעפאלען די בריטשקע. עטליכע ביל געטון און אנטשווייגען געווארען. בלייכע צושויבערטע קינדער מיט רויטע אויגען, וואס זיינען געזעסען אין מיטען זאמדיגען וועג ארום א פרזעהעניש מיט א קאפ ווי א גרויסער ארבוז, זיינען אויפגעשפרונגען, איבערגעלאזט די קאליקע און זיך צושאטען אין אלע זייטען ווי איבערגע־שראקענע חיה'לעך.

מארטשין האט אפגעשטעלט די בריטשקע און א געשריי געטון צו דער קאליקע:

— וואס זיצסטו, וואס, ווי א הוהן אויף אייער? לאז דורכפאהרען!

— דו זעהסט נישט, מענש דו, אז כ'בין פערשאלטען — האט דאס פערזעהעניש געענטפערט מיט א טעמפ קול, ווי ס'וואלט געקומען פון אונ־טער דער ערד ארויס — אט זיץ איך מיר אין הייסען זאמד, ווארעם די פיס, ווערט מיר לייכטער — — —

דער גרויסער קאלטונעוואטער קאפ איז געזעסען ביז אין דער העלפט אין זאמד, ווי ער וואלט ארויסגעוואקסען פון דער ערד, געווען צוגעבונדען מיט'ן נאפעל צו איהר, ארייגעזויגען די פייכטקייט פון די שטעהענדע, פערדימפעסטע וואסערען וואס ארום און אלץ אין איהם האט דאכט זיך געשריען: זעה, כ'בין די קללה פון די זומפען!

ר' איטשע איז אראפ פון דער בריטשקע, ארויפגעלעגט זיין האנד דער קאליקע אויף'ן קאפ און איהם געפרעגט:

— ווי לאנג ביזטו שוין קראנק?

די קינדער וואס זיינען זיך צולאפען, האבען בישלעכווייז זיך צוגע־רוקט, געווארען דרייסטער און גענומען ענטפערען פאר דער קאליקע:

— ער איז אזוי געבארען געווארען!

— די אלטע קראיעסקא, וואס וואהנט אויף די זומפען, האט איהם פערשאלטען!

— זי איז א „טשאראווניצע"!

— זיין שוועסטער קראקעט אויך ווי א ווראנע!

דאס פארזעהעניש האט געעפענט דאס מויל, געשמייכעלט מיט'ן לבנה־פנים, ווי ס'וואלט איהם הנאה געטון וואס אלע אינטערעסירען זיך מיט איהם און מיט א מאל האט ער אנגעכאפט א שייגעצעל פאר א פוס, ארויסגעבלעקט א צונג און זיך צולאכט.

ר' איטשע האט צוגערופען מרדכי'ן, ביידע האבען דעם קראנקען שייגעץ אויפגעהויבען, איהם אוועקגעפיהרט אן א זייט ביז די בריטשקע איז דורך און איהם צוריין אוועקגעזעצט אין זאמד. ר' איטשע האט דעם קראנקען איבערגעלאזט א קופערנעם דרייער, איהם געגלעט איבער'ן

קאפ. געוואונשען אז גאט זאל איהם העלפען און אריין מיט מרדכי'ן אין דער ברימשקע.

מארטשין האט געלאזט לויפען די פערד. אליין האט ער זיך אויס־געדרעהט צו זיינע פאסאזשירען, זיי געוויזען אויף א הייזעל, וואס איז געשטאנען אויף א קליינע קעמפע אין מיטען די זומפען און אויסגעזעהן פון דער ווייטענס ווי א צופאלענע סוכה.

— אט דארט וואוינט זי?

— ווער? — האט ר' איטשע געפרעגט.

— די קראיעסקיו, די מכשפה! זי וואוינט מיט'ן טייפעל, פאניע! דער פאן גלויבט נישט? די גאנצע וועלט וויים עס! פויערים האבען זי געזעהען געהן מיט'ן טייפעל. זיי האבען איהם באלד דערקענט — געווען דאר ווי א כארט און גערדרעהט מיט'ן עק ווי א מאלפע.

— און אין „קאשטשאל“ אריין געהט זי? — האט מרדכי געפרעגט.

— פאניע, זי קומט צו מאל נישט אין א דארף אריין וואו ס'איז דא א „קאשטשאל“. אז ביי טאג געהט זי זעלטען ווען ארויס. דערפאר ביי נאכט, פאניע, וואס דארט טוט זיך אפ, אז ס'איז א שאנדע צו דערצעה־לען! זי האט דאך דעם גאנצען געגענד פערשאלטען. נישטא קיין איין הויז אויף די זומפען. ס'זאל נישט געבוירען ווערען א קינד מיט א קאלטון.

— טא פארוואס טרייבען זי די פוערים נישט ארויס פון דאנען? — האט מרדכי ווידער געפרעגט.

— בא — — — —

מארטשין האט נישט דערהערט. זיך אויסגעדרעהט, אויסגעשפיגען און גענומען טרייבען די פערד.

האזען וואס זיינען געזעסען ביים וועג אויף קופקעס גראז און זיך איינגעהערט, האבען אומגעלעגט די אויפגעשטעלטע אויערען און איבער־געשראקענע זיך אוועקגעלאזט איבער די פעלדער.

מרדכי האט געקוקט אויף די צופארעטע לאנקעס, אויפ'ן שטיבעל וואס איז געשטאנען פער'חשב'ט אין מיטען פעלד, ווי ס'וואלט איבער־געריסען די שטילקייט פון די ברייטעפעלדער, אז אומעטיגער אראפ־געלאזט דעם קאפ און געפיהלט ווי דער שלאף קריכט אין די אויגען.

פארטאג זיינען זיי אנגעקומען נאך פראגע און זיך אבגעשטעלט אין א „זאיאזד“. דער „זאיאזד“ איז געווען געפאקט מיט פוהרען. בריטשקעס און קאטשען. אויף די פוהרען זיינען געלעגען פויערים מיט די פנים'ער ארויף און געכראפעט. ארום די ווענד ביי די קאריטעס זיי־נען געלעגען אויף שטרוי פערד און געארבייט מיט די בייכער ווי מיט בלאז־זעק. אנדערע האבען געגריזשעט די קאריטעס. אפערגעווארפען די הינטערשטע פיס און געהירזשעט. אין מיטען „זאיאזד“ אויף א לאנ־גע, פעראסטעטע קייט האט געהאנגען א לאמטערנע, וואו א דיק חלב'ן ליכט האט געקאפטשעט און קוים בעלויכטען די געביידע. ביים ארויס־פאהר איז א ווינקעל איז געשטאנען אן אלטע מיט מאך בעוואקסענע ברונע, וואו דאס וואסער האט געשלאגען ביז צום ראנד. דאס שווארצע לאך פון דער ברונע האט ארויסגעקוקט פון דעם האלב־פינסטערען ווינ־קעל און אויסגעזעהן פון דערווייטענס ווי אן אויסגעהאקט אויג.

מארטשין האט אויסגעשפאנט די פערד, זיי געגעבען א טרונק, איינגעשיט האבער און אריין מיט זיינע פאסאזשירען צום בעל־הבית. דער בעל־הבית האט געוואוינט אין א גרויסע פיער־עקיגע שטוב. אין שטוב זיינען געשטאנען צוויי בעטען אויסגעשטעלט ווי א דלת, אין וועלכע די איינגענטימער פון „זאיאזד“ זיינען געשלאפען. אין ערשטען בעט איז געלעגען אן אלטער איד מיט א גרויע בארד, אין צווייטען — אן עלטערע אידענע אין א ווייסע שלאף־קופקע ביז איבער די אויגען. צוקאפ־פענס איז געלעגען א שווארצע קאץ. פון דעם בעט האט זיך געטראגען א משונה'דיג וואורטשען און עס איז שווער געווען צו זאגען פון וואנען דאס קומט — צי פון דער אידענע, צי פון דער קאץ.

אויף דער פאדלאגע זיינען געלעגען פויערים אין די קליידער און געשנארכט. א גרויסער ציגעל־אויווען האט פערנומען כמעט א דריטעל פון דער שטוב. אויפ'ן אויווען ארום א גרויסען אייזערנעם טאפ האט זיך געטאפיעט א פייעריל. די ווענד זיינען געווען בעהאנגען מיט שפאדלעס, ווידלעס, העק, זעגען און א צעהנדליג פערשיעדענע בייטשען. אין א ווינקעל נעבען א פאליצע מיט אפגעשארט קופער האט געהאנגען א קליין מצה'לע אויף ווייס בענדיל. די ווענד, די פאדלאגע, די בעטען

זיינען געווען באלעגט מיט פליעגען, ווי איבערגעדעקט מיט שווארצע פלאכטעס.

אין שטוב איז געווען דושנע, געשמעקט מיט רויך און פויערשע מאכארקע, האט שטארק געקרעלט אין האלז.

דער אייגענטהימער איז באלד אויפגעקומען, בעטראכט די פאסא־זשירען, זיי געהייסען אריינלעגען די זאכען אין א גרויסען הילצערנעם קאסטען און געוויזען מיט א גראבען פינגער אויפ'ן טאפ וואס איז גע־שטאנען אויף דער קיך:

— איהר ווילט אפשר א גלעזעל טהעע?

ר' איטשע האט נישט געענטפערט און זיך געפרעגט ביים איד:

— א בית־המדרש איז ווייט פון דאנען?

— נישט ווייט. ווארט אויס א מינוט — האט דער איד זיך גענומען אנטון — כ'געה אויך.

אין גאס איז נאך געווען שטיל. פון יענער זייט בריק האט זיך שוין געטראגען א ווייט גערויש — דאס האט זיך ווארשע געוועקט. פון א זייטיג געסיל איז געקומען אנצופאהרען א פאכטער מיט מילכיגס. באלד האבען זיך גענומען ארויסרוקען פון הויפען ווייבער, מיידלעך. כמעט אלע אין רויטע, געשטרייפטע אונטער־קליידער, מיט נישט פער־קנעפעלטע שיך, צושויבערטע האר — אפנים נור וואס פון די בעטען ארויס. זיי זיינען בעפאלען דעם פאכטער ווי א מחנה ביהנען. טהייל מיט קריגלעך, אנדערע מיט פענדלעך, זיינען געקראכען אויף די רעדער, אויפ'ן וואגען, אויסגעשטרעקט די הענד, געשריען, געליארעמט:

— מילך, קעז, פוטער!

דער פאכטער האט געטריבען די ווייבער פון זיך, געשאלטען, גע־שלאגען איבער די הענד — נור ווער האט איהם געהערט.

א מגושמ'דיגער איד איז געלאפען פון בית־המדרש מיט'ן טלית־זאק אונטער'ן ארעם. ער האט אויפ'ן וועג געקויפט ביי א שטעל א בינטעל ציבעלעס און א צופריעדענער געשפאנט אהיים — אפנים גע־קלערט וועגען דער שיסעל קארטאפעל מיט שטשאוו וואס זיין ווייב האט

איהם אנגעגרייט אויפ'ן טיש, ווי ער וועט דאס איינבראקען די ציבע־לעס אין דער סמעטענע און אריינבמאליען אז א רויך וועט געהן.

פאר'ן בית־המדרש איז געשטאנען א איד אין א פאר ווייסע לייוו־ענטענע הויזען, אין א פארמעהלט העמד, ווי אז אויסגעבאקענער, גע־שטאנען איבער צוויי קוישען מיט אייער־קיכלעך.

דער אבגעדראווענטער עולם איז געבליבען שטעהן אין פעדער־הויז ביי אז אפענער ספרים־אלמער, וואו דער שמש מיט א פלאש בראנפען אין דער האנד, דעם פראפען אין מויל, האט פערקויפט וועמען פאר מזומן, וועמען אויף בארג א שנאפס. דער עולם האט צוכאפט די פרישע אייער־קיכלעך ווי מצה־וואסער, זיי פערביסען נאכ'ן שנאפס און זיך גע־איילט אהיים.

— נישט בחנם זאגט מען ווארשעווער פרעסערס! — האט דער איד פון דער אכסניא זיך צולאכט צו ר' איטשען.

דאס ב"ת־המדרש איז געווען געפאקט. מען האט געשפרייזט אין די טליתים, אין די תפילין. טהייל מיט פעריסענע קעפ, פערוואָרפעניע הענד, אנדערע האבען אריבערגעווארפען די טליתים איבער די פנימ'ער, געקלאפט מיט די הענד אן די גלאנציגע אבגעריבענע ווענד, זיך אויסגע־טענה'ט מיט'ן רבונו־של־עולם אויף פערשיעדענע אופנים, יעדער אויף זיין שטייגער. ארום די וועגד ביי ברייטע דעמבאווע טישען זיינען גע־זעסען איבער גמרא'עס יונגע־לייט, בחורים, אינגלעך מיט ערנסטע פנימ'ער, זיך פערגאנגען מיט א בענקשאפט, געלערענט מיט התמדה.

די געשרייען פון די אידען וואס האבען זיך אויף א ווילע געוואלט בעפרייען פון דאגת־פרנסה, זיך אבשאקלען פון דער וואכעדיגקייט פאר'ן רבונו־של־עולם, זייער זיפצען, זייער פאטשען אין די הענד, דאס שטילע פארבענקטע געזאנג פון די יונגע־לייט וואס איבער די גמראות, דאס אלץ האט זיך געטראגען איבער'ן בית־המדרש ווי א וועה־געשריי, בלויז איבערגעריסען געווארען ביים אויוועז, וואו שנארערס זיינען געזעסען מיט אויסגעוויקעלטע פאפיראסען, זיך געקריגט פון נישט האבען וואס צו טון, זיך געשאלטען און בארעדט די גאנצע וועלט.

ר׳ איטשע האט גיך, ווי זיין שטייגער, אבגעדראוונט, ארייגגעמאכט די הענד אין די ארבעל און א פער׳מח׳טער געגומען שפרייזען איבער׳ן בית־המדרש.ביים אויוועז האט ער זיך אבגעשטעלט. א שלעכטער ריח האט איהם א שלאג געטהאן אין פנים אריין, אז ס׳איז איהם אזש נישט גוט געווארען. ר׳ איטשע האט אהינטערגעקוקט הינטער׳ן אויוועז. אויף א צוריבענעם זאק מיט שטרוי איז געלעגען אן עלטערער איד און געקרעכצט. דער ארומיגער עולם האט איהם דערצעהלט, אז דער קראנ־קער איז א פרעמדער, אן אורח, קומט ערגיץ פון דער ליטא, ליגט שוין דא איבער א וואך, טוט אלץ אונטער זיך און ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל איהם איבערבעטען.

— וואס הייסט ס׳איז נישטא? — האט ר׳ איטשע זיך געוואונ־דערט — און איהר? איהר זייט דאך אויך אידען! ווי לאזט מען דאס ליגען אזוי א קראנקען?

— וואס דרשנ׳ט ער? — האט א שנארער געלאזט פאלען צווישען דער חברה א ווארט.

— מסתמא א מגיד! — האט א צווייטער אונטערגעכאפט.

— פעטער, איהר קענט האבען ס׳פערגעניגען — האט א שנארער, בלינד אויף איין אויג, איינגערוימט ר׳ איטשען אין אויער — ווען מאכט זיך נאך אזא מצוה?

א בארוויסער איגגעל וואס איז געשטאנען צווישען דער חברה האט שוין געהאט צוגויפגעדרעהט א שמאטע און זי געוואלט פון דער זייט א לאז טון ר׳ איטשען אין קאפ אריין, האט פונקט דעמאלט ר׳ איטשע זיך אויסגעדרעהט און צוגערופען מרדכי׳ן:

— הער זיך איין, מען דארף קריגען א טאפ מיט א באליע. טאקע באלד. מיר וועלען מאכען אין אויוועז א פייער און אנווארמען ס׳וואסער. איבריגענס, גיב דעם שמש א פאר גראשען וועט ער אלץ בעזארגען!

די שנארערס האבען זיך איבערגעקוקט, געזעהן, אז דאס איז נישט קיין מגיד און יעדער פון זיי איז געווען וויליג צו ברענגען א טאפ מיט א באליע.

זיי האבנ גענומענ קאנקורירנ איינער מיט'נ צווייטנ, זיך גע־קריגט, געלאזט אלץ ביליגער, ביז איינער, נאך גאר א יונגער, האט אלע־מענ אבגעטונ און זיך אונטערגענומענ צו ברענגענ אלץ אומזיסט.

אז דאס וואסער האט זיך אנגעווארעמט, האט ר' איטשע איינער אליינ אויסגעטונ דעמ קראנקנ, איהמ ארייגגעזעצט אין דער באליע און איהמ גענומענ ארומוואשענ.

אין בית־המדרש איז מיט אמאל געווארנ שטיל. אלע זיינענ אויפ־געשפרונגענ פונ די פלעצער, ארומגערינגעלט דעמ אויוונ, געקוקט ווי ר' איטשע וואשט דעמ קראנקנ. כמעט אלע האבנ זיך געהאלטענ פאר די נעז, אזוי שווער איז געווענ די לופט, געשטאנענ און זיך געוואונדערט ווי דער פרעמדער איז אויפגערוימט, פארעט זיך ארומ דעמ חולה, אטהעמט אריינ דעמ שלעכטנ ריח און טוט צומאל קיינ קרומ נישט מיט'נ פנימ.

ר' איטשע האט זיך פאר אלע אין די אויגענ אויסגעטונ, ווי קיינער וואלט נישט געשטאנענ ארומ, אראבגענומענ פונ זיך דאס העמד, די גאטקעס, זיי אנגעטונ דעמ חולה, איהמ געבענשט, אויסגעשאקעלט אלע געלד פונ די קעשענעס, זיי אוועקגעגעבנ דעמ קראנקנ און זיך גענומענ אנטונ.

דער עולמ איז געשטאנענ פערגאפט, זיך נישט געגלויבט און איינ־ציגווייז איז יעדער צוגעגאנגענ צו מרדכי'נ:

— ס'איז דיינ פאטער.

אלע האבנ געקוקט אויף ר' איטשעס מאטענ פנימ, אויפ'נ שוואר־צענ בערדיל מיט די ווייסע קרומליכע ציינער, געזעהנ דעמ שטילענ שמיי־כעל ארומ די ליפענ, געזעהנ ווי די גרויסע, שווארצע אויגענ קוקענ מיט אזוי פיעל רחמנות — האט יעדער א ציטער געטונ, ווי ער וואלט איהמ דערקענט, כאטש קיינער האט איהמ קיינמאל נישט געזעהנ.

ר'איטשע האט זיך שוינ געהאט אנגעטונ, געזוכט מיט די אויגענ מרדכי'נ, געוואלט וואס שנעלער ארויס פונ בית־המדרש, זיינ אליינ, איז פונקט דעמאלט ארייגגעקומענ א נידריג אידעל, זיך איינגעקוקט אין ר'

איטשען, זיך גענומען דורכשטופען מיט די עלנבויגענס צווישען עולם און זיך צושריען:

— ס'איז דאך ר' איטשע!

דער עולם, וואס האט איצט געוואוסט וועגען ר' איטשען פונקט אזוי פיעל ווי פריהער, האט מעהר נישט געדארפט. דער עולם האט זיך א לאז געטון צו ר' איטשען, איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, געגעבען שלום, איבערגעבעטען, אנגעריהרט זיינע קליידער. ר' איטשע האט זיך פון דער ערשטער מינוט ווי פערלוירען, געבעטען מיט די אויגען מען זאל איהם צורוה לאזען און ביסלעכווייז זיך בערוהיגט.

מרדכי האט קיין אויג נישט אראבגעלאזט פון איהם, געזעהן ווי ר' איטשע שטעהט צווישען עולם א צושטראהלטער, מיט אזוי פיעל ליעבע אין די שווארצע אויגען, גיט שלום, בענשט און דער עולם קוקענדיג אויף איהם האט פארגעסען אז דער וואכעדיגקייט און זייערע פערחשכ'דיגע פנים'ער האבען זיך גענומען לאטערען.

ר' איטשע איז מיט אמאל צוגעגאנגען צו מרדכי'ן, ארויפגעלעגט אויף איהם א האנד:

— קום, מרדכי, מיר מוזען שוין פאהרען, אבער באלד! דער עולם ווערט צו גרויס. קום!

---

נאך מיטאג האט מרדכי אהיימגעשיקט מארטשינען, געדונגען א בויד נאך קאצק און זיי זיינען ווייטער געפאהרען. מרדכי איז געווען פערטון מיט זיך. ער האט זיך כמעט נישט ארומגעקוקט וואו ער פאהרט. בלויז געטראכט וועגען ר'איטשען. ער האט אפילו נישט באמערקט ווי די בויד האט זיך יעדע ווילע אבגעשעטלט, אויפגענומען יעדעס מאל אנאנדערען איד — די אידען וואס שלעפען זיך מיט טלית און תפילין איבער פוילישע וועגען, לאזען איבער ווייב מיט קינדער, געהען צו פוס פון אייז עק פוילען צום צווייטען, געהען צום רבי'ן.

די פערד זיינען האסטיג געלאפען, געשיקט פאראויס בערג מיט שטויב. די בויד האט געסקריפעט. דער קובעל וואס האט געהאנגען צווי-

שען די הינטערשטע רעדער האט געקלאפט. א חסיד האט אנגעהויבען א זמר'ל. דער עולם האט אונטערגעכאפט, מיטגעזונגען, געגומען בשעת מעשה א שנאפס און עס האט זיך געפיהלט אז מען פאהרט צום רבי'ן.

מרדכי איז געזעסען אז א זייט, געפיהלט אז אפילו אזא קלייניג־קייט ווי ארומצעוואשען א קראנקען וואלט ער קיינמאל נישט געקאנט טוהן. ער האט זיך דערמאנט, וויאלע זיינען געשטאנען, זיך צוגעהאלטען די נעז. ער אליין האט דעם אטהעם נישט געקענט כאפען, און ר' איטשע האט זיך צומאלט קיין קרום געטוהן, ארייננעעטהעמט דעם שלעכטען ריח און געוויזען אז א מענש דארף זיך קענען אויסטוהן פון דער וועלט. ער האט בעשלאסען צו געהן אין ר' איטשעס דרכים, וועט מעהר אין וואלד אריין נישט פאהרען, בלייבען אין קאצק און זיך איבער־געבען מיט'ן גאנצען הארצען צו עבודת־הבורא. און רחל? ער האט פארקוועטשט די אויגען און ס'איז איהם מיט אמאל איינגעפאלען, אז די פוהר צוברעכט זיך, אדער ווער ווייס? ער ווערט מיט אמאל קראנק, שטארק קראנק, אזוי, א שטייגער, א גוואלדיגער טיפוס, צי א לונגען־אנ־צינדונג. נו, וואלט ער שוין צום רבי'ן נישט געפאהרען. מען וואלט באלד אויסגעדרעהט מיט דער בויד, צוריקגעפאהרען אין וואלד אריין. און דער טאטע וואלט גע'טענה'ט צו דער מאמען, אז מרדכי איז קראנק, געפעהרליך קראנק און אלץ איבער רחל'ן... און זי ברענגען צו פיהרען פאסט נישט... און ער ליגט אין א געפעהרליכע היץ, מישט.. און מיט אמאל מרדכי איז געשטארבען...

מרדכי האט זיך ווי אויפגעכאפט, געהאט פערדרוס וואס אזעלכע נארישקייטען קריכען איהם אין קאפ אריין, זיך אויסגעריבען די אויגען און זיך ארומגעקוקט.

אין דער בויד זיינען געזעסען עטליכע חסידים ביי צוועפענטע פעק־ליך, געגעסען ציבעלעס מיט ברויט און זיך איינגעהערט ווי אן עלטערער חסיד האט געהאלטען אין מיטען דערצעהלען.

„— — — פארנאכט איז די רביצין אריין, ארויסגענומען פון דער ספרים־אלמער א פסוק „איוב" און אונטערגעטראגען דעם רבי'ן. דער רבי האט זיך גלייך אויפגעשטעלט, אוועק אין מקוה אריין און נאך קבלת־

שבת האט ער געהייסען חיים'ן זינגען. האט איהם דער אלטער חיים, א בז־בית, געפרעגט:

— ס'טייטש, רבי, ס'ליגט דאך א מת אין הויז, איהר זייט דאך אן אבל?

— חיים — האט דער רבי איהם געענטפערט — אום שבת דארף א איד פרעהליך זיין, זינג!

מרדכי האט באטראכט די חסידים וואס שלעפען זיך שוין וואכען הינטערוועגענס, לעבען מיט ציבעלעס, לאזען אין דער היים ווייבער מיט קינדער און די ליעבע צום רבי'ן איז אזוי גרויס, אז נישט קוקענדיג אויף אלע צרות, לאזט מען זיך צופוס צום רבי'ן. און ער, מרדכי? פאהרט ווי א שררה, האט מיטגענומען עסען פאר א מניז מענשען, האט צופיעל געלד און שלעכטע מחשבות לאזען איהם נישט אפ.

א דערשלאגענער האט זיך מרדכי אויסגעצויגען אויף'ן בינט שטרוי. זיך געפיהלט זינדיג, געטראכט אז ער מוז אנדערש ווערען, אז ער וועט בעטען ביים רבי'ן ער זאל איהם מדריך זיין, אז — — —

פון די ברייטע פעלדער איז אנגעלאפען מיט א פייעפעריי א ווינד. זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען שאססע, זיך גענומען דרעהען ארום זיך ווי א שרויף, אריינגעכאפט בלעטער, שטרוי, אלץ וואס ס'איז אונטערגעקומען און אויפגעהויבען דעם שטויב ביז צום הימעל. מיט אמאל איז פינסטער געווארען — א שווארצע כמארע האט זיך נידריג צולעגט איבער די קעפ, ווי זי וואלט זיך געקליבען אראבצופאלען. די פערד האבען אנגעהויבען צו ניסען, געשמיסען מיט די עקען, געהויבען די אויערען ווי פאר א געפאהר און זיך געטראגען מיט דער בויד. די כמארע האט זיך אנגעצונדען. באלד האט א דונער זיך גענומען קייקלען, א קנאל געטון, ווי ער וואלט דעם הימעל אין צווייען צוריסען און גרויסע טראפענס, ווי האגלען, האבען גענומען פאלען. דער עולם האט זיך געוויצעלט, נישט מורא געהאט פאר'ן רעגען, געוואוסט ער וועט באלד אויפהערען, ס'איז א זומערדיגער. דער רעגען איז געווארען שטארקער, געגאסען שנורענווייז. די בויד האט זיך אבגעשטעלט. די פאסאזשירען זיינען אלע ארונטער אונטער'ן וואגען. מרדכי האט איבערגעדעקט ר' איטשען מיט א דיקען

זאק. אליין האט ער אבגעבונדען דעם קובעל פון צווישען די הינטערשטע רעדער, זיך אויף איהם אוועקגעזעצט און געקוקט ווי דער רעגען שמייסט.

די פערד האבען זיך געשווענקט, זיך געטוליעט, אראבגעלאזט די קעפ און אין די שטומע, נארישע מארדעס איז געלעגען אזא טעמפע אונבע־האלפענקייט, וואס האט ביי יעדען ארויסגערופען רחמנות.

עס איז געווארען ליכטיגער — דער רעגען האט אויפגעהערט. די פעלדער, דיביימער, די גראזען, אלץ האט זיך נאד'ן רעגען ווי געעפנט און די לופט איז געווארען פרישער.

---

ביי נאכט האט זיך מרדכי אויפגעכאפט אלע אין דער בויד זיינען געשלאפען מיט די. פעקלעך צוקאפענס. א שטארק בענקעניש האט איהם מיט אמאל ארומגענומען, חשק געהאט אויסצודרעהען דעם וואגען, אין כעס געווען וואס דער בעל־עגלה שלעפט זיך אזוי פאמעליך מיט די פערד, ווערט פון קיין זאך נישט נתפעל. דער בעל־עגלה א גרויער, אין דרייען א געבויגענער, איז מאדנע געזעסען אויף דער קעלניע, געקוקט מיט'ן רעכטען אויג אויף די פאסאזשירען און מיט'ן לינקען אויף די פערד. מרדכי האט געזעהען ווי זיין אייגענער שאטען לויפט נאד'ן וואגען, הויבט זיך, טאנצט ווי א ליץ. האט ער זיך גענומען טוליען, געפיהלט ווי אין הארץ ביי איהם נעהמט עפּיס וואקסען. שפארט זיך אין האלז אריין און די אויגען פער־ציהען זיך מיט א הייטעל. דער כעס איז פון איהם אוועק, געפיהלט בלויז א בענקעניש און ער וואלט דעמאלט אלץ אוועקגעגעבען צו זיין מיט רחל'ן — — — ער איז געווען זיכער אז ער וועט שוין מיט איהר קיינמאל נישט רעדען, זי וועט חתונה האבען פאר א שמיעד, צו פאר א פאכטער — — — ווייטער האט מרדכי נישט געקענט ציהען דעם געדאנק, פער־ביסען די ליפּען, געלעגען א שטומער און אלץ אין איהם האט געוויינט.

מרדכי האט זיך בעגעגענט מיט'ן בעל־עגלה'ס רעכטען אויג און א ציטער געטון. פארוואס שלאפט ער נישט. שלעפט זיך ס'גאנצע לעבען איבער די שאסען, זיצט תמיד אויף דער קעלניע, ווארפט מיט די אויגען ווי א שד.

— זיידע, איהר שלאפט?

דער אלטער האט זיך קיין ריהר געטוהן, ווי מען וואלט צו איהם נישט גערעדט און געענטפערט:

— ניין, וואס איז דען?

— און מיר האט זיך געדאכט אז איהר דרעמעלט.

דא האט זיך דער בעל־עגלה אויסגעדרעהט מיטביידע אויגען צו מרדכי'ן:

— אי, קינד מיינס, נישטא די אלטע צייטען! אויף דער עלטער שלאפט זיך נישט! מען בעט דעם רבונו־של־עולם מען זאל אלט ווערען נור גלויב מיר, בחור'ל, איידער צו זיין א שברי־כלי איז בעסער — — — — המ'. מען טאר דאך נישט זינדיגען, ווי שטעהט דארט: „אל תשליכני לעת זקנה" — — — זעהסט, פריהער ווען מיין אלטיטשקע, צו לענגערע יאהר אונז, האט געלעבט פלעג איך לאזען די פערד פאמעליך איבער'ן טראקט און אליין זיך צושפארען, כאפען א דרעמיל, נור צייט זי איז גע־שטארבען, זאג איך דיר, אז כ'בין אויס מענש. אין שטוב אריינקומען קאן איך נישט, עס יאגט, ברודער! ווי שדים וואלטען זיך אבגעריסען! פוסט אין יעדען ווינקעל! קיין קינד, קיין רינד, נישטא מיט וועמען קיין ווארט אויסצורעדען! כ'מוז זיך אליין אויף דער עלטער קאכען א לעפיל געקעכץ! זעהסט, אויף דער קעלניע ביי נאכט איז מיין בעסטער פער־גניגען! כ'זיץ מיר, לאז נאך די פערד און קלעהר וועגען מיין אלטיטשקע. כ'שמועס זיך מיט איהר דורך — — —

דא איז דעם אלטען'ס קול הייזעריגער געווארען און ער האט זיך אויסגעדרעהט.

מרדכי'ן איז קאלט געווארען פון בעל־עגלה'ס רייד. ער האט לאנג געטראכט וואס צו זאגען דעם אלטען, איהם געוואלט טרייסטען, אויף ר' איטשעס שטייגער, נור גאר נישט געקענט צוטראכטען. דער אלטער איז איהם איצט ליעב געווארען. ער האט ארויסגענומען פון דער וואליז א פלעשיל בראנפען און איהם מכבד געווען.

---

פארטאג האט די בויד זיך אבגעשטעלט אין א דארף נעבען א שענק. די פאסאזשירען האבען זיך אויסגעטשוכעט, נישט געגלויבט, אז זיי זיינען שוין דורכגעפאהרען שעדליץ, אז זיי זיינען נישט ווייט פון לוקאוו און צופריעדענע אריין אין שענק.

איבער דעם שענק האבען זיך ארומגעדרעהט עטליכע חסידים אין די טליתים און געדאווענט אויף'ן קול. אויף דער פאדלאגע, אויף לאנגע בענק, אונטער די טישען זיינען געלעגען יונגע-לייט, עלטערע חסידים מיט איינגלעך, העגד און פעקלעך צוקאפענס, און געשלאפען. ביי א לאנגען טיש זיינען געזעסען עטליכע פויערים איבער קופליעס ביער און זיך דערצעהלט מעשיות. פון מאל צו מאל האט זיך אנאנדער איד אבגעשטעלט נעבען די פויערים, ארויפגערוקט דעם טלית, נישט אויפגעהערט צו דאווענען און זיך צוגעהערט וואס די פויערים שמועסען. אין א ווינקעל אויף א קליין טישעל איז געזעסען א דארף-שניידער. דער שניידער מיט א פאר רויטע אויגען, א פאר שפאקולען אויף דער שפיץ נאז, וואו איין גלעזיל האט געפעהלט, א צונויפגעקנייטשטע, פאפירענע מאס אויף'ן האלז, איז געזעסען אן איינגעקורטשעטער, די בארוויסע פיס אונטער זיך און גענייט א כאלאטעל פאר'ן שענקער.

דער שענקער, א געזונטער, רויטער איד, מיט א לאנגע, רויטע בארד, איז געזעסען ביי דער צאהל-באנק אויף א געפלאכטען בענקיל, געהאלטען א קליין, פעט קינד אין א קורץ העמדעלע און עם געפאשעט מיט געוויקטע זעמיל און געצוקערטען טהעע. דאס קינד האט פערריסען א קורץ, פעט פיסעל און זיך פערטראכט אויף דעם קליינעם קעציל וואס האט זיך געשפיעלט מיט דער לאנגער ציצה פון דעם שענקערס טלית-קטן. דער שענקער האט גענומען א לעפעלע „פאפע“, לאנג געבלאזען, עטליכע מאל פרובירט מיט זיין גרויסען צונג, געעפענט דעם קינד איבער געוואלד דאס מוילעכעל און אריינגעפאקט, ווי מען פאשעט א גאנז. דאס קינד האט זיך געשטיקט, אראבגעשלונגען און זיך צעוויינט.

— כ'וועל מיר א מעשה אנטון — האט די שענקערין, א קליין, שווארץ ווייבעלע געשריען, ארומגעלאפען צווישען די געסט און זיך גע-

וואקעלט אונטער דער משא פון איהר טראגענדיגען בויך — וואס איז שוין ווייטער? מען זאל זיך נישט קאנען פערלאזען אויף א האר?!

דער שענקער האט נישט געענטפערט. ער האט געקלימפערט מיט'ן לעפעלע אין גלאז אריין, דאס קינד האט זיך פערגאפט און שטיל גע־בליבען.

מרדכי מיט ר' איטשען האבען זיך געשטעלט דאוונען. דער עולם האט זיך ביסלעכווייז אויסגעטשוכעט, זיך אויפגעהויבען פון דער פאד־לאגע, אראב פון די בענק, אפערגעקראכען פון אונטער די טישען און אין שענק איז געווארען אן אמת'ער יריד.

די חסידים האבען זיך גרופירט לויט די שטערט. דעם סאמען מיט האבען פערנומען די ווארשעווער. זיי האט מען גלייך דערקענט. די ריפ־סיגע קאפאטעס זיינען געווען ביז צום טריט. געלעגען אויף יעדען ווי אויסגעגאסען: די זאקען וויים, ווי מען וואלט זיי נור וואס געוואשען: די סאמעטנע, זיידענע היטלען מיט די ברייטע דענקעס, וואס האבען זיך אזש געלעגט איבער די אוירען. די געפאסטע שטריימלען מיט וואַ־קעלענדע עקען, ווי גלעקלעך, אלץ האט געשריען — דרך ארץ, כ'בין א ווארשעווער! אלע האבען מיט אמאל גערעדט, נעגודערט אויף א בריי־טער, ווארשעווער אויסשפראך, זיך געקאכט, פון יעדער נארישקייט נתפעל געווארען און געשטיפט מיט'ן שענקערס ווייבעל, מיט דער שיקסע וואס איז געשטאנען אין אן אפענעם אלקער איבער א באליע וועש. זיי האבען כמעט קיין פעקלעך נישט געהאט, געפאהרען צור רבי'ן לייכט, ווי מען געהט און שטעהט, מיט די שטעקעלעך אין די הענד, געצאהלט דעם שענקער מזומן — זיינען זיי טאקע געווען די אנגעזעהענסטע געסט.

ארום די ווארשאווער האט זיך גרופירט די פראווינץ — פערטראכטע אידען אין שווערע ריפסענע קאפאטעס, וואס האבען א טבע, אז מען שטעלט זיי אוועק, שטעהען זיי ווי בלעכענע. די שטיוועל נישט אויס־געארבייטע, פון איין שטיק לעדער, די טוכענע און סאמעטנע היטלען מיט קנעפ אין דער מיט און די ברייטע קעלנער פון די העמדער, וואס פאלען איבער די אקסלען, האבען זיך ביי טייל פערבונדען אונטער'ן האלז מיט בענדלעך און ביי אנדערע געשטאנען אפען. זיי האבען מיט זיך מיטגע־

פיהרט גאנצע זעק מיט עסען, געזעסען אויף די פעק, זיי געהיט, אויסגע־מידען די ווארשעווער, ווי זיי וואלטען מורא געהאט מען זאל זיי נישט אבנארען. זיי האבען ווייניג געגעבען צו לייזען, זיך גע׳חדוש׳ט און בע־דויערט וואס די ווארשעווער ווארפען זיך מיט׳ן געלד, צוטרענצעלען די לעצטע פאר גראשען.

יעדער פאר מינוט איז אין אן אנדער ווינקעל אויסגעוואקסען א מנין. מען האט אנגעטון טלית און תפילין, זיי גלייך אראבגענומען און א פלאש בראנפען האט שפאצירט פון מויל צו מויל.

אין א זייט איז געשטאנען א יונגער מאן איינגעהילט אין א טלית, זיך געקלאפט מיט די פויסטען אין הארץ אריין, זיך געווארפען אין אלע זייטען, זיך געשלאגען קאפ אן וואנד און פון מאל צו מאל ארויסגעלאזט נישט קיין מענשישען געשריי.

טייל האבען זיך געוויצעלט. אנדערע, מיט אפענע, פער׳חלום׳טע פנים׳ער, האבען זיך פערטראכט, נחת געהאט — אזוי יונג און אזא התלהבות.

א ווארשעווער מיט א סאמעטען היטעל איבער׳ן אויער איז אונטער־געגאנגען צום יונגען־מאן און איהם איינגערוימט אז די גאנצע שענק האט געהערט:

— וואס ממית׳טו זיך אזוי? געהאט לילית׳ן צו חלום די נאכט?

דער יונגערמאן האט נישט געענטפערט, ווי נישט צו איהם וואלט מען גערערט, און ווייטער זיך געשאקעלט.

— אויב דו שטעלסט נישט קיין בראנפען — האט דער ווארשעווער איהם אנגענומען פאר׳ן טלית — לאזט מען דיך נישט דאווענען!

דער יונגער מאן האט זיך אויסגעגלייכט, אנגעקוקט דעם ווארשע־ווער, זיך געבעטען ביי איהם מיט די אויגען ער זאל איהם צורוה לאזען, צוגעלעגט די פינגער צום מויל און געוויזען אז ער טאר נישט מפסיק זיין.

מרדכי האט פונקט געהאט אויסגעטון די תפילין, געהאלטען אין מיטען אראפציהען דעם ארבעל, נישט געקענט זעהן ווי דער ווארשעווער שטעהט צו צום יונגען־מאן, איז ער פון כעס אונטערגעלאפען, אנגעכאפט

דעם וואַרשעווער פאַר'ן קאַלנער און איהם אַ שיק געטון מיט אַזאַ אימ־פּעט, אַז יענער האָט פאַלענדיג אמגעוואָרפען צוויי אידען.

ס'איז געוואָרען אַ רעש. די וואַרשעווער האָבען ארומגערינגעלט מרדכי'ן, געהויבען די שטעקענעס, געשריען מען זאָל איהם אריבערוואַר־פען איבער אַ טיש, מאַכען אַ „משכנתא". מרדכי איז געשטאַנען רוהיג, אראָבגענומען פון דער צאַהל־באַנק אַ קופעל און געוואַרט וואָס דאַ וועט ווערען.

אַ הויכער איד, אַ באָרוועסער, אין צוריסענע קליידער, מיט אַ בע־וואַקסענעם קאָפּ האָר, איז אַפּער פון אונטער אַ טיש, זיך דורכגעשטופּט מיט די עלעבויגענס אַ וועג און געהאַלטען אין איין שילטען:

— פּרעסערס, זולל־וסובא'ס, ירבעם'ס, נישט גענוג וואָס איהר זינ־דיגט, קענט איהר נישט זעהען ווי אַ צווייטער דאַווענט מיט כונה? וואָר־הין פאַהרט איהר? צום פושע ישראל? ער טרייבט דאָך אייך פון זיך! זיצט און חקרן'ט זיך! קיין רוח־הקודש איז שוין דאָרט נישטאָ. געבלי־בען בלויז מח, אויסגעטריקענטער מח, איהר הערט?

אַלע האָבען פאַרגעסען אַז מרדכי'ן, ארומגערינגעלט דעם באָרוויסען ישראל, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען דעם „קאָצקער מוסר'ניק". ער איז געווען דער איינציגער וועמען דער רבי האָט ערב יעדען יום־כפור אריינגערופען צו זיך אין חדר און איהם געהייסען זיך מוסר זאָגען. די חסידישע לעב־קינדער האָבען איהם פיינד געהאַט און ווען נישט די פרומע חסידים וואָלט מען איהם קיין קאָצק נישט אריינגעלאָזען. איצט ווען ער האָט געשאָלטען דעם רבי'ן, האָבען די וואַרשעווער געהויבען די שטעק־קענס, די פויסטען, געשריען:

— שווייג, עזות־פּנים! דרך־ארץ!

— נעמט איהם אויף אַ משכנתא, — האָט זיך איינער אָנגערופען

— וואָס שטעהט איהר?

— רוקט צו אַ באַנק!

— וואַרפט איהם אריבער!

— אָט אַזוי!

פונקט דעמאלט, ווען די ווארשעווער האבען א הויב געטון דעם באר־וויסען ישראל איבער דער באנק, איז ר׳ איטשע ווי אויסגעוואקסען פאר אלעמענס אויגען. ער איז געבליבען שטעהן אין דער מיט, קיין ווארט ניט אויסגערעדט. זיין מאט פנים איז געווען מיעד, ווי עס וואלט זיך זעהר אנגעשטרענגט, די אויגען האבען געקוקט מיט אזוי פיעל צער, אז אלע ארום האבען זיך פערלוירען און ביסלעכווייז זיך גענומען רוקען אויף צוריק.

די ווארשעווער האבען אבגעלאזט דעם בארוויסען ישראל. ער איז אראב פון דער באנק, א ציה ארויף געטון די הויזען געמאכטע פון זאלץ זעקלעך און איידער וואס, ווען, האט ער זיך אווארף געטון, ווי גרויס ער איז געווען, ר׳ איטשען צו די פיס, זיי ארומגעכאפט, געקושט און גע־שריען:

— רבי, זיי אונז מדריך! דו ווייסט דאך אז מיר זיינען אהן א פאס־טוך, אז די אמת׳ע חסידים וואלגערן זיך ביי פרעמדע טישען, קענען מעהר קיין קאצק נישט קומען — — — נישטא מעהר קיין רוח־הקודש, נישטא! די שכינה האט זיך פון איהם אבגעטון, טאנצען דארט שדים אום — — — רבי, זיי אונז מדריך!

— אוי לאזנים שכך שומעות! — האבען עטליכע חסידים אויסגע־שריען.

— מען דארף איהם עוקר מן השורש זיין! — האט זיך איינער אנ־גערופען.

אן עלטערער חסיד מיט פערקוועטשטע פויסטען האט זיך א לאז גע־טון צום בארוויסען ישראל, איהם געוואלט צוטרעטען מיט די פיס, ממית׳ן, איז ער מיט אמאל שטעהען געבליבען פאר ר׳ איטשען, נישט געקענט קיין טראט טון ווייטער, ווי ער וואלט פאראליזירט געווארען.

ר׳ איטשע איז נאך בלאסער געווארען, אויפגעשטעלט ישראל׳ן און שטיל געזאגט:

— זינדיג נישט, ישראל. ר׳ מענדעלע איז דער צדיק־הדור. פאהר און בעט ביי איהם א תשובה.

דער עולם האט זיך א שטעל געטון אויף די שפיץ פינגער, זיך א שפאר געטון צו ר׳ איטשען, געוואלט אויפכאפען זיין׳ם א ווארט.

ר׳ איטשע האט אנגענומען דעם בארוויסען ישראל פאר א האנד, איהם אריינגעפיהרט אין א זייטיגען חדר און פערמאכט נאך זיך די טהיר.

דער עולם האט זיך געקאכט, צופאלען אין קופקעלאך, געשריען, גע־ארבייט מעשים. באלד איז די שענק צוטיילט געווארען אין גרופען. איינע האט גע׳טענה׳ט אז מען טאר ישראל׳ן נישט אריינלאזען נאך קאצק. די אנדערע האט געזאגט, אז ווי באלד ר׳ איטשע שיקט איהם צום רבי׳ן נאך א תשובה, דארף זיך קיינער נישט מישען.

מרדכי איז געשטאנען אן א זייט, געקוקט ווי דער עולם קאכט זיך, פארגעסען אז איבער איהם איז די גאנצע חתונה ארויסגעקומען און גע־טראכט צי ער וואלט געקענט זיך אוועקשטעלען פאר אן עדה אידען, ווי דער בארוויסער ישראל, און זיי שטראפען, זאגען מוסר. מרדכי האט בא־מערקט, ווי פון א ווינקעל קוקט מען אויף איהם. ער האט זיך איינגעקוקט אין פרעמדען און געוועז זיכער אז דאס פנים איז בעקאנט, האט עס ער־גיץ וואו געזעהן. ער האט זיך נישט געקענט בעפרייען פון דעם פרעמדענס בליק, געפיהלט ווי עמיצער זיצט ביי איהם אין מוח און בלעטערט, איז איהם מיט א מאל ארויפגעקומען אויף׳ן געדאנק דער זיידע, ווי ער האט איהם בע׳גנב׳עט, אבי צו פאהרען נאך קאצק און איהם איז ליכטיג גע־ווארען אין די אויגען. דער פרעמדער איז געוועז דער יונגערמאן מיט וועל־כען ער האט געלערנט ווען דער זיידע איז שלאף געווארען. ער האט איהם געוואלט אויסמיידען און איז אריין צווישען דעם עולם. דער יונגערמאן האט איהם אבגעשטעלט:

— מרדכי, דערקענסט מיך נישט?

אה, שמואל — האט זיך מרדכי א כאפ געטון ווי אן איבערראשטער — ביזט שוין לאנג פון פלאצק?

— כ׳בין שוין באלד דריי וואכען אונטערוועגענס — האט שמואל אריינגעמאכט די גראבע פינגער פון די הענד אין גארטעל און זיך גע־וויעגט פון איין פוס אויף׳ן צווייטען — הייסט עס, זעהן מיר זיך ווידער! אינש באינש פגע, הא? פאהרסט אליין?

— ניין, מיט ר׳ איטשען.

מרדכי האט באמערקט, אז שמואל האט קוים א שמייכעל געטון ווען ער האט געהערט ר׳ אימשעס נאמען.

— וואס זאגסטו אויף ישראל׳ן ? — האט שמואל געפרעגט אבי עפעס צו זאגען — כ׳האב שוין פון עטליכע חסידים געהערט אז אין קאצק איז עפים נישט גלאטיג — — —

— וואס מיינסטו ? — האט מרדכי איהם גלייך געקוקט אין די אויגען.

— כ׳מיין — האט שמואל געצויגען די ווערטער, ווי ער וואלט דער־מיט ברעה געהאט צוצוגעבען זיינע רייד מעהר געוויכט — מען זאגט דער רבי נעמט קיינעם נישט אויף, גיט אפילו קיין שלום נישט, זיצט פערמאכט אין זיין חדר, צייט דאס אומגליק האט פאסירט — — —

— וואס פארע אומגליק ? — האט מרדכי געעפענט א פאר אויגען.

— דו ווייסט גאר נישט ? — האט שמואל זיך געוואונדערט. זיך ארומגעקוקט צו קיינער הערט נישט אונטער — פאהרסט מיט ר׳ איטשען און ווייסט גאר נישט ?

ער האט גענומען מרדכי׳ן אונטער׳ן ארעם, איהם ארויסגעפיהרט פון שענק און שפאצירט מיט איהם איבער׳ן הויף.

— הייסט עס, האסט גאר נישט געהערט וואס אין קאצק האט זיך פערלאפען ?

— ניין.

שמואל האט שטילער גענומען רעדען, זיך צוגעבויגען צו מרדכי׳ן, ווי ער וואלט איהם איינגערוימט א סוד און איהם אבגעשטעלט:

— מען זאגט, אז דער רבי האט בפני כל עם ועדה אויסגעשריען— „לית דין ולית דיין !— —דער עולם פערשטעהט זיך איז נשתומם געווארען — — — די מקורבים האבען מורא געהאט דער רבי זאל נישט פערטרייבען דעם גאנצען עולם, לאזט מען קיינעם צו איהם נישט צו. אין הויף ביים רבי׳ן, שמועסט מען, איז חושך. דער רבי וויל ארוים צום עולם. קלאפט מיט די פויסטען אין דער פערמאכטער טיר, שילט — — פארשטעהסט וואס דאס הייסט ? דו קענסט עס משיג זיין ? ר׳ מענדעלע איז דאך דער אמת׳ער גאון, דער צדיק־הדור, און זיין שארפער, קלארער מוח האט

דערפיהלט אין זיך דאס אמת'ע ווארט, שפּארט מען איהם איין אין א חדר, מען איז מרחיק דעם קץ — — — פיעל חסידים האבען שוין אויפ־געהערט צו פאהרען צו איהם — — — און מען שמועסט אז דער גרויסער עולם וועט פאהרען צו ר' איטשען — — —

מרדכי איז צוטומעלט געווארען, נישט געגלויבט זיינע אויערען, געזעהן ווי גאנץ קאצק איז וויסט, דער הויף בעוואקסען מיט ווילד־גראז און דער רבי זיצט איינער אליין אין אן איינגעפאלענע חורבה און שילט די גאנצע וועלט. א גרויס רחמנות האט איהם ארומגענומען און ער האט באַשלאסען גלייך צו געהן צו ר' איטשען, איהם בעטען, קושען די הענד, ער זאל נישט צונעמען דעם עולם ביי ר' מענדעלען. ער איז זיכער געווען ר' איטשע וועט עס נישט טון.

— גלויבסט נישט? — האט שמואל איהם איבערגעשלאגען די גע־דאנקען — פערלאז זיך אויף מיר! איבריגענס, מיר וועלען דאך באלד זיין אין קאצק. האסט שוין אפשר איבערגעביסען? כ'האב נאך גאר נישט היינט אין מויל געהאט.

— קום, קום אין שענק אריין — האט מרדכי ארויפגעלעגט אויף שמואל'ס אקסעל א האנד — מיר וועלען צוזאמען איבערבייסען.

אין שענק איז געשטאנען דער זעלבער טומעל וואס פריהער. חסידים זיינען געלאפען פון איין קופקעלע צום צווייטען, זיך געקריגט, געטרונקען לחיים. יעדע גרופּע האט געארבייט מעשים, געוואלט אריבערקריגען די געגנער אויף זייער זייט. די ווארשעווער האבען געשטעלט ביער, בראנפען, מכבד געווען מיט'ן בעסטען „טיטון". די איינגעשפּארטע פּראווינץ איז געשטאנען שטוהל און אייזען, קיין זאך האט זיי נישט געקענט ריהרען, אויסגעמידען צו רעדען וועגען מענדעלי'ן און פעסט ביי זיך בעשלאסען, אז מען וועט ר' איטשען נישט מאכען דאס מאל פאר רבי, הערען זיי אין גאנצען אויף צו פאהרען נאך קאצק.

מרדכי האט באשטעלט אנבייסען. ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט שמואל'ן אין א ווינקעל ביי א טישעל און אויסגעהונגערטע האבען ביידע געגעסען ווי נאך א קרענק. שמואל האט נישט אויפגעהערט צו רעדען. מרדכי האט באמערקט אז זיין געוועזענער רבי האט זיך נישט געוואשען

צום עסען און פון יעדער זאך שמייכעלט ער, ווי ער וואלט געזאגט — עת. ס'איז א נארישקייט!

— קומסט אמאל אריין צו מיין זיידען? — האט מרדכי געפרעגט.

— זעהסט, — האט שמואל זיך געקרעקט מיט א ביסען — דיין זיידע, דאס איז אן עהרליכער, אבגעהיטער איד! ווערט אויף דער עלטער אלץ מעהר מתנגד. ווערסט לאכען, דעם ערשטען טאג פסח האט ער דאך אריינגעשטעלט אין פענסטער א שיסעל מיט קניידלעך, ארימע לייט זאלען עסען געבראקטס, נו, איז אין שטאדט געווארען א „ויצעקו"! וואס פרעגסטו! חסידים האבען געקריצט מיט די ציין, נור אפען האט קיינער קיין ווארט נישט גערעדט, פארט ר' אברהם'ל, דער עולם האט דרך ארץ! און צוריקגערעדט, לאמיר זיך נישט נארען, וואס האט אן ארימאן צו עסען, אז נישט געבראקטס? אזוי פלעגט מען עסען קארטאפעל מיט בארשטש, אז היייאהר וועט קען צוקומען צו קארטאפעל? אזא יקרות, מען קריגט עס נישט פאר געלד!

—דו ווייסט, מיין זיידע איז אמאל געפאהרען נאך קאצק — האט מרדכי זיך אבגערופען.

— כ'וויים, ווי דען, אבער קיין חסיד איז ער קיינמאל נישט געווען — האט שמואל געשמייכעלט אין דער בלאנדער וואנסע אריין, עטליכע מאל געעפענט דאס מויל, געוואלט זיך עפיס פרעגען און אנגעהויבען צו שטאמלען — כ'וויל טאקע וויסען, כ'מיין, דו גלויבסט אז ער וועט נעמען אין קאצק קוויטלעך?

— ווער? — האט מרדכי געעפענט א פאר אויגען.

— כ'מיין, ר' איטשע — — —

— ווער וויים — האט מרדכי א צוג געטון מיט די אקסלען — און וואס זאגסטו?

— איך זאג גארנישט — האט שמואל געשמייכעלט, ווי ער וואלט געוואוסט עפיס א סוד — כ'האב גלאט אזוי געפרעגט — — און מיינסט אז דוד'ל ר' מענדעלס וועט שווייגען? און די איבעריגע קינדער? יעדער וועט וועלען נאך'ן פאטער פיהרען טיש. נאך'ן סטריקאווער פיהרען טיש אלע פיער זיהן און יעדער האט אן עולם — מען וועט שוין באלד אין

יעדער שטאָדט האָבען אַ רבי — — — —

מרדכי'ן האָט פערדראָסען, געפיהלט אין שמואל'ס שמייכעל אַז ער מאַכט חוזק, געוואָלט אויפהערען מיט איהם צו רעדען און נישט ווילענדיג ארויסגערעדט:

— אויב אַ רבי נעמט קוויטלעך איז עס מן השמים.

— אודאי, אודאי, אַלץ איז מן השמים — האָט שמואל זיך געקוקט מיט'ן לינקען אויג אויף דער וואַנט און ס'האָט אויסגעזעהן אַז ער שמייכעלט — דו ווייסט אַז אויף'ן פּשיסכערם קבר האָט זיך אַ שפּיעל־פויגעל אַוועקגעשטעלט באַלד נאָך דער קבירה, נישט אַבגעטראָטען פון אָרט, נישט געגעסען, נישט געטרונקען, געהאַלטען אין איין זינגען, ביז ס'איז אויסגעגאַנגען אויפ'ן פּשיסכערם קבר זינגענדיג! דאָס איז אויך מן השמים?!

— אודאי! — האָט מרדכי כמעט אַ געשריי געטון.

ער האָט באַמערקט אַז שמואל איז רויט געוואָרען, די אויבערשטע ליפּ הויבט זיך, ציטערט און אין גאַנצען האָט ער אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט זיך גע'ישוב'ט איהם עפּיס צו פערטרויען. ער האָט אָנגענומען מרדכי'ן פאַר אַן אַקסעל, זיך צוגעבויגען צו זיין אויער און געשמייכעלט:

— ס'זאָל בלייבען צווישען אונז — ס'איז קיינמאָל קיין פויגעל דאָרט נישט געשטאַנען! ר' הירש פלינסקער, אַ איד אַ גביר, אַ משכיל, איינער פון דער „קאַלעקאַטקע", וואָס לערנען תנ"ך מיט'ן דעסער'ס „באור" און שיקען די קינדער שטודירען, האָט מיר פערטרויעט אַ סוד, אַז צומאָרגענס נאָך דער קבירה האָט ער אַליין אַרויפגעלעגט אַ טוידטע פויגעלע אויף'ן קבר, נו, וואָס זאָגסטו דערויף? דערצעהל עס אַ חסיד וועט ער דיך עוקר מן השורש זיין! זיי טענה'ן ס'איז בלויז רמז, ס'איז גאָר קיין פויגעל נישט געווען, דער מלאך גבריאל אַליין האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פויגעל, דו פאַרשטעהסט? דער פויגעל איז פונקט אַזוי רמז, ווי שולמית פון שיר־השירים מיינט מען די כנסת־ישראל — — —

דאָ האָט זיך שמואל אַ כאַפּ געטון אַז ער איז צו ווייט פערפאָהרען, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט אונטערגעהערט, געוואָלט פאַרגלעטען, איז פונקט דעמאָלט צוגעקומען ר' איטשע, געקוקט אויףביידען מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט אונטערגעהערט און זיך געווענדעט צו מרדכי'ן:

— מיר פאהרען.

— ס'וועט אפשר זיין א שטיקעל פלאץ פאר מיר אויך — האט שמואל הכנעה'דיג זיך געבעטען ביי מרדכי'ן — אפילו אויף דער קעלניע. ס'מאכט נישט, אבי זיך צו דערשלעפען נאך קאצק.

מרדכי האט איהם פיינד געקראגען. געוואלט זאגען אז אין דער בויד איז מעהר קיין פלאץ נישטא, זיך א ווײלע געקווענקעלט און א שאקעל געטון מיט'ן קאפ:

— גוט כ'וועל מאכען פאר דיר פלאץ.

— האסט אפשר עטליכע גילדען, א גמילת־חסד, כ'דארף אפצאהלען דעם שענקער — האט שמואל א זאג געטון אזוי כלאחר־יד.

— וויפיעל?

— פינף וועט גענוג זיין.

מרדכי האט איהם געגעבען א זילבערנעם פינף גילדען שטיק, גע־זעהן ווי ער פערשווינדט צווישען עולם און זיך פערטראכט. ער האט נישט פערשטאנען צי וואס האט שמואל איהם געדארפט דערצעהלען די מעשה מיט'ן פויגעל. און אז אן אפיקורס האט טאקע ארויפגעלעגט א טוידט פויגעלע אויף'ן קבר, איז עס דען א פחיתת־הכבוד פאר'ן רבי'ן? און צו וואס האט ער אריינגעמישט „שיר־השירים"? גלויבט ער טאקע אז „שיר־השירים" דארף מען פארשטעהען פשוט, ווי עס לייענט זיך? ווי לאנג איז, ווי דער זעלבער שמואל האט איהם מדריך געווען אין חסידות? מיט וואס פארע דבקות פלעגט ער איהם איבערגעבען ר' מענדעלעם מינ־דעסטע ווערטיל? זאל זיין ער איז קאליע געווארען פאר דער קורצער צייט, טא צי וואס פאהרט ער נאך קאצק?

א נישט צופרידענער איז מרדכי ארוים פון שענק, געפיהלט ווי ביי איהם אין מח האט זיך עפיס א פערבארגען שרייפעל געעפענט, קשיות אייי־נע הארבער ווי די צווייטע האבען זיך מיט אמאל גענומען שפארען. זיך אנ־געזעצט אן איהם ווי פער'עקשנ'טע פליעגען און די ליפען האבען שטיל געוויספערט: „ארבעה שנכנסו לפרדס — — —"

פארנאכט איז די בויד אן אנגעפאקטע ארויס פון דארף. דער עולם איז געווען לעבעדיג, פארגעסן די קריעגערייען, געזונגען און געהאפט אז פארטאג וועט מען, אם ירצה השם, זיין אין קאצק.

מרדכי האט עטליכע מאל פערצוויגען א שמועס מיט שמואל'ן. באמערקט אז יענער ענטפערט נישט גערן, ווארט מען זאל איהם ציהען פאר דער צונג, האט ער זיך אוועקגעזעצט אן א זייט און געטראכט אז שמואל האט מסתמא מורא צו רעדען, עמיצער זאל נישט אונטערהערען.

שמואל איז געזעסען צווישען די חסידים, געהאלטען אין איין זאגען תורה. אלע האבען זיך צוגעהערט און איהם אבגעגעבען כבוד. מרדכי האט זיך געחודשט אויף שמואל'ן, איהם נישט פערשטאנען און געפיהלט ווי עס ווערט איהם אומעטיג. ער האט געקוקט אויף די ברייטע, שטילע פעלדער, אויף די שטיקער וואלד, וואס האבען פון דערווייטענס אויסגעזעהן ווי שווארצע וואלקענס. די זון א בלוטיגע איז פערגאנגען אין פלאמען, אנגעצונדען אויף א ווייל די שפיצען פון וואלד, איז דער אומעט ביי מרדכי'ן נאך שטארקער געווארען. ר' איטשע איז געזעסען מיט פערמאכטע אויגען און זיך עפּיס אונטערגעברומט אונטער דער נאז. די פלאמען האבען זיך ביסלעכווייז געלאשען, ס'איז געווארען טונקעלער, גרוער, דאס געזאנג איז געווארען שטילער, הארציגער און מרדכי א דערשלאגענער האט געפיהלט ווי עפּיס גרועט ביי איהם אין הארצען, פערשווינדט מיט דער פערנעהענדער זון, האט ער אראבגעלאזט דעם קאפ, ארייגעשטעקט די הענד אין די ארבעל, פארקוועטשט די ליפּען און זיך צעוויעגט.

דער בעל־עגלה האט איינגעדרעהט, אריין מיט דער בויד אין די לוקאווער וועלדער און ס'איז מיט אמאל געווארען פינסטער. די פערד האבען גענומען געהן פאמעליכער, זיך געשלעפט איזדי זאמדען און פון דערווייטענס האט זיך געדאכט, אז מענשען קומען ארויס פון וואלד, בלייבען שטעהן אין מיטען וועג.

דער בארוויסער ישראל וואס איז געזעסען אויף דער קעלניע, די גאנצע צייט קיין ווארט נישט אויסגערעדט, האט דער ערשטער אויסגעשריען:

— צייט מעריב דאווענען!

די בויד האט זיך אפגעשטעלט. דער עולם איז אראפ, זיך מכין גע־וועז, געוואשט די הענד אן דעם טהורי־באדעקטען מאך, זיך ארומגעבונדען ווער מיט א טיכעל, ווער מיט א גארטעל און אלע זיינען אריין אין וואלד.

אן אלטער חסיד האט זיך א שטעל געטאן צו מזרח, אנגעשפארט ביידע הענד אן א פערצווייגטען בוים און זיך צעוויעגט:

— והוא רחום יכפר עון — — —

דער עולם האט אונטערגעכאפט, זיך פערגאנגען העכער און העכער. די קולות האבען זיך געטראגען פון א בוים צו א בוים, זיך אבגעשלאגען אן די הויכע סאסנעס, ווי אן אנגעצויגענע סטרונעס, לאנג געהילכט איבער די לוקאווער וועלדער, ווי די קולות וואלטען זיך פערפלאנטערט צווישען די צעצווייגטע ביימער.

א פויער איז אויסגעוואקסען, אראבגענומען דאס היטעל און פון שרעק זיך גענומען צלם'ען. ער האט זיך אבער באלד געכאפט, אז דאס „מאדליען" זיך אידען, געשטאנען א ווייל, און א רוהיגער וואס מענשען שטעהען נישט ווייט און בעטען גאט, איז דער פויער מיט זיבערע טריט פערשוואונדען אין פינסטערען וואלד.

נאכ'ן דאווענען איז דער עולם צוריק אריין אין דער בויד און די פערד האבען זיך ווייטער געשלעפט. טייל חסידים האבען זיך צולעגט אויף די פעקלעך, געקוקט אין דעם אויסגעשטערנטען הימעל, וואס האט נעהאנגען איבער'ן געדיכטען וואלד און עס האט אויסגעזעהן אז דער וואגען וועט קיינמאל נישט ארויס פון דער פינסטערניש. טייל האבען איינגעדרימעלט, אנדערע האבען זיך צונויפגערוקט אין א קופקע, געזעסען פארבלענדטע פון די שטיקער ליכט, וואס די לבנה האט געווארפען, אויסגעמידען צו קוקען אויפ'ן וואלד, געפיהלט די גאנצע אונבעהאלפענקייט און שרעק פאר דער נאכט און זיך דערצעהלט מעשיות.

דער בארווויסער ישראל איז געזעסען אויף דער קעלניע, שטיל, מיט א בענקעניש זיך פערגאנגען, ווי דאס זשומען פון א געפייניגטע פליעג, לייכט געפאטשט א האנד אן א האנד, געצויגען די טענער מיט אזא צער און הארצרייסעניש, אז אלע אין דער בויד זיינען אנשוויגען געווארען. מרדכי האט דערפיהלט ווי פון קארק נעמט ביי איהם עפּים

לויפען, ווי א בריה פון קאלט וואסער וואלט דורכגעלאפען זיין גאנצען קערפער און ער האט אויפגעשווידערט.

דער בארוויסער ישראל האט זיך געריסען די לאנגע קאלטונאוואטע האר, געבראמט דורך פערקוועטשטע ליפען, ווי ער וואלט געהאט געפעהר־ליכע יסורים, צונויפגעפלאנטערט די פינגער אין א קניפ, זיי אנגעשטעלט, ווי א לולב, נאך מזרח, מעריב, צפון, דרום און שטיל, נישט מיט קיין מענשיש קול זיך צעוויינט:

— ה ו י ה — באבא, א ל ה י נ ו — באמא, ה ו י ה — תפארת, אוי, א־ח־ד — במלכות — — — — — — — — — — — —

דאס געוויין איז לאנג געשטאנען אין די אוירען, בולט'ער געמאכט די שטילקייט, דעם פחד גרעסער, דאס פינסטערניש טיעפער און דער עולם האט געציטערט.

מרדכי האט זיך געכאפט אז ער זיצט נעבען ר' איטשען. מיט אמאל דערזעהן אז דער הימעל איז געווארען ליכטיגער, די שטערען גרעסער, בלישטשענדיגער, געלעגען איינער נעבען צווייטען, ווי אנגשאטען, זיך נידריג אראבגעלאזט און ס'האט אויסגעזעהן אז באלד וועלען זיי זיך נעמען שיטען איבער אלעמענס קעפ.

ר' איטשע האט אנגענומען מרדכי'ן פאר א האנד, געקוקט אין הימעל אריין, א ווײלע געשוויגען און שטיל געפרעגט:

— הערסט?

א פארבלענדטער האט מרדכי געעפענט א פאר אויגען, געקוקט אין הימעל, געהערט ווי טויזענדער טענער, איינער דינער פון דעם צווייטען טראגען זיך צו איהם. די טענער זיינען געקומען פון וואלד, פון דער פינ־סטערניש, פון די שטערען. ער האט געפיהלט ר' איטשעס האנד אויף זיך, געהערט ווי ער רעדט איהם אין אויער אריין, ווי מען וואלט איהם נעגלעט מיט פוך־פעדערען:

„— — — דורך אמת'ע נגינה קען מען קומען צו דער בחינה פון נביאה, נגינה איז אין זיך כולל אלע „קשרי־דהמנותא" און דער אמת'ער צדיק האט „יחוד" מיט'ן רבונו־של־עולם נור דורך נגינה — — — — "

מרדכי האט נישט געהערט וואס ר' איטשע רעדט. געזעהען ווי די שטערען שפרינגען, שטעלען זיך אויס אין א שורה, זיינען זיך מצרף אין אותיות און „יהוה" א פייערדיגער וואקסט אויס רעכטס, „אלהינו"—לינקס.

דער „טאטע" בויגט זיך אין דרייען, קורטשעט זיך, גארט נאך דער „מאמע", צעוויינט זיך די „מאמע" אז זי איז געבונדען, ווערט א רעש. שטערען רוקען זיך פאנאנדער, מאכען פלאץ, און א געזאנג דערגרייכט דעם הימעל, זינגען מיט מיליאנען שטערען, זינגט מיט דער וואלד, דאס געזאנג הילט זיך ארום דער „מאמע" ווי א קלייד פון ליכט, צערייסט די שטריק און פיהרט זי א טאנצענדע צום „טאטען". באגעגענט „טאטע" דער „מאמע", נעמט זי, באהעפט זיך מיט איהר, ווערט מיט אמאל שטיל. קומען פון דער שטילקייט אויף אלע מיליאנען באשעפענישען וואס אין הימעל, וואס אויף דער ערד אין די טיפע וועלדער, וואס אין וואסער, טרייסלען זיך פונאנדער, צוזינגען זיך מיט א שטום געזאנג און פארען זיך.

---

מיט'ן טאג צוגלייך האט זיך מרדכי אויפגעכאפט. ער האט געהאט טרערען אין די אויגען, געפיהלט אויף די באקען רחל'ס קושען און א פערביטערטער האט ער אין די ערשטע רגע געוואלט בעגרייפען פאר וואס מען שיקט איהם אוועק פון איהר. ער האט א צאפעל געטון, זיך גע־כאפט אז ער איז נאר וואס פון שלאף אויפגעשטאנען און זיך ארומגע־קוקט. די בויד איז געשטאנען. א זקן אויף א הילצערנע קוליע מיט א טארבע אויף די פלייצעס איז אנגעקומען פון וועג:

— גוט מארגען, נעמט מיט א אידען אין שטאדט אריין!

דער עולם האט געמאכט פלאץ און אריינגעזעצט דעם אלטען אין דער בויד. עמיצער האט איהם געפרעגט:

—איהר זייט א קאצקער?

— כמעט — האט דער אלטער געשמייכעלט — דאס הייסט, א געבורטיגער בין איך א פראגער, נור כ'וואהן שוין אין קאצק איבער פערציג יאהר.

— ווי אלט זייט איהר זיידע? — האט א יונגען־מאן איהם א ציה געטון פאר אן ארבעל.

— דו דארפסט עס נויטיג וויסען? — האט דער אלטער זיך בעלייׄדיגט און באלד ווייכער געווארען — כ'וועל דיר זאגען, כ'ווייס אליין נישט: אז כ'האב געדיענט ביי בערעקען הינטער פראגע בין איך אלט געווען זעכצעהן יאהר און דאס איז שוין א קימלען, באלד, ס'איז געווען תק"ז, נו, בארעכענט? — האט דער אלטער געשמייכעלט מיט די צוויי איבערגעבליבענע ציין, ווי ווידלעס.

— זייט איהר שוין קרוב שמונים — האט זיך א־ינער אנגערופען.

— איהר האט נישט גוט בארעכענט, פעטער — האט דער אלטער געשמייכעלט — כ'בין עלטער.

— געוויס, געוויס, — האט זיך שמואל אריינגעמישט — דער איד האט שוין איבער אכציג.

— דער יונגערמאן האט געטראפען — האט דער זקן געשאקעלט מיט'ן קאפ — דעם ערשטען טאג שבועות בין איך געווארען איין און אכציג יאהר.

די פערד זיינען ארויס אויפ'ן שאסע, א כאפ געטאן די בויד, זי געטראגען מיט א קלאפעריי. די בויד האט געקרעכצט, זיך געריבען אן די טרוקענע אקסען מיט א סקריפעריי, וואס האט האליג געמאכט די ציין.

מרדכי האט בעטראכט דעם איד, וואס האט אנטייל גענומען אין דער שלאכט ביי פראגע און דערפיהלט אז ער האט עפיס א שייכות מיט איהם. ער האט זיך נעהנטער גערוקט צום זקן און פון גרויס איבעררא־שונג נישט געוואוסט וואס ער זאל איהם פריהער פרעגען. נישט איינ־מאל האט ער געהערט פון זיין פאטער, אז זייער מחותן, שלמה זביטקא־ווער, האט דעמאלט געצאהלט די קאזאקען א זילבערנעם רובעל פאר א טויטען איד און א גאלדען רענדעל פאר א לעבעדיגען.

— איהר האט טאקע געדיענט ביי בערעק יאסעלאוויטשען — האט א חסיד, וואס איז די גאנצע צייט געלעגען אויף זיין פעקעל, זיך מיט אמאל אויפגעזעצט און זיך גענומען רייבען די אויגען — ביי דעם זעל־בען וואס ליגט הינטער קאצק?

— יא, יא, — האט דער אלטער ארויסגענומען א טאבעק־שקעטע־

לע געמאכט פון הארן־ביין, גוט פערצויגענ, זיך פערקרומט, א נאס גע־
טאן אין דער בארד אריין און איבערגעגעבן דאס שקעטעלע דעם עולם
— ביי דעם זעלבען, ביי יאסעלען האב איך געריענט...

— און ס'איז טאקע געווען א שחיטה, הא? — האט א חסיד פער־
שארצט דעם סאמעטענעם קאשקעט — מען דערצעהלט דאך אז ס'איז
געווען שרעקליך... כ'וויים, מען זאגט אז דער גאנצער אידישער פולק איז
אויסגע'הרג'עט געווארען...

— אמת, אמת — האט דער זקן געוויזען אויף דער קוליע — דארט
טאקע האב איך גע'פטר'ט דעם פוס!

— אזוי, טאקע, אי, אי! — האבען עטליכע חסידים בעוואונדערט די
קוליע, ווי זי וואלט איצט מעהר בעדייטונג געהאט.

דער זקן האט זיך א ווײלע פערטראכט און אפגעזיפצט:

— העי, שוין יאהרען, יאהרען...

— און ער איז טאקע געווען, ווי הייסט ער, בערעק מיין איך —
האט דער חסיד מיט'ן פערשארצטען קאשקעט ווידער געפרעגט — אזא
גרויסער פיהרער? האט ער דאך געמוזט זיין א קאפ מענש! א קלייניג־
קייט, תכסיסי־מלחמה? דאס איז דאך א שווערער למוד!

—ר' געווען א פושע־ישראל — האט עמיצער אריינגעווארפען —
מחלל שבת געווען בפרהסיא!

— ביזט איהם נישט ווערט צו נעהמען אין מויל אריין — האט דער
זקן זיך געקאכט — ווער ביזטו דאס, צדיק אין פעלץ? זוך בעסער דיינע
אייגענע חטאים!

— אין סאמע יום־כפור האט ער זיך געשלאגען — האט זיך א צוויי־
טער אנגערופען.

— האט ער! — האט דער זקן פון כעס אזש אויפגעהויבען די
קוליע, ווי ער וואלט זיך פערמאסטען אויף'ן חסיד — ר'מאיר'ל „דבש“
האט מתיר געווען, אז דו ווייסט נישט, שווייג!

— נור זיך נישט געקריעגט, נור זיך נישט געקריעגט — האט שמואל
נענומען בערוהיגען דעם זקן.

— ווער קריגט זיך, ווער, — האט דער אלטער נאך העכער געשריען — כ'האב נור פיינד, אז א מענש רעדט און ווייס נישט וואס!

מרדכי האט ארויסגענומען א פלעשעל זיסען בראנפען, אונטערגע־טראגען דעם אלטען. דער אלטער האט א ציה אריין געטאן איבער א העלפט, זיך דערוואַרעמט און געוואָרען לעבעדיגער.

— ווי האט ער גערעדט מיט אייך, בערעק, אידיש? — האט מרדכי געפרעגט.

— וואס פרעגט איהר? ווי דען, אודאי אידיש — האט דער אלטער געשמייכעלט — כ'געדענק נאך, ווי כ'וואלט איהם איצט געזעהן, אז ער און א פאר וואנסען האט ער געהאט, האט נישט אייז פאלאק איהם מקנא איז געזעסען אויף דער ווייסער שקאפע, האט ער אויסגעזעהן ווי א קיסר. געוועז, אהן גוזמא, די וואנסען האבען דערגרייכט ביז צו די אקסלען.

— עלטערע אידען זיינען אויך געוועזען אין פולק? — האט מרדכי געפרעגט.

— עלטערע? — האט דער אלטער פערמאכט איין אויג, געקלערט א ווײַלע, ווי ער וואלט באלד נישט בעגריפען וואס מען פרעגט איהם — ווייניג געוועזען עלטערע. צומייסטען יונגע־לייט. אונזער פולק האט זיך אבער נישט געהאט וואס צו שעמען. אפילו אולאנער האבען אפגעטרע־טען, נישט געקענט אויסהאלטען דעם שונא'ס פייער און מיר, אידען, זיינען געלעגען איבער פיער וואכען ביים אלטען בית עולם, הינטער די „אקאפעס", געגעבען פאניען פולווער צו שמעקען און איהם נישט גע־לאזט פון ארט. און ווען מיר קריגען דעמאלט צו הילף כאטש איין פולק — האט דער אלטער שטילער גערעדט, ווי ער וואלט פערטרויעט א סוד — וואלט ווארשא געבליבען ביי אונז. אפילו אין יום כפור זיינען מיר נישט אוועק פון די „אקאפעס". ר' מאיר'ל האט מתיר געוועזען. כ'געדענק ווי היינט, נאך „כל־נדרי" האט זיך דער הימעל אויסגעשטערענט, ס'איז גע־ווען א ליכטיגע נאכט, די שטערען זיינען געלעגען איינס נעבען אנדערען. געדיכט אנגעשאטען, ווי ווינד־פאקען. קיינער פון אונז האט קיין אויג נישט צוגעמאכט. מיר זיינען געזעסען אין קופקעס ביי קליינע פייערלעך. געשמועסט, געזאגט א פאר אידישע ווערטער און זיך געריכט דער שונא

זאָל יעדע רגע נעהמען שטורמען אונזערע „אקאפעס“. בערעק איז אויך מיט אונז געווען, געגאנגען פון איין פייעריל צום צווייטען, געהאט פאר יעדען א גוט ווארט, א וויץ און וואו עראיז נור צוגעקומען איז געווארען לעבעדיגער. אז וואס ווייסט איהר? דאס איז געווען א דימענטנער יונג! בקיצור, וואו האלט איך? יא. דער שונא איז געווען זיכער, אז אידען וועלען זיך אין יום־כפור נישט שלאָגען, האט ער מיט'ן טאָג צו־גלייך גענומען שטורמען אונזערע „אקאפעס“. וואס זאָל איך אייך זאָ־גען, קינדער? די לופט האט געברענט, ס'האט געגאסען מיט פייער... מיר האבען אבער אויך נישט געשוויגען. יעדעס מאָל ווען דער שונא האט זיך א לאָז געטאָן אויף אונז פון וואלד ארויס, האט עס אויסגעזעהן ווי דער וואלד געהט. אז א פחד האט אזש ארומגענומען. און אז דער שונא איז צוגעקומען נעהנטער צו די „אקאפעס“, האבען אונזערע האר־מאטען זיי אוועקגעלעגט, ווי מען וואלט זיי אפגעשניטען מיט א קאסע. אזוי האט עס אנגעהאלטען ביז א שטיק אין טאָג אריין. בערעק איז געלאָפען פון איין „אקאפע“ צו דער צווייטער, דריי פערד זיינען יענעם פריה־מאר־גען אונטער איהם געפאלען און יעדעס מאָל ווען ער האט א געשריי גע־טאָן „פאָל“, האבען די הארמאטען א קנאל געטאָן, אז די הייטלאך אין די אויערען האבען אזש געציטערט. דער שונא האט זיך גערוקט אלץ נעהענטער. די הילצערנע אידישע הייזלעך האבען זיך אנגעצונדען, הא־בען מיר געהאט דאס פייער פון הינטען און פון פאָרענט. מיר זיינען אבער געשטאנען ווי איין מאן ביז צו דער לעצטער מינוט און אז דער שונא האט זיך אריינגעריסען אין די „אקאפעס“, זיינען מיר אויך נישט אנטלאָפען, זיך געשלאָגען איבער יעדען שפאן ערד, און בלוט האט זיך געגאָסען ווי וואסער. איהר פערשטעהט? צעהן יונים אויף איין איד ווי א היישעריק האבען זיי זיך גענומען שיטען פון וואלד ארויס, איצט דעמאָלט האט בערעק געהייסען אבציהען. פון גאנצען פולק זיינען מיר געבליבען עטליכע צעהנדליג, קיין איינער פון אונז האט זיך אבער נישט אונטערגעגעבען און איך אנטלויפענדיג האב געקראגען א קויל אין פוס אריין.

— מען דערצעהלט אז שמואל זביטקאוועד — האט איינער אנגע־הויבען.

— צי איך האב געקענט שמואל זביטקאווער? הא, הא, הא! דאס איז דאך א מלאך געוועזן! — האט דער אלטער איבערגעריסען דעם חסיד די רייד — וואס ווייסט איהר, ווען די קאזאקען זיינען אריין נאך פראגע האבען זיי דארט געמאכט א הריגה, גאט זאל שומר ומציל זיין! און ווען נישט, שמואל זביטקאווער, ווער ווייס צי ס'וואלט געבליבען א איד אין פראגע? האט ער ארויסגעשיקט שטיפעטען, ר' שמואל מיין איך; און געלאזט וויסען, אז יעדער קאזאק קריגט פאר א טויטען איד א זיל־בערנעם רובעל און פאר א לעבעדיגען — א גאלדען רענדעל. פערשטעהט זיך, אז מען האט איהם געבראכט מעהר לעבעדיגע אידען...

דער אלטער איז אנטשוויגען געווארען, פון געוואהנהייט א טאפ געטאן צו די קוליע און נעבען איהם, אפגעזיפצט און אראפגעלאזט דעם קאפ.

— און וואו איז בערעק אהינגעקומען? — האט שמואל געפרעגט — געבליבען אין פוילען?

—א נאר וואלט ער געוועזן! — האט דער אלטער געשמייכעלט — נאך דעם זעלבען טאג האט ער עוקר־מדינה געוועזן. וואס ווייסט איהר, ווען ער בלייבט דעמאלט איבער'ן טאג אין פראגע, וואלט מען איהם אויפגעהאנגען! מיינט נישט, ס'איז אלץ געוועזן אויסגערעכענט אויף דער האר, הינטער דעם אלעם, דארפט איהר וויסען, זיינען געשטאנען גרויסע קעפ!

— ער איז דאך צוריק געקומען, בערעק מיין איך — האט אן עלטע־דער חסיד איבערגעהאקט דעם אלטען די רייד.

— לאזט זשע אייך דיענען, פעטער — האט דער זקן געמאכט צום חסיד מיט דער האנד ער זאל שווייגען — כאפט נישט די פיש פאר דער נעץ! וואס האב איך אייך געוואלט דערצעהלען? יא. די ערשטע צייט האט מען פון איהם נישט געהערט, פון בערעקען מיין איך, ווי ער וואלט אין וואסער אריין. שפעטער האבען מענשען דערצעהלט אז ער איז געווא־רען נאפאלעאנ'ס אדיוטאנט, נעהמט איין א מדינה נאך א מדינה און

אלע, אפילו קריסטען, האבען געגלויבט אז אונזער בערעק וועט צוריק אפנעמען פוילען. איצט, רבותי, לאמיר לאזען צורוה בערעקען און זיך אומקערען צו מיין פוס. מעגט הערען וואס עס פערלויפט זיך אלץ — כ׳בין אפגעלעגען אין שפיטאל ביז א שטיק אין ווינטער אריין. ס׳האט זיך געפאטשקעט, געפאטשקעט, נישט בעסער געווארען. בקיצור, וואס וועל איך דא מאריך זיין? מען האט מיר אראפגענומען דעם פוס איבער׳ן קנעביל. כ׳דארף אייך נישט דערצעהלען אז ס׳איז מיר געווען ווינד און וועה — א קאליקע, קיין גראשען נישט ביי דער נשמה און דא רוקט אן פסח, איז נישט געבליבען מעהר ווי נעהמען א טארבע און געהן איבער די הייזער. האבען מיר דאך אבער א גאט, שיקט ער די רפואה פאר דער מכה. דעם זעלבען טאג ווען כ׳האב געדארפט ארויס פון שפיטאל איז אריין א ווילד פרעמדער מענש, געפרעגט מיין נאמען, מיר איבערגעלאזט א בייטעלע מיט צוויי הונדערט גילדען און איידער וואס, ווען ואיננו — דער בחור איז פערשוואונדען. שפעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דאס האט א אידישער מאגנאט געשיקט יעדען איינעם, וואס איז געבליבען לעבען פון בערעקס פולק, צו צוויי הונדערט גילדען. יענע יאהרען, פאר־שטעהט איהר מיך, איז עס געווען א מטמון מיט געלד. האט מען מיר טאקע באלד גענומען רעדען א שדוך פון קאצק, מיט שלמה בעדער׳ס יונג־סטע טאכטער. בקיצור, וואס וועל איך דא לאנג ברייען, כ׳האב חתונה גע־האט. נאך דער חתונה זאגט מיר דער שווער, א קלוגער איד געווען — שמחה, מיין עצה איז זאלסט ווערען א בארבירער. אז ס׳לוינט פאר א פרעמדען וועט עס פאר דיר אודאי לוינען! א ביסעל שערען, א ביסעל לאזען אדער, נישט געזארגט, וועסט מיט גאט׳ס הילף האבען פרנסה ברוח. יענע צייטען, פארשטעהט איהר מיך, האט יעדער בעל־הבית איין מאל אין חדש זיך געלאזט אין מרחץ שערען און האקען אדער. דאס גאנצע פערגעניגען האט איהם געקאסט א דרייער, כא, כא, כא. בקיצור, כ׳האב זיך פערדערט. יא, וואו האלט איך? בין איך געווארען א בארבירער. די ערשטע צייט בין איך געווען פעריאגט, געהאט דאנת פרנסה, קינדער האבען זיך מיר, לא עליכם, נישט געהאלטען, נור נישט דאס בין איך אויי־סען. בקיצור, ס׳טוט זיך נישט אזוי גיך ווי עס רעדט זיך — איינמאל

שיקט מען נאך מיר אזש הינטער לוקאוו אין א דארף אריין. אז ארענדאר איז אוועקגעפאלען און דורכאוים פערלאנגט אז נור איך זאל איהם האקען אדער. דעמאלט איז עס געווען א שווערע נסיעה. קאצק, פארשטעהט איהר מיך, האט געהערט צו די עסטרייכער און לוקאוו צום רוס; אזא נסיעה האט דעמאלט געשמעקט מיט סכנות-נפשות. נור גאר נישט, כ'האב גע־וואוסט, אז מיך, א קאליקע, וועט קיינער נישט טשעפען. בקיצור, כ'האב געלאזט אדער, דעם איד איז בעסער געווארען און ווי כ'פאהר נור ארויס פון דארף, קומט מיר נישט בערעק אנטקעגען? ער האט זיך גארנישט גע־האט געענדערט. די זעלבע וואנסען, דער זעלבער שניט אויף'ן שטערען, בלויז אנ'אנדער היטעל האט ער געטראגען — א פוטערען היטעל פון בערען-פעל. כ'בין גלייך אראפ פון וואגען, זיך א שטעל אוועקגעטון אזוי מיט דער קוליע, ווי אין די אלטע גוטע צייטען, די האנד אונטער'ן דא־שעק, געזאגט אזוי און אזוי, פאניע פולקאווניקו, אפגעגעבען דעם גאנ־צען טיטול — — — וואס זאל איך אייך זאגען? איהר וועט נישט גלוי־בען! ער האט זיך מיט מיר ארומגעכאפט, געהאט טרערען אין די אויגען, זיך אויסגעפרעגט וואס איך מאך, מיר דערמאהנט ווי מיר זיינען געלעגען הינטער די „אקאפעס". ער האט מיך נישט אפגעלאזט, כ'האב געמוזט מיט איהם נעהמען א שנאפס און כ'פארזיכער אייך, ווען ער זאגט מיר דעמאלט אז ער דארף מיך, וואלט איך איבערגעלאזט ס'ווייב מיט די קינדער און געבליבען מיט איהם. פאר'ן אוועקפאהרען זאג איך צו איהם — פאניע פולקאווניקו, די עסטרייכער אולאנער טיילען אונז אוים צרות. האב געדולד — האט ער געענטפערט — מיר וועלען באלד צוריק האבען פוילען. ווער האט זיך דעמאלט געקענט רעכטען, אז ס'ווארט איהם אזא מיאוס'ער סוף? בקיצור, ווי די זאך איז געווען ווייס איך ער היום נישט. כ'גלויב אז דער שונא האט איהם געמוזט פערנארען איבער'ן קאצקער שלאבוים און ווי נור ער איז אריין מיט זיינע עטליכע זעלנער אין מארק, האט מען פערמאכט דעם שלאבוים און פון פארענט גענומען גע־בען פייער. אנטלויפען, פארשטעהט איהר מיך, איז נישט געווען וואו, ס'איז געווען א שפיעל פאר'ן טייוועל, האט ער מיט דער בלויזער שווערד זיך גענומען דורכשלאגען א וועג. אידען, קרעמער, וואס זיינען פונקט

דעמאָלט געווען אין מאַרק, האָבען מיר דערצעהלט אַז ער האָט געשניטען קעפּ, ווי מען שנייד קרויט. און ווען ס'פערד פאַלט נישט אונטער איהם, וואָלט ער ניצול געוואָרען. וואָס ווייסט איהר? שטעהענדיגערהייט האָט ער זיך געווערט, נישט אַרויסגעלאָזט די שווערד פון דער האַנד, ביז אַז אולאַנער האָט זיך פער'גנב'עט און איהם אָפּגעמאָסטען מיט אַן אייזען איבער'ן קאָפּ. און אַז בערעק איז שוין געלעגען אין אַ טייך בלוט, האָבען די אולאַנער, „הונדצוואָטעס" געווען, זיך אָפּגערעכענט מיט איהם, איהם צושניטען אויף פּאַסען. באַלד איז אָנגעקומען פּויליש מילטער, זיי האָבען אַרויסגעיאָגט די עסטרייכער פון קאָצק און מיט גרויס פּאַראַד מקבר גע־ווען בערעק'ען ביים סאַמע אַריינפאָהר פון שטאָדט. אָט זיינען מיר דאָך שוין ביים קבר!

די עלטערע חסידים וואָס זיינען שוין נישט דאָס ערשטע מאָל גע־ווען אין קאָצק, האָבען זיך צומאָלט נישט איינגעקוקט, בלויז געשמייכעלט מיט וואָס פאַרע יראת־הכבוד די קאַליקע רעדט וועגען דעם פּושע־ישראל. די יונגערע מיט אָפענע מיילער האָבען ברייט צועפענט די אויגען.

ביים וועג וואו מען דרעהט זיך אין שטאָדט אַריין האָט זיך געזעהן אַ בערגיל בעוואַקסען מיט הויכע גראָזען. פון מיטען בערגיל האָט זיך אַרויסגעשניטען אַ צוקרומטער עפּיל־בוים. אַרום איז געווען שטיל. עס האָט זיך בלויז געהערט ווי דער וויערפּש, וואו ער איז צום ברייטסטען שווענקט און פליעסקעט זיך אַן די לאַנקעס מיט אַ פּלאַפּעל, ווי דער טייך וואָלט דערצעהלט בערעק'ס גבורות.

פון אַ זייטיג וועגיל איז אָנגעלאָפען אַ וואָגען מיט חסידים. זיי האָ־בען אויסגעמיטען די בויד, פערפאָהרען צום בערגיל און זיך אָפּגעשטעלט.

דער באַרוויסער ישראל איז אַראָפּ פון דער קעלניע אין מיטען פאָה־רען, עטליכע חסידים מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס זיינען איהם נאָך. האָט מרדכי זיך אַרומגעקוקט, נישט געוואוסט וואָס דאָ איז געוואָרען און געהייסען דעם בעל־עגלה זיך אָפּשטעלען.

די חסידים האָבען זיך אויסגעשטעלט אַרום בערעק'ס קבר, געוואָל־דעוועט, געשריען, משתין געווען און אַלע מיט אַמאָל האָבען זיך צושאָקעלט, ווי זיי וואָלטען מחדש געווען די לבנה:

— שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

מרדכי האט געציטערט, אנגעכאפט ר׳ איטשען, וואס איז געזעסען א בלאסער מיט פערמאכטע אויגען, פאר אן ארבעל:

— רבי, טרייבט זיי אוועק פון דארט, דען כ׳וועל איינעם דעם קאפ עפענען, ווי כ׳בין א איד!

— אוי לעינים שכך רואות — האט ר׳ איטשע א פערוועהטאגטער געזאגט.

דערווייל איז דער זקן אראפ פון וואגען אויפגעהויבען א שטיין און איהם א שיק געטון גלייך דעם בארוויסען ישראל אין קאפ אריין. עס איז געווארען א טומעל. די חסידים האבען זיך צושאטען, נישט געוואוסט פון וואנען ס׳איז געקומען.

— יונים וואלטען דאך אזא זאך נישט געטון! — האט די קאליקע זיך פערקליבען צום בערגעל און געשריען מיט א פערשטיקט קול — ווי נעמט זיך ביי אידען, דערצו נאך חסידים, וואס פאהרען צום רבין דאס יה׳נ׳דות צו טון אזא חלול־המת? א פער׳שרפ׳עט זאל איהר ווערען. נים דערלעבען אריינצוקומען אין שטאדט אריין! און גאט זאל אייך שטראפען איז זאלט — — — — — מיט בלוט!

— וואס וויל ער, דער קאליקע? — האט זיך איינער אנגערופען — חברה, נעמט איהם צו די קוליע און לאזט איהם איבער אויף ר׳ בערעלע׳ס. דעם צדיק׳ס קבר, עליו־השנאבעל און לאז ער בילען!

דער אלטער האט אויפגעהויבען די קוליע, זיך פערמאסטען, ווי ער וואלט מורא געהאט מען זאל דעם קבר נישט צונעמען, געשטאנען ווי א געטרייער זעלנער און געשריען:

— פרובירט! פרובירט! פושעי־ישראלים! וואס מיינט איהר, די וועלט איז הפקר? הרג׳נען וועל איך יעדען איינעם!

א יונגערמאן האט זיך גענומען גנב׳ענען צום בערגעל, געוואלט אנכאפען די קוליע, איז ר׳ איטשע אראפ פון דער בויד, גיך צוגעגאנגען צום יונגען־מאן, איהם אנגענומען פאר א האנד, געקוקט איהם גלייך אין פנים אריין און א בלאסער האט ער געציטערט, נישט געקענט רעדען פון אויפרעגונג:

— וואס געהסטו טון? שעהמען מעגסטו זיך — — — — דער אמת'ער חסיד דארף קענען ליעב האבען דעם זינדיגען — — — ליעב האבען — — — דען ווי זינדיג א מענש זאל נישט זיין, איז ער אלץ א חלק פון צלם אלהים — — — ישראל מיינט דאך אז ער האט זיך אנגענומען פאר'ן רבונו־של־עולם, זאג איך דיר — האט ר' איטשע כמעט געשריען — אז ער האט נאר וואס אפגעטון א נבלה, נישט נור ער האט געזינדיגט. נאר ער האט נאך געמאכט אנדערע זינדיגען. טא מיט וואס איז ער בע־סער פאר ירבעם'ען?

דער בארוויסער ישראל איז געשטאנען צווישען דעם עולם, זיך אי־בערגעבונדען די שטריק אויף'ן בלויזען לייב, וואו זיי האבען איבערגע־לאזט בלוטיגע צייכענס, זיך נישט איינגעהערט וואס ר' איטשע רעדט. געשאלטען מיט טוידטע קללות און גערעדט ווי צו זיך:

שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!
שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

שמואל איז אויסגעוואקסען נעבען מרדכי'ן, מאדנע געשמייכעלט, ווי עס וואלט איהם הנאה געטון די גאנצע חתונה און א זאג געטון שטיל, אזוי זיך, כלאחר־יד:

— וואס זאגסטו אויף'ן בארוויסען ישראל? געהערט א ביסעל קללות און חרמות? מענשען זאגען ער איז אן איש־אלהים, דיענט דעם רבונו־של־עולם מיט רחבת און וועגען ר' איטשען איז דאך אפגערעדט, אז ער איז א צדיק, דאס זעהט דאך יעדער איינער, — פרעגט זיך, ווער פון זיי ביידען איז גערעכט? כ'מיין גאר נישט, גלאט אזוי, ס'איז מיר איינגעפאלען א רעיון — האט שמואל געשמייכעלט און אן אויג נישט אראבגעלאזט פון מרדכי'ן.

מרדכי האט נישט געענטפערט, נישט געקענט פערטראגען שמואל'ס שמייכעל, איהם פיינד געקראגען, זיך אבגעדרעהט פון איהם און גע־פיהלט אז שמואל'ס רייד לאזען איהם נישט צורוה — נו טאקע, ווער פון זיי ביידען איז גערעכט? איינער איז דאך סותר דעם צווייטען?

די חסידים האבען מורא געהאט פאר'ן בארוויסען ישראל'ס קללות, זיך פערלוירען פון ר' איטשעס שטילע רייד, צוריק אריין אין די בוידען,

זיך געשעהמט איינער פאר'ן צווייטען און גענומען פאהרען אין שטאדט אריין.

מרדכי איז נישט מיטגעפאהרען. ער האט געזאגט ר' איטשען אז ער וועט קומען אין שטאדט אריין צופוס און א צעוועהטאגטער, א בעליי־דיגטער, ווי מען וואלט איהם דאס הייליגסטע אין לעבען פארשוועכט, איז ער געבליבען שטעהן פערזונקען אין רעיונות הינטער א בוים און געקוקט וואס דער זקן וועט טון.

דער זקן איז נאך געשטאנען א ווײלע מיט דער קוליע אין דער האנד. געמאכט מיט די ליפען אין דער זייט וואו די חסידים זיינען אוועקגעפאה־רען, ווי ער וואלט זיי מיטגעשיקט א קללה, און פאמעליך זיך אראפגעלאזט געבען קבר.

שטיל איז מרדכי אונטערגעגאנגען, געזעהן ווי דער אלטער זיצט ביים קבר און וויינט, האט עס איהם פארקוועטשט אונטער'ן הארץ, א געבויגע־נער איז ער געבליבען שטעהן און זיך געווישט די אויגען.

דער זקן האט דערזעהן מרדכי'ן, גאר נישט גערעדט, בלויז געקוקט אויף איהם, דערפיהלט אז ס'איז דא יושר אויף דער וועלט און ס'איז איהם לייכטער געווארען.

ס'איז שוין געווען גרויסער טאג. די זון האט געברענט, געווארפען אין די אויגען פליטערלעך ליכט, געשטיפט מיט יונג און אלט. האט מען לייכטער אפגעאטעמט. זארג און פערדרוס זיינען אויף א ווײלע אוועק און ווי דורך א כשוף איז פון אלט יונג געווארען.

מרדכי האט געהאלפען דעם זקן זיך אויפהויבען און איבער'ן זאמדי־גען וועג איז דער זיידע מיט'ן אייניקעל, ווי צוויי חברים, אריינגעגאנגען נאך קאצק.

קאפיטעל 2

## ר׳ מענדעלי קאַצקער.

צומאַרגענס איז מרדכי אפּגעזעסען דעם גאַנצען פריהמאָרגען ביים רבי׳ן אין בית־המדרש און זיך געוואונדערט פאַרוואָס דער עולם שטעלט זיך נישט דאַווענען. ס׳איז שוין געווען נאָך צוועלף. איבער׳ן לעדיגען בית־המדרש האָבען עטליכע אָפּגעריסענע, בעוואַקסענע חסידים אַרום־שפּאַצירט איינציגווייז, ווי זיי וואָלטען געווען ווילד־פרעמדע, געמאַכט משונה׳דיגע הויות און זיך גע׳מח׳ט. מרדכי האָט אָפּגעשטעלט איינעם פון זיי און זיך געפרעגט:

— ווען שטעלט מען זיך דאָ דאַווענען?

דער חסיד האָט פון געוואוינהייט אַנגעשטעלט אַן אויער, ווי ער וואָלט בעסער געוואָלט בעגרייפען וואָס מען פרעגט איהם, בייז געווען פאַרוואָס מען האָט איהם איבערגעריסען די רעיונות און זיך אַ וואָרף געטון:

— אין קאָצק דאַווענט מען נישט!

מרדכי האָט פון גרויס חדוש אַ הויב געטון מיט די אַקסלען, נאָכגעקוקט אַ ווייל׳ע דעם חסיד און איז צוגעגאַנגען צו אַן אָפענעם פענסטער וואָס האָט אַרויסגעפיהרט אויפ׳ן הויף. דער הויף איז געווען שוואַרץ מיט חסידים. טייל זיינען געזעסען אויף קלעצער, אויף שטיינער, אַנדערע זיינען געלעגען אויפ׳ן גראָז, געמיטליך געשמועסט איבער פונאַנדערגעעפענטע פעקלעך און געגעסען צוזאַמען. אַן אַלטער חסיד איז אַרומגעגאַנגען צווישען עולם מיט אַ קאַש פּלעטצלעך, וואָס איז געווען גרעסער פון איהם און געשריען — כל דכפין יתא ויאכל! דער עולם האָט צו־

כאַפּט די פּלעטצלעך ווי מצה־וואַסער. דאָס איז געווען משה'לע חסיד, אַ איד וועמעס עובדה ס'איז געווען צונויפצונעמען יעדען פריהמאָרגען ביי די שטאָט־בעקערס אַ קאָש מיט פּלעטצלעך און זיי צו צוטיילען צווישען דעם אַנגעקומענעם עולם.

אַן אַ זייט, קעגענאיבער דעם רבינ'ס הויז, זיינען געזעסען דאָרפס־אידען אין שווערע קאַפּאָטעס, עלטערע אידענעס מיט טעכטער, יונגע ווייבלעך, מאַמעס מיט קראַנקע קינדער, קאַליקעס. זיי זיינען זיך צו־נויפגעקומען פון גאַנץ פּוילען, יעדער מיט זיין שווער געמיט, יעדער מיט זיין ביטער האַרץ, געגאַנגען צופוס צענדליגע וויאָרסט און געהאָפּט אַז דער רבי וועט זיי העלפען. און כאָטש זיי האָבען געוואוסט אַז ר' מענ־דעלי נעמט שוין יאָהרען גישט קיין קוויטלעך, זיינען זיי פונדעסטוועגען געקומען פון איבער גאַנץ פּוילען, געזעסען גאַנצע טעג הינטער דעם רבינ'ס פענסטער און געווען זיכער אַז פון אַ בלויזען קוק זיינעם קען בע־סער ווערען. דערשלאָגענע מיט פער'חשכ'טע פּנים'ער, זיינען זיי געזע־סען אַלע צוזאַמען, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי חולאים ביי אַ דאָקטער אין פּאָדערהויז, אויסגעהערט אייגער דעם צווייטענס אומגליק, מיטגעזיפצט און זיך עצות געגעבען.

מרדכי האָט מיט אַמאָל דערהערט אַ בילעריי אַז ס'איז איהם אַזש קאַלט געוואָרען. צווישען די חולאים האָט זיך אַ יונג מיידעל אַוועק גע־שטעלט אויף אַלע פיער, פּעריסען דעם קאָפּ, פערגלייזעלט די אויגען און גענומען בילען ווי אַ הונד. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט, געשטאַנען אָנגעהאַלפען, ווי פאַר אַן אומגליק און זייערע טעמפּע, חשך'דיגע פּנים'ער האָבען געקוקט אין אַלע זייטען אַזוי צושראָקען, אַז אַ רחמנות האָט אָרומגענומען. דאָס מיידעל האָט זיך געפּיהלט באַקוועמער, וואָס דער עולם האָט זיך פונאַנדערגערוקט, צועפּענט דעם קאָפּטען, העכער פּעריי־סען דעם קאָפּ, און מיט אַ בילעריי פון אַ הונד, וואָס דערשמעקט ערגיץ וואו אַ פייער, שטעלט זיך אַוועק אויף די הינטערשטע פיס, בעהאַלט דעם עק, צעוויינט זיך, ווי דאָס פייפען פון אַ ווייטען ווינד, זאָגט אַן מענשען אַ שלעכטע בשורה. פונקט אַזוי איז דאָס מיידעל זיך פערגאַנגען.

די חסידים האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע פּלעצער, ארומגע־רינגעלט די קראַנקע.

— ס'איז דאָך א דבוק, רחמנא ליצלן, גיסט זי אָפּ מיט נעגיל־וואַ־סער! — האָט א חסיד אַן עצה געגעבן.

— אידען, טשעפּעט נישט מיין קינד! — האָט אַן אַלטע, פערוויינ־טע מוטער זיך געבעטען, ארומגעכאַפּט די טאָכטער און זי גענומען קו־שען — לאה'שי, האָב רחמנות אויף דיין קראַנקע מאַמע, פערשווארץ מיר נישט ס'פּנים פאַר א גאַנצע וועלט, נו, בערוהיג זיך, קינד מיינס!

דערווייל האָט א חסיד געבראַכט פון בית־המדרש אַן עמער מיט נעגעל־וואַסער און זי אָפּגעגאָסען. די קראַנקע האָט א קוויטש געטון, צוטומעלט געוואָרען, אויפגעהערט צו בילען און אַן אָפּגענעצטע איז זי געבליבען ליגען אין זאַמד אַהן אָטהעם, בלויז געדריגעט מיט די פּיס.

די מוטער האָט גענומען מונטערין די טאָכטער, זי געריסען פאַר די האָר, פאַר דער נאָז, נישט געקענט דערמונטערען, איז זי אויפגעשפּרונ־גען, פערבראָכען די הענד און געשריען צום עולם מיט א ניגון, ווי מען בעוויינט א טוידטען:

— וואָס האָט איהר געוואָלט פון מיין טאָכטער? גיט מיר אָפּ מיין טאָכטער?!

זי איז מיט אמאָל צוגעלאָפען צום רבינ'ס פענסטער, גענומען קלאַ־פּען מיטביידע הענד, אַז די שויבען האָבען אַזש געציטערט, געוויינט און זיך געבעטען:

— רבישי, הייליגער רבי, האָט רחמנות אויף אַן ארימער מאַמע! איין איינציגע טאָכטער איז זי ביי מיר! פון צעהן געבליבען איין אויס־געוויינט קינד! רבי!..

בשעת די אידענע איז געשטאַנען ביים רבינ'ס פענסטער און גע־וויינט, איז געוואָרען אויפ'ן הויף אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט, ווי די קראַנקע דריגעט מיט די פּיס. אַלע האָבען אָנגעשפּיצט די אויערן, געשטאַנען מיט צועפּענטע מיילער, געווען זיכער אַז דער רבי וועט היי־סען ברענגען די קראַנקע צו זיך.

דער רבי א קליינער, א גרויער, אַזוי בעוואַקסען, אַז מען האָט אפילו

דאס פנים נישט ארויסגעזעהן, איז געשטאנען אין פענסטער מיט צונויפ־געקוועטשטע פויסטען און געשריען צום עולם:

—אקסען, אוועק, אוועק פון מיינע אויגען! כ'בין קיין דאקטער נישט! כ'האב געהאפט צו זיין א מענשען דאקטער, האט איהר מיך געמאכט פאר א קאנאוואל! טא וואס ווילט איהר איצט?

אלע האבען פארגעסען אן דער קראנקער, געציטערט פון רבינ'ס רייד, איז זי דערווייל געקומען צו זיך, זיך צוריק אוועקגעשטעלט אויף אלע פיער און, ווי אויף צו להכעיס, אזוי הינטיש זיך צעוויינט דעם רבי'ן גלייך אין פנים אריין, אז ביי יעדען איינעם איז דורך א שוידער.

מרדכי האט געקוקט אויף די צוקרימטע פנים'ער וואס האבען גע־בעטען רחמים ביי יעדען חסיד, אויף די אויסגעצערטע קינדער, וואס הא־בען זיך געשארט ארום די עלענדע מוטערס, אויף די קאליקעס, ועמעס צואוועהטיגטע אויגען האבען זיך געצונדען, געקוקט מיט בטול אויף די ארומיגע חסידים, ווי זיי װאלטען זיך געריי‌צט — זי בילט אויפ'ן רבי'ן, זי בילט אויפ'ן רבי'ן...

מרדכי איז געשטאנען מיט האלב־פערמאכטע אויגען און געגלויבט אז באלד וועט זיך עמיצער בעווייזען. ער האט געזעהן ווי א געשטאלט, א ליכטיג געשטאלט, טראגט זיך צווישען עולם, לייכט ווי א ווינד, ריהרט אן יעדען איינעם מיט זיינע בלייכע פינגער, רייסט איבער דעם פלאנ־טער...

אין מיטען הויף איז געשטאנען א ווייבעל. זי האט אראפגעריסען איהר אלט סאמעטען קאפטענדעל, א האלב נאקעטע א פאל געטון אויפ'ן זאמד, געעפענט א פערשוימט מויל און קנוילענווייז האט זיך גענומען וויקלען א געלעכטער, ווי אן אלטער איד וואלט געלאכט. באלד האט זיך אפגערופען א צווייטס, א דריטס, איינס העכער פון צווייטען, איינס פערשייטער, אויסגעלאסענער פון צווייטען. דאס געלעכטער האט זיך געוויקעלט, געקייקעלט און ס'האט אויסגעזעהן אז צווישען עולם שטעהן אלטע אידען מיט לאנגע בערד, האלטען זיך פאר די בייכער און לאכען. פאר די אויגען האבען זיך געטראגען רינגען, זיך געקייטעלט, געפלאנ־טען, זיך אויסגעמישט מיט'ן בילען, פערשייט אפגעקלונגען און ס'האט

איסגעזעהן ווי נישט גוטע וואָלטען זיך צונויפגעקומען אונטער׳ן קאַצ־קער׳ס פענסטער, געוואָלט איהם מבולבל מאַכען.

פון צווישען עולם האָט זיך ר׳ איטשע ארויסגערוקט, צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער, ארויפגעלעגט א האַנד אויף איהר קאָפּ און זי געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— לאה! — האָט דאָס מיידעל א ביל געטון...

— וואָס איז דיר לאה? — האָט ר׳ איטשע זי געפרעגט.

— ס׳זיצט עפּיס דאָ, — האָט ס׳מיידעל געוויזען אויפ׳ן האַרץ אין זיך צעוויינט.

— נו, וויין נישט טאָכטער — האָט ר׳ איטשע זי גענומען באַרוהי־גען, אַנגענומען פאַר א האַנד — שטעל זיך אויף, אַזוי! גאָט וועט דיר העלפען, וועסט געזונד ווערען.

דאָס קראַנקע מיידעל האָט אָנגעהויבען שמייכלען, באַלד זיך אויס־טרעלישׁ צולאָכט, ארומגעכאַפּט ר׳ איטשען מיטביידע הענד און איהם ארייגעשריען אין פּנים:

— מיין חתן! דו ביזט מיין חתן!

ר׳ איטשע האָט זיך נישט ארויסגעריסען פון דער קראַנקער, געבלי־בען שטעהן אין איהרע אָרעמס, געקוקט אויף איהר מיט א פּאָר פערוועה־טאָגטע אויגען, ווי א פאָטער קוקט אויף א קראַנקער טאָכטער און זי איינגעשטילט:

— נו, באַרוהיג זיך, לאה! כ׳בין דיין חתן! כ׳בין דיין חתן!

— משוגענע! — האָט די אַלטע מוטער זי א ריס געטון פון ר׳ איטשען — האָסט שוין גאָר קיין בושות נישט?

די קראַנקע האָט זיך ארומגעקוקט, ווי זי וואָלט איצט דערזעהן דעם עולם ארום זיך, זיך געכאַפּט וואָס זי האָט נאָר וואָס אָפּגעטון און א פער־לוירענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, האָט זי זיך געטוליעט צו דער אַל־טער מאַמען.

— זי האָט אויפגעהערט צו בילען! — האָט זיך עמיצער פון עולם אָנגערופען.

— דער ימח־שמו האָט קיין שליטה צווישען צדיקים!

— וואו איז ר׳ איטשע?

— ער שטעהט דאָך דאַ!

— וואו?

— ר׳ איטשע איז דער אמת׳ער צדיק־הדור! — האָט דער באָר־וויסער ישראל אויסגעשריען.

— קוקט, ר׳ מענדעלי שטעהט נאָך אין פענסטער! — האָט עמי־צער געוויזען מיט א פינגער.

ר׳ מענדעלי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, געקוקט אויף ר׳ איטשען און זיין אַלט, צוקנייטשט פּנים האָט אויפגעלויכטען.

ר׳ איטשע האָט צוגעפיהרט דאָס קראַנקע מיידעל צו א קלאַץ, זי אוועקגעזעצט, בארוהיגט, דערזעהן דעם רבי׳ן, ווי ער שטעהט אין פענס־טער און קוקט אויף איהם, האָט ער זיך פארשעהמט און זיך געלאָזט מיט די קלעצער.

ער איז אריין אין בית־המדרש, עטליבע מאָל כמעט דורגעלאָפען הין און צוריק איבער דער גאַנצער לענג, געקייעט דאָס שווארצע בערדיל, מיט אמאָל זיך אָפּגעשטעלט, ארויסגעכאַפּט א ספר פון א פּאָליצע, אָנגע־שפּאַרט א פוס אויף א באַנק, עפּיס אונטערגעברומט, געבלעטערט, עס אוועקגעשטעלט און צוריק גענומען שפּרייזען איבער׳ן בית־המדרש.

מרדכי איז איהם אַנטקעגען געקומען. ר׳ איטשע האָט געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַן אומבעקאַנטען, ווי ער וואָלט איהם נישט געזעהן. מרדכי האָט זיך פערלוירען, זיך געוואָלט אוועקדרעהן, האָט ר׳ איטשע איהם ארומגענומען:

— נו, מרדכי, האָסט שוין איבערגעביסען?

מרדכי האָט א שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ, כאָטש ער האָט נאָך נישט געהאַט אין מויל פון נעכטען ביי נאַכט אָן.

— טאַ קום, מיר וועלען אריין צום רבי׳ן — האָט ר׳ איטשע גענו־מען מרדכי׳ן אונטער׳ן אָרעם און איז מיט איהם ארוים פון בית־המדרש.

דעם רבינ׳ס שמש, אַן עלטערער איד מיט לאַנגע, שווערע פּאות, איז גיך פערבייגעגאַנגען. די לאַנגע פּאות זיינען זיך צעפלויגען, ווי א פּאָר צעשפּרייטע פליגעל פון א באַטשאַן. ר׳ איטשע האָט איהם אָפּגעשטעלט:

— גוט מאָרגען, ר׳ פּאָוועש!

— אַה, — האָט זיך דער שמש א כאַפּ געטון, געוואָלט געבען שלום, זיך דערמאָנט אַז ער האַלט צווישען די ערשטע צוויי פינגער א שמעק טאַבעק. האָט ער איהם אריינגעפּאַקט אין דער נאָז, זיך א קרים געטון און אָפּגעווישט די הענד אַן דער ריפּסינער קאַפּאָטע — שלום־עליכם, ר׳ איטשע!

— וואָס מאַכט דער רבי?

—שוואַך, ר, איטשע, שוואַך! — האָט דער שמש אָפּגעזיפצט — פון נעכטען אַן גאָרנישט טועם געווען!

— קען מען איצט צו איהם אריינגעהן?

— ס׳הייסט, אריינגעהן קען מען — האָט דער שמש געשטאַמעלט — נאָר אַז איהר וועט איצט אריין, וועט דער רבי שוין אין גאַנצען נישט עסען. זייט זשע מוחל, ר׳ איטשע, און געהט דערווייל אריין צו ר׳ דוד׳לען און גלייך ווי דער רבי וועט אָפּעסען, רוף איך אייך אריין, גוט?

— גוט, גוט, זעהר גוט! — האָט ר׳ איטשע געריבען א האַנד אַן א האַנד און איז אריין מיט מרדכי׳ן צו ר׳ דוד׳לען, דעם רבינ׳ס עלטס־טען זוהן.

---

ר׳ דוד׳ל א שעהנער איד אין די פערציגער, מיט פולע, רויטליכע באַ־קען, מיט געקרויזטע פּאות, בויגיג ווי שפּרינגפעדערס, האָט אוועקגע־שטעלט דאָס גלאָז טעע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד, זיך אויפ־געשטעלט און אַנטקעגען געגאַנגען די געסט אין א געשטרייפטען זיידע־נעם שלאַפראָק, אין א פּאָר פּערסישע, ווייכע שטעק־שיך. ער האָט גע־געבען ר׳ איטשען שלום און זיך געפרעגט אויף מרדכי׳ן:

— און ווער איז דאָס דער בחור? עפּיס א בעקאַנט פּנים...

— דאָס איז ר׳ אברהם שרייבער׳ס זוהן.

— אזוי, טאַקע געראָטען אין פאָטער — האָט ר׳ דוד׳ל אריינגע־שטעקט מרדכי׳ן א ווייך, ווארעם הענטיל, עס נישט באַלד ארויסגענומען, איהם צוגעפיהרט צום טיש און ארויסגערוקט א שטוהל — זיץ, ביזט, דאַכט זיך, א בן־יחיד, האַ? און וואָס מאַכט דער טאַטע?

מרדכי האָט זיך פערלוירען און איידער ער האָט צייט געהאַט עפּיס צו ענטפערען, האָט ר׳ דוד׳ל שוין גערעדט מיט ר׳ איטשען.

ר׳ דוד׳ל האָט זיך גערעכענט פאר א איד א חלוש — געליטען אויף די פיס, געהאַט גאַל־שטיינער, זיך געשראָקען אז ער קריגט אַסטמאַ. יעדעס יאָהר איז ער געפאָהרען נאָך אויסלאַנד אין די בעדער, תמיד אהיימגעקומען שוואַכער, ווי ער איז געפאָהרען, תמיד מיטגעבראַכט א פרישע חולאת, וואָס קיינער האָט נאָך דערפון נישט געהאַט געהערט און זיך ארומגעטראָגען מיט איהר ווי מיט אן אבן־טוב. און אז ער האָט גע־רעדט פון זיינע חולאת׳ן האָט ער גאָר אָפּגעלעבט, הנאה געהאַט אַלעמען איבערצושרעקען, זעהר געוואָלט מען זאָל איהם באַדויערען און נישט איינ־מאָל, אז ס׳איז פארגעקומען אין הויף א מחלוקה, האָט ער געסטראַשעט דעם עולם אז ער געהט זיך לאָזען אָפּעריירען. דער גאַנצער הויף האָט געלעבט מיט דוד׳ל׳ס חולאת׳ן. דאָס ווייב האָט גאַנצע טעג געטראַכט וואָס פאר א מאכלים צו מאַכען, דער מאַן זאָל האָבען מיט וואָס צו דער־כאַפּען דאָס שוואַכע הארץ. די קינדער זיינען ארומגעגאַנגען אין די צי־מערען אויף די שפּיץ־פינגער, קיין הויך ווארט נישט ארויסגערעדט, קיין קלאַפּ געטוהן, ווי זיי וואָלטען געוועזען אין א שפּיטאַל, תמיד אין זינען געהאַט אז דער טאַטעשי איז נישט געזונד. ר׳ דוד׳ל אַליין האָט ווייניג געלערענט. זיך געפּאַרעט יעדען טאָג אין זיין אייגענער אַפּטייק, וואו אויף פּאָליצעס זיינען געשטאַנען הונדערטער סלאָיקעס, פלעשלעך, פער־שידענע רעצעפּטען, געשפּיעלט אין שאָך, צוויי, דריי מאָל א וואָך, ווען די „גאַזעטאַ צאַרזשיעננאַ" איז אָנגעקומען נאָך קאָצק, האָט שלמה־לע דער רופא אריבערגעבראַכט די גאַזעטען צו ר׳ דוד׳לען און געלייענט וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט. ר׳ דוד׳ל האָט געוואוסט די קלענסטע

רכילות וואָס ארום דעם הויף, געזעהן מען זאָל קיינעם נישט צו לאָזען צום טאַטען און געפיהרט דעם הויף ביד־חזקה.

דוד'ל האָט זיך געווענדעט צום ווייב, וואָס איז געזעסען אַן אויס־געבלייכטע ביים אָפענעם פענסטער אין אַ טיעפען פּליושענעם פאַטעל און געזופּט טעע:

— שרה'לע, ווייסט ווער דאָס איז? ס'איז דאָך דבורה'לעס זוהן, דער בן־יחיד!

שרה'לע אַנגעטון אין שווארצען זייד, אַ שווארץ שטערען־טיכעל ביז איבער דעם האַלבען שטערען, האָט אַן איבעראַשטע זיך אַ הויב געטון מיט'ן פאַטעל, ווי זי וואָלט זיך נעהנטער געוואָלט צורוקען צו מרדכי'ן און געבליבען זיצען ביים פענסטער:

— קיין עין־הרע אַ בחור! דו ווייסט, דוד'ל, ער איז דאָך אין איין עלטער מיט אונזער רבקה'לען!

רבקה־לע וואָס איז געזעסען עטוואָס געבויגען ביים טיש, אויסגע־האַפטען אויף שווארצען זייד מיט זילבערנע און גאָלדענע פעדים, וואָס האָבען געהאַנגען פאַסמעסווייז ארום איהר האַלז, האָט צועפענט אַ פּאָר ליכטיגע, צניעות'דיגע אויגען, וועלכע מען טרעפט אַזוי אָפט ביי רביים'־שע טעכטער, פון דער זייט אַ קוק געטון אויף מרדכי'ן, טיעפער אראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ איבער דער ארבייט און צווישען די פאַסמעס פעדים און די שווארצע האָר, האָט זיך דער בויג פון איהר האַלז געוואָרפען אין די אויגען.

— שרה'לע, זעה מען זאָל מכבד זיין די געסט! — האָט דוד'ל אויפ־געלעגט געשמייכעלט.

שרה'לע האָט אוועקגעשטעלט דאָס דורכזיכטיגע גלאָז טעע, קלאָר ווי אַ גלאָז וויין, אויף אַ שווארץ אכט־עקיק טישעל און זיך געווענדט צו דער טאָכטער:

— רבקה'לע, ברענג אריין טאָרט מיט וויין!

רבקה'לע איז געווען הויך און בויגיג ווי אַ יונג בוימעל. מרדכי האָט איהר נאָכגעקוקט, געזעהן ווי זי פערשוואונד אין צווייטען צימער, געזעהן ווי אַ ווייסער שפּיץ פון איהר אונטערקליידעל קוקט אַפער, שלאָגט

זיך אָפּ אַן דעם שוואַרצען, זיידענעם זאַק, האָט ער זיך מיט אַמאָל דער־פיהלט אַזוי גוט, פּונקט ווי אַ קיהל ווינטעל וואָלט אַ בלאָז געטון, ווען די היץ איז אונערטרעגליך.

ביים צווייטען פענסטער איז געזעסען אַ יונגע פרוי אין אַ קאַפּער־לוש, אין ווייסע לאַנגע האַנטשען, נערוועז געצוגט מיט די ליפּען, ווי זי וואָלט איינגע'טענה'ט מיט זיך. מרדכי האָט באַמערקט אַז זי האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט ווען זי זיינען אריין, געזעסען איבער אַ בוך, געמאַכט גרימאַסען, ווי זי וואָלט אַליין געווען אין צימער. ער האָט פון דער זייט געכאַפּט אַ קוק אויף איהר בלאַס, לענגליך פּנים, האָט עס איהם דערמאָנט אַז אַזוי האָט שרה'לע געדאַרפט אויסזעהן יונגערהייט. ער האָט זיך געשטויסען אַז דאָס איז ר' דוד'לס עלטסטע טאָכטער, אַז איהר מאַן איז ר' דניאל אייבשיץ, וועגען וועלכען ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנ־געהערט.

אַ אידענע אין אַ קופּקע האָט אַריינגעבראַכט אַ זילבערנע טאַץ מיט געבעקס, אַ קאַשיקעל וויין אַרומגעפלאַכטען מיט זילבערנע שטריק, אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש און אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ נעגיל.

רבקה'לע איז צוריק אַריין, אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש עטליכע גלעזלעך, געשטאַנען אַ ווייל, ווי זי וואָלט נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טון און זיך אַוועקגעזעצט נעבען דער מוטער אויפ'ן פענסטער. זי האָט אַוועקגעבויגען די טיולענע גאַרדינען, וואָס זיינען געפאַלען פאַלדענ־וויז איבער'ן דיעל, אַרויסגעקוקט אין געדיכטען סאָד אַריין, אָפּגעריסען אַ בלעטיל, עס געקייעט, עפּיס איינגערוימט דער מוטער אויפ'ן אויער און צנועה'דיג געשמייכעלט.

ר' דוד'ל האָט אָנגעגאָסען די גלעזלעך, געטרונקען לחיים און געוויי־זען אויף דעם טאַץ מיט געבעקס:

— פערבייסט!

נאָכ'ן ערשטען גלעזעל האָבען די אויגען ביי ר' דוד'לען זיך פער־צויגען. ער האָט פערביסען אַ שטיקעל טאָרט, זיך אַ רוק געטון צו ר' איטשען און גענומען מיט איהם איינ'טענה'נען אין דער שטיל.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט. בעטראַכט די שווערע שטיקער מע־

ביל, ערטערווייז צושפּאַלטענע פון אַלטקייט, ווי ס'וואָלט איבערגעגאַנגען בירושה פון דור־דורות, בעטראַכט די פּאַדלאָגע מיט פּערסישע דיוואַנען, וואו יעדער טריט איז זיך צעשוואָומען אין דער ווייכקייט און אפילו דעם אומרוה'ס טיק־טאַק, פון גרויסען, געשניצטען זייגער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, האָט טעמפּ אָפּגעקלונגען, ווי דער זייגער וואָלט אויך גע־ווען איינגעוויקעלט אין אַ דיוואַן. דורך די טיולענע גאַרדינען האָבען אַריינגעקוקט שטיקלעך צווייגען, בלעטער, ווי פיליגרין אַרבייט, די בלע־טער האָבען זיך קוים באַוואויגען, מיטגעבראַכט אַ ווייט שטיל גערויש, וואָס האָט געשלעפערט. דאָס אַלט־פּרענקישע, מאַטע זילבער אויף די ווינקעל־טישלעך, אין די שויבען שענקלעך, די ווייכע דיוואַנען, די דאַמע אין די ווייסע זיידענע־האַנטשען, וואָס איז געזעסען ווי אַן אויסגעגאָסענע און געמאַכט מיט די ליפּען, אַלץ איז געווען אַזוי שטום, ווי ס'וואָלט דורך־אַרץ געהאַט פאַר די דורות פון די אַלטע, ערטערווייז צושפּאַלטענע שטיקער מעביל.

שרה'לע האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין פאָטעל, אַרויפגעשטעלט די פיס אויף אַ קליין, אויסגעבעט פיסען־בענקיל און מיט ווירדע אַ פרעג געטון ביי מרדכי'ן:

— וואו שטעהסטו איין?

מרדכי האָט באַלד נישט געכאַפּט וואָס מען פרעגט איהם, אַ צוזור־דערטער אָפּער פון הינטערען טיש, זיך איבערגעזעצט אויף אַ לעדיגע שטוהל, וואָס איז געשטאַנען נעבען שרה'לען, זי אַנגעקוקט אַ ווײַלע, גע־פיהלט אַז ער טוט אַ נארישקייט, איז ער רויט געוואָרען, געבליבען זיצען און שטיל געענטפערט:

— ביי ר' יוסעל'ען.

— כ'האָב גאָר פאַרגעסען, — האָט שרה'לע אַ מאַך געטון מיט דער האַנד, ווי זי וואָלט זיך עפּיס דערמאַנט. — ר' יוסעל איז דאָך מיט אייך מחותנים!

— יאָ, — האָט מרדכי אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ.

— ר' יוסעל איז אַן אָנגעשטאָפּטער גביר — האָט שרה'לע פער־זשמורעט די אויגען און געוויעגט מיט'ן קאָפּ אום צוצוגעבען איהר'ע רייד

מעהר געוויכט. — א בעל־צדקה, מען קען נישט זאגען, לאזט זיך קאסטען און מיט א פולער האנד. פונדעסטוועגען איז ער בעגאנגען אן עולה! מיר זיינען דאך אייגענע מענשען, ס׳הערט דאך דא קיינער נישט, ער האט זיך נישט געדארפט איינרייסען מיט די קינדער און נעמען אויף דער עלטער א מיידעל! ער איז דאך א זקן, שוין איבער זעכציק און זי? כ׳ווייס נישט צו זי איז מעהר ווי דריי, פיער און צוואנציג יאהר?

— איהר פאטער איז אויך געווען געגען שדוך — האט מרדכי זיך אנגערופען — נור ער האט זיך נישט געקענט העלפען. די צוקראוניע האט איהם בדיל־הדל געשטעלט און ווען ר׳ יוסעל גיט איהם נישט די דרייסיג טויזענד גילדען, וואלט מען די צוקראווניע שוין לאנג ארויסגע־שטעלט אויף א ליציטאציע.

— אזוי איז עפּיס אנדערש! הייסט עס ער האט זי אפּגעקויפט! האט שרה׳לע געצויגען די ווערטער, ווי איצט וואלט אלץ ביי איהר געווען פארענטפערט.

— מען זאגט זי איז זעהר געבילדעט — האט רבקה׳לע זיך אנגע־רופען.

— און אז זי איז געבילדעט, דארף מען געהן אין די האר און זיך ארומשלעפען מיט גוים? — האט שרה׳לע זיך געבייזערט.

— פונדעסטוועגען, ווען מען וואלט מיך אפּגעגילט, וואלט איך אויך נישט גענומען אזא נ׳אלטען מאן! — האט רבקה׳לע זיך צולאכט און איז רויט געווארען.

— זעה נור זעה, ווער ס׳רעדט — האט די מוטער איהר געגלעט אי־בער׳ן קאפּ און זיך געווענדעט צו מרדכי׳ן, אבי צו פערציהען אנאנדער שמועס — און וואס מאכט די מאמעשי, זי איז דאך שטענדיג געווען אזא שוואכע?

מרדכי האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, געהאלטען אין איין ראנקען, געקוקט אויף רבקה׳לען, ווי זי האט געריסען א בלעטעל נאך א בלעטעל, זיי געקייעט און אז ער האט זיך געקליבען עפּיס צו זאגען, האט זיך קיינער צו איהם נישט צוגעהערט.

שרה׳לע האט גערעדט צו דער טאכטער:

— איך מיט זיין מאַמעשי זיינען מיר געוואַקסען צוזאַמען, געווען חבר'טאַרענס פון קינדוויין אָן...

רבקה'לע האָט אויפגעהויבען די אויגען, דרייסטער געקוקט אויף מרדכי'ן, ווי דאָס וואָס זייערע מוטערס זיינען געווען חבר'טאַרענס, וואָלט זי דערנעהנטערט צו איהם. מרדכי האָט זיך פאַרגעסען, געהערט ווי ר' דוד'ל רעדט וועגען זיין פאָטער, דעם רבי'ן, מיט אַזאַ וואַכעדיגקייט, האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן, זיך געוואָלט איינהערען, איז פונקט דעמאָלט אריינגעקומען דער שמש:

— ר' איטשע, איהר קענט אריינגעהן.

ר' איטשע האָט זיך אויפגעשטעלט, א מאַך געטון מיט דער האַנד צו מרדכי'ן ער זאָל מיטגעהן.

— וואָס דאַרפסטו איהם? — האָט ר' דוד'ל אָפּגעשטעלט ר' איטשען — לאָז איהם דאָ איבער!

— נו, האָט ר' איטשע זיך געווענדעט צו מרדכי'ן און א צוג געטון מיט די אַקסלען — ווי דו ווילסט?

מרדכי איז געבליבען אין א פערלעגענהייט, געקוקט אויף ר' דוד'לען, אויף ר' איטשען, נישט געוואוסט וואָס צו טון, זיך גע'ישוב'ט און מיט א מאָדנעם שמייכעל, ווי ער וואָלט עפּיס שולדיג געבליבען ר' דוד'לען, האָט ער זיך כמעט ביי איהם געבעטען:

— כ'וועל מיטגעהן מיט ר' איטשען.

— אַז דו ווילסט, — האָט ר' דוד'ל גענומען געהן אין א צווייטען צימער אריין און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל — זיי נישט קיין נאַסט, הערסט?

— קום היינט אריבער אויף אָבענד־ברויט, — האָט שרה'לע איהם פאַרבעטען.

מרדכי האָט זיך געזעגענט, געווען גליקליך און נישט געוואוסט פאַר־

וואָס די מענשען אינטערעסירען זיך אזוי מיט איהם. ער האָט גענומען אַרויסגעהן, מיט אַמאָל דערפיהלט ווי די מענשען, דאָס הויז, ווערען איהם נאָהענט, בלויז נישט פאַרשטאַנען דאָס גלייכגילטיגקייט, דאָס וואַכעדיג־קייט צום רבי'ן, מיט וועלכען מען וואָהנט אונטער איין דאַך.

---

דער שמש האָט זיי דורכגעפיהרט עטליכע צימערען, זיי געלאָזט זי־צען אין א חדר פול מיט ספרים, געהייסען וואַרטען און ער אַליין איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צו דעם רבינ'ס טיר, געבליבען שטעהן, זיך איינגעהערט, ווי ער וואָלט צום ערשטען מאָל אַהין אריין. דאָס איז ער געגאַנגען פרעגען צי דער רבי וועט אויפנעמען די געסט.

מרדכי האָט זיך געוואונדערט מיט וואָס פאַר א יראת־הכבוד דער שמש, וואָס איז שוין מיט'ן רבי'ן איבער דרייסיג יאָהר, באַציהט זיך צו איהם און איהם איז נאָך קשה'ער געוואָרען, פאַרוואָס ר' דוד'ל רעדט וועגען רבי'ן, זיין פאָטער, אזוי, כלאחר יד, ווי וועגען אַ עובר בטל.

שוין דרייצען יאָהר ווי ר' מענדעלי האָט אויפגעהערט אויפצונעמען חסידים, געזעסען אין א באַזונדער חדר, זעלטען אפילו שלום גענומען אין אויסער מקורבים האָט מען צו איהם נישט צוגעלאָזען. די ערשטע צייט האָבען פיעל חסידים אויפגעהערט פאָהרען נאָך קאָצק, בלויז די מח־מענשען זיינען געבליבען. פאַר זיי איז גענוג געווען אַז ר' מענדעלי איז איבער דער וואַנד און אַפּגעריסענע, באַוואַקסענע האָבען זיי געהיט און אויפגעהאַלטען דאָס ביסעל פייער פון פוילישען חסידות.

די הויף־מענשען האָבען זיך געשראָקען דער רבי זאָל נישט מיט זיין תורה פערטרייבען די איבריגע חסידים, האָבען זיי איהם געהיט, געזעהן אַז קיין עולם זאָל צו איהם נישט צוקומען. די חסידים וואָס האָבען פער־לאָזט קאָצק, האָבען זיך געוואַלגערט ביי פרעמדע טישען, אַפּגערעכט גלות,

געגאַרט אָבער נאָך אַן אמת וואָרט און איינציקווייז צוריקגעקומען. און־צופרידענע, וואָס מען לאָזט זיי נישט צו צום רבי׳ן, האָבן זיי איינמאָל פערטריבן די שמשים, אויפגעבראָכן די טיר, געוואָלט בעפרייען דעם פערשפּאַרטען רבי׳ן — איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דער רבי האָט געטריבן פון זיך, נישט געלאָזט שטעהן אין זיינע דלת־אמות, געשאָלטען מיט טוידטע קללות.

ר׳ מענדעלי האָט געזעהן ווי דאָס חסידות ווערט אויסגעוועפּט, נישטאָ מעהר קיין אינהאַלט, קיין תוך. די „שטוהל" הויבט אָן ווערען אַ ירושה זאַך. די אמת׳ע כונה פון חסידות פערשווינדט —האָבן זיך חסידים גענומען צו „מצוות־מעשיות". מען האָט אויפגעהערט צו פאַר־שטעהן דעם פּרוש־המלות פון בע״שט׳ס תורה — איז עס געוואָרען אַ תורת־משה.

ר׳ מענדעלי איז ארומגעגאַנגען אין גרויס צער, גאַנצע זיבען יאָהר געזוכט התבודדות, זיך פיעל אָפּגעגעבען מיט קבלה, מיט חקירה און אַז ער האָט זיך דערפיהלט ביכולת צו דערהויבען דעם בע״שט׳ס תורה צו אַ העכערער מדרגה, געבען דעם פּוילישען חסידות אַ תוך, האָט ער זיך דעמאָלט ארומגעזעהן אַז מען פאַרשטעהט איהם נישט, אַז מענשען זיינען צופרידען מיט זיך, דאַרפען קיין תוך נישט, נור אויף איינציגע קען מען זאָגען — לא על הלחם לבדו יחיה האדם.

ר׳ מענדעלי איז אריינגעפאַלען אין גרויס עצבות, נישט געגעסען, נישט געטרונקען און געהאַלטען איז איין טענה׳ן:

— טאַטע־פאַטער, און אַז כ׳וועל שוין צונויפנעמען די חסידים, די איינצעלנע וואָס בענקען נאָך דיר, אוועקגעהן מיט זיי אין די וועלדער, וועסטו דען זיין צופרידען? און וואָס זאָלען די זינדיגע טון, די וואָס זיצען אין גשמיות איבער׳ן קאָפּ, זיינען צו שוואַך דיך צו קענען, וואָס זאָלען זיי טון, טאַטע־פאַטער? און זיי זיינען דאָך דאָס רוב בנין ורוב קנין!

פון דעמאָלט אָן האָט דער הויף געהאַלטען אַ שטאַרקע וואַך ארום דעם רבי׳ן, כמעט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו איהם. איז ער שוין דאָס דרייצענטע יאָהר געזעסען איינער אַליין, נישט פערטראָגען די שטוביגע

מענשען און געלעבט בלויז מיט זיך. און אז די עצבות איז איהם בע־פאלען (און דאס האט זעהר אָפט געטראָפען) האט דער רבי אויסגעהאַקט די שויבען, זיך צובלוטיגט, אויפגעפּראַלט דאס פענסטער און א בעוואַק־סענער, ווי אַן איינגעשפּאַרטע חיה, האט ער געטריבען פון זיך און גע־שאָלטען די גאַנצע וועלט. און ס'איז שווער געווען צו גלויבען אז דער מענש וואס איז געווען בלויז רחמים, וואס האט מעהר מקרב געווען א זינדיגען ווי א צדיק, דער מענש זאָל זיצען איינגעשפּאַרט, פיינד קריי־גען מענשען און מעהר ווי א קללה פאר זיי נישט האבען.

— זייט זשע מוחל, ר' איטשע! — האט דער שמש געעפענט דעם רבינ'ס טיר און געוויזען מיט דער האַנד ער זאָל אריינגעהן.

דער רבי איז זיי אַנטקעגען געקומען. מרדכי האט געציטערט, גע־פיהלט ווי הענד און פיס ווערען ביי איהם אָפּגענומען. דער רבי, א קליי־נער, א באוואַקסענער, ווי ער וואָלט קיינמאָל צווישען מענשען נישט געלעבט, מיט א פּאָר ווילדע אויגען, באַדעקט מיט לאַנגיי ברעמען, איז אריין אין די זאַקען. ער האט געהאַלטען אין דער לינקער האַנד א זיל־בערנע פּושקע מיט טאַבעק, אָהן א צורעקיל, זיך איינגעקוקט אין ר' איטשען, דערנאָך אין מרדכי'ן, א שמעק געטון צום שקעטעלע מיט טאַ־בעק און געזאָגט, ווי צו זיך, כמעט זיך געבייזערט:

— ווער איז דאס דער בחור?

— ס'איז ר' אברהם „שרייבער'ס" א זוהן — האט ר' איטשע גע־ענטפערט.

דער רבי האט א קניימש געטון דעם צואַקערטען שטערען, זיך גע־וואָלט דערמאָנען, נישט געקענט, האט ער א מאַך געטון מיט דער האַנד און גערעדט נאָך מיט א בייזערען טאָן:

— בעקאַנט, דער נאָמען איז מיר בעקאַנט, נור כ'געדענק נישט ..

א. האט דער רבי מיט אמאָל זיך א כאַפּ געטון און געגעבען מרדכי'ן שלום — כ'ווייס שוין, דארפסט זיין א וואוילער בחור, כ'האָב געקענט דיין זיידען... הייסט אפשר נאָך איהם?

דער רבי האט געשטעלט צוויי שטולען און אַליין האט ער זיך גע־זעצט אויפ'ן בעטעל.

סאיז געווען א גרויסער ליכטיגער צימער. ארום די ווענד אויף די צונויפגעשלאָגענע פּאָליצעס פון ווייס אָפּגעהובעלטע ברעטער, זיינען געלעגען ספרים. דאָס בעטעל, דער טיש, די שטולען — אַלץ איז געווען געמאַכט פון די זעלבע געהובעלטע ברעטער, קיין זאַך נישט געפאַרבט. אויפ'ן טיש זיינען געלעגען עטליכע שקעטעלעך מיט טאַבעק, א מעשענער טינטער וואו א ליכט האָט געשטעקט און א פּאָר געניצטע פעדערס.

—פאָוועל־משה, וואו זיינען מיינע לאַטשען? — האָט דער רבי א געשריי געטון צום שמש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און זיך גע־ווענדעט צו ר' איטשען — און דו ביזט געוואָרען א בעל־מופת! טרייבסט נאָר דבוקים ארויס, הא?

ר' איטשע האָט זיך פערלוירען, אראָפּגעלאָזט די אויגען, ווי א שול־דינגער, און גאָרנישט געענטפערט.

דער שמש האָט אריינגעבראַכט די לאַטשען, זיי געוואָלט דעם רבי'ן אָנטון, האָט דער רבי איהם אָפּגעשטופּט מיט דער האַנד, זיך איינגעבוי־גען, דערפיהלט א מיש אין קאָפּ און געבליבען זיצען איבער א מינוט אַן איינגעבויגענער.

דער רבי האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעגלייכט און אַן אויסגעמאַטער־טער אָהן כחות, געשאָקעלט צו ר' איטשען מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פּאַרענטפערען פּאַרוואָס ער איז אַזוי שוואַך:

— אַז זיי האָבען מיך פערשפּאַרט! אַלע, אַלע ארבייטען מעשים, האָבען נאָך אַלץ מורא, אַז מיין תורה זאָל נישט אראָפּפיהרען די קאַצ־קער פון דרך־הישר! אַקסען! זיי האָבען איינגערעדט א וועלט אַז דער מענש האָט א בחירה און אויב ער האָט זי אפילו יאָ געהאַט, האָט ער זי שוין לאַנג איבערגעגעבען אונז אין די הענד אריין! און דאָס אַלץ האָ־בען מיר רביים, וואָס האָבען געוואָלט אויסלייזען די וועלט פון די ווילְ־נער גאונים, מיר האָבען די ב ח י ר ה צוגענומען און צומאָל קיין כח גע־האָט אוועקצושטעלען אונזערע חסידים ביי די טירען און בויערען זייערע אויערן און אַז מען וואָלט זיי אפילו געבויערט, וואָלטען זיי אויך צוגע־נומען באהבה, צו אַזא נידריגע מדרגה איז דער מענש געזונקען!

בשעת אין רעדען זיינען ביים רבי'ן אויף שטערען ארויס טראָפּעַ־

נעכּ שוויס, ארום די דורכזיכטיגע שלעפעו האָבעו זיך באוויזעו ווייס־ליכע, אנגעלאָפענע אָדערעו, ווי שלענגלעך נאָך א רעגעו. די ברעמעו האָ־בען פארדעקט די אויגעו. ס׳פּנים איז געוואָרעו געל, אָהן מראה. איז ר׳ איטשע אויפגעשפּרונגעו, אונטערגעשפּאַרט דעם רבינ׳ס קאָפּ מיט דער האַנד און זיך ביי איהם געבעטעו:

— רבי, איהר ווילט אפשר אביסעל וואסער? אז איהר זיצט צופיעל אין שטוב! קומט אביסעל ארויס אויפ׳ן הויף!

דער רבי האָט אויפגעהויבען די ברעמען, געקוקט אויף ר׳ איטשען מיט פערלאָפענע אויגען און שוואַך געענטפערט:

— אז זיי האָבען מיך פערשפּאַרט, דרייצען יאָהר געקענט אויסקומען אָהן מיר, וועל איך צו זיי נישט ארויס!

— רבי, כ׳פּאַרזיכער אייך אַז דער עולם גאַרט נאָך אייער׳ס א וואָרט, זיצט אָפּ וואָכען אין קאָצק, און אויב איינעם געלינגט א קוק צו טון אויף אייך איז ער גליקליך! פּראָסטע אידען קומען צו אייך פון גאַנץ פּוילען. קיינער האָט אייך נישט פערלאָזט, רבי. קוקט, — האָט ר׳ איטשע געוויזען מיט דער האַנט צו׳ם פענסטער — דער הויף איז פול מיט חסידים!

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט און ר׳ איטשע האָט איהם צוגע־פיהרט צו׳ם אָפענעם פענסטער.

פאַרלעך־ווייז האָבען חסידים שפּאַצירט איבער׳ן הויף. די אַטלעס־נע קאַפּאָטעס האָבען געבלישטשעט אנטקעגען דער זון, די לאַנגע, ווייסע זאָקען האָבען אָפּגעשריען, כמעט געבליצט פון ווייסקייט, די געלאָקטע פּאות זיינען געלעגען איבער די אָקסלען. און אז מען האָט זיך גוט איינ־געקוקט האָט מען געזעהן, ווי דער אַטלעס האָט זיך ביי טייל חסידים אויסגעדריוועלט, ביי אַנדערע איז בלויז געבליבען דער הינטערשלאַק. אויפ׳ן גראָז — אין שאָטען, זיינען געזעסען חסידים געשפּיעלט אין קאָר־טען לשם „היסח־דעת". געטרונקען ריינעם אַקעוויט, שטיל און הארציג נעזונגען, אז יעדער איינער האָט זיך געמוזט איינהערען.

דער רבי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אָן פענס־טער, דערפיהלט אזא ליכטיגקייט, ווי מען וואָלט אראָפּגענומען פון די

אויגען א הייטעל און ס'ערשטע מאָל אין יאָהרען האָט ער געקוקט אויף זיינע חסידים און נישט געשאָלטען. ער האָט געזעהן ווי חסידים ליגען אויסגעצויגען, ווי הרוגים, אין די בלויזע טלית־קטן'ס און שלאָפען. געזעהן ווי דער באָרוויסער ישראל שפּרינגט א פּער'מח'טער איבער'ן הויף, רוקט דעם קאָפּעל אויפ'ן בעוואָקסענעם קאָפּ, ברעכט זיך די הענד, ווי ער וואָלט געהאַט גרויס צער, איז דעם רבי'ן עפּעס קלאָר געוואָרען אין ער האָט זיך פערטראַכט. זיינע שוואַכע אויגען האָבען נישט געקענט פערטראָגען דאָס בלישטשען פון די אַטלעסענע קאַפּאָטעס, דאָס בליצען פון די ווייסע זאָקען, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, פאַרגעסען אז הינטער איהם שטעהן מענשען, געהערט ווי דער עולם זינגט און זיך מיט אמאָל דערזעהן אין פּשיסכע.

א פּער'מח'טער איז ער געלאָפען איבער'ן בית־המדרש, אומגע־וואָרפען שטענדערס, איבערגעשפּרונגען בענק, זיך געטראָגען ווי א רוי־עה קראַפּט, אוועקגעשאַרט יעדע זאַך וואָס איז איהם געשטאַנען אין וועג. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט, איהם געמאַכט פּלאַץ, געמיינט אז ער איז פערטון אין עבודת־הבורא און אין אמת'ן האָט ער דעמאָלט שטאַרק מקנא געווען דעם רבי'ן, ר' בונם'ן. ביי זיך אין האַרצען האָט ער שוין דעמאָלט געגלויבט, נאָך גאָר א יונגער־מאַן געווען, אז ער איז מעהר למדן פאַרן רבי'ן, באַנעהמט אן עניו טיעפער און פונדעסטוועגען האָט ער תמיד געפיהלט אז עפּיס פעהלט איהם, אז צו ווערען א רבי איז ווייניג וואָס מען איז א למדן, מען דאַרף אויך קענען איבערלייענען א קוויטעל און אז ער נעמט א קוויטעל אין דער האַנד אריין, זעהט ער דאָרט גאָרנישט! ער האָט גרויס צער דערפון געהאַט, זיך געטראַכט אז צו איהם וועט קיינער נישט פאָהרען, אז ער וועט קיינמאָל נישט קומען צו דער מדרגה פון א ר' בונם. און אז ער איז געבליבען אליין מיט זיך, האָט ער געפיהלט אז ער טראָגט אין זיך א גרויס וואָרט, וואָס וועט מאַ־כען אן איבערקערעניש אין דער וועלט, געפיהלט אז ער וועט איבער־שטייגען דעם בע"שט. ער דאַרף נור צוזוכען עפּיס א „כלי", זיכער געווען אז היינט, מאָרגען וועט ער די „כלי" געפינען און דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט מיט איהם קלינגען. איז ער אָבער געקומען צווישען

חסידים, וואו מען האט איהם געקוקט אין מויל אריין, געוואלט הערען פון איהם א נייע ווארט, איז ער תמיד שטום געווארען, נישט געקענט ס'מויל עפענען. האט ער שוין יא אמאל ארומגערעדט א פסוק, איז דארט אלץ געווען — חריפות, בקיאות, ער האט דאכט זיך קיין זאך נישט דורכגעלאזט, נור דער עיקר, דאס וואס מען קען נישט מסבר זיין, דעם קניימש פון דער באָרד, די אויפגעהויבענע אויגען, די ליכטיגקייט פון א ברייטען שטערען, דאס וואס ס'נעמט אזוי שטארק דעם עולם, דאס האט געפעהלט. האט ר' בונם גענומען דעם זעלבען פסוק, האט ער איהם אזוי פיעל נישט ארומגערעדט, געזאגט צוויי, דריי ווערטלעך, געגעבען א משל און דער פסוק האט באקומען אנאנדער פנים, באקומען חיות, געלעבט! די חסידים האבען זיך געקוויקט מיט דער תורה, זי איבערגעגעבען בקבלה זייערע קינדער און דעם רבינס שם איז געוואקסען פון דור צו דור.

ר' מענדעלים עגמת־נפש איז דעמאלט געווען אין לשער. ער האט אויפגעהערט לערנען, נישט געגעסען, נישט געטרונקען, זיך אפגעגעבען מיט התבודדות, געזאגט תורה „בנסתר" — קיין זאך האט נישט געהאלפען. מעהר ווי עטליכע יונגע־לייט, שארפע קעפ, האבען נישט געהאלטען פון איהם. און מעגליך ער וואלט קיינמאל קיין רבי נישט געווארען, ווען ר' בונם, שוין דעמאלט אן איינגעהויקערטער, א בלינדער פון אלטקייט, וואלט עטליכע יאהר פאר זיין פטירה נישט געזאגט ביי'ם טיש, אז מענדעלי האט איהם שוין אריבערגעוואקסען, זיצט שוין אויף זיין הויקער, זיינען די פאר ווערטער גענוג געווען, אז מיינסטען חסידים וואס האבען נישט געהאלטען פון איהם, זאל'ן איהם אויסבויען א הויז אין קאצק און נאך ביי ר' בונם'ס לעבען, האט ר' מענדעלי געהאט א גרע־סערען עולם ווי זיין רבי.

ער איז אבער געווען גלייכגילטיג צום עולם, געפיהלט אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט קענען זיי איהם פונקט אזוי פארלאזען ווי ר' בונם'ן און גענומען טרייבען די חסידים פון זיך. ס'איז גענוג האט ער גע'טענה'ט, מען זאל דעם עולם, ווי א קינד, פערווארפען מיט צאצקעס, וועט ער איבערלאזען טאטע־מאמע און אוועקגעהן צו פרעמדע.

און וואס דער עולם איז געווארען גרעסער, אלץ מעהר איז געשטיגען

זיין עצבות, אלץ מעהר האָט ער זיך ארומגעריינגעלט מיט יונגע־לייט, מיט די שאַרפסטע מחות, זיי זאָל'ן זיין ווי אַן אייזערנע מחיצה צווישען איהם און דעם גרויסען עולם. ער האָט ליעב געקראָגען התבודדות, כמעט קיין שלום גענומען, געהאַט תרעומות צו'ם רבונו־של־עולם, אַז וויבאַלד „יצר לב האדם רע מנעוריו", די בחירה וואָס דו האָסט איהם געגעבען, האָבען מיר רביים צוגענומען, טאָ ווי נאָך זאָל דער מענש נישט זינדיגען, אַז אויף טריט און שריט האַלט ער אין איין פרעגען — מה למעלה, מה למטה?

איצט קוקענדיג דורכ'ן פענסטער, ווי דער באַרוויסער ישראל לויפט אַ פער'מח'טער, ווי דער עולם לאָזט איהם דורך, קוקט איהם נאָך מיט דרך־ארץ, איז איהם איינגעפאַלען, אַז וועמען ווייס? טאָמער לעבט ישראל איבער די זעלבע ספקות, ווי ער אַמאָל, וויל האָבען אַרום זיך אַן עולם, אַ גרויסען עולם, ווי איהם, ר' מענדעלי'ן, האָט זיך געוואָלט אַלס יונגער־מאַן, גלויבט מסתמא אַז ער האָט אויך עפּיס צו זאָגען — — — און ר' איטשע? — איז דעם רבי'ן אויפ'ן זינען געקומען. געוועזען זיכער אַז ר' איטשע דאַרף שוין נישט זיין הסכמה, ער איז שוין רבי, מעגליך היינט, מאָרגען וועל'ן די אַלע חסידים דאָ מעהר נישט זיין. ער וועט ארויסקוקען אויף אַ לעדיגען הויף און ערגיץ אין שכנות, אין אַ שטעדטעל, וועט זיצען ר' איטשע, פיהרען טיש און זאָגען פאַר די זעלבע אָקסען תורה! אַי, וועט ער זאָגען! ער וועט זיין אַ בעל־מופת אויך! האָט ער דאָך נאָר וואָס אַ דבוק ארויסגעטריבען! דאָס בערדיל קנייטשט זיך שוין ביי איהם, די אויגען בלויז ענוות — — —

ר' מענדעלי האָט געציטערט, געפיהלט ווי מען נעמט ביי איהם עפּיס איבערגעוואָלד צו, זיך געטרייסט וואָס די יונגע־לייט, די שאַרפע מחות וועל'ן בלייבען מיט איהם. ער געהט באַלד צו זיי ארויס, האָט פאַר זיי אַ נייעם „חידוש", טראָגט זיך שוין מיט איהם אַרום יאָהרען... זיי וועל'ן נישט געהן מיט איטשען... און אפשר האָט דער רבי גענומען שמייכלען, אפשר גאָר אָפּטון אַ שפּיצעל, ווייזען דעם רבונו־של־עולם, אַז ער איז מעהר תקיף פון איהם? און אַז ער וויל נעמט ער דעם באַרוויסען ישראל, דעם עם־הארץ, מאַכט איהם פאַר רבי און די אַלע אין די אַטלעסנע קאַ־

פּאַטעס וועל'ן זיך בויגען פאַר איהם, גלויבען אז ס'איז מן השמים!...

דער רבי האָט זיך אויסגעדרעהט, א ציטער געטון, ווי ער וואָלט נישט ערוואַרטעט הינטער זיך מעגשען, זיך באַלד באַרוהיגט און געזאָגט צו ר' איטשען:

— קום מיט מיר ארויס!... הא, וואָס זאָגסטו, זיי וועל'ן מיך אויסהערען?

ר' איטשע האָט זיך ביי קיינעם נישט אָנגעפרעגט צי ער זאָל דעם רבי'ן ארויספיהרען. ער האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם, געעפענט די טיר און איז מיט איהם ארויס פון צימער.

מרדכי איז נאָכגעגאַנגען.

גלייך ווי דער רבי האָט זיך באַוויזען אויפ'ן הויף איז אויסגעוואַקסען ארום איהם א קייט פון געפלאָכטענע הענד. דער רבי האָט דערקענט פיעל פון די אמאָליגע יונגע-לייט, וועלכע ער האָט מדריך געווען אין חסידות, געזעהן ווי דער עולם פון הינטען ווערט אַלץ גרעסער, וואַקסט, קומט זיך צונויף פון אַלע ווינקלען. מען שטעהט אויף די שפּיץ נעגעל מיט פאַריסענע קעפּ, מען הויבט זיך איבער די אַקסלען, אבי צו כאַפּען א קוק אויף איהם, איז ר' מענדעלי געוואָרען גערירהט און פאַרגעסען צו וואָס ער איז ארויסגעקומען.

דער רבי וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אן ר' איטשען האָט זיך מיט אמאָל אויסגעגלייכט, זיך דערפיהלט יונגער. דער מח איז ביי איהם געוואָרען דורכזיכטיג, ווי די שווערע מחשבות, וואָס האָבען זיך דאַרטען געקליבען אין משך פון דרייצען יאָהר, זיך איינגעגעסען ווי זשאַווער, וואָלטען צורונען און ער האָט אָנגעהויבען אַלץ צו זעהן קלאָר און בולט. ער האָט אראָפּגעלאָזט די ברעמען, געזעהן מיט די פאַרמאַכטע אויגען אויף מיילען, געווען בכח מיט'ן בלויזען געדאַנק, ווי א כשוף-מאַכער, איבערצושטעלען מענשען, הייזער, ביימער, דערפיהלט ווי די ערד הויבט אַן אפּערצושווימען פון אונטער זיינע פיס און ער נעמט זיך הויבען אַלץ העכער און העכער. אָט שטעהט ער שוין איבער דעם עולם'ס קאָפּ און וואָס העכער ער הויבט זיך, וואָס מעהר ער פאַרטיעפט זיך, אַלץ ברייטער צעוואַקסט זיך דער עולם. קושט דעם שטויב פון זיינע פיס,

וואַשט איהם אָפּ מיט טרערען, בלייבט אבער הענגען ווי א שווערע פּעראַס־טעמע קייט ארום זיינע פּיס, לאָזט איהם נישט אָפּ און יעדעס מאָל ווען די הויך, נעמט שווינדלען אין די אויגען, דערשרעקט זיך דער עולם און מיט'ן אלטען „נעשה ונשמע" שלעפּט ער איהם צוריק אראָפּ אויף דער ערד.

איצט ווען ר' מענדעלי האָט אראָפּגעלאָזט די ברעמען, האָט ער דער־פיהלט, ווי דאָס גרויסע וואָרט, וואָס ער האָט אמאָל געטראָגען אין זיך, געוואָלט דערמיט די וועלט מזכה זיין און שפּעטער חרטה געהאַט אין גלייך ווי ער האָט חרטה געקראָגען, האָט מען איהם געשטראָפט און עס צוגענומען ביי איהם, דאָס זעלבע וואָרט, האָט ער דערפיהלט, הויבט זיך אָן קנוילען מיילען ווייט פון איהם, וויקעלט זיך פאַנאַנדער. ער פיהלט די „חבלי־לידה" און גלויבט אז א גרויס, געלייטערט וואָרט וועט ער באַלד געבען דעם עולם, וועמען ער האָט געיאָגט פון זיך.

א צושטראַהלטער איז דער רבי געשטאַנען, געוועזן זיכער אז די צייט איז געקומען, אז ביז איצט איז ער גאָר קיין רבי ניט געוועזן, זיך אליין גענאַרט, אָט איצט געהט ער „נתגלה" ווערען. ער האָט דערזעהן פאַר זיך דעם אָפּשיין פון א צוגליהט וואָרט וואָס ברענט אין איהם, וואָס שפּאַרט זיך אין האַלז אריין. אָט פערהוסט ער זיך, פיהלט ווי די „כלי" ווערט געבוירען מיט'ן וואָרט צוזאַמען און אז די חסידים וואָס רינגלען איהם ארום וועל'ן אריינזאַפּען אין זיך דעם בלויזען אָפּשיין, וועל'ן זיי דערפון אליין געלייטערט ווערען.

און ווי דער מח ביים רבי'ן האָט געבליצט, געשפּריצט מיט פייער, האָט ער דערזעהן, ווי איבער'ן עולם וואָס איז געשטאַנען איינגעפּרעסט, זיך קיין ריהר געטון און אויסגעזעהן פון דערווייטענס, ווי אַן אלטער צעצווייגטער וואַלד, וואו די ביימער האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין א וואַנד, איז אויסגעוואַקסען א מאָדנע באַשעפעניש. דאָס באַשעפעניש האָט גענומען קריכען איבער דער וואַנד אויף אַלע פיער, ווי א קודלאַטער הונד, ווי א שד, זיך דורכגעשלאָגען א וועג צום רבי'ן איבער קעפּ, איבער אקסעל, האָט דער רבי ברייטער צועפענט די אויגען, זיך א טרייסעל געטון, ווי ער וואָלט אין חלום אראָפּגעפאַלען פון א באַרג, זיך דערמאָנט

צו וואָס ער איז ארויסגעקומען, דערקענט דעם באָרוויסען ישראל, ווי ער שפּאַרט זיך צו איהם, האָט ר׳ מענדעלי צוריק דערפּיהלט אונטער זיך די ערד.

דער באָרוויסער ישראל איז געבליבען זיצען אויף עטליכע אָקסלען, ווי ער וואָלט ארויסגעוואקסען פון דעם ים מיט קעפּ, געקוקט מיט זיינע שווארצע, פייערדיגע אויגען אויפ׳ן רבי׳ן, צופּעפּנט א בעוואקסען מויל, ווי ער וואָלט עמיצען געוואָלט איינשלינגען און מיט א פּחד האבען זיך די ווערטער ארויסגעקייקעלט:

— קאצקער רבי, טו תשובה!

עס איז געווארען א מורמעל. דער עולם האָט זיך צעוויעגט און גערוישט ווי א ים. הענד האָבען זיך גענומען הויבען, שטריימלען זיינען געפלויגען, גארטלען האָט מען פערווארפען ארום דעם באָרוויסען ישראל, איהם געוואָלט אראָפּשלעפּען. דער באָרוויסער ישראל איז געזעסען אויף עטליכע געטרייע אָקסלען, זיך שטארקער אויסגעבויגען צום רבי׳ן, נישט געקוקט וואָס דער עולם מורמעלט, ווי נישט איהם וואָלט מען געמיינט און העכער גענומען רעדען:

— דיינע חסידים, די ווארשעווער זולל־וסבא׳ס, לעבען מיט פרעמדע ווייבער, טון אָפּ מעשי־סדום...

— שלעפּ איהם אראָפּ! — האָט עמיצער אויסגעשריען.

— לאָזט איהם נישט רעדען, דעם עזות פּנים!

— פערשטופּט איהם ס׳מויל מיט א גארטעל!

— יונגע לייט, אָט אזוי, טוט איהם אָן ס׳שטריימעל איבער׳ן פּנים — האָט אָן אלטער חסיד, וואָס איז געבליבען שטעהן אין קאפּעל, אוועקגענעבען דאָס שטריימעל, א צופרידענער געשריען.

דער רבי האָט אויפגעהויבען א האנד, געווארט ביז עס איז שטיל געווארען, אזוי שטיל אז מען וואָלט געהערט א שפּילקע אראָפּפאַלען און זיך געבעטען ביי די חסידים:

— לאָזט איהם צורוה, טשעפּעט איהם נישט, לאָז ער רעדען!

דער עולם איז כלומרשט געבליבען רוהיג, זיך געדרעהט, נישט איינגעשטאַנען, געוועזן יעדע מינוט גרייט דעם באָרוויסען ישראל צו צוריי־

סען. פיעל האָבען זיך טאַקע געשראָקען פאַר איהם, אז ער שוינט נישט דעם רבי׳ן, וועט ער מורא האָבען פאַר א חסיד? דער בּאַרוויסער ישראל האָט אויסגעשטרעקט דעם לאַנגען האלז, צועפענט ס׳מויל און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, האָט ער נאָך העכער געשריען:

— איצט איז די צייט, קאָצקער רבי, זאָלסט נעמען אויף דיר א תשובה! דיינע שאַרפע מחות פּערקויפען די תפלין, טענה׳ן אז דאָס יאָהר איז געווען לעדערוואָרג אין קאָצק בזיל־הזול! אזוינע שעהנע אידען ווי הירש פּאַרציווער. און חיים בער גראָפּיצער, האָבען זיך פּערקוקט אַן דיר, רבי, און אָפּגעמאַכט ביי זיך דריי טעג נישט צו לעגען קיין תפלין. גע־וואָלט זעהן וואָס פאַר א שגוי דאָס וועט האָבען אויפ׳ן סדר־העולם! דיין דוד׳לס איידעם, דניאל אייבשיץ, פיהרט אראָפּ די בעסטע יונגעלייט פון דרך־הישר און דו שווייגסט? ער האָט די העזה צו זאָגען בפני כל עם ועדה אז זיין פלונית׳טע איז בבחונת „זעיר אנפין“. דו ווייסט וואָס איך מיין! דרעה זיך אוים, קאָצקער רבי, הינטער דיר שטעהט דער צדיק־הדור, ר׳ איטשע, בעט ביי איהם א תשובה!

ר׳ איטשע האָט געציטערט, נישט געקענט הערען ווי מען בעליידיגט דעם רבי׳ן, זיך אויסגעצויגען פאַר איהם אין שטויב, געוואָלט וויייזען דערמיט דעם עולם, אז דער צדיק־הדור איז ר׳ מענדעלי, האָט דער רבי איהם אָפּגעשטופּט פון זיך, געשליידערט ווער עס איז איהם נור געקומען הינטער דער האַנד און אָנגעהויבען צו שילטען. פאַר׳ן רבי׳נס קללות האָט זיך דער עולם געשראָקען, געגלויבט אז אויף וועמען עס פאַלט א קללה, איז וועה צו איהם, האָט מען זיך בּיסלעכווייז גענומען רוקען אין אין א ווייַלע ארום איז דער רבי כמעט געבליבען אין מיטען הויף איינער אליין. ר׳ איטשע איז געשטאַנען דערנעבען, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט אין אלעם געווען שולדיג. דער רבי מיט פאַרקוועטשטע פויסטען האָט אלץ אין איינעם געטופּעט מיט די פיס, נאָכגעשריען דעם עולם, געשאָלטען:

— אָקסען, וואָס ווילט איהר פון מיר? ווערט פּער׳שרפ׳עט! וואָס האָט איהר זיך אָנגעזעצט איבער מיר, כ׳בין קיין רבי נישט! נעמט אייך איטשען און געהט צו אלדע שווארצע יאָהר, איהר הערט?

ווי דער רבי האָט אזוי געשריען, איז ר׳ דוד׳ל ארויסגעקומען פּ׳ן זיין שטוב, א פערשלאָפענער, אין א פּאָר ווייכע זעמשינע שטעק־שיך. אנגענומען דעם פּאָטער פאר א האַנד:

— טאַטע קום אין שטוב אריין! ס׳איז גישט געזונד צו שטעהן פאר דיר אויף דער זון!

קאפיטעל 3

## דער אפיקורוס.

א געריהרטער ביז צו טרערען האט זיך מרדכי אוועקגעדרעהט פון עולם, געוואלט בלייבען איינער אליין. איהם האט זעהר וועה געטהון פאר ר׳ מענדעלי׳ן. ער האט אויסגעמיטען ר׳ איטשען, געגאנגען איבער די קלעצער וואס זיינען געלעגען אין א זייט און געפיהלט ווי שווערע מחשבות לעגען זיך איבער איהם. ער האט געהערט ווי מען רופט איהם, דערקענט שמואל׳ס קול און נישט ווילענדיג זיך אויסגעדרעהט.

— נו, ווי געפעלט דיר ר׳ איטשע? — האט שמואל געשמייכעלט — ער איז דאך געפערליכער פאר׳ן בארוויסען ישראל!

מרדכי האט איהם אנגעקוקט און נישט געענטפערט.

— אז אין דער גאנצער חתונה דא אויפ׳ן הויף — האט שמואל זיך גענומען היצען — האט געשטעקט ר׳ איטשעס קאפ! ווען נישט ער וואלט דער מוסר׳ניק נישט די העזה געהאט פאר׳ן גאנצען עולם אזוי מביש צו מאכען דעם רבי׳ן! און ווי דער ענו, ר׳ איטשען מיין איך, איז דערנאך געפאלען ר׳ מענדעלין צו די פיס? דער רבי האט איהם אבער אפגעשטופט, קען איהם אויסגעצייכענט! נו טאקע — האט שמואל אנגענומען מרדכי׳ן פאר א לאץ — געהט ארום א יונגערמאן מיט א פאר פערגלאצטע אויגען, טא וואס אז ער קען לערנען, כ׳קען אויך, דארף מען מאכען אזעלכע עוולות? כ׳זאג דיר אפען ר׳ איטשע וויל ווערען רבי! ער וועט זיך פאר קיין זאך נישט אפשטעלען! יעדעסווארט זיינס ווערט צוטראגען פון מויל צו מויל און ס׳איז געגוג ער זאל א געניץ טון, זיי זאלען דערפון מאכען א מופת! דארפסט מעהר, נאך קיין טאג נישט

ווי ר׳ איטשע איז אין קאַצק און די גאַנצע שטאָדט ווייבער, אהן גוזמא, קלייבען זיך צו איהם הא, וואָס זאָגסטו דערויף! ר׳ מענדעלי האָט קיין ווייבער נישט אויפגענומען!

— הער זיך איין — האָט איהם מרדכי איבערגעריסען — כ׳בין טוידט־הונגעריג און אהיים גערן גלוסט מיך נישט, אפשר ווייסטו וואו מען קען דאָ קריגען עפּיס איבערצובייסען?

— אודאי ווייס איך, קום, כ׳וועל דיך שוין פיהרען! — האָט שמואל א שלעפּ געטון מרדכי׳ן פאַר אן ארבעל און זיך געלאָזט מיט איהם געהן.

זיי זיינען אריין אין מאַרק. די קרעמער זיינען געזעסען אין די טירען האַלב פער׳חלום׳טע, געקייט די בערדלעך, די וואָנסען און געקוקט אויפ׳ן לעדיגען מאַרק, וואו אין דער מיט איז געשטאַנען אַן אַלטע תפלה מיט צוויי הויכע טורעמס. די טורעמס האָבען זיך געשניטען מיט זייערע צלמים אין הימעל אריין. ארום מאַרק זיינען געשטאַנען קליינע געקאַלעכטע הייזלעך און עס האָט זיך געדאַכט אַז די אַלטע ריעזיגע תפלה, וואָס האָט געמאַכט די הייזלעך אויסזעהן נאָך קלענער איז ווי דורך א טעות דאָ ארייגעפאַלען.

א חברה יונגלעך זיינען דורכגעלאָפען דעם מאַרק, פעריסען די קעפּלעך צו די צלמים און געוועזן זיכער אַז די תפלה זינקט יעדען טאָג איין אויף א האָר אין דר׳ערד אריין.

ביים ראַטהויז זיינען געשטאַנען עטליכע אידען מיט די שטעקעלעך אונטער די אָרעמס און געשמועסט.

עס איז אַנטקעגענגעקומען א תבואה־סוחר מיט א שטרוי אין מויל, ארויסגענומען א קאַלירט טיכעל, עס געעפענט און יעדער פון עולם האָט גענומען צו עטליכע קערענדלעך, זיי בעטראַכט, געזאָגט מבינות.

ס׳איז געווען שטיל. היהנער האָבען פויל ארומגעשפּאַצירט איבער׳ן מאַרק, געזוכט מיט די לאַפּקעס, מיט די שנעבעל. א יונג העהנדעל האָט ארויסגעלאָזט אַן עזות׳דיגען קרעה, אויפגעשטעלט דאָס קליינע רויטע קעמעל און זיך גענומען יאָגען נאָך א באַיעהרטע הוהן. די תבואה־סוחרים האָבען זיך פאַרגעסען, נאָכגעקוקט דעם העהנדעל, וואָס האָט גע־

יאָגט די האָזן, פערשוואונדען מיט איהר הינטער דער תפלה. באַלד זיינען אַנגעפלויגען טויבען, איבערגעריסען די שטילקייט מיט זייער וואַרקען, זיך געטראָגען מיט א רוהיגקייט, וואַקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און זייער ווייסקייט, זייער גרויקייט האָט אַנגענעם געגלעט איבער די אויגען.

— אָט זיינען מיר שוין! — האָט שמואל אָפּגעשטעלט מרדכי'ן.

זיי זיינען אריין אין אַ האַלב פינסטערען קאָרידאָר, א ריח פון וויין, האָניג און מעד האָט א שלאָג געטון אין די פּנים'ער. די טונקעלע ווענד, אַפילו די לופט איז געווען קלעפּיג. אין ווייז־שענק איז געשטאַנען דער בעל־הבית מיט פערקאַשערטע פּאָלעס אין גאַרטעל און געצאַפּט וויין פון א פאַס אין אן עמער אריין. אויף די ווענד האָבען געהאַנגען אן אָפּגע־בליאַקעוועטער נאַפּאָלעאָן און צוויי יעגערס מיט כּאַרטען. די פּאָדלאָגע איז געווען אַזוי ווייס אָפּגעשאַרט, אז זי האָט אַזש געבלענדעט. דורך אן אָפענער טיר, וואָס האָט געפיהרט אין א צווייטען צימער, האָט מען געזעהן ווי אן עלטערער איד אין א קאַפּעל האָט געשפּיעלט מיט א שרגה אין שאָך און ביי א קיילעכדיג טישעל זיינען געזעסען צוויי פּאָליאַקען איבער גלעזער וויין. שמואל מיט מרדכי'ן האָבען זיך אַוועקגעזעצט ביי א זייטיג טישעל, געזעהן אז קיינער קומט נישט אונטער, האָט מרדכי א קלאַפּ געטון אין טיש:

— פּעטער, קען מען ביי אייך קריגען עפּיס איבערצובייסען?

— וואָס וועט איהר עסען? — האָט דער איד נישט אויפגעהערט צו צאַפּען דעם וויין און אַנגעהויבען אויסצורעכענען מיט א ניגון — כ'האָב א פרישע געבראָטענע קאַטשקעלע, א פערטיל גענזענס...

— גיט א האַלב קאַטשקעלע! — האָט מרדכי איהם איבערגעהאַקט, נישט געלאָזט אויסרעכענען דעם גאַנצען צעטעל — גיט אויך א קריגעל וויין, זייערט!

דער איד האָט פערדרעהט דעם קראַן פון דער פאַס, פאַרבייגעהענדיג זיך גוט איינגעקוקט אין מרדכי'ן און איז ארויס פון צימער.

א מיידעל מיט א לאַנג האָר אין די לאַכענדע אויגען איז באַלד אריין,

גערעקט דעם טיש און אָוועקגעשטעלט א ברוינע, פאַריגע קאַטשקע וואָס האָט געמאַכט אַפּעטיט.

זיי האָבען אויסגעטרונקען צו גלעזלעך וויין, געריסען פון די זעמעל שטיקער, זיי געטונקען אין דער בראָט־יאויך און געגעסען ווי נאָך א תענות. שמואל איז גיך זאַט געוואָרען, זיך געפּיהלט איופגעלעגט, זיך ארומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער און שטיל אָנגעהויבען:

— ווייסט, כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר רעדען, ס'איז עפּעס אַלץ נישט אויסגעקומען. כ'האָב עטליכע מאָל באַמערקט אז דו מיידסט מיך אויס. חדוש'סט זיך וואָס מיט מיר איז געוואָרען...

דאַ האָט שמואל זיך נעהנטער צוגערוקט צו מרדכי'ן, זיך נאָכאַמאָל ארומגעקוקט און מען האָט געזעהן אז ער האָט געהאַלטען אין איין קנייטשען מיט'ן שטערען, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, צי ער זאָל יאָ רעדען, צי נישט.

— טאַ הער — האָט שמואל אָפּגעהוסט און נישט געוואוסט ווי אָנצוהויבען — אויב וועסט אפילו נישט מסכים זיין מיט מיר, בעט איך דיך, זאָלסט מיר נישט איבערשלאָגען די רייד! כ'וויל דיך, חס וחלילה ניט אראָפּפיהרען פון דרך־הישר! כ'וויל דיר נור דערצעהלען ווי איך, דיינ'ס א געוועזענער רבי, וואָס האָט דיך מדריך געווען אין חסידות, האָט אויסגעפונען אז דאָס אַלץ איז א שטות'עריי! קרימסט זיך שוין בעצייטענס? עה, האָב געדולד! איז דאָך ר' מאיר אויך נאָכגעגאַנגען זיין רבי'ן, אלישע בן אבויה'ן, איבער א תחום שבת, ווען יענער איז געריטען אויף א פערד און געלערנט ביי איהם תורה! וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן?

— אז דו פערגלייכסט זיך צו אלישע'ן?

— איז עס נישט קיין געלונגענער משל! — האָט שמואל אריינגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען און מאָדנע געשמייכעלט — דו ווייסט דאָך אָבער וואָס כ'מיין? וויל איך דיר זאָגען — האָט ער זיך מיט אמאָל אויסגעגלייכט און געוואָרען ערענסט — אז ווען טויזענדער חסידים לאָזען איבער די ווייבער מיט די קינדער אָהן א גראָשען געלד און אליין שלעפּען זיי זיך אוועק צום רבי'ן, זאָלען קענען א לעב טון, דיר דאַרף איך דאָך נישט דערצעהלען?... דאָס רוב פון זיי ווייסען דאָך צומאָל

נישט וואָס אַ רבי איז! ווייסען אַז ביים רבי׳ן איז מען פּטור פון עול פּרנסה, עסען קריגט מען, אַ גלעזעל משקה פעהלט נישט, טאַ צו וואָס זאָל מען זיצען מיט׳ן ווייב און קינדער און פאַרשוואַרצט ווערען, אַז דאָ איז ס׳לעבען גרינגער? וואָלטען די חסידים כאָטש געלערענט! אַז זיי לערנען אויך נישט. האַלטען זיך אין איין מח׳ען! פּרוביר לערנען אין „שטיבעל" אַ קאַפּיטעל תנ״ך, וועט מען אויף דיר קוקען ווי אויף אַן אפּיקורוס און אויב ביזט אַן אָרימער בחור וועסטו אַריינכאַפּען פּעטש. ס׳האָט שוין נישט איינמאָל פּאַסירט! און דער „הויף" איז פון זיין זייט גערעכט. וואָס ער לאָזט נישט לערנען קיין תנ״ך. לערענסטו די נביאים, געהסטו במילא אוועק פון חסידות. הערסט אויף צו גלויבען אין רבי׳ן, ווי אין אַ הייליגען!... אַ פּוילישער „קשאַנדז", להבדיל, אַז ער געפינט ביי אַ פּויער די ביבעל נעמט ער זי צו. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער גלח האָט פּונקט אַזוי מורא, ווי דער „הויף" — ער האָט מורא אַז אויב דער פּויער וועט לערנען די ביבעל, וועט ער אויפהערען גלויבען אין „קשאַנדז".

שמואל האָט אויסגעטרונקען זיין גלעזעל וויין און ווידער אנגעהויבען:

— אַז דער „זוהר" איז ביי זיי הייליגער ווי די תורה! און דעם „זוהר" מיינסטו פאַרשטעהען זיי? אַז ס׳איז ביי זיי אַ סגולה גלאַט צו זאָגען „זוהר". אפילו ווען דו פאַרשטעהסט נישט! אַן אמת׳ער איד, וואָס גלויבט אין „אחדות־הבורא" טאָר גאַרנישט לערנען קיין „זוהר". לויט דעם „זוהר" קומט אויס אַז אידען גלויבען אין „שלוש". אַז אַ איד וואָס זאָגט יעדען טאָג „אני מאמין", ווי קען ער גאָר דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז „ה׳ אלוהנו, ה׳ אחד" — מיינט דריי אין איינס? אַז מען רעדט וועגען אַ „טאַטע", אַ „מאַמע" ביי גאָט, טאַ מיט וואָס זיינען מיר בעסער פאַר קריסטען? ווי שטעהט דאָרט אין „זוהר" — האָט ער פאַר־קוועטשט אַן אויג און זיך גענומען צופּען די צעוואָרפענע האָר אויף דער גאָמבע — תפארת גופא להויה, ואדניתא גופא לשכינה... והכל אחד... כשלהבא דאחידא בגומרא" — נו, פרעג איך דיך, איז עס נישט געצענ־דינערייַ? אַז גאָט ברוך־הוא, האָט ביי זיי אַ גוף, תאוות, ווי, להבדיל, אַ מענש...

מרדכי האט נישט פערשטאנען דעם שמייכעל, וואס איז געלעגען איבער שמואל'ס לינקען האלבען פנים, איהם נישט מוחל געווען, וואס ער האט נור וואס געמאכט א מיאוסען שקר אויפ'ן „זוהר" און געליטען וואס ער קען איהם נישט ענטפערען. עפעס האט אויפגעשטראלט אין איהם, געוועזן זיכער אז שמואל איז אונגערעכט, אז דא האנדעלט זיך נישט וועגען אן עניין וואס מען דארף איהם באנעמען מיט'ן שכל, ניין, שמואל האט שוין צופיעל שכל! ער האט געפיהלט ווי עס קוואלט אין איהם יעדעס גליעד, גיסט זיך איבער, שרייט, איז אבער נישט ביכולת צונויפצו־בינדען די אפגעריסענע שטיקער אזוי אז א צווייטער זאל אויך משיג זיין, אז אום אוועקצונעמען די גשמיות האט מען אראפגענומען א לבוש נאך א לבוש, ביז ס'איז געבליבען אן „אין־סוף" און די שארפע מחות, זיינען נאך ווייטער געגאנגען, דערפיהרט צו אן „אין", אבי דער מענש זאל חס וחלילה נישט צוטשעפען א שמץ פון געשמיות — טא וואס פארע רייד קען דא זיין וועגען געצענדינערייז?

מרדכי האט שמואל'ן אנגעכאפט ביי דער האנד, איבערגעריסען די רייד, זיך געכאפט בשעת מעשה אז זיין געדאנק איז צו ווייט פערלאפען, נישט געווארען און אנשטאט צו שווייגען, האט דער עקשן אין איהם זיך פערקרימט, ווי ער וואלט געליטען פיזישע יסורים און ארויסגעזאגט דאס, וועגען וואס ער האט אין גאנצען נישט געטראכט.

— דאס זעלבע האסטו נישט נור ביי די נביאים, נור אפילו ביי די תנאים! און אז גאט האט געוויזען משה'ן דעם קשר של תפלין, וועט עס עמיצען איינפאלען צו זאגען אז גאט לעגט תפילין?

— עה, — האט שמואל איהם נישט געלאזט ענדיגען — דאס איז אין גאנצען עפעס אנדערש! די אלע פלעצער אין תנ"ך וואו ס'ווערט גערעדט וועגען גאט, ווי להבדיל, וועגען א מענש, זאגט דער אבן־עזרא אז ס'איז „לשבר את האזן" און דער רמ"בם געהט נאך ווייטער און זאגט אז גאט האט משה'ן געוויזען זיין קשר־של־תפילין, הייסט בדרך־מליצה, אז אלץ וואס שטעהט הינטער גאט, אלע מדרגות וואס פיהרען צו איהם, וועט ער בעגרייפען, נור די „השגחה־פרטית", גאט אליין, וועט קיין מענש קיינמאל נישט משיג זיין... ס'איז דאך א שעהנער געדאנק —

האָט שמואל צונומען די הענד — א טיעפער רעיון!... און צוריקגערעדט, אז דו ווילסט איז די גאַנצע מעשה מיט׳ן „קשר" נישט מעהר ווי א דרוש און „אין סומכין על הדרוש". אָבער ביי זיי, ביי די חסידים, איז דאָך די קלענסטע נארישקייט פון זוהר — סתרי־תורה! אז דו ווייסט נישט, אפילו ר׳ יעקב עמדן האָט שוין געזאָגט אז פיעל פלעצער פון זוהר" זיינען אריינגעשטעלטע, מיין נישט אז ס׳איז אזוי לייכט זיך איינ־צורייסען מיט א וועלט, נאָך שווערער איז זיך איינצורייסען מיט טוידטע, דערפאר איז ער ארוים אין אן אָפענער מלחמה מיט ר׳ יונתן אייבשיטץ.

— מיט ר׳ דניאל׳ס עלטער־זיידע?

— יא. ר׳ יעקב עמדן האָט איהם באשולדיגט אין כשוף, אין גע־צענדינערייי, אז ער איז איינער פון דער כת שבתי־צבי. און אז די מחלוקה איז לשם־שמים, איז סופה להתקים — איז מעהר טאַקע קיין ספק נישט אז דער מחבר פון „זוהר" איז נישט ר׳ שמעון־בן־יוחאי. מען ווייס עס אויף זיכער...

ביי די לעצטע ווערטער איז מרדכי געבליבען זיצען א צומישטער. ער האָט געקוקט אויף שמואל׳ן, זיך גע׳חדושט פארוואָס ער לאָזט איהם נישט אראָפּ קיין פאטש און זעהר נישט געוואָלט וויסען ווער ס׳איז דער אמת׳ער מחבר פון „זוהר", געהאַט ס׳געפיהל אז אויב ער וועט וויסען, ווערט ער אוים איד. ער האָט זיך מיט אמאָל דערמאָנט אן ר׳ איטשען, זיך פארגעסען און נישט געלאָזט שמואל׳ן רעדען ווייטער:

— ווייסט, פאר א יאָהרען ווינטער האָט מען ר׳ איטשען צוגעשיקט אין וואלד אריין א ספר, ס׳האָט דאכט זיך, געהייסען — „תולדות אדם בליעל". אז ר׳ איטשע האָט באַקומען דאָס ספר איז ער געוואָרען א צו־טומעלטער, נישט געענדיקט דעם בלאַט גמרא, וואָס מיר האָבען געהאַל־טען אין מיטען לערנען, מיר געזאָגט אז דאָס איז ר׳ יעקב עמדן׳ס א חבור, א יקר־המציאות וועגען דעם מקובל ר׳ יונת׳ן. ער האָט מיך גע־בעטען כ׳זאָל איהם אָפּשליסען אין זיין חדר, קיינעם נישט צולאָזען צו איהם, ביז ער וועט איבערלייענען דעם חבור. איידער ער האָט זיך געזעגענט איבער׳ן ספר, האָט ער מיט טרערען אין די אויגען געבע־טען גאָט, עס זאָל זיך צו איהם קיין זאַך נישט צוקלעפּען, אויב אין חבור

רעדט מען שלעכטס אויף ר׳ יונתן. א מעת־לעת איז ער געזעסן אי־בער׳ן חבור און אז ער איז ארויס, איז ער געווען גוט אויפגעלעגט, גע־דאנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך צו איהם גאָרנישט צוגעקלעפּט און מיר געזאָגט אז ס׳איז א מיאוסער חבור, א איך דאַרף עס נישט לייענען!

— כ׳האָב געזעהען דעם חבור — האָט שמואל געשמייכעלט — ס׳קאָן זיין ר׳ יעקב עמדן האָט אביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער ער איז גערעכט געווען. אז יעדער שטות׳עריי ווערט ביי זיי סתרי־תורה! אָט האָב איך ביי זיך א ספר׳ל — האָט שמואל ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע א פּאָר אַלטע, נישט איינגעבונדענע בלעטלעך — דער מחבר דערפון איז ר׳ יונתן׳ס א רבי, איינער חיון, א שבתי־צבי׳ניק, א נואף, נעמט מען נבול־פּה און מע זמאַכט דערפון א „רזא דיחידא״! נאַ, לייען, זעה ווי מען איז פערקראָכען. ס׳איז ערגער פון געצענדינעריי, ס׳איז זנות!

מרדכי האָט געלייענט:

„... דע שכל הכלים החצונים דומים לאברים דגופא, ועתה בעונותינו בגלות יושבים הק״בה ושכינתיה כישנים, והנה אם איש ואשתו ישנים וירצו ליחדם וישים יד על יד, פה על פה ואבר על אבר, לא יעשה זווג טוב, יען הם ישנים והישן אין בו תאוה, ואין בו שמחת־לב לעורר התאוה, אבל אם יעורר אותו וימשוך אליו הנשמה, אז יתעורר הוא לזווג מעצמו, וישמחו יחד ומעצמם יעשו...״

ער האָט געזעהען אין שמואל׳ן א קלפּה וואָס פערלויפט איהם דעם וועג, רייצט זיך, זוכט אוים טשיקאַווע זאַכען, אבי איהם צו מאַטערען, זיך צו פערקלייבען אין גרגרת, נישט געוואָלט צוגעבען אז ער הייבט אָן צו זעהן זאַכען אַנדערש ווי פריהער און זיך כמעט געבייזערט:

— ס׳וואונדערט זיך מיט וואָס פאַר א כונה מען געהט צו צו אַן ענין! ביזט א שלעכטער מענש שמואל און די כונה איז ביי דיר נישט ריין...

— ווייסט כאָטש א דו רעדסט נאַרישקייטען? — האָט איהם שמואל איבערגעריסען.

— גאַנץ מעגליך — האָט מרדכי פּשוט געענטפערט — דו ווייסט אָבער אז ס׳איז א נאַרישקייט. זיץ איך מיט דיר איבער א שעה, הער־

זיך צו צו דיינע שכל'דיגע רייד, און כ'ווייס נישט וואָס דו ווילסט, ווייס נישט מיט וועמען כ'רעד... וואָס טויג מיר די חכמה אַז הינטער איהר קען זיך די „סטרא אחרא" בעהאַלטען!

ביי די לעצטע ווערטער האָט שמואל זיך פערלוירען, אויסגעמיטען מרדכי'ס בליק, זיך נישט וויסען געמאַכט, ווי נישט צו איהם וואָלט מען גערעדט און שטאַמעלענדיג פאָרטגעזעצט:

— נו, איז ר' יעקב עמדן גערעכט געווען? און דאָס אַלץ, גלויב מיר, נעמט זיך פון „זוהר". אַז כ'האָב דיר פריהער געזאָגט דער „זוהר" איז נישט פון ר' שמעון־בן־יוחאי, האָסטו זיך אַזאַ קרום געטון, אַז כ'האָב געמיינט געהסט זיך אויפשטעלען און מיך איבערלאָזען אַליין. כ'בין אויך נישט בעסער געווען! ברויכסט מעהר, געדענקסט מירביידע האָבען געלערענט דעם „מגלה טמורין", געפינסט איהם אין יעדען „שטיבעל" און יעדער חסיד ווייס אַז דאָס איז אַן אַלט, הייליג ספר, כ'ווייס וואָס פאַר אַ תנא האָט עס אָנגעשריבען? און אַז כ'וועל דיר זאָגען דאָס דער „מגלה־טמירין" איז נאָך נישט אַלט קיין צוואַנציג יאָהר? און נישט קיין תנא נור אַ גאַליציאַנער איד האָט איהם אָנגעשריבען? האַ, וואָס זאָגסטו דערויף? אַז דאָס איז מעגליך, פאַרוואָס זאָל נישט מעגליך זיין אַז ר' שמעון־בן־יוחאי האָט נישט געשריבען דעם „זוהר"? מיינסט כ'שפּאַס, אסור! דיין מחותן, ר' יוסעל, קען דעם מחבר פון „מגלה טמירין". ער איז אַ טאַרנאָפּעלער איד, אַ גביר, אַ משכיל. ברויך מען אַ גרעסערען שפּאַס? זעהסט ווי אַ פאַלק זינקט פון טאָג צו טאָג אין שטות'עריי. געהט אונטער, קען מען זיין גלייכגילטיג? דאָס גאַנצע יודישקייט ליגט אין דער „שטוהל", איבער וועלכער מען האַלט זיך אין איין שלאָגען, דען יעדער וויל ווערען רבי. ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס פאַר אַ מעשים דוד'ל האָט אָפּגעטון? ער איז דאָך געווען איינער פון די חברה וואָס האָבען זיך געטווישט מיט די ווייבער און מען שמועסט אַז זיין עלטסטע טאָכטער, דניאל'ס ווייב, איז נישט זיינע. און דניאל? דו מיינסט אַז דער באַרוויסער ישראל האָט געזאָגט אַ ליגען? הייבט זיך נישט אָן! נישט איין חסיד וועט דיר זאָגען אַז דניאל'ס ווייב, אַ

האלבע משוגענע, איך קען זי, איז בבחינת „זעיר אנפין", אז מען לעגט אריין א יראה אין דער טומאה, טאָ מיט וואָס איז דניאל בעסער פאר פראנקען? יענער האָט געהאַט א הייליגע וואַטשע און ר' יונתן אייבשיטץ'ס אייניקעל האָט א ווייב בבחינת „זעיר אנפין"! זאָלען אזעלכע פאַרשוינען אונז מדריך זיין, ארומפיהרען א וועלט אידען פאר די נעז?

שמואל האָט זיך א הויב געטון פון בענקיל, זיך צוריק אוועקגעזעצט און געקלאַפּט איין האנד אָן דער אנדערער:

— מען דאַרף זיך ארויסרייסען פון דעם זומפּ, מען דאַרף אוועק נאָך בערלין, צי נאָך פראנקפורט־אַם־מיין. דאָרט זיינען אויך פאַראַן גרויסע ישיבות, וואו א חוץ אידישע למודים, לערענט מען אנדערע זאכען. און אז מיר וועלען קומען צוריק דארפען מיר זיך נעמען פאר'ן יונגען דור. די אַלטע זיינען שוין פערלוירען, דארפען קיין תוך נישט. אבי ס'איז דאָ בראַנפען! מיר דארפען זיך נעמען פאר'ן יונגען דור, נור פריהער דאַר־פען מיר אַליין פיעל לערנען! דאָ זיינען פאַראַן עטליכע יונגעלייט משכילים, מיר קומען זיך עטליכע מאָל א וואָך צונויף, לייענען צוזאמען, שמועסען, אז דו ועסט וועלען, קענסטו אויך אריבערקומען. וועסט לאָ־בען, אין קאָצק, דעם רבי'ן הינטער דער נאָז, איז דער זיכערסטער פּלאַץ. קיינעם וועט נישט איינפאַלען אונז חושד צו זיין. ווייסט, ס'איז א שלעכטער סמן וואָס אידישע בחורים לאָזען זיך נישט מעהר אין דער וועלט אריין. אמאָל פלעגט מען פון פּוילען זיך לאָזען אין די ישיבות פון פראנקרייך, שפּאַניען און דייטשלאַנד איז דאָך אָפּגערעדט! יעדע גרויסע שטאָדט האָט געהאַט איהרע גאונים, איהרע לומדים, איהרע ישיבות. פיעל מאָל דאַכט זיך מיר, ווען כ'קום אפילו היינט צופאַהרען נאָך מעטץ, צי נאָך וואָרמס, וואָלט איך דאָרט געטראָפען בעקאַנטע פנים'ער, דערקענט די גאסען, די הייזער, די בתי־מדרשים, ווי כ'וואָלט צוריק געקומען אין מיין געבורטס שטאָדט, וואָס כ'האָב קליינערהייט פערלאָזען. באַטש כ'בין דאָרט קיין מאָל נישט געוועזען. יעדער שטיין, יעדער בית־עולם איז א שטיק אידיש לעבען...

מרדכי האָט דערזעהן אנאַנדער שמואל'ן און זיך גע'חידושט פון

וואָן נעמט זיך ביים מענש אַזוי פיעל ליעבע און דרך־ארץ צו אַ בית־עלמין און אַזאַ נישט פּערגינען און שנאה צום לעבעדיגען.

שמואל איז אַנטשוויגען געוואָרען, געוואָרפען יעדע ווײלע אַ בליק אויף מרדכי׳ן, געווען זיכער אַז ער האָט איהם שוין אויף זיין זייט און זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטון, ווי ער וואָלט עפּיס פאַרגעסען:

— יאָ, כ׳האָב צו דיר אַ שטיקעל טובה!

— וואָס?

— אַזוי ווי דיין מחותן, ר׳ יוסעל, איז אַן אַלטער משכיל, ער האָט נאָך געשטיצט דעם „בכורי־העתים“, וואָלט אפשר מעגליך געווען דו זאָלסט פון איהם קריגען אַ בריעף פאַר מיר נאָך בערלין, צו... ווען דו קענסט מיך אַריינפיהרען צו איהם אין הויז...

— גוט, — איז מרדכי געווען צופרידען וואָס ער קען עפּיס פאַר איהם טון — כ׳וועל איהם נאָך היינט זאָגען וועגען דיר.

ביים אָפענעם פענסטער איז געשטאַנען דעם שענקערס טאָכטער און גערעדט מיט צוויי מיידלעך. איינע פון די מיידלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסען, האָט געוויזען אויף מרדכי׳ן מיט אַ פינגער:

— אַ שעהן אינגעל! מען דאַרף מיט איהם פערפיהרען אַ שמועס!

— ווייזט אויס נישט קיין אָרימאַן — האָט דעם שענקערס מיידעל צוגעגעבען.

מרדכי האָט געשמייכעלט און נישט ווילענדיג אַ קלאַפּ געטון מיט׳ן גאָפּעל אין טעלער. דאָס מיידעל איז צוגעקומען.

— וואָס קומט אייך? — האָט מרדכי געפרעגט.

— איהר האָט געהאַט אַ האַלבע קאַטשקע, אַ קריגעל וויין, וואָס נאָך? — האָט ס׳מיידעל איהם געקוקט אין די אויגען אריין, אַז מרדכי האָט זיך אַזש פערלוירען.

— זעמיל.

— פינף גילדען — האָט ס׳מיידעל געמאַכט אַ שנעבעלע.

אַ איד מיט אַ קאַשיקעל אַרבעס־שויטען איז צוגעקומען צום פענסטער. איינע פון די מיידלעך, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן הויף, האָט געקויפט פאַר אַ גראָשען שויטען און אַ געשריי געטון:

— טעמרע כאַפּ!

איידער דעם שענקערס מיידעל האָט זיך אויסגעדרעהט, האָבען עט־ליכע שויטען זיך צולעגט איבער מרדכי׳ס פּנים. די מיידלעך האָבען אויסגעשאָסען אין א געלעכטער און זיך בעהאַלטען.

פון אַלקער איז אריין אַן עלטערער פּאַלאַק, וואַקלענדיג זיך און פאַרשטעלט דעם שענקערס מיידעל דעם וועג:

— פּאַננאַ רחל׳א, כ׳מוז דיר א קוש טון!

— כ׳וועל דעם פּאַן די אויגען אויסדראַפּען!

— דו ווילסט נאָך נישט? — האָט דער אַלטער געגלאָצט מיט די אויגען און זי ארומגענומען — ס׳דאַרף ביי דיר זיין א כבוד אַז איך, „וויעלמאַזשני“ קאַרפּינסקי, וויל א קוש טון א קרעטשמערס א טאָכטער!

מרדכי איז אריין אין דער מיט.

— אַז מען איז שכור געהט מען שלאָפען!

— דו כאַלאַטשאַרזש, ווי וואַגסטו? העי, סטאַך!

פון אַלקער איז ארוים א יונגער פּאַלאַק.

— שים איהם, סטאַך, שים דעם פאַרכוואַטען איד, ער האָט בע־ליידיגט דיין טאַטען, דעם אַלטען פּוילישען „הערב“ פון די קאַרפּינסקי׳ס, שים איהם, סטאַך, ווי א הונד! כ׳וועל דיר געבען געלד זאָלסט אנט־לויפען נאָך אמעריקאַ, שים איהם!

דער שענקער האָט זיך געבעטען ביים יונגען פּאַלאַק ער זאָל צונעמען דעם פאַטער, איהם א קוש געטון אין דער האַנד אריין, זיך געבייזערט אויף מרדכי׳ן.

מרדכי האָט אויפגעציטערט, אוועקגעשטויסען דעם שענקער אַז יע־נער איז געפאַלען אויף דער וואַנד. חשק געהאַט דער יונגער גוי זאָל מיט איהם אנהויבען און עטליכע מאָל איבערגע׳חזרט:

— אַז מען האָט א טאַטע א שכור, האַלט מען איהם אין שטוב!

— אָבער פּאַניע, פּאַניע — האָט דער זוהן האַלב־שכור זיך געבעט־טען ביי די ארומיגע און גענומען דעם פאַטער אונטער׳ן ארעם.

— שים איהם, שים איהם! — האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט צו גאַוועדנע און זיך געריסען פון זוהנ׳ס ארעמס — ווען נישט די קורווע

אסתר׳קאַ. וואָלט המן אויס׳גהרג׳עט אַלע אידען... דעמאָלט וואָלט אַבראַמעק דאָ קיין שענק נישט געהאַט און אידען וואָלטען נישט בעליי־דיגט דעם פּוילישען „הערב" פון די קאַרפּינסקעס, ווען נישט די קורווע אסתר׳קאַ...

א בעליידיגטער איז מרדכי ארויס פון ווײַנשענק, נישט געקענט שלום מאַכען מיט זיך, אַז ווען אַ שונא גרייפט אָן דעם שוואַכען, דאַרף ער איינבויגען דעם קאָפּ, צונעמען באהבה און נאָך דאַנקבאַר זיין. ער האָט געהאַט תרעומות צום רבונו־של־עולם, נישט געקענט בעגרייפען וואו דער יושר איז און אויב דאָס הייסט יושר, וויל ער פון אַזאַ יושר נישט וויסען. ער האָט נישט געוואוסט וואוהין ער געהט, געפיהלט ווי שמואל האָט פערוואָרפען ארום איהם אַ נעץ, וואָס וויקעלט זיך פון זיך אליין, פערפּלאָנטערט זיך אַלץ שטאַרקער און אויב ס׳האָט איהם פערדראָסען— איז עס אויף זיך אליין — פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי לייכט אונטער־נעגעבען, אפילו נישט פּרובירט זיך צו ווערען. ער האָט זיך געערגערט דערפון, געזעהן ווי אַלע ארום איהם ווייסען וואָס זיי ווילען, פיהלען די ערד אונטער די פיס, זיינען אַזוי זיכער מיט זיך אַז צו וואָס זיי זאָלען זיך נישט נעמען, וועלען זיי אויספיהרען. בלויז ער איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך, איז איינשטימיג כמעט מיט יעדען, ס׳פעהלט איהם די חוצפּה ער זאָל זיך פיהלען פעסט, זיין צופרידען מיט זיך. האָט תמיד ס׳געפיהל אַז ער שטעהט אין דער לופטען. און כאָטש ער האָט שטאַרק געליטען דערפון, זיך אָפּט געפייניגט, וואָלט ער זיך מיט קיינעם נישט געוואָלט טוישען. געפיהלט אַז ווי ערפאָלגרייך אַ שמואל זאָל נישט זיין, איז עס נישט מעהר ווי די פעהיגקייט פון איינעם פון די הונדערטער סוחרים׳לעך און מעקלער, די איינרייסער, וואָס דרעהען זיך ארום זיין, מרדכי׳ס פאָטער.

קאפיטעל 4

## דער לעצטער.

ר׳ יוסעל שטראהל האט אויפגעהערט שרייבען, בעטראכט דעם באַשריבענעם בויגען פאפיער מיט די העברעאישע דראבנע אותיות, וואו אלע בוכשטאבען זיינען געווען גיילינ, רונד, די שורות אויסגעוועלבט ווי האלבע לבנות. ער האט געלייענט א שורה נאך א שורה, צוגעשטעלט דא א דריידעל, דארט א פאסיקעל, געווען זיכער אז זיין איבערזעצונג איז נישט ערגער פונ׳ם אריגינאל. ער האט געהאלטען אין איבערזעצען „פאוסט", געארבייט דעריבער שוין יאהרען און נאך נישט פארטיג געווען אפילו מיט דער ערשטער טייל. פאר איהם איז געלעגען א וויימאר אויסגאבע, געבונדען אין ווייכען לעדער. די בלעטער דיקע, דאכט זיך הארינע, דורגעארבייט מיט קרוינען און בוכשטאבען, זיינען געווען דורכגענומען מיט טאבעק־פלעקען. ער האט אוועקגעלעגט פאר זיך א פרישען בויגען פאפיער, אוועקגעשטעלט מיט רויטען טינט דעם ציפער 307 און גענומען לייענען דעם אריגינאל. און אז ער איז צוגעקומען צו דער שטעל וואו דער שטן ווענדט זיך צו די פרויען —

> Fuer euch sind zwei Dinge
> Von Koestlichen Glanz,
> Das leuchtende Gold
> Und ein glaenzender — — —

האט ער באשלאסען עס נישט איבערצוגעבען אין העבראיש, זיך גענוצט וואס אין שפעטערע אויסגאבען האט מען עס אפילו אין דייטש דורכגעלאזט. ער האט איינינע מאל איבערגעלייענט די פיער שורות,

געשמייכעלט, ארויפגעלעגט זיין זילבערנע טאבעק־פושקע אויפ׳ן בוך און זיך טיעפער אריינגעזעצט אין פאטעל.

ער האט נישט געדארפט חתונה האבען אויף דער עלטער. וואלט ער כאטש גענומען א פשוט מיידעל, וואלט זיין רייכטום זי צופרידענגעשטעלט. פעליציע קען נישט זיין צופרידען, זי האט זיך בלויז מקריב געווען פאר די עלטערען. ווען איהר פאטער האלט נישט ביים באנקראט, וואלט ער איהם קיינמאל די טאכטער נישט געגעבען. ער האט זי בלויז געקויפט מיט דעם וואס ער האט באצאהלט זיינע חובות. ער איז איהר פרעמד. ער פיהלט עס. כאטש זי טוט יעדע זאך וואס ער פערלאנגט. זי לאדט איהם יעדען אבענד איין צו זיך אין זאל, וועט מסתמא אויך היינט קומען, וויל ער זאל זיך ווילען מיט איהרע געסט... און וואס פאר א פנים האט ער, אן אלטער, צוקנייטשטער איד, אפילו צווישען די ליבעראלע שררים און אידישע יונגעלייט? יעדער וואס זעהט איהם אין איהר געזעלשאפט, מוז זי באדויערען און טראכט זיך אז ס׳איז נישט שווער צוצונעמען אזא יונגע, שעהנע דאמע ביי אזא אלטען שיילאק... געהט ער טאקע נישט, זיצט ביי זיך אין צימער, לייענט אז ס׳שווינדעלט איהם אזש אין קאפ און לאז זיך דארט טון וואס עס וויל! ער שעהמט זיך פאר איהר, שעהמט זיך אפילו א קרעכץ צו טון. ער וויים נישט פארוואס, נור גלייך ווי זי באווייזט זיך, ווילט זיך איהם אויסזעהן יונגער... שוין מאנאטען ווי ער לעבט נישט מיט איהר... און זיין עשירות? זי איז דאך געבוירען אין רייכטום... געטהע איז גערעכט — רוצה אשה בקב ותפלות מעשרה קבין ופרישות...

ער האט ארויפגערוקט די ברילען אויפ׳ן שטערען, געזעהן דורכ׳ן ברייטען, צועפענטען פענסטער, ווי דער וויעפרזש, א רוהיגער, א באגילדטער רינגעלט זיך אונטער דער פארגעהענדער זון.

ער האט זיך פארגעסען, געעפענט דאס איינגעפאלענע מויל און געקוקט אין דער פערגעהענדער זון, וואס האט זיך אלץ נעהנטער גערוקט צום וואסער, זיך געשפיגעלט און געהילט די ראנדען פון הימעל אין גאלד, אין קופער. איין אויג האט זיך ביי איהם פערמאכט און דאס צווייטע האט זיך קיין ריהר געטון, געקוקט ווי דער טאג פארגעהט, פאר־

געהט, שלעפּט מיט זיין אָראָפּגעלאָזטען קאָפּ און געהאַט בלויז איין פּער־לאַנג מען זאָל איהם נישט שטערען און לאָזען אַזוי זיצען. און אַז די זון איז פערשוואונדען און איבער'ן הימעל זיינען געבליבען צעוואָרפענע, אָפּגעסמאַליעטע שטרייפען, האָט דער אַלטער אָפּגעזיפצט. ער האָט געהערט ווי אַ קאַרעטע פערפאָהרט פאַר זיין הויז, אַ מאָל געטון מיט דער האַנד אין דער ריכטונג פון וואַן דאָס גערויש איז געקומען, ווי ער וואָלט זיך ביי אי־מיצען געבעטען מען זאָל איהם נישט שטערען און גענומען אריינלעגען די באַשריבענע בויגען פּאַפּיער אין אַ שיפלאַד. פון נישט האָבען וואָס צו טון האָט ער איבערגעלעגט אַלץ אין שיפלאַד, ארויסגענומען אַ פּעקעל מיט בריעף, וואָס איז געווען ארומגעוויקעלט מיט אַ טאַשמע און עס גע־עפענט. ער האָט געקוקט אויף די אָפּגעשאָסענע אַדרעסען און געוואוסט אויף אויסווענדיג וואָס אין יעדען בריעף שטעהט. די שמאָלע צונויפגע־לעגטע בריוולעך מיט חתימות פון טריעף־וואַקס זיינען געקומען פון זשולקיוו, אַ גאַליציאַנער פערוואָרפען שטעדטיל, וואו פון פוילען און גאַליציע זיינען משכילים געפאָהרען צו זייער רבי'ן — ר' נחמן קראָכמאַל. ער האָט איהם געזעהן — אַ מאָגערער, אַ שוואַכער, גערעדט וועניג, גע־לאַסען, געקענט מסביר זיין דעם שווערסטען ענין קורץ, אין צוויי, דריי ווערטער. אויגען קליינע, וואַרימע, דער שטערען טיעף אין פּנים אריין, געטראָגען אַ ריפּסינע קאַפּאָטע סיי זומער, סיי ווינטער. נחמן איז צו־געשטאַנען צו איהם ער זאָל איבערזעצען „פאוסט". תמיד ווען ער האָט מיט איהם גערעדט, איז איהם אויפ'ן זינען געקומען דער אבן־עזרא. יענער האָט אָבער געמוזט זיין פלינקער, ריהרעוודיגער, גערעדט מיט אַ פּער־באַפּטען אָטהעם, געבליצט אָהן אַ צוזאַמענהאַנג, זיך תמיד געאיילט, קיין צייט געהאַט זיך אָוועקצוזעצען טראַכטען, געשריבען וואַנדערענדיג מיט'ן שטעקעלע אין דער האַנד, ווי ס'וואָלט ביי איהם געווען אַ ביי־זאַך, לשם בראָוואָדאַ.

דער ברייטער בויגען פּאַפּיער מיט דעם דינעם אינגעלשען כתב קומט פון פּאַדואַ. אַט דעם איטאַליענער איד פאַרשטעהט ער נאָך עד היום נישט! ער קומט איהם צו חלום, די לעצטע צייט אַלץ אָפטער און זיי שמועסען גאַנצע נעכט. עפּיס איז איהם נאָך קשה, כאָטש אַמאָל, ווען

דער איטאַליענער איז ארויסגעטראָטען געגען רמב"ם און אבן־עזרא'ן, איז ער יוסעל — איהם געוואָרען א דם־שונא, אויפגעהערט איהם צושיקען די פינף טויזענד גילדען א יאָהר אויפצוקויפען אַלטע אידישע כתב־יד'ען און מיט איהם איבערגעריסען אין גאַנצען. איצט טוט איהם באַנג, פיהלט אז טיילווייז איז דער איטאַליענער געררעכט געווען, קלייבט זיך איהם שיקען דעם ערשטען טייל „פאוסט". דעם רמב"ם'ס „השארת־הנפש" איז צו אריסטאָקראַטיש, ס'איז פאַר יחידי־סגולה, פאַר די בעל־שכל'ס. און וואָס האָט ער געוואָלט מיט זיינע דרייצען עיקרים? דער דריטער „אני־מאמין" איז צו אבסטראַקט, נישט אידיש, ס'פאָלק בעגרייפט נישט אַזאַ גאָט וואָס אין דער זעלבער צייט איז ער נ י ש ט און איז י אָ. קען צו איהם נישט בעטען און שאַפט זיך במילא אַן אַנדערען. דאָס האָבען אפילו איינגעזעהן די מעטאַפיזיקער און זיך פערזאָרגט מיט א לאָגוס, אַנדערע מיט א בן־אלהים, מיט ספירות, מיט א צדיק — אַלערליי מעקלערס דורך וועלכע מען זאָל קענען קומען אין בארירונג מיט גאָט! אין לוצאַטו'ס „השארת־הנפש", וואָס איז פאַר אַלע, אפילו פאַר זינדיגע... איז שוין דאָס דער ריינער אמת? ווער ווייס? יעדענ־פאַלס איז היימליכער אַזוי, בעסער! לוצאַטו איז גערעכט וואָס האָט קיין צוטרוי צו יעדער דיאַלעקטיק, האַלט נישט פון שפינאָזע'ס געאָמעט־רישע בעווייזען... נו טאַקע, וואָס פאַר א ווערט האָט א מענשענ'ס אמת? ווען ער, יוסעל, וואָלט נישט געווען אַזוי אַלט און געהאַט מעהר חוצפה, וואָלט ער אויך געהאַט אַנדערע אמת'ען, טאָר מען זיך נישט בלויז רע־כענען מיט'ן שכל, ס'איז אידישער — לא המדרש עיקר אלא המעשה. און ווי באַלד פאַול האָט פערדרעהט דעם פסוק און געלערענט די רוימער אַז דער עיקר איז דאָס ג ל ו י ב ע ן נישט די מ ע ש י ם, האָט ער אין גאַנצען אָפּגעריסען נישט נור מיט אידען, נור אפילו מיט אידען־קריסטען און דערמיט האָט ער גלייך ביים געבוירען פערמשפּט דאָס קריסטענטום צום טוידט.

דער לעצטער געדאַנק האָט דעם אַלטען אַזוי בעגייסטערט אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט שטילע טריט גענומען שפּרייזען איי־בער'ן צימער און וואָס טיעפער ער האָט זיך אריינגעקלערט אינ'ם גע־

ראַנק, אַלץ מעהר איז ער איהם געפעלען. דער אומעט איז אויף א ווײלע אוועק, דערפיהלט אז ער איז אינגער, האָט נור וואָס עפּיס מחדש געווען און געטראַכט אז ער וועט עס שרייבען שד"ל'ן, נישט שעהן צו זיין אַזוי לאַנג ברוגז...

ער איז גיך מיעד געוואָרען און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. פאַר איהם איז געלעגען א בריעף פון גייגער'ן — דער וואָס איז געווען געגען מילה און אַזוי אַרומגעשניטען דאָס אידענטום אז ס'איז געוואָרען צו קיילעכ־דיג און ס'האָט פיעל נישט געפעלט ס'זאָל זיך אין גאַנצען אוועק קייקלען פון דער וועלט. וואָס וויל ער דער סאָלידער דייטש מיט'ן פּראַק? קריכט פון דער הויט מען זאָל זיך אויסמענשלען, לערנען ביים גוי חכמה, אַראָפּ־וואַרפען פון זיך דעם שמוץ. האַלט אין איין טענה'ן אז מען קען אין אונ־זערע דלת־אמות נישט שטעהן און אין דער זעלבער צייט גלויבט אז מיר די שמוציגע האָבען א „מיסיאָן", מיר דאַרפען די וועלט אויסבעסע־רען! האַ, האַ, האַ! טשיקאַווע, פעלקער וואָס ליגען אין דר'ערד קריי־גען מיט אַמאָל „מיסיאָנען" וועלען גואלים, טרייסטען זיך מיט חלשות... קומט צו איהם אריין א פּאָלאַק, טענה'ט ער אויך אז פּאָלאַקען האָבען א מיסיאָן, אז ס'פּוילישע פאָלק איז געקרייצט פאַר די פעלקערס זינד און עס וועט ברענגען משיח'ן, א סאָציאַלען משיח. זיי האָבען זייער גייגער, עפּיס א טאָוויאַנסקי. ער איז ווייט פון אונזער גייגער, דעם ראַ־ציאָנאַליסט, יענער איז אַן אמת'ער רבי, היילט קראַנקע, להבדיל דער בעל־שם, צי אפשר א גלגול פון ישו'ן, וויל אויסלייזען די פּאָליאַקען דורך ניסים און האָט זעהר חשק אריינצוקריגען ראָטשילד'ס מיליאָנען. האַלט מסתמא אז זיין קעניגרייך איז פון דיעזער וועלט, האַ, האַ, האַ! און וואָס ווילען די פּאָליאַקען פון איהם? זיי האָבען זיך אָנגעזעצט און דאָס ווייב אויך, ער זאָל זיין דער קאַסירער, האַלטען די געלדער וואָס וועלען אריינקומען פון דער גאַנצער אָקאָליצע. ער וואָלט זיי געגעבען א פּאָר טויזענד רובעל, זיי זאָלען איהם בעפרייען דערפון, אידען דאַרפען זיך נישט מישען, ווען פּאָליאַקען אַליין זיינען דאַגעגען. יאַשינסקי, דער אַלטער הראַביא, וואָס אין האַרצען ביי זיך האַלט ער יוסל'ען פאַר זיינס א פאַכטער, כאָטש ער באָרגט ביי איהם געלד און רעדט מיט איהם ווע־

גען הענעל'ן, האָט קיין גראַשען, נישט געוואָלט געבען, טענה'ט אַז ס'איז אַז אַנזין, ווייל אַלץ וואָס איז פאַראַן איז פּערנינפּטיג. אַ גויאישער קאָפּ! הייסט עס אַז דער אויפשטאַנד אין די דרייסיגער איז אויך געווען פּערנינפּטיג, ווייל ער איז געווען און איז אויך דורכגעפאַלען! און אויף אַזעלכע זינדיגע אמת'ן בויט מען וועלטען און מען מאַכט זיי חרוב. אַנומעלט זאָגט איהם אַ יונגערמאַן אַז אויב רוים האָט זיך יאָ בעפרייט פון עסטרייך און דער פּאַפּסט איז אַראָפּ פון דער גדולה, איז געקומען די צייט ירושלים זאָל אויפגעבויט ווערען... און דאָס האָט נישט געזאָגט אַ מקובל, אַ גאַנץ קלוגער בחור, ווייס פיעל, קען לערנען, דורכגעמאַכט אַ היידעלבורגער אוניווערסיטעט און רעדט אַזעלכע שטות'עריייען... ווער ווייס זיי? דער נייער דור איז צו ווייט אַוועק און אפשר איז ער שוין צו אַלט, פאַרשטעהט מעהר נישט וואָס עס טוט זיך אַרום איהם? באַלד, וואָס איז איהם נור וואָס איינגעפאַלען? אַי, אַי, אַרויס פון זכרון — האָט דער אַלטער זיך גענומען רייבען דעם שטערען — כ'האָב עס געזאָלט שרייבען לוצאַטו'ן, טאַקע אַלט, אויף דער עלטער, ר'געדענקט נישט... אויך אַמאָל יונג געווען, געפאָהרען נאָך לוואָוו און מיט שלמה'ן זיך אַרי־בער געכאַפּט צו קראָכמאַלען. אַלץ אַ חלום. איז נחמן אויפ'ן עולם־האמת און שלמה — רב אין פּראַג. נישט קיין נאַר שלמה, ס'מוז איהם בלויז באַנק טון, וואָס ער האָט צו שפּעט אויסגעפונען אַז ס'איז נישט כדאי זיך איינצורייסען מיט אַ וועלט מענשען, ווי לאַנג מען קען לעבען זאַט און רוהיג. ער האָט תמיד געשראָקען פאַר דער אייגענער פעל, גע־גאַנגען וואו ס'איז געווען זיכערער, קיין מוט נישט געהאַט, אַנדערש וואָלט אַ מענש נישט געקענט עסען אין לוואָוו צוואַנציג יאָהר קישקע, טאַקע פעטע קישקע און אַרבייטען פאַר קצבים! הייגט אַז ער האָט אַנגעטון אַן אַצטלאַ־דרבנן האָט ער אָפּגעריסען מיט די אַלטע חברים. דאָס רבנות האָט איהם געקוילעט, ער קען נישט מעהר, קען נישט... פונדעסטוועגען וואָלט ער נאָך געוואָלט זיך מיט איהם דורכשמועסען, זיי דאַרפען זיין אין איין עלטער, באַלד, יאָ, אין איין עלטער... זיי האָ־בען ביידע אָנגעהויבען אַריינצוקומען צו קראָכמאַלען אין איין צייט. וע־לענען זומער אין דער תבואה און געלייענט וואָלטערען... אַ חלום. אַ

חלום... ס׳רעדעל דרעהט זיך... ווער ווייסט, מעגליך אז שפעטער מיט יאהרען וועט דאס בחור׳ל, מרדכי, פונקט אזוי זיצען, ווי ער דא און אויך טראכטען דאס זעלבע... אן אייביגער חלום... ר׳האט גארנישט קיין שלעכטען קאפּ מרדכי. ווי לאנג איז ער דא? דריי חדשים. פאר דער צייט לייענט ער גוט דייטש. ער באנעמט א שטיקעל „מורה־נבוכים“ אויך גוט. צו וואס האט אבער אברהם דא אהערגעשיקט דעם בן־יחיד? ממה נפשך, האט ער איהם געוואלט שיקען צום רבי׳ן, צו וואס האט ער איהם געהייסען איינשטעהן ביי יוסל׳ן? ער וועט פון דעם „פּרדס“ קיין גאנצער נישט ארויס. יא — האט דער אלטער זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאנגען צו א שווארצער, געשניצטער ביכער־שאנק, ארויסגענומען דעם „אהבת־ציון“, וואס האט נור וואס געהאט ערשינען און איהם איועקגעלעגט צו זיך אויפ׳ן טיש — לאז ער לייענען. ער האט זיך צוריק אריינגעזעצט אין פאטעל, פערמאכט די אויגען און אזוי געבליבען ז׳צען אין טונקעלען צימער. פון די שווארצע שענק מיט ספרים, וואס זיינען געשטאנען ארום די ווענד, פון די געשניצטע גיזעמסען האבען זיך גענומען רוקען שאטענס, זיך צולעגט איבער דער פּאדלאגע, איבער די ווענט, ווי אלטע בעקאנטע, האט דער איינגעבויגענער יוסעל מיט אמאל דערפיהלט אזא מיעדקייט, ס׳האט איהם אזוי געצויגען צום געלעגער, ווי עס ציהט א פארטיגע, צייטיגע פּרי, וואס איז זיך אויסגעשטאנען אויפ׳ן בוים, צו דער ערד.

— א, יוסעל, וואס מאכסטו?

— נחמן?

— דערקענסט מיך נישט?

— ביזט דאך דאכט זיך מיר געשטארבען?

— האסט פארגעסען — „שאין אדם קונה השארת־הנפש אלא אם כן התחכם במה שאחר הטבע...“

— איז עס טאקע אמת וואס דער רמב״ם זאגט?

— אמת, אמת.

— הייסט עס שמואל דוד לוצאטו....

— וואס מאכט טאקע דער איטאליענער?

— ער לעבט.

— דער רמב"ם וויל זיך מיט איהם באַקענען. יעדען טאָג ווען מען רופט אויס די נעמען פון די נור וואָס אַנגעקומענע, הערט ער זיך איין צי מען דערמאָנט אמאָל נישט שמואל דוד'ס נאָמען.

— ער וועט האָבען א שעהנעם קבלת־פּנים, כ'שטעל זיך פאָר — דער רמב"ם פון איין זייט, דער אבן־עזרא פון דער צווייטער, שפּינאָזא פון הינטען... איצט די קלענערע! זיי וועלען איהם צוצופען, הא, הא, הא!

— אה, ווער איז דאָס? — האָט יוסעל א צאַפּעל געטון, דערזעהן פעליציען און גענומען זיך רייבען די אויגען — א דרימעל געטון...

— וואָס זיצסטו אין דער פינסטער?

— אין דער פינסטער? — האָט ער געכאַפּט דאָס גלעקיל פון טיש און אַנגעהויבען צו קלינגען — יאָ, כ'זיץ אין דער פינסטער!

א דיענער איז שטיל אריין און זיך פערנויגט.

— אינגאַץ, מאַך ליכטיג!

דער דיענער האָט אַנגעצונדען אַן אויל־לאָמפּ און געוואָלט אַנצונדען די ליכט אין דער קאַנדעליאַברע.

— מען דאַרף נישט, קענסט געהן.

פעליציע האָט איהם געגלעט איבער דעם גרויען קאָפּ און זיך גע־בעטען:

— וואָס זיצסטו דאָ אליין? קום אריין אין זאַל — מיר האָבען געסט.

— ווער איז דאָ?

— די זעלבע וואָס אימער.

— קאַהאַנע?

— קאַהאַנע, קאַמאַראָווסקי...

— דער הראַביע? — האָט דער מאַן איהר איבערהעהאַקט — וואָס טוט ער דאָ אין קאַצק? ער איז דאָך גאָר א גאַליציאַנער?

— דו ווייסט דאָך וואָס ער טוט?

— ס׳ווילט זיך איהם ארויסטרייבען דעם רוס, נישט אנדערש, האַ?

— איז עס אַ עולה?

— ס׳איז אַ משוגעת?

— ווי ביי ווענען.

—כ׳האָב נעכטען גערעדט מיט רודניצקי׳ן, ער האָט צוויי זיהן אָנ־געוואָרען אין דעם ערשטען אויפשטאַנד, טענה׳ט ער דאָס זעלבע. דער פויער, זאָגט ער, וועט נישט געהן!

— קאַהאַנע זאָגט — האָט פעליציע געשמייכעלט — אַז אויב אפילו דער אויפשטאַנד איז אַ פערלוירענער, דאַרף מען איהם אויך מאַכען, ס׳איז נאָך שעהנער, טראַגישער...

— אַ, קאַ־האַ־נע — האָט יוסעל שפּאָטיש ארויסגערעדט דעם נאָ־מען — דאָס זיינען אַנדערע ווערטער! ער טענה׳ט דאָך אַז איצט, ווען רוים האָט זיך באַפרייט פון פּאַפּסט, וועט מען ירושלים אויך בעפרייען און עס צוריק אָפּגעבען די אידען. נאָך גוט וואָס ער הייסט נישט אי־דען זאָלען זיך אָרגאַניזירען און אליין עס אָפּנעמען ביים טערק.

— דו לאַכסט פון אַלעם...

— כ׳מיין עס ערענסט — האָט ער אָנגענומען פעליציען פאַר אַ האַנד — מיר אידען זיינען אַ טשיקאַווע פאָלק. אָדער מיר שטעהן אי׳ן גאַנצען פון דערוויטענס, אַז נישט וואַרפט מען זיך אריין מיט לייב און לעבען אַז מיר ברעכען גלייך דעם קאַרק!

— אַז מען איז יונג — האָט פעליציע געשמייכעלט — דו ביזט בעסער געווען?

ער האָט זיך דערפיהלט אויסגעשפּיעלט, אַלט, צובראָכען, מורא גע־האָט עס ארויסצואווייזען, געגלעט פעליציען ווי אַ טאַכטער און זיך גע־בעטען:

— וועסט מיר ענטשולדיגען, פעליציע, כ׳בין עפּיס נישט מיט אַלעמען, געה דו אריין צו די געסט, כ׳וועל זיך לעגען.

— וואָס איז דיר?

— גאַר נישט, כ'פיהל זיך מיעד — און ער האָט איהר אַ קוש געטון אין דער באַק אַריין — אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

ער איז געבליבען זיצען מיט פאַרלעגטע הענד, אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, לאַנג געקוקט מיט די מיעדע אויגען אין דער זייט וואו פעליציע איז פערשוואונדען, ווי זי וואָלט נאָך זיך עפּיס איבערגעלאָזט, מיט אַ מאָל אַ צוג געטון מיט אַן אַקסעל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ אָפּשאָקלען פון זיך און זיך צוריק פערטיעפט אין „פאוסט".

## קאפיטעל 5

# „די גרויסע אימפראוויזאציע“.

פעליציע איז אריין אין א זייטיגען צימער, געשטאנען א וויילע מיט א פארשנירעלטען שטערען, פארביסענע ליפען, ווי א פער'עקשנ'ט מיידעל ווען סגעהט עפּיס אפטון אויף צו להכעיס צו עלטערען. זי איז געווען בייז אויף זיך צו וואס זי איצט אריין צום מאן, איהם געגלעט, געזאגט גוטע רייד, ווי א העלדין פון א ראמאן, וואס פיהלט זיך זינדיג, האט מורא דער מאן זאל נישט חושד זיין, האלט זי איהם אין איין צערטלען. זי האט ליכטיג געמאכט און גענומען לייענען דעם בריעף וואס קאמאראווסקי האט איהר אריינגעשטעקט אין דער האנד ביים אריינקומען. זי האט געציטערט. דער נאך גאר יונגער קאמאראווסקי מיט די בלאנדע וואנסען, בלויע קינדישע אויגען מיט זיין אפגעהאקט רעדען אהן א צוזאמענהאנג, דאס אלץ האט פעליציען פון דער ערשטער באגעגעניש אימפאנירט. זי האט זעלטען געכאפּט וואס ער רעדט, נישט געקענט פערקייטעלען איין געדאנק מיט'ן צווייטען, איז עס איהר נאך מעהר געפעלען, געפיהלט אז אפרוה נאך דער קלארקייט, לאגיק און אויסגערעכענטקייט, וואס האט געהערשט ביי איהר אין הויז. נאך דעם ערשטען וויזיט האט שטראהל זיך אויסגעדריקט צום ווייב אז דער יונגער קאמאראווסקי דערמאנט א שעהן צוגאווע פערד, וואס אז דערפיהלט דעם רייטער אויף זיך, וועט עס שוין מעהר נישט איינשטעהן. איהר איז דער פערגלייך געפעלען, נישט פערשטאנען ווי ר'נאך א מענש קען אימער זיין בעגייסטערט, גאנצע טעג געקלערט וועגען איהם, זיך פערפלאנטערט אלץ מעהר און פונקט ווי איינער וואס האט קיין פארשטעלונג וועגען דער זון,

וואָרעמט זיך פונדעסטוועגן אונטער איהרע שטראַהלען, אַזוי האָט פּע־ליציע זיך געפיהלט גליקליך ווען קאַמאַראָווסקי האָט זיך געפונען ביי איהר אין שטוב.

פעליציע האָט צונויפגעקוועטשט דעם בריעף, אַ קוק געטון פון דער זייט אין שפּיגעל, געוואָלט צופרידען פון דעם מאַטען, רוהיגען פּנים וואָס זי האָט דאָרט געזעהן און געשמייכעלט וואָס קאַמאַראָווסקי בעט זיך ביי איהר זי זאָל וואַרטען, אַז ער איז זי נישט ווערט, אַז אידען זיינען די וואונדערבאַרסטע ראַסע. זי האָט ווידער געעפענט דעם בריעף:

„... איך גלויב אַז די צייט וועט באַלד קומען, טאַקע באַלד, צוליעב אונז... די וועלט מוז ווערען בעפרייט. צווישען די דריי פעלקער וואָס דאַרפען ברענגען משיח׳ן איז אויך פאַראַן ס׳אידישע. מיר לעבען אין אַ וואונדערבאַרער צייט! כ׳גלויב אַז באַלד, באַלד... כ׳וועל פאַלען צו דיינע פיס, קושען דיינע טריט, איינזאַפּען אין זיך דעם שטויב פון דער־וועלט, דו זאָלסט אַרויס אַ געלייטערטע און איך זאָל דרייסט קענען זאָ־גען — קום! מיט דעם ליכט פון דיינע אויגען וועלען מיר פעריאַגען די בייזע גייסטער וואָס ווימלען מחנות־ווייז איבער דער ערד. דאָס צו־שטראַהלקייט פון דעם זיעבטען שלוח, וואָס גאָט דאַרף אַראָפּשיקען אויף דער ערד און וועלכער איז שוין צווישען אונז, וועט פאַלען אויף דיר מלאך מיינער! דאָס פייער פון דיינע אויגען וועט זיך אַזוי צופלאַקע־רען אַז אַלץ־דאָס־שלעכטס וועט פערשוואונדען און די ערד וועט ווערען אַ הימעל!

„און אויב דו וועסט נישט געהן מיט מיר, וועל איך בלייבען ליגען ביי דיינע פיס ווי אַ געטרייער הונד, נישט לאָזען קיינעם צו דיר צו. ס׳זאָל אַ שטויבעלע נישט פאַלען אויף דיר, מיין מאַטער דאָלאָראָזאַ!

„ערשט נעכטען בין איך גרייט געווען אוועקצוגעבען מיין לעבען אָבי רוים זאָל נישט אַריינפאַלען אין די הענד פון אַנטיקריסט. מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס, מיט די ווערטער, Petrus Apostolus, Princeps Apostolorum, בין איך אַוועק מיט די עסטרייכער אונטערצודריקען די נישט גלויביגע איטאַליענער. און וואָס האָט זיך אויס־געלאָזט? איך אַ גוטער קאַטאָליק, האָב געהאָלפען מיט דער אייגענער

ביקס ברענגען דאָס קריסטענטום צו קבורה! און קיינער וואָגט מיר ניטש צו שפּייען אין פּנים אריין דאָס וואָרט אַנטיקריסט! קאָהאַנע איז גערעכט — מיר לעבען אין אַ וואונדערבאַרער צייט, דאָס אַלטע רוים האָט זיך בעפרייט! הערסט? בע־פריי־עט!

„און אַז איך וועל אַלט ווערען, מעהר ניטש קענען ליגען ביי דיינע פיס, וועל איך צודריוועלען דאָס אייגענע האַרץ, אויף די פערבלוטיגטע סטרונעס שפּיעלען פאַר דיר, אַלע ארום זאָלען משוגע ווערען — זיידעס זאָלען איבערגעבען אייניקלעך אַז געלעבט האָט אַמאָל אַן אומגליקליכער הראַביאַ קאַמאַראָווסקי און אַ ליידענדע פּעליציע... אַ, ווען דו קענסט קאַמאַראָווסקי'ן! ע ר קען פיהלען וואָס הייסט אַ יחוס פון איבער פערציג דורות! נאָך דיין שלעפּ, פּעליציע, נאָך דיינע שוואַרצע צעפּ ציהען זיך איבער פערציג דורות! פערציג דו־דות! כ'בויג פאַר אייך מיין זינדיגען, מיין קראַנקען קאָפּ! ס'איז מיר אַזוי שלעכט אָהן דיר, אַזוי שלעכט, מלאך מיינער... כ'וואָרט פוילען זאָל מיך וואָס גיכער רו־פען... דערווייל קלאַפּ איך קאָפּ אָן וואַנד, שוויינ און וואָרט..."

די בריעף האָבען זי משוגע געמאַכט, אַזוי פערדרעהט דעם קאָפּ, אַז זי האָט ניטש געוואוסט אויף וואָס'ערע וועלט זי איז. די פראַזע אַז זי האָט הינטער זיך אַ פערציג דורות'דיגען יחוס, עלטער פון דעם ער־שטען פּוילישען קעניג, איז איהר ניטש ארויס פון קאָפּ. אָט דאָס איז קאַמאַראָווסקי! זי איז אָבער מיט איהם ניטש זיכער געווען, קיינמאָל דערפון מיט איהם ניטש גערעדט און אַז זי האָט ארויפגעפיהרט אויף אַ שמועס, האָט ער אויסגעמיטען. זי וואָלט צו יעדען רוף אוועק מיט'ן פּאַלאַק, ניטש געהאַט קיינע געוויסענביסע, ניטש געזעהן פאַרוואָס זי טאָר ניטש, ניטש געטראַכט וועגען די עלטערן. צוליעב אַ באַנקראָט האָבען זיי זי פערקויפט, איהר געגעבען אַ זיידע פאַר אַ מאַן, אַ זיידע אויך ניטש, אַ זיידען האָט מען ליעב, איהר געגעבען עפּיס אַ שטרענגען, קלוגען פעטער, זאָל זי אויף זיי רחמנות האָבען? דער מאַן, פאַר וועל־כען זי האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ, איז איהר יאָ אַמאָל געקומען אויפ'ן זינען, זיך געפיהלט שולדיג, איהם געצערטעלט און בשעת־מעשה געלי־טען דערפון. זי האָט אָבער זעלטען וועגען איהם געקלערט.

אט פאהרט קאמאראווסקי אוועק און זי בלייבט מיט גארנישט. פארוואס רעדט ער נישט? זי וועט עס נישט אויסהאלטען, איהם נישט לאזען פאהרען, אינסטינקטיוו א קוק געטון אויף דער האנד, וואו ביי איהר פינגעריל האט נאכגעהאנגען א ווייסער אדלער, זיך ארומגעקוקט, ווי זי וואלט מורא געהאט עמיצער זאל אויפכאפען איהרע געדאנקען. ס'האט זיך איהר זעהר נישט געוואלט בלייבען אליין אין דעם גרויסען, שטילען הויז. קאהאנע? קראסנאפאלסקי? און ווער נאך?...

זי האט א צוג געטון מיט די רונדע אקסלען און אויפ'ן טונקעלען נעזיכט האט זיך צולעגט א גלייכגילטיגקייט. זי האט נישט איינמאל באמערקט אז אין קאמאראווסקי'ס געגענווארט האבען זיך די אידישע יונגעלייט געביטען, ווי ס'וואלט ביי זיי געווען א יחוס וואס א הראביא רעדט מיט זיי. דאס האט זי געערגערט און קראסנאפאלסקי'ן כמעט פיינד געקראגען. דאס חסידישע בחור'ל, מרדכי, וואס איז ביי איהר איינגעשטאנען, איז שוין איהר בעסער געפעלען — קוקט יעדען גלייך אין די אויגען, רויטעלט זיך און זאגט דעם אמת. האט אבער קיין מא־ניערען נישט, קען זיך נישט האלטען און וואס קוקט ער אויף איהר אזוי?

זי האט זיך דערמאנט אז אין זאלווארט מען געווים אויף איהר, נאכאמאל א קוק געטון אין שפיגעל, ארייגעשטופט דעם בריעף אין בוז־זעם און א פרעהליכע אריין אין זאל:

—איהר וועט מיר ענטשולדיגען, פאנאוויע, וואס כ'האב אייך גע־לאזט אליין...

— א, געווים— האט דער הראביא זיך פערנויגט.

— איהר זייט דען געהאט ארויסגעגאנגען? — האט קאהאנע זיך אנגערופען, נישט געווארט אויף קיין ענטפער און נישט אויפגעהערט ארייזצורעדען אין קאמאראווסקי'ן.

פעליציע האט באלד נישט געענטפערט, געבליבען שטעהן ביי דער פיאנא, גענומען עטליכע אקארדען און זיך צושמייכעלט:

— הערט, פאניע קאהאנע, טרעפט נישט אמאל אז איהר זוכט זיך אליין ארום?

— וואס מיינט איהר?

—מען מיינט — האט קראסנאפאלסקי אריינגעווארפען — אז א מענש דרעהט זיך ארום אויף דער זינדיגער ערד און זיין קאפ פליהט א׳ן די הימלען, טרעפט זיך אמאל אז ער פערלירט די פיס...

— פיין, פיין!

אז אויפגעלעגטער האט קראסנאפאלסקי ארויפגערוקט די פענסנע אויפ׳ן קורצען נעזעל און אונטערגעברומט א גאסען ליעדעל, וואס ער האט מיטגעבראכט קומענדיג אויף וואקאציעס פון פאריז:

Mo'ssien c'est m'n'amant, — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— זינגט נישט דאס ליעדעל — האט פעליציע זיך ביי איהם געבעטען און זיך נאכלעסיג אראפגעלאזט אויף א טאבורעטקע.

— א, ענטשולדיגט, מאדאם — האט ער זיך פראנטיש פערנויגט.

מרדכי איז געזעסען ביים טיש א פערוויטעלטער. ער האט זעלטען זיך אריינגעמישט אין שמועס. פאר איהם איז אלץ געווען אזוי נייע. ער האט זיך מיט אמאל דערוואוסט אז מיט דער זעלבער היץ, וואס ער פלעגט רעדען וועגען קאצקער, רעדט דער גוי וועגען עפיס א טאוויאנסקי׳ן. וועמעס צוועלף עיקרים קאמאראווסקי האט נור וואס געהאט פארגע־לייענט. ער האט זיך אפילו געוואלט אנרופען אז טאוויאנסקי האט גאר־נישט מחדש געווען, אז די צוועלף עיקרים זיינען נישט מעהר ווי א שטי־קעל „קבלה“, ס׳איז קיין נייעס נישט, פונדעסטוועגען געפיהלט, אז אזוי ווי קאמאראווסקי גיט עס איבער, איז עס פארט אנדערש און געהאט ס׳געפיהל אז ער וואלט דעם יונגען גוי געקענט הערען א גאנצע נאכט.

די פייערדיגע שווערד פון זוהר איז דא פערוואנדעלט געווארען א׳ן א שארפע שטאהלענע שווערד, איינגעקרעמפט אין א מוסקוליסטער האנד.

ער האט געזעהן טאוויאנסקי׳ן אז אלטען בעוואקסענעם גוי, מיט א טארבע אויף די פלייצעס און מיט א סענקעוואט שטעקעלע, פונקט ווי ער האט זיך אמאל פארגעשטעלט פאול׳ן.

ער האט פערשטאנען אז דער הראביע איז נישט דער איינציגער.

איבער פּוילען מוזען זיין טויזענדער אזעלכע, נישט צופרידענע, ווי ער, מרדכי, און ס'איז איהם באַנג געוואָרען. ער האָט זיך מעהר נישט איינגעהערט וואָס זיי רעדען, געקוקט אויף דער וואַנד וואו א קופּערשטיך פון פּעליציען האָט געהאַנגען און געווען דאַנקבאַר וואָס ער געפינט זיך מיט איהר אונטער איין דאַך. ער האָט זי פאַרגעטערט, קיינמאָל נישט געטראַכט וועגען איהר, ווי א זיבעצען יאָהריגער בחור טראַכט וועגען א שעהנער פרוי. ער איז געווען זיכער אַז זי איז אַנדערש ווי אַלע, זי איז — פּעליציע. ס'איז איהם קיינמאָל אויפ'ן זינען געקומען מען זאָל קענען אַנווענדען אויף איהר דאָס וואָרט „גשמיות" און זיך בּיסלעכווייז איינגערעדט אַז תמיד ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגען „יחוד", געזעהן דערביי א ווייבליך שכינה־געשטאַלט, איז עס נישט געווען קיין געוועהנליכע פרוי. ס'איז געווען דאָס בענקעניש וואָס ער זעהט אין פּעליציע'ס אויגען.

ער האָט געקוקט אויפ'ן קופּערשטיך, געפיהלט ווי עפּיס קלאַפּט ביי איהם אין האַרצען, רייסט זיך, ווי א פאַרשפּאַרטער פויגעל און איבער איהם האָבען זיך געטראָגען אָפּגעריסענע ווערטער אָהן א געשטאַלט, אָהן אַן אינהאַלט, זיך אָוועקגעשטעלט ווי א באַרג. ער איז נישט געווען בכח צו פאַראייניגען די ווערטער, וואָס האָבען זיך איבער איהם געקנוילט, פון ערגערניש געוואָלט דורכהאַקען דעם באַרג מיט'ן שטערען און דאָס יונגע האַרץ האָט געבלוטיגט, פאַרגאַנגען אין בלוט.

די קאַמאַראָווסקי'ס זיינען נישט צופרידען מיט'ן אַלטען גלויבען, זוכען זיי א נייעם און פונקט ווי ס'אַלטע אזוי איז דאָס נייע א פאַר־יתום'טער געדאַנק, וועלכען דער אידישער צער האָט געבוירען און איהם קיין „תקון" געגעבען. קען מען שוין העכער נישט געהן, האָבען מיר אידען שוין דערגרייכט דאָס העכסטע, טאָ פאַרוואָס ברעכען מיר נישט דעם קאַרק ס'זאָל פון אונז קיין שריד ופליט נישט בלייבען! איצט דאַרף קיינער נישט אָנפאַנגען פון אָנהויב, ווער עס וויל נור קען שנאָרען, קען אָהן וועהטאָג אויסרייסען ביי אונז א שטיק, איבערלאָזענדיג א פאַראייטערטע וואונד און מיט דער הילף פון דער שווערד אויסלייזען א וועלט!.. וואָס פאַר א באַטרעף האָבען די „צוועלף עיקרים", ס'איז דאָך א פונק אין

פערגלייך מיט'ן פייער וואָס ברענט ביי אונז! די שווערד... ווען מיר קענען האַלטען אַזוי פעסט די שווערד, אַז די האַנד זאָל קיין ציטער טון, דאָס האַרץ קיין צאַפּעל — אוה־ה, אהה־ה!

פון דער ערשטער מינוט אַן איז מרדכי געווען פערליעבט אין קאַ־האַנען, ס'ערשטע מאָל געזעהן אַ געבילדעטען איד וואָס רעכענט זיך מיט חסידות. קאַהאַנע האָט די חסידים פערגליכען מיט די איסיים, געזעהן אין זיי דעם פּראָטעסט פון אידישען גייסט, געגען די פערגליווערטע בוכשטאַבען פון דער תורה. נישט די פאָרם, די כלי איז דער עיקר, נור דער גייסט וואָס האָט די כלי געשאַפען. דאָס איז חסידות. ער, דער איד קאַהאַנע האָט דאָס געווירקט אויפ'ן הראביא, וואָס האָט זיך פער־קוקט אויף טאָוויאַנסקי'ן און געשטאַנען אַן דער זייט פון דער באַוועגונג צו בעפרייען פוילען, ער זאָל זיך אריינוואַרפען אין דער ארבייט מיט לייב און לעבען.

קראַסנאָפּאָלסקי'ן האָט מרדכי נישט פערטראָגען, נישט געגלויבט אַז דער פראַנט, וואָס גרויסט זיך אַז ער רעדט פויליש אָהן אַ אידישען אַקצענט, זאָל זיין ר' לייבוש חריף'ס אַן אייניקעל.

קראַסנאָפּאָלסקי האָט זיך געלאַנגווייליגט אין קאָצק, נישט געהאָט מיט וועמען צו טאַנצען, געבעטען די וואַקאַציעס זאָלען זיך וואָס גיכער ענדיגען און יעדען טאָג געבראַכט פּעליציען ווייסע רויזען.

פאַר די דריי חדשים איז מרדכי געוואָרען אַן אַנדערער, ער האָט פיעל געהאַט צו פערדאַנקען דעם מחותן, וואָס האָט מיט איהם יעדען טאָג גע־לערענט, געשמועסט און איהם געגעבען צו לייענען ביכער. ער איז אַלץ ווייניגער געגאַנגען צום רבי'ן אין הויף, זעלטען געזעהן ר' איטשען און געפיהלט אַז ער האָט געלעבט אין אַ צו ענגער וועלט.

דער דיענער האָט געעפענט אַ זייטיגע טיר און זיך פערנייגט:

— אבענד־ברויט איז פאַרטיג!

— פּאַנאָוויע, — האָט פּעליציע זיך אויפגעשטעלט — קומט עסען!

— כ'ווייס נישט צו ער איז אַ שאַרלאַטאַן — האָט קאַהאַנע זיך

אויפגעשטעלט — נור אז א פאלאק קען זיין געגען דער בעפרייאונג פון פוילען...

— ער וויל בעפרייען די גאנצע וועלט! — האט קאמאראווסקי איהם איבערגעשלאגען.

— וואס מיר גאנצע וועלט? — האט קאהאנע אנגעכאפט קאמא־ראווסקי'ן פאר א האנד—אונזערע רענעגאטען טענה'ן ס'זעלבע! ר'דארפט מעהר, איז מיצקעוויטש אין דעם פונקט זיך צוגאנגען מיט איהם! אויב איהר פארגעטערט יא זיין תורה, וועל איך אייך זאגען, אז ס'איז נישט זיינע, אז דערמיט טוט מען אז עולה אזא גרויסען פאלאק און דענקער ווי היינע — ווראנסקי! כ'וויל שוין נישט רעדען וועגען די שטעלען וואס זיינען גענומען פון דער קבלה. איצט ווי פארענטפערט איהר זיין וועלט־פאליטיק? דאס וועלען ארייננכאפען אי דעם פאפסט, אי ראט־שילדען, כ'מיין ראטשילד'ס מיליאנען?

— דאס איז דאך געווען א וועלט באוועגונג! — האט קאמאראווסקי איהם אונטערגעבראכען.

— איהר זאלט עס זאגען? — האט קאהאנע זיך צולאכט — צוויי פראפעסארען, דער מיסטיקער פיער־מישעל און א היסטערישע פראנצוי־זין פון לאטיינעשען קווארטאל — דאס הייסט ביי אייך א וועלט בא־וועגונג?

— און צווישען אידען?

— צווישען אידען האט טאוויאנסקי'ס לעהרע קיין ערפאלג נישט געקענט האבען, אפילו מיצקעוויטשע'ס דרשות אין די בתי־מדרשים האבען נישט געהאלפען. ווייסט איהר פארוואס? ווייל יעדער חסיד, אט די צוקנייטשטע אידען מיט די פאות, זיינען אליין טאוויאנסקעס. זיי מאכען דערפון נישט קיין וועזען, ווייל ס'איז ביי זיי אין בלוט! די עטליכע אידען וואס זיינען צוגעשטאנען צו טאוויאנסקע'ן קענט איהר איבערצעהלען אויף די פינגער. זיין אדיוטאנט, גרשון ראס, איז סתם אן אויסוואורף און די פוילישע אידען, וואס רופען זיך „רבינס", זיינען אלע געוועזענע באהעלפערס און אויסגעדינטע ניקאלאייעווסקע זעלנער!

— קומט עסען, קומט — איז פּעליציע די ערשטע אריין אין עס־צימער.

— זעהט נור ווי קאהאנע קאכט זיך? — האָט קראַסנאָפּאָלסקי אנגעוויזען פּעליציען און איהם נאכגעקרומט מיט די הענד.

— דערפאר זייט איהר קיינמאָל נישט ערענסט — האָט פּעליציע אנגעוויזען יעדען איינעם וואו ער זאָל זיך זעצען — פּערקוקט אייך אויף קאהאנע'ן...

— כ'האָב מורא אנצואווערען די האר — האָט קראַסנאָפּאָלסקי זיך צולאכט.

קאהאנע האָט אינסטינקטיוו זיך א כאפּ געטון מיט א פינגער פאר'ן קאָפּ, וואו די האר זיינען געווען אזוי שיטער, אז מען האט זיי געקענט צעהלען, א שמייכעל געטון און זיך געווענדעט צו פּעליציע'ן:

— איהר פערשטעהט, ס'לעבען איז צוועקמעסיג, אז מען האָט ר' לייבוש חריף פאר א זיידען, ווענען די פּוילישע אידען רופען „דער אייזערנער מח", דאַרף דאָס אייניקעל אין גאַנצען קיין מח נישט האָבען, צוליעב הארמאָניע... מען טאָר נישט צופיעל פאַרשווענדען, אי דעם זיידען, אי דעם אייניקעל, די קאָמאַראָווסקי'ס דאַרפען אויף עפּיס קריגען, נישט וואהר?

— אמת, אמת — האָט קאָמאַראָווסקי געקלאַפּט קאהאנען אין די פּלייצעס און זיך אנגעגאָסען א גלאָז וויין — שאַרף געזאָגט, שאַרף! א וואונדערבאַר פאָלק דאָס אידישע! טאָוויאַנסקי איז גערעכט, ווען ער זאָגט אז די פּראָנצוויזען האָבען נור געהאָט איין ליכטיגען פּונקט, דאָס איז געווען נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט א שיין געטון, צעיאָגט די פינסטערע גייסטער, וואָס האָבען גענאָגט דאָס מענשליכע האַרץ, טעמפּ געמאַכט דעם מח. אַזעלכע ליכטיגע פּונקטען האָבען אידען געהאָט און האָבען אָהן א שיעור!! כ'טרונק פאַר דער וואונדערבאַרער אידישער ראַסע!

די גלעזער וויין האָבען געקלימפּערט און מען האָט גענומען עסען.

מרדכי האָט באַמערקט, ווען פּעליציע האָט זיך איבערגעבויגען אי־בער דער לאָמפּ, עטוואָס ארויפגעדרעהט די קנויט, ווי פון איהר בוזעם איז עפּיס ארויסגעפאַלען. ער האָט גלייך זיך געוואָלט א בויג טון, עס

אויפהייבען, איהר אפגעבען, האט אבער אינסטינקטיוו ארויפגעשטעלט דערויף דעם פוס, זיך ארומגעקוקט צו קיינער זעהט נישט און איז שטארק רויט געווארען. ער האט זיך מעהר נישט איינגעהערט וואס מען רעדט ביים טיש, געפיהלט ווי דאס שטיקעל פאפיער ווארעמט, בריהט, ער ווערט פערפלאמט און זיכער געווען אז אלע האבען געזעהן, האלטען איהם פאר א כאם. א פויער אין א שענק ווען ער זעהט ווי איינער לאזט אראפ א מטבע, שטעלט ער אויף איהר דעם פוס ארויף. ס'פאסט פאר א כאם. ער האט מיט זיך אליין געאמפערט, אז ער דארף עס גלייך אויפ־הייבען, איהר אפגעבען. און אפשער טאר קיינער דערפון נישט וויסען? דאס האט איהם בארוהיגט און ער האט מיט'ן פוס מעהר קיין ריהר געט־טון, געזעסען אזוי ביז דאס אבענד־ברויט האט זיך געענדיגט און אז אלע זיינען אריין אין צווייטען צימער, האט ער אויף גיך בעהאלטען דאס פאפיער אין קעשענע און נישט קיין דרייסטער זיי נאכגעגאנגען.

פעליציע האט געשפיעלט:

Ciemno wszędzie, głucho wszędzie,
Co to będzie, co to będzie!

ער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז, נאכגעזאגט די ווערטער, זיך דערמאנט אן דער היים, אן רחל'ן, אן ר' איטשען, געזעהן ווי פע־ליציע'ס לאנגע, ווייסע פינגער שפרינגען איבער די ביינדלעך און זיך דערפיהלט אזוי נאהענט צו איהר, אזוי נאהענט...

די טענער זיינען געווארען שטילער, שטילער, געשטאנען אין דער לופטען, זיך צונויפגעגאסען מיט דער האלב־טונקעלקייט פון צימער, האט מרדכי אנגעשטרענגט די אויערן — שפיעלט מען נאך?

דעם הראביעס אנגענעמע שטימע האט מיסטעריעז געקלונגען:

Mąż straszny......ma trzy oblicza..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

Z matki obcej i krew jego—dawne bohatery,
A imię jego—czterdzieści cztery!

ס'איז מרדכי'ן געווען בעקאַנט, נישט געדענקט וואו ער האָט עס געלייענט. האָט ער עס געלייענט? איז דאָס נישט קיין מדרש וואו ס'ווערט באַשריבען דער אַנטיקריסט, וואָס דאַרף געבוירען ווערען אין רוים מיט דריי שטערענס...? פון וואַנען ווייס עס דער גוי, האַ?

— ענטשולדיגט, פּאַניע קראַסנאַפּאָלסקי, וואָס דעקלאַמירט דער הראַביאַ איצט?

— דאָס איז דאָך „די גרויסע אימפּראָוויזאַציע".

— וואָס?

קראַסנאַפּאָלסקי האָט נישט געענטפערט. ס'איז געוואָרען שטיל. די ווערטער האָבען זיך געקייקעלט שנעל, שנעלער, אַנגעוואָרפען אַ באַרג איבער אַ באַרג, איז יעדער געוואָרען ביי זיך אַזוי קליין, נישטיג, זיך איינגעקורטשעט אין זיין ווינקעלע. די ווערטער, ווי שטיקער פייער האָבען זיך איינגעקריצט ביי מרדכי'ן אין מח, צועפּענט אַלע וואונדען וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שפּינוועבס. ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס, דערזעהן פאַר זיך ר' מענ־עלי'ן, ווי ער זיצט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער, זיצט אַ צוגעשמידטער, רייסט זיך פון די כחות, שרייט, האָט טענות צום רבונו־של־עולם און טויזענדער פאַר אויגען לאַכען פון איהם, האָבען שפּאַס, ווי דאָס צובראַכענע, שוואַכע מענשעל לויפט ארום אין דעם פאַרשפּאַרטען צימעריל, האַלט מלחמה מיט'ן ווינד.

— אַ, קאַהאַנע — האָט מרדכי אַ קוק געטון אין דער זייט וואו דער הראַביאַ איז געשטאַנען און קיינעם דאָרטען נישט געזעהן.

קאַהאַנע איז געזעסען אין מיטען צימער, גערעדט גיך, נערוועז, גע־מאַכט דעם איינדרוק אַז ער איילט זיך, וויל גיכער ענדיגען, האָט מורא מען זאָל איהם נישט איבעררייסען אין דער מיט. די ווערטער האָבען זיך איהם אַ שפּאַר געטון אין האַלז, האָט ער פון גרויס אימפּעט זיך אויפ־געשטעלט און זיך ארויסגעהאַלפען מיט די הענד:

„— — — ער האָט נור געדאַרפט פערמאַכען די אויגען און געפיהלט ווי די הענד צוואוואַקסען זיך ביי איהם ווי פליגעל, דערגרייכען דעם הימעל און וואו נור די פינגער שלאָגען זיך אָן, קומען ארויס שטערען. וויל ער — לעשט ער זיי אויס, וויל ער — צינדט ער זיי אָן, שליידערט

איינעם אַז צוווייטען, פיהרט די פינגער איבער די שטערנען, ווי איבער פייערדיגע קלאַווישען. ער פיהלט אַז ער קען בעשאַפען אַ „יש מאין", קען חרוב מאַכען וועלטען; אַז ער האָט איבער זיך קיין שליטה נישט, אַז דאָס וואָס ער בעשאַפט איז פריהער נישט געווען, נישט געקענט זיין, געוואָרען פון זיך. ווייל איהם געהט קיינמאָל קיין שאָטען נישט נאָך.

און פונדעסטוועגען איז ער נישט געווען צופרידען, געוואוסט אַז אויב ער וועט אפילו אין זעקס טעג אַ וועלט בעשאַפען, וועט איהם קיינער נישט גלויבען, ווייל ער האָט קיין שאָטען נישט, וואָס זאָל די מענשען האַלטען אין איין צוזאָגען, אַז די שטיינער פון די ברוקירטע גאַסען, פון די וועגען, די שטיינער פון די וועלדער און מדבריות, קען ער צו יעדער רגע אין ברויט פערוואַנדלען!

דאָס איז דער עיקר!...

די ווערטער, פלאַמיגע, האָבען זיך ביי קאַהאַנען געריסען מיט אימ־פעט, געפאַלען אויף זיין אַנגעלאַדענטען מח, ווי טראָפּענס פייער, עקס־פּלאָדירט, האָבען זיך אָהן אַ שיעור קעמערלעך געהאַלטען אין איין עפע־נען, איהם פאַרבלענדט, איז ער געבליבען שטעהן אַ ווייל מיט אַ צועפענט מויל, אַליין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט, געזוכט ווי זיך ארויסצו־פּלאָנטערען. טויזענדער פּלעמלעך האָבען אויפגעבליצט, איהם פערפיהרט און הינטער זיי, ווי דורך אַ טיולענעם שלייער האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעריסען אַ טיפע בלויקייט און ער האָט דערזעהן אַ שיף. אויף דער שיף האָבען זיך געפונען אידען — די נישט גלויביגע, די פער־משפט׳ע צום אייביגען גיהנם. מיט גוטע רייד, מיט עסען און טרינקען האָבען גלחים זיי געוואָלט אויסלייזען. אַז גאָט׳ס חסד זאָל אויף זיי פאַלען. די זינדיגע, מיט׳ן פער׳עקשנ׳טען בלוט, די וואָס האָבען נישט געוואָלט הערען אַז ער איז אומגעקומען פאַר מענשענס זינד, האָט מען דערטרונקען און די גוטע, אויף וועמען גאָט׳ס וואָרט איז געפאַלען ווי אַ זומער רעגען אויף טרוקענע ערד, האָבען זיך איבערגעגעבען צו איהם מיט אַזוי פיעל ליעבשאַפט אַז אַ נס איז געשעהן — זייערע פיס און הערצער האָבען אַנגעהויבען צו בלוטען. פון גרויס ליעבע, אַז

די הייליגע זאַלען גלייך געהן אין גן־עדן אריין און זיך שוין מעהר נישט איבערגעגעבען צום אנטיקריסט, האַט מען זיי געוואָרפען איינעם נאָכ׳ן אנדערען אין ים אריין... פון גרויס ליעבע... פון גרויס ליעבע...

אַלע אין זאַל האָבען געקוקט אויף קאַהאַנען, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט׳ן צועפּענטען מויל, די אויגען טיעף אין קאָפּ אריין, ווי ער וואָלט שטאַרק געליטען. ס׳זיינען דורך עטליכע רגע׳ס. ער האָט זיך אנגעהויבען צו פערלירען, נישט פערשטאַנען ווי נאָך עפּיס אַ עפּיזאָדעל פון גרויס־שפּאַניען האָט זיך אמאָל אנגעזעצט אויף איהם, ניט געזעהן אין דעם קיין שייכות מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דערצעהלען. זיך שוין געוואָלט אָוועקזעצען, ווי ער האָט באַמערקט אויף דער וואַנד מרדכי׳ס שאָטען. דאָס איז געווען דער פּלאַנטער זאַל צושוואומען. ער האָט אָפּגעזיפצט, זיך דערמאַנט וואו ער האַלט, זיך אנגענומען מיט ביידע הענד אַן דעם ווענטיל פון זיין שטוהל און שטיל פאַרטגעזעצט:

„— — — האָט ער זיך געלאָזט אַ דערשלאָגענער איבער די גאַסען, געזעהן ווי די גאַסען זיינען שוואַרץ מיט מענשען און גרויס צער געהאַט וואָס קיינער באַמערקט איהם נישט.

א מאַן וואָס האָט אויסגעזעהן ווי ער איז איהם נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך אויסגעדרעהט, אַ ווייַלע אָנגעקוקט דעם פרעמדען און אויפגעציטערט. דער פרעמדער האָט זיך אַ ציה געטון, דינער געוואָרען און איז ארויף אויף דער וואַנד.

— וואָס ווילסטו?

דער פרעמדער האָט זיך איינגעבויגען אין דרייען, קלענער געוואָרען, גענומען דרעהן מיט׳ן קאָפּ, מיט די הענד און פיס, אויסגעזעהן ווי א הונד, ווי דער בעל־הבית נעמט איהם טרייבען פון זיך און הכנעה׳דיג געשמייכעלט:

— דו דערקענסט מיך נישט?

— ניין.

— כ׳בין דאָך דיין שאָטען!

— ווער ביזטו?

דער שאָטען האָט זיך אויסגעגלייכט, לענגער געוואָרען און איז אראָפּ

פון דער וואנד. ער האט זיך גענומען שארען ארום איהם. ווי ער וואלט זיך געקליבען איינצופלאנטערן צווישען זיינע פיס און נאך הכנעה'דיגער געשמייכעלט:

— כ'זעה ווי דו דרעהסט זיך ווי א פערלוירענער צווישען די גאסען, ליידסט וואס קיינער קען דיך נישט, וואוינסט אין א קעלער אין דיין ווייב מיט קינדער שטארבען פון הונגער... נישט וואהר? וואס ציטערסטו אזוי?... דו דערקענסט מיך טאקע נישט?..."

קאהאנע'ס שטימע איז געווארען שטילער, בלייכער, געפיהלט אז ער האט אנגעווארען דעם ריטעם, נישט אזוי האט ער געוואלט זאגען, נישט דאס... פריהער ווען ער האט זיך געהאט פערפלאנטערט, האט ער זיך גערארפט אוועקזעצען... אזעלכע זאכען זויגט מען נישט פון פינגער... אזוי דערצעהלען קען יעדער... דאס איז נישט מעהר ווי ליטעראטור... און וואס לענגער ער האט גערעדט, אלץ מעהר האט זיך איהם אויסגעוויזען אז די ווערטער ציהען זיך ווי פעך, אז מען דארף איבעררייסען, זיך געפיהלט אדער אזוי שוואך, אזוי הילפלאז, אז ער האט אפילו דאס נישט געקענט טון און ווייטער גערעדט.

„——— אויב דו ווילסט גיב זיך מיר איבער אויף א רגע און דיין קעלער ווערט גלייך פערוואנדעלט אין א פאלאץ, די שעהנסטע פרויען וועלען זיין גליקליך דיר צו פערשאפען פערגעניגען, קינד און קייט וועלען מיט פרייד דיר אפטרעטען דעם וועג, איינרוימען איינער דעם צווייטען אז דאס געהסט ד ו. נו, וואס שווייגסטו?

ער איז געשטאנען א פארבלענדטער און ווי ער האט נור א שאקעל געטון מיט'ן קאפ אויף יא, האבען די שווארצע גאסען מיט מענשען פאר איהם געבויגען די קעפ, געשריען — לאנג לעבען זאל דער גאון! לאנג לעבען...!

און אז ער איז מיעד געווארען פון וואוילטאג, די מענשען ארום זיינען דערעסען, האט ער זיך פארבענקט צו בלייבען אליין. ער האט זיך ווידער געוואלט א שפיעל טון מיט די שטערן, שליידערן איינעם אן צווייטען. זיי לעשען הונדערטערוויז, זיי צוריק אנצונדען, פיהלען זיך בכח צו שאפען א „יש מאין" — האט ער אויסגעפונען אז די פליעגעל זיי־

נען ביי איהם אונטערגעזעגגט, אז זיי הויבען זיך נישט מעהר, אז צו טייער האט ער באצאהלט פאר ברויט און ווייב און א וועהטאג האט איהם אדומגענומען.

פון צער האט ער זיך אפגעשלאסען און קיינעם נישט געוואלט זעהן. דער שאטען אבער האט נישט אפגעטראטען פון איהם און וואו ער האט זיך נישט אויסבעהאלטען, זיך געוואלט פערטיעפען, איז דער שאטען אויסגעוואקסען און איהם געשטערט. מיט טרערען אין די אויגען האט ער זיך געבעטען ביי איהם:

— וואס האסטו זיך אנגעזעצט אויף מיר? דו ביזט מיר פרעמד. כ'פארשטעה נישט דיין לשון, לאז מיך צורוה!

— מענש — האט דער שאטען זיך צוצויגען איבער דער וואנד — ווען דו וואלסט זיך א רגע פערטראכט, וואלסטו פערשטאנען אז דיין שרייען, דיין וויינען, וועט דיר גארנישט העלפען. דו ביזט געווען בכח צו פערוואנדלען די שטיינער אין ברויט, האסטו עס געטון? נייו! האסט דאך געבענקט נאך מיר, געווען אונגליקליך, וואס די מענשען, וועל־כע זיינען דיר איצט דערווידער, קענען דיך נישט, טא וואס ווילסטו? כ'מעג דיך אפילו איינשליסען אין א תפיסה, הרג,ענען, וועט קיינעם נישט ארען און קיינער וועט דיר נישט גלויבען! דו האסט דאך זיך מיר איבערגעגעבען, זיך געטוישט מיט מיר, האב איך איינגעשלאסען דיין כח צו שאפען א „יש מאין" און — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון הינטער'ן פענסטער האבען זיך געהערט שטימען, דאס קלאפען פון קאפיטעס. מרדכי האט זיך געכאפט אז דאס פאהרען די געסט אוועק. ער האט ארויסגענומען פון קעשענע דאס צוקנייטשטע פאפיער, געזעהן ס'איז א בריעף, געוואוסט מען דארף נישט לייענען, ס'איז נישט אנ־שטענדיג און א נערוועזער געשלונגען א ווארט נאך א ווארט. ער האט גארנישט פערשטאנען, געכאפט איינציגע ווערטער, פראזען, געפיהלט בשעת מעשה ווי עס בליצט עפּים אויף ביי איהם אין מח און אנגעהויי־

בען ציטערען, ווי מען וואלט זיך געקליבען ביי איהם ס'טייערסטע פון אונטער די הענד ארויסצוכאפען. ער האט דעם בריעף צוריק איינגע־קנייטשט, געשטאנען א ווײלע מיט די הענד ארום די שלייפען, ווי ס'וואלט איהם אן אומגליק געשעהן און זיך ביסלעכווייז בארוהיגט. ער האט גענומען ארויסגעהן. פעליציע איז איהם אנטקעגען געקומען.

— איהר האט דאס פערלוירען — האט איהר מרדכי אונטערגעטרא־גען דעם צוקנייטשטען בריעף.

— וואס? — האט זי געעפענט דעם בריעף און איז בלאס געווא־רען — איהר האט עס געלייענט?

— יא.

זיי האבען זיך איבער א רגע אנגעקוקט, צוזאמען ארא־פגעלאזט די אויגען:

— איהר וועט שווייגען, אמת?

— איהר ווילט כ'זאל שווייגען?

— יא.

— גוט.

זי האט איהם צוגעשטעלט די ווייכע שמאלע האנד צו די ליפען.

— א גוטע נאכט.

ער האט א קוש געטון, ס'ערשטע מאל דערפיהלט ווי די ליפען ברענען ביי איהם. ער איז אריין צו זיך אין צימער און איז די קליידער זיך געווארפען אויפ'ן בעטיל.

קאפיטעל 6

## שכר און עונש.

ער איז א לאנגע צייט געלעגען אויפ'ן בעט, דאס פנים איינגענורעט אין קישען, נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך מיט איהם און ווי נאך אז אומגליק, וואס קומט אונערווארטעט, בלייבט מען טעמפ און גלייכגילטיג, פונקט אזוי האט זיך מרדכי דערפיהלט און געליטען דערפון.

ער האט געוואוסט אז א גרויסע עולה ווערט דא בעגאנגען, זיך נישט געקענט קלאר מאכען געגען ווער'ן, געהאט פערדרוס וואס עמיצער זיצט אין איהם, און איינגע'עקשנ'טער, טענה'ט אז זיין חוב איז צו דער־צעהלען אלץ ר' יוסעל'ן. יעדעס מאל ווען ער האט זיך א נעם געטון אין די הענד, געווארען שטייפער, זיכער געווען אז ער וועט האלטען ווארט, פונקט דעמאלט האט ער דערזעהן פעליציע'ן אין קאמאראווסקי'ס ארעמס, פארגעסען אן אלעס, זיך מעהר נישט געקענט באהערשען, גרייט געווען זיך נישט אפצושטעלען פאר קיין זאך און אלץ אין איהם האט אויפגע־ברילט.

און אז דער כעס האט זיך דורכגעברענט, איז ער געבליבען ליגען א מיעדער, מיט א הוילקייט ארום הארץ, ווי עמיצער וואלט זיך נור וואס פון דארט ארויסגעקליבען, איבערגעלאזט א ווינד און זיך דערמאנט אז פונקט אזוי האט ער געפיהלט ווען דער פאטער מיט'ן פאכטער זיינען איהם בעפאלען, צוגענומען רחל'ן און איהם איינעם אליין איבערגעלאזט ביי נאכט אין וואלד.

ער האט זיך געקארטשטעש, געצאפעלט, געריסען מיט די ציין דאס ציכעל פון קישען.

און דער איינגע'עקשנ'טער וואס איז געזעסען ביי איהם טיעף אין דער נשמה האט זיך נאך ווערייצט, גע'טענה'ט אז ער איז נישט בעסער פאר קאמאראווסקי'ן, אז דא האנדעלט זיך נישט וועגען שטראהלען, זיין מחותן, דאס איז נור אן אויסרייד, אז דאס רעדט ער זיך אליין איין — נישט בחנם שפייזט מען דעם מענש פון דור־דורות מיט יושר, כאפט ער זיך אן דעם אן, אונבעוואוסט, וועו ער טוט אפילו אפ א פארברעכען.

ער האט געציטערט אינגאנצען, געפיהלט דאס בלוט אין די אדע־רען, ווי עס צינד זיך, בריהט. אויסגעהונגערטע פערלאנגען האבען זיך געקארטשטעט אין איהם, זיך געריסען, געוואיעט ווי משוגענע הינד.

ער איז געווען בכח צו צוברעכען יעדען איינעם, ווער ס'וועט איהם קומען אין וועג אריין און שטערען. ער וועט נישט געהן אין שפאן, וועט זיך נישט לאזען איינברעכען, ער דארף נור וועלען, אויסשטעקען די האנד און אלץ וואס ס'וועט איהם אנטקעגען קומען וועט זיין זיינס.

דאס פייער האט זיך ביי איהם געהויבען, אריין אין האלז אריין, זיך געשפארט אין מח אריין און די פערלאנגען האבען זיך געשמאלצען, זיך צעגאסען מיט א שווערקייט איבער'ן גאנצען קערפער און ער איז געבליבען ליגען אן אויסגעמאטערטער.

מרדכי האט מעהר נישט געקענט איינליגען, אראפ פון בעט, צו־עפענט ס'פענסטער און ארויסגעשטעקט דעם צוהיצטען קאפ. א פייכטע חשון קעלט האט איהם דורכגענומען. ס'האט אנגעהויבען טאגען. דא און דארט האבען שטיקלעך ליכט דורכגעריסען דאס פינסטערניש און אז ער האט זיך לענגער איינגעקוקט האט ער באמערקט ווי דאס פינסטערניש פאלדעוועט זיך, לאזט דורך גרויע פאסעקלעך ליכט, פערשווינדט אין ארום די ראנדען וואו אלץ איז אין פלאמען, שיילט זיך ארויס א טיעפע בלויקייט. שטיקער ליכט בעווייזען זיך דא און דארט, שפרייטען זיך מיט א ציטער, הילען איין און יעדער אויף וועמען ס'ליכט פאלט פער־נאפט זיך, זאפט אין זיך אריין די בלויקייט, ווערט שעהנער און פיהלט ווי ער וואלט געהאט א שתפות אין דעם אלעם.

עס האבען זיך געהערט טריט. מיט איין שפרונג איז ער ארויס דורכ'ן פענסטער, אנגעשפיצט די אויערן און מיט פארקוועטשטע פויסטען

געקוקט אין אלע זייטען. עס איז געווען שטיל. א האהן האט זיך צו־קרעהט, פונאנדערגעטרייסעלט די שטילקייט. באלד א צווייטער, א דריטער, ווי זיי וואלטען זיך צונויפגערעדט.

די פייכטקייט פון גראז האט דורכגענומען זיינע בארוויסע פיס, האט ער אין גאנצען א שטייפער פון קעלט, זיך צוריק אריינגעכאפט אין צימער דורכ'ן פענסטער. ער האט געוואלט שלאפען, זיך איינגעדעקט מיט דער קאלדרע איבער'ן קאפ, זיך באלד פונאנדערגעווארעמט, געפיהלט אז ער ווערט דערשטיקט, זיך אפגעדעקט און געברענט אין גאנצען.

— וועמען ארט עס ? ברעכען זיי דעם קאפ ! וואס געהט עס איהם אן ! זי זינדיגט ? אויף דעם איז דאך דא שכר און עונש !

ער האט געשמייכעלט.

ערשט נעכטען האט ר' יוסעל מיט איהם גערעדט וועגען „בחירה", וועגען „ שכר און עונש" ביי אידען, באוויזען אז שכר און עונש קען מען נישט אפטיילען פון לעבען, זינדיגט עמיצער, קריגט ער גלייך זיין שטראף. און ווי זיבער דער אלטער איז, חדושט זיך אויפ'ן רמ"בם, וואס זאגט אז דאס זיינען „ענינים אשר אין בטבע האנושי שישיגם בשום פנים..."

און ווער ווייס ? מעגליך אז איצט, ווען ער, מרדכי, קען נישט שלאפען ,ליידט וואס אז עולה ווערט אפגעטון, מח'ט זיך וועגען „שכר און עונש". אין דער זעלבער צייט פארברענגט קאמאראווסקי מיט איהר ? וואו איז דער עונש ?

קאמאראווסקי וועט אין דער פריה אוועקגעהן א מיעדער, נישט קיין אויסגעשלאפענער ? די ביינער וועלען זיין צושרויפט ? מעגליך.

און פארוואס ליידט ער, מרדכי ? ער ליידט דאך מעהר פאר'ן פאלאק !

פאר זיינע זינדיגע מחשבות ?

און פאר וועמעס זינד האט לייזער דער שניידער געליטען, וואס האט גענעהט מרדכי'ן אויף יום־טוב א קאפאטע ?

לייזער האט זיך געקלאגט אז ער קומט נישט אויס מיט'ן טאג, מיז אויף זיין נעכט, דען יעדער קונד וויל ער זאל פארטיג מאכען דעם בגד

אויף יום־טוב. קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס, געפּיה׳לט יעדעס גליעד, ווי דער גאַנצער גוף זיינער וואָלט זיך געהאַלטען ביים פונאַנדערשיטען...

פאַר וועמעס זינד האָט ער געליטען?

פאַר וועמעס?

ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין אייגענעם געדאַנק, געזעהן אַז דאָ רייסט זיך איבער ס׳געוועב. ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען, געקוקט אין דעם פינסטערען תהום, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר איהם, חשק געהאַט אריבערצושפּרייזען, מעג ער באַצאָהלען מיט׳ן אייגענעם קאָרק.

אַלץ אין איהם האָט זיך געבויגען פאַר ר׳ מענדעלי׳ן, באַגריפען ווי גרויס זיין צער האָט געמוזט זיין, נישט פערשטאַנען ווי ס׳נעמט זיך ביי א מענשען אַזוי פיעל כח צו פיהרען מלחמה מיט זיך אליין. און אַז ער איז געקומען צווישען מענשען, האָבען זיי פערמאַכט די אויגען, נישט געקענט פערטראָגען זיין פייער, ביז געוואָרען וואָס ער האָט ביי זיי צו־גענומען דאָס פינסטערניש און זיך נישט באַרוהיגט ביז זיי האָבען איהם צוזאַמען מיט׳ן פייער פערשפּאַרט אין תפיסה.

וואו איז ר׳ מענדעלי׳ס שכר?

עפּיס האָט זיך געצונדען אין איהם, געלאָשען, דערזעהן ווי זיין גאַנצער גוף איז פערשנורעוועט מיט רצועות, האָט ער זיי גענומען רייסען מיט די נעגעל, מיט די ציין, ווי א משוגענער. דער בנין, וואָס ער האָט איבערגענומען פון דור־דורות, האָט זיך אָנגעהויבען וואַקלען, פונאַנדער־פאַלען אוּן דאָס פייער אין איהם האָט ארומגעכאַפּט די חורבות, זיינען זיי זיך צוקראָכען ווי איבערגעזעגנט שטרוי און ער האָט דערפּיהלט, ווי ער טרייסעלט פון זיך אַלץ אראָפּ, בעפרייט זיך, ווערט אַנאַנדערער.

און אַז ס׳פייער אין איהם וועט זיך צובלאָזען, אַזוי שטאַרק צו־בלאָזען, אַז ס׳זאָל אפילו פון די חורבות קיין זכר נישט בלייבען, וואָס דעמאָלט?

האַ?

וועלען די קאַמאַראָווסקי׳ס שוין מעהר...

## קאפיטעל 7

## ווען מען וואלט כאטש זיכער געווען...

צומארגענס אז מרדכי האט זיך אויפגעכאפט, איז איהם איינגעפא־לען אז די גלייכסטע זאך וואלט געווען צו פערלאזען פוילען. ער האט נישט געהאט קיין פלאן, נישט געקלערט וואו ער וועט נעמען געלד, גע־האט בלויז איין פערלאנג — זיך ארויסצורייסען פון דער סביבה. וואס א טאג איז דער געדאנק ביי איהם רייפער געווארען, זיך דערפיהלט ענ־גער ביים מחותן אין הויז. און אז ער האט זיך באגעגענט מיט'ן מחותן, געהערט ווי ער רעדט, ווי די אויגען זיינען פול מיט חכמה, האט זיך מרדכי פערלוירען, קיין איין ווארט נישט פערשטאנען, בלויז געטראכט אז פעליציע איז איהם נישט געטריי, אז די קליידער הענגען אויף זיין אלטען, אויסגעדארטען קערפער ווי זעק, אז מיט זיין גאנצער חכמה קען ער זיך יעדע רגע פונאנדערשיטען און איהם, מרדכי'ן, קריכען אויף שלעכטע מחשבות אין קאפ אריין, האט ער דעם מחותן אנגעהויבען אויס־צומיידען. פעליציע איז צו איהם געווארען נאך פריינדליכער, איהם גענומען אונטער איהרע פליגעל, ער ארויסגעוויזען ווען ס'זיינען געווען געסט אין הויז און דאס חסידישע בחור'ל איז מעהר נישט בלאס געווא־רען, האט זיך מעהר נישט געריטעלט, ווען זי האט איהם אונטערגע־טראגען איהר ווייסע האנד מיט די לענגליכע פינגער. ער האט געקושט די האנד און יעדעס מאל געהאט דאס געפיהל זיך צוואווארפען אויף איהר, צוצוברעכען דעם בויגיגען קערפער, אז נישט וועט עס אנאנדערער טון.

ער איז זעלטען געזעסען אין שטוב, כמעט גאנצע טעג זיך ארומ־געשלעפט מיט חסידישע לעב־קינדער, מיט דניאל אייבשיץ, זיך פאר

קיין זאך נישט אפגעשטעלט, צובראכען און אוועקגעשליידערט אלץ, וואס ס'איז איהם געשטאנען אין וועג און געזעטיגט זיין אויסגעהונגערטען קער־פער. דאס האט לאנג נישט אנגעהאלטען. די אפטע באגעגענישען מיט קאהאנע'ן, דאס צו רעש'דיגע לעבען האבען איהם אויסגעניכטערט. פאר דער קורצער צייט איז ער געווארען מאגער, העכער, דאס מאטע פנים ביינערדיג און אין די גרויע, פער'חלום'טע אויגען האט זיך באוויזען א שטילער צער, וואס איז פריהער נישט געווען, געצויגען צו זיך און לאנג געבליבען אין זכרון ביי יעדען איינעם, ווער ס'האט זיך מיט מרדכי'ן באגעגענט.

א גלייכגילטיגער האט ער זיך ארומגעשארט אין „הויף", זיך מעהר נישט צוגעהערט ווי ר' איטשע זאגט תורה. ער איז געווארען א בן־בית ביי ר' מענדעלי'ן, ביי ר' דוד'לען, געזעסען צווישען די „יחידי־סגולה" ווען דניאל האט גערעדט וועגען „רזי־דאהבה", וועגען דער „מטרנתא" פון זעיר־אנפין", געשמייכעלט וואס דניאל'ס בעטען שטעהען פון צפון נאך דרום, ער זאל חס־וחלילה מיט „תשמיש" נישט פוגע בכבוד זיין אן רבונו־של־עולם. וועמעס וועג איז פון מזרח נאך מעריב. ער האט גע־שפיעלט מיט רבקה'לען אין שאך. באמערקט ווי זי ציטערט אין זיין גע־גענווארט. ווי די פרישקייט צעשפיעלט זיך אין איהרע באקען, רעדט וועגען איהר זיידען ר' מענדעלי'ן מיט אזוי פיעל דרך־ארץ, מיט אזוי פיעל ליעבע, גלויבט אז יעדער מענש דארף עפּים אויפטון, אז ס'לעבען איז נישט קיין שפיעלכעל, קיין צופאל. דאס זעכצעהן יאהריגע מיידעל, כמעט א פראסטע, האט מיט פרייד און צנועה'קייט געווארט אויף דער צייט, ווען זי וועט קענען אוועקשענקען איהר לעבען, זיך מקריב זיין, אבי ווייטער צו ציהען דעם פאדעם, צו דערהאלטען דעם שטאם. דאס איז מרדכי'ן געפעלען. ער האט געגלויבט אז רבקה'לע וואלט פאר איהם געווען א גליק, אז דאס שטילע מיידעל האט איהם ליעב, אז י ע נ ע מיט די ווייסע לענגליכע פינגער קען נישט ליעב האבען, אז... און ער האט כמעט יעדען טאג זיך געזעהן מיט רבקה'לען, געזוכט, געגישטערט. געהאלטען אין איין אויסגעפינען ביי איהר עהנליכקייטען וואס דערמאַ־נען אן פעליציע'ן. פונקט דעמאלט איז קאמאראווסקי פערפאהרען נאך

קאַצק אויף עטליכע טעג. מרדכי האָט זיך אַרומגעזעהן אַז ער גנאַרט זיך, אַז ער האָט רבקה'לען נישט ליעב, אַז דאָס רעדט ער זיך איין, שרעקט זיך פאַר דער פּוסטקייט אין דער אייגענער נשמה, ווייל זי מיט עפּיס אויספילען, בענקט, קען אָהן פּעליציע'ן נישט לעבען. ער האָט זיך אַרומגעזעהן אַז רבקה'לע איז נישט מעהר ווי אַ פּוך־פעדערל, וואָס האָט געוואָלט איבערייסען זיין חלום, איהם אויפוועקען. מעג די פעדער זיין ווי אַנגענעם ווייך, ווי לייכט, איז ווי באַלד זי וועקט איינעם אויף, נעמט זי איהם אַרויס פון אַ וועלט, שנייד איבער אַלע פעדים און טראָגט איהם איבער אין אַנאַנדער וועלט, וואָס האָט גאָר קיין שיכות מיט דער ערשטער. מרדכי האָט זיך געפיהלט מיעד אָנצוהייבען פון דאָס נייע, מיט איין הויד האָט ער אַראָפּגעבלאָזען די פּוך־פעדער, נישט געגאַנגען מעהר אין „הויף" אַריין. ער האָט נאָכשפּיאָנירט קאַמאַראָווסקי'ן מיט פּעליציע'ן, אונטערגעהערט וואָס זיי רעדען, זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנד. פון גרויס צער האָט ער זיך פערמאַכט ביי זיך אין צימער, שעה'ן געקוקט דורכ'ן פענסטער ווי דער שנעע לעגט זיך פלאָכטעס־וויז, נישט געזעהן ווי די שטיקלעך זומער וואָס האָבען זיך נאָך געוואַלגערט ביי איהם אין דער נשמה, צעשווימען אין דעם נאַסען שנעע, געווען צופרידען וואָס קיי־נער וועקט איהם נישט און ווייטער געשפּינען דעם חלום, געשפּינען.

אַז קאַמאַראָווסקי איז אָפּגעפאָהרען, האָט מרדכי זיך אויסניכטערט, נישט געגלויבט אַז ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט שפּינוועבס און ס'האָט איהם וועה געטון פאַר רבקה'לען. אכט טעג האָט ער נישט אַריינגע־שמעקט אין „הויף", זיך געשעהמט צו ווייזען אויף די אויגען, זיך פיינד געקראָגען וואָס ער האָט אַליין אַלץ קאַליע געמאַכט. נישט איינמאָל האָט ער געהערט דאָס פלאַטערען פון פליגעלעך, דאָס קלאַפּען פון אַ הערציל... ס'איז דאָך גענוג געווען ער זאָל פערמאַכען די פינגער, ס'זאָל זיין זיינס... ער וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבען צו זיין איצט ביי איהר.

אין הויף איז מרדכי געוואָר געוואָרען דאָס דער רבי פיהלט זיך פאַר די לעצטע טעג זעהר שוואַך, פאַלט אָפּט אוועק און דער עולם געהט שוין עטליכע טעג אַרום אָן איבערגעשראָקענער. מען האָט איהם כמעט

ווי אויפגעהערט צו היטען און יעדער ווער ס'האט נור געוואלט, האט לייכט צו איהם געקענט צוקומען.

ר' איטשע האט זיך דערפרעהט מיט מרדכי'ן:

— וואו ביזטו פערפאלען געווארען? רבקה'לע האט מיך עטליכע מאל געפרעגט צו די ביזט נישט חלילה קראנק און דער רבי האט זיך אויך נאכגעפרעגט אויף דיר... כ'האב שוין געוואלט שיקען אויסגעפינען וואס דו מאכסט...

מרדכי האט נישט געענטפערט, נאכגעגאנגען ר' איטשען און אז ער איז אריינגעקומען אין פאדערהויז, וואס האט געפיהרט צום רבי'ן, האט ער זיך גע'חדוש'ט, וואס דער אמאליגער פחד דערוועקט זיך אין איהם. דער רבי האט איהם באגעגענט מיט א שמייכעל:

— דיין מחותן לערענט נאך אלץ דעם „מורה־נבוכים“, הא? א טעמפער איך דיין מחותן, א טעמפער! נו, ער האט שוין דיך מדריך געווען? דיין מחותן, מיין איך... און איטשע שווייגט, ס'ארט איהם אפנים נישט — „שכל המאבד נפש אחת מישראל, כאלו אבד עולם מלא“!

מרדכי האט נישט געוואוסט צי דער רבי מיינט ערענסט, צי ער לאכט פון ר' איטשען, געקוקט אויף זיין וואקסען פנים, וואס האט זיך קוים ארויסגעזעהן פון דעם וואלד האר, זיך צוגויפגעגאסען מיט די האר פון קאפ, פון די פאות.

ר' איטשע איז ארויס אין פאדערהויז, וואו ר' פאוועש, דער שמש, האט געשריבען קוויטלעך. מרדכי האט נישט געוואוסט וואס מיט זיך צו טון, געשטאנען ביים רבי'ן'ס טיש מיט אראפגעלאזטע אויגען.

— זיי זיך מודה — האט דער רבי זיך באקוועמער אוועקגעזעצט אויף זיין ווייסער אפגעהובעלטער שטול — טראכסט גארנישט וועגען פאהרען שטודירען, נאך אויסלאנד מיין איך?.. אז מען פאלט אריין צו אזא מחותן ווי דו האסט, איז ראשית דארף מען מציל זיין א אידישע נשמה, מען דארף שיקען נאך אויסלאנד שטודירען! און אז וועסט שוין אויסשטודירען, הא? וואס דעמאלט? וועסטו נישט זיצען, מיינסטו, ווי איך דא און ווארטען אויפ'ן טוידט, האלטען אין איין מח'ן זיך, צי מען וועט דארט שמייסען, הא, וואס זאגסטו? — האט דער רבי אפגע־

זיפצעט, אריינגעלאָזט א האַנד אין דער באָרד און ווי צו זיך גערעדט — ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען אַז מען וועט דאָרט שמייסען, ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען...

מרדכי האָט זיך פערלוירען, אויסגעמידען דעם רבי'נ'ס בליק און זיך שלעכט געפיהלט וואָס דער רבי רעדט מיט איהם ווי מיט א גלייכען. ער האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער אויף די פערשנעהטע פעלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער'ן וויעפּרש, ביז צום וואַלד, געזעהען ווי קראָהען מיט פערריסענע קעפּלעך לאָזען זיך אראָפּ פון די בוימער, שפּרייזען לייכט איבער'ן שנעה, צייכנען אויס לאַפּקעס, עפענען מיט א בייזקייט די שאַרפע שנאָבלען, קראַקען. האָט עס איהם פאַרקלעמט אונטערען האַרץ. זיך דערמאָנט אַז „שכר און עונש" און נישט פערשטאַנען ווער ס'איז גע־רעכט.

א וועלט מיט אידען זיינען זיכער דאָס די טויערען פון גן־עדן שטעהען שוין אָפען. גלויבען דאָס די גאַנצע „פמליה של מעלה" וואַרט מיט אונגעדולד אויף דער מינוט, ווען ר' מענדעלי'ס נשמה וועט זיך באַווייזען און ער, מרדכי, זעהט פאַר זיך א צובראָכען מענשיל. וואָס וויל נישט שטאַרבען, האָט שוין אָבער קיין כח נישט צו ראַנגלען זיך מעהר, איז גרייט זיך איבערצוגעבען דעם מלאך־המות אין די הענד, וויל אָבער איין קליינינקייט, גאָר א קליינינקייט...

וועט מען כאָטש דאָרט שמייסען ?

ווער איז גערעכט ?

ווער ?

אין דער טיר איז געשטאַנען אַן אויסגעדאַרט אידעל מיט רויטליכע אויגען, א דאַר נעזיל מיט א פערפּלאָמטען ז, געהאַלטען אין איין האַנד א קוויטעל, מיט דער צווייטער זיך געצופּט די עטליכע צוואָרפענע האָר וואָס זיינען געווען צוואָרפען איבער דער גאָמבע און געציטערט אין גאַנצען.

— ווילסט עפּיס ? — האָט דער רבי זיך געפרעגט.

דאָס אידעל האָט צוגעטראָגען ס'קוויטעל צוריקגעגאַנגען אויף הינטערוויילכס און געבליבען שטעהן ביי דער טיר. דער רבי האָט נישט

געעפּענט ס'קוויטעל, עס אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש און ווידער איהם גע־פרעגט:

— וואס ווילסטו?

— רבי, — האט דער איד זיך א בויג געטון, געוואָלט צוגעהן נעהנטער און געבליבען שטעהן ביי דער טיר — רבי... כ'קען נישט מעהר...

— וואס קענסטו נישט?

— כ'בין א שוחט, א דארף־שוחט, רבי... כ'שחט אויף די דערפער ביי אידען און אז ס'טרעפט זיך א בהמה ווערט טריף, כאפּט זיך דער דאָרפסמאַן מיך שלאָגען... נעכטען האב איך גע'שחט'ען אן אקס ביי משה סטאַווישקער, דעם פּאַכטער, נישט ווייט פון קאַצק, האב איך דעם אקס גע'נבל'ט, האט מיך דער פּאַכטער אזוי צע'הרג'עט אז כ'שטעה קוים אויף די פיס...

דא איז דער שחוט אנטשוויגען געוואָרען, עטוואס געעפּענט ס'מויל, נעגלאָצט מיט די פייכטע, רויטליכע אויגען, אריינגעצויגען דעם קאָפּ צווישען די אקסלען, איז מרדכי'ן איינגעפאלען אז אזוי האט דער שוחט געמוזט אויסזעהן ווען דער פּאַכטער האט איהם געשלאָגען.

— טא וואס ווילסטו פון מיר? — האט דער רבי געפרעגט.

— מיין שווער — האט דער שוחט אנגעהויבען שטאַמלען — איז שוחט אין לוקאָוו, שוין א איד א זקן, שחט מיט א בריל, זעהט לחלוטין נישט, טאר נישט שחט'ען, איז אבער א מטופל מיט קינדער...

— טא וואס ווילסטו? — האט דער רבי איהם נישט געלאָזט ענדי־גען — ווילסטו אודאי כ'זאל פּסל'ן זיין שחיטה און דיך אריינזעצען דאָרט, הא? דיין שווער, זאגסטו, איז בלינד, איז אבער א מטופל מיט קינדער... אזוי, אזוי...

דער רבי האט געשאָקעלט א ווײַלע מיט'ן קאָפּ, געקוקט דורכ'ן פענס־טער, געזעהן ווי דאס דינסט מיידעל איז ארוים פון דוד'לס שטוב, אויס־געגאסען א פּאַמעשאָוו אין שנעה אריין. קרוהען זיינען אנגעפלויגען, גענומען נישטערען אין שנעה, געריסען מיט די שארפע שנאָבלען, צעצופּט די קישקילעך פון א הוהן, וואס מען האט ארויסגעוואָרפען. די קרוהען

האבען געפּאטשט מיט די פליגעל, געהאקט מיט די שנאבלען, זיי גע־שארפט אָן שנעה און די לופט איז פול געווארען מיט אויפטרייסלענדע קולות.

— קום אהער — האט דער רבי צוגערופען דעם שוחט — זעהסט די שווארצע ווראנעס, ווי זיי רייסען זיך איבער די קישקעלעך, פליהען איינע דער צווייטער מיט די שנאבלען אין די אויגען אריין? זעהסט?

— כ'זעה.

— ווייסטו ווער דאס זייגען?

פון שרעק האט דער שוחט זיך גענומען רוקען אויף צוריק און נישט געענטפערט.

— דאס זיינען פערשאלטענע נשמות פון שוחטים, הערסט? פער־שאלטענע נשמות...

דער שוחט האט זיך ארויסגעשארט נישט טוידט, נישט לעבעדיג. דער רבי איז געבליבען זיצען מיט אַן אראפּגעלאזטען קאפּ, גערעדט זיך אין דער באָרד אריין:

— ער איז בלינד? מען דארף איהם פסל'ן? נישט ביי מיר, נישט ביי מיר...

אין דער טיר איז געשטאנען א אידענע מיט א אינגעל.

— וואס ווילט איהר?

— הייליגער רבי — האט די אידענע זיך א בויג געטון ביז צו דער ערד, זיך אויסגעגלייכט און ארויסגערוקט א בלייך אינגעל אָנגעטון אין ווייסע, לייווענטע מלבושים — פון אכט איז ער געבליבען איינער, איין אויסגעווייגט קינד, געמט איינדארען פונקט ווי יענע, צו לענגערע יאהר איהם, ביז איך געקומען א זינדיגע אשה, וואס איז נישט ווערט איבער־צוטרעטען דעם הייליגען רבינ'ס שוועל, דער רבי זאל איהם בענשען...

— וואס ווילען זיי פון מיר? — האט דער רבי א דרעה געטון דעם קאפּ צום פענסטער — זיי וועלען מיך שוין באלד מאכען פאר א גאט! איך בענש נישט! כ'ווייס נישט ווי נאך מען בענשט! געהערט? מען קען זיי נישט ארויסשלאגען פון קאפּ! אקסען!

— הייליגער רבי — האט די אידענע אַן אונבעהאלפענע זיך צע־

ווינט — רבי, טרייבט מיך נישט! הייסט, וועל איך צוטיילען מיין גאַנץ פאַרמעגען... טון צדקה, אבי...

א בלייכער איז ר׳ איטשע אריין פון צווייטען חדר, גענומען באַרוהיגען די אידענע, געבענשט דאָס קראַנקע אינגעל, זיי פאַמעליך ארויסגעפיהרט און שטיל געטרייסט:

— בעט גאָט וועט ער אייך העלפען! איהר ווילט געבען צדקה? גוט! גוט! צדקה עושה מחצה — צדקה העלפט!

דער רבי איז געבליבען אַן אנגע׳ברוגז׳טער, א לענגערע צייט געלאַזט שטעהן ביים ארייננאַנג א באיאהרטען, האָראַפּאַסנעם איד, מיט ווייסע שטיוועל פון איין לעדער, געקוקט אויף איהם גלייכגילטיג, ווי ער וואָלט אין חדר נישט געווען, דערנאָך האָט ער זיך א בייזער געטון:

— וואָס שוין ווידער?

דער איד איז צוגעגאַנגען נעהנטער, אנגעשטעלט א תמ׳עוואַט פנים מיט בלויע קינדישע אויגען, גערעדט געלאַסען, פאַרזיכטיג, ווי דאָס ארויסרעדען פון יעדען וואָרט, וואָלט געווען א שווערער ענין, צו וועלכען ער איז נישט געוואוינט געווען און זיך אפּנים לאַנג צוגעגרייט.

— שוין צוויי וואָכען ווי איך בין אונטערוועגענס, הייליגער רבי.

— פון וואַנען קומסטו? — איז דער רבי געוואָרען ווייכער.

— פון טשעבאַנאָווע, הייליגער רבי.

— האָסט דאָך דאָרט א רבי? ר׳ אברהם׳ל טויג שוין נישט?

— ר׳ אברהם׳ל זאָל לעבען האָט גע׳אסור׳ט.

— ווילסטו איך זאָל מתיר זיין?

דער איד האָט נישט געענטפערט און ווי א שולדיגער אראָפּגעלאָזט די אויגען.

— נו, לאָמיר הערען!

— שוין דרייסיג יאָהר, הייליגער רבי, ווי איך באַזאָרג גאַנץ טשעבאַנאָווע מיט וואַסער.

— ביזט א וואַסער־טרעגער?

— יאָ, הייליגער רבי. אצינד מאַכט זיך מיר א שדוך...

— ביזט א אלמן?

— כ'בין נאך א בחור, הייליגער רבי! די שטאדט לאזט מיך אבער נישט חתונה האבען, טענה'ט — „לא יבוא ממזר בקהל ה'".

— דיינע עלטערען האסטו געקענט?

— נישט געקענט, הייליגער רבי.

— און ס'מאכט זיך דיר א שדוך?

— יא, הייליגער רבי... אן אלמנה מיט צוויי הונדערט גילדען...

— הא, וואס זאגסטו? — האט דער רבי זיך געווענדעט צו ר' איטשען, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען און זיך איינגעהערט — א איד דארף חתונה האבען!

— עס וואלט אבער גלייך געווען — האט ר' איטשע זיך אנגערופען — ער זאל זיך אריבערציהען אין אנאנדער שטאדט, שאין מכירין נישט שטעכען מענשען די אויגען.

— פאהר אהיים און האב חתונה! — האט דער רבי כמעט א געשריי געטון צום וואסער-טרעגער — זאג ר' אברהם'ל טשעכאנאווער אז איך, מענדיל קאצקער, בין מתיר!

ר' איטשע וואס האט געהאלטען זיין שווארץ בערדעל צווישען די ליפען, האט עס ארויסגעלאזט, ווען דער וואסער-טרעגער איז ארויס פון צימער און סתם אנגעהויבען:

אויף דעם פסוק אין קוהלת — ושבתי אני ואראה את העשוקים"— זאגט ר' דניאל חייטא, אז דאס מיינט מען ממזרים. „והנה דמעת העשוקים" — אז זיין טאטע איז געווען א בעל-עבירה ובא על הערוה, וואס איז דער ארימער וואסער-טרעגער שולדיג? „ומיד עושקיהם כח" — און אז די סנהדרין האבען מיט'ן כח פון דער תורה, וואס זיי האבען זיך אליין גענומען, דערווייטערט די ממזרים, זיי מרחק געווען פון כלל-ישראל — „ואין להם מנחם" — און ס'איז נישטא ווער ס'זאל זיי טרייסטען, זאגט דער רבונו-של-עולם — „עלי לנחמם" — איז וועל זיי טרייסטען! אויב די סנהדרין האבען זיי גע'פסל'ט פאר דער וועלט, וועלען זיי לייכטען פאר מיר, ווי גאלדענע מנורות אויף יענער וועלט.

— וועמעס תורה איז עס? — האָט דער רבי צוגעשטעלט א האַנד צום אויער ער זאָל בעסער הערן.

— ר' דניאל חייטאַ'ס.

— ווייס איך? — האָט דער רבי זיך א קרום געטון, ווי ער וואָלט דערמיט חייטאַ'ן מבטל געמאַכט — באַלד איז פאַראַן א פּאַרטיגער פּסוק, א רעצעפּט!.. ווי נאָך קען א מענש אַזוי אַלץ שטעלן אויף זיך? זיין זיכער מיט אַלעם? איך האַלט מיט בית־שמאַין! און אַז צו מיר וואָלט געקומען א גר כ'זאָל איהם אויסלערנען די גאַנצע תורה על רגל אחת, וואָלט איך איהם אויך דורגעטריבען! ס'וואָלט מיר אפילו אויפ'ן שכל נישט געקענט קומען אַז — „ואהבת לרעך כמוך" — איז ס'גאַנצע אי־דישקייט! ווייל ס'איז נישט און ס'וועט נישט זיין! ממה נפשך — האָט דער רבי זיך אַנגעכאַפּט פאַר דער באָרד — ואהבת לרעך כמוך — איז אפשר די העכסטע מדרגה, ס'איז בבחינת שבת־שבתון, וואָס נור יחידי־סגולה קענען משיג זיין מיט'ן שכל און א בשר ודם וואָס רוהט נישט ווי דער סמבטיון, שטאַרבט אַפּ יעדען טאָג, יעדע שעה, וואָס פאַר א שיכות — האָט דער רבי מיט אַמאָל אַפּגעהאַקט, געבליבען זיצען א מיעדער און א מאָך געטון מיט דער האַנד — אַרויסגעוואָרפענע רייד! ווען ס'גאַנצע אידישקייט וואָלט מיט אַן אמת געלעגען אין „ואהבת לרעך כמוך", וואָלט שוין פון אונז קיין שריט ופליט נישט געבליבען! ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דער מענש האָט בטבע קיין ליעבע צום צווייטען! וואָס זאָג איך? א פיעל קלענערע מדרגה, ווי למשל, רחמנות, האָט ער אויך נישט! ס'דאַרף ביי איינעם פעהלען א פוס, צי א האַנד, זיין אויסגע־דאַרט פון הונגער, ס'זאָל ביי אונז אַרויסרופען רחמנות צו איהם. דרעהען זיך דאָך אַרום אונז טויזענדער מענשען מיט הענד און פיס און זייערע יסורים איז אין לשער, טויזענדער מאָל גרעסער ווי ביי די אָהן הענד! לעכצען מענשען נאָך א ביסעל רחמנות, געהן אוים פאַר אונזערע אויגען און מיר געהן פערביי צופרידענע ווי קיינמאָל גאָרנישט! טאָ וואָס פאַר א רייד קען דאָ זיין פון „ואהבת לרעך כמוך"? א גליק, זאָג איך דיר, וואָס אין יעדען פון אונז האָט זיך פערוואַלגערט א ניצוץ פון בית־שמאַי!

— טא פארוואס זייט איהר, רבי, אזא מיקל? — האט ר׳ איטשע זיך געפרעגט.

— וועגען מיר רעד נישט! איך מיט׳ן רבונו־של־עולם...

ר׳ איטשע האט געוויזען דעם רבי׳ן אויף מרדכי׳ן, וואס איז געשטאנען מיט א צועפענט מויל. דער צער אין די אויגען האט געפלאקערט, גרייט געווען זיך צואווארפען ר׳ מענדעלי׳ן צו די פיס, זיך מיט אמאל געכאפט אז ער שטערט און זיך גענומען ארויסרוקען.

אין דער טיר איז איהם אנטקעגען געקומען אן עלטערער איד, מיט א לאנגע בארד און א ווייסען שמויסענעם פעלץ, נישט באצויגען, ווי פויערים טראגען. דער איד האט אפגעקלאפט דעם שנעה פון די שטיוועל און א צושראקענער זיך געפרעגט ביי מרדכי׳ן.

— וואו איז דער הייליגער רבי, זאל לעבען!

מרדכי האט איהם געוויזען.

דער איד איז גלייך צו צום רבי׳ן, אראפגעכאפט די פוטערנע קוטשמע. און איידער מען האט זיך ארומגעקוקט, האט ער זיך איינגעבויגען ביז צו דער ערד און גענומען קושען די פאלע פון זיין ווייסער זיידענער קאפאטע.

דער רבי האט געמיינט ס׳איז א גוי, גענומען רופען דעם שמש, וואס האט גערעדט פויליש. דערווייל האט זיך דער איד אויסגעגלייכט, געהאלטען ס׳היטעל אין דער האנד און אויסגעשאסען:

— הייליגער רבי!

— א איד נאר? — האט דער רבי אויפגעהויבען די לאנגע ברעמען און געשמייכעלט — זיי וועלען מיך שוין באלד מאכען פאר א גלח! וואס שטעהסטו אהן א היטעל?

דער איד איז צומישט געווארען, גענומען אנטון ס׳היטעל און געגלאצט מיט די אויגען.

— אודאי א דארף־איד — האָט ר' איטשע איהם פארענטפערט — וואוינט אויפ'ן ישוב, זעהט פון איין ראש־השנה צום צווייטען קיין איד נישט...

— און רעכענט — האָט דער רבי געשמייכעלט — אז מען נעמט פאר'ן שררה אראָפּ ס'היטעל, איז דאָך פאר מיר על אחת כמה וכמה...

מרדכי איז ארויס, געבליבען שטעהן אויפ'ן „הויף" און זיך נישט געקענט פונאנדערקלייבען צווישען ר' מענדעלי'ן און ר' איטשען. ער האָט געזעהן ווי די קרוהען האָבען זיך צולעגט איבער'ן שנעה, ווי א שווארצע דריי־עקיגע פלאכטע, זיך דערמאָנט אן דעם אויסגעדארטען שוחט מיט'ן פערלאָפענעם נעזיל און בשום אופן נישט געקענט שלום מאכען מיט'ן רעיון אז קרוהען, וואָס פויערים גלויבען זיי זענען פערשאָל־טענע נשמות, זאָלען אויך זיין גלגולים פון שוחטים?

איז דאָס אידיש?

ביי אידען איז א שוחט א שעהנער איד, א בן־תורה, טשעפּעט קיין פליעג נישט. אויגען ווייכע, טריט שטילע און אז ער שחט א בהמה, איז עס מיט יראה, מען הערט קוים ווי ער געהט אונטער, מעשה כהן־גדול, מאכט א ברכה, טוט א ציה מיט'ן בלאנקענדען חלף און כי, כי, כי, גע־שחט'ען איז דעם נאָמען פון גאָט!

מרדכי האָט אויפגעציטערט, אונבעוואוסט דערפיהלט אז ר' מענדעלי איז גערעכט און וואָס לענגער ער איז געשטאַנען, אלץ אומעטיגער איז איהם געוואָרען. ער האָט נישט געוואוסט וואָס עס קווילט איהם, גע־דענקט אז ער האָט עפּיס געדארפט טון, אז ער האָט זיך געגרייט א גאנ־צען פריה־מאָרגען, געהאָט פערדרוס וואָס ער קען זיך נישט דערמאָנען. ער האָט זיך געשארט ארום הויז, אריינגעגאַנגען אין גאָרטען, נישט באַ־מערקט ווי ס'איז געוואָרען פינסטער, געגאַנגען ביז איבער די קניהען אין שנעה, זיך איינגעהערט ווי עס פידעלט און געהאָט ס'געפיהל אז שוין יאָהרען ווי ער געפינט זיך איינער אליין אין דער מיט פון א פערפרוי־רענעם טייך. דאָס אייז קנאַקט, פּלאַצט און ער פאַלט, וויל זיך כאַפּען מיט די הענד, מיט די פיס, צעשווימט אלץ און ער פאַלט ווידער, הויבט

זיך און פאַלט. ער האָט זיך דערשראָקען פון איינענעם אויסגעשריי, זיך ארומגעקוקט, דערזעהן אין איינעם פון דוד'לס פענסטער א געשטאַלט און דערפיהלט די היימליכקייט פון א וואַרעם און ליכטיג צימער. אין מח ביי איהם האָט זיך עפּים געעפענט, ווי א קעמערעל, זיך דערמאָנט אַז ער איז געקומען צוליעב רבקה'לען און ס'איז איהם לייכטער געוואָרען.

קאפיטעל 8

## ארֵאפגעלאזטע אויגען.

ביי ר׳ דוד׳לן איז נאך געווען פינסטער. בלויז אויף שויבען פון איין פענסטער האבען זיך געצונדען פייערלעך. דאס האט זיך געשפארט א פלאם פון אן אלט פוילישען קאכעל־אויווען. קעגענאיבער דעם קאכעל־אויווען אויף א הויכע אטאמאנע איז געלעגען דושקה, ר׳ דניאל אייבשיץ׳ס ווייב, אין א באַרדע סאמעטענע גאבּרעלא. ווענעס שלעפ איז פאלדעגווייז געפאלען אויף דער פאדלאגע. זי האט זיך פויל ווי א קאץ געצויגען אונטער דעם רויטליכען אפשיין, זיך ארומגעלעגט מיט קישעלעך, זיך נעטוליעט צו רבקה׳לען, וואס איז געזעסען דערלעבען איינגעהילט אין א ווינטער טוך און פארבענקט געקוקט אין פייער. די דיקע ווענט, די שווערע, טיעפע דיוואנען אויף דער פאדלאגע האבען איינגעזאפט דאס סיקען פון פייער און די אייגענע שטימע איז געווארען אנדערש, גע־קלונגען ווי פון אונטער דער ערד ארוים.

דושקה האט אויסגעטון איהר שטערען־טיכעל און א קאם געדיכטע, ארומגעשווירענע קרייזלעך האבען זיך צושאטען און איהר צוגעגעבען עפּיס אינגעלשעס. די האר זיינען געווען אזוי שווארץ אז איבער די שווארצע קרייזלעך האט זיך דורכגעשלאגען א גרויקייט, ווי פון זילבערנעם שטויב.

זי האט זיך געוויקעלט ארום רבקה׳לען, זי ארומגענומען, איינגע־נורעט א האלב פנים אין איהר שויס און ... ייפנעהערט רעדען:

„— — — כ׳האב אזוי ליעב אז דו קעמסט מיך... לייכטער, לייכ־טער, אט אזוי! ווייכט גאר וואס? קעם מיך מיט די פינגער...“

זי האט אנגענומען רבקה׳לעס פינגער, מיט זיי געפיהרט ביי זיך

איבער'ן קאפ. איבער'ן האלז און מיט יעדען אנריהר פערזשמורעט די אויגען. אויפגעציטערט ווי פון א בריה.

— ס'איז דיר קאלט? — האט דושקה געפרעגט.

— ס'איז מיר עפּיס אזוי קאלט!

— טא נעם מיך ארום, וועל איך דיך אנווארמען! דיינע פינגער זיינען ווי אייז... אה, ס'קיהלט... ווייסט, רבקה'לע, כ'האב אזוי ליעב אז מיר בלייבען אליין, גאנץ אליין... מען דארף נאך פערמאכען טיר און לאדען, פונאנדערהייצען אלע אויווענס, זיצען אין דער פינסטער, ווי איצט דא און דו קרוינעשי, וועסט מיר קעמען די האר... לייכטער, לייכטער... כ'וועל זיי מעהר נישט אפשערען, די האר, דניאל זאגט כ'זאל זיי לאזען וואקסען...

— ווער, דניאל? — האט רבקה'לע א פער'חדוש'טע געפרעגט.

— געדענקסט וואס פארע האר כ'האב געהאט מיידעלווייז? זיי וועל'ן מיר צוריק אנוואקסען, אזעלכע לאנגע — האט זי א ציה געטון מיט דער ענטבלויזטער האנד ביז איבער די קנעכלער — ווי געפעלט דיר דאס שטערען־טיכעל וואס דניאל האט מיר געבראכט?

— מיט די גראנאטען?

— יא. די גראנאטען זיינען אזוי רויט, אזש בלוטיג, אז כ'טו זיי אן, דאכט זיך, די האר ווערען ביי מיר רויט. דו וואלסט געוואלט האבען רויטע האר? איך וואלט אזוי געוואלט מיינע האר זאל'ן זיין רויט, פייערדיג רויט, ווי אט די ציגעלער אין אויוועז, זעהסט? דניאל זאגט אז איך האב געדארפט האבען רויטע האר, לאנגע, רויטע האר, כי, כי, כי!

— א, דעריבער האסטו זיך גענומען פוצען אין רויט?

דושקה האט נישט געענטפערט, זיך אויפגעזעצט, בעהאלטען די פיס אונטער דער גאבערלא, אויסגעצויגען עטוואס דעם האלז און אן אפגעגאַ־סענע פון רויטען שיין, האט שטיל און סודות'דיג געזאגט:

— קיינער טאר דערפון נישט וויסען, רבקה'שי, אפילו דער זיי־דעשי אויך נישט...

— אז וואס?

— אז ער איז צווישען אונז.

—ווער?

זי האט באלד נישט געענטפערט, זיך מעהר געבויגען צום פייער און גערעדט נאך שטילער:

— ער וועט טראגען א פורפורא, א פייערדיגע פורפורא...

— וואס וועט ער טראגען?

זי האט זיך א האסטיגען ציה געטון צום צופלאמטען קאכעל־אויווען, געמאכט א מינע ווי זי וואלט עפיס אריינגעווארפען אין די פלאמען און זיך אויסטערליש צולאכט:

— כי, כי, כי! א פייערדיגע פורפורא וועט ער טראגען, כי, כי, כי!

— כ'האב נישט ליעב אז דו לאכסט אזוי — האט רבקה'לע זיך אפגערוקט פון דער שוועסטער — לא'מיך דושקה, וועל איך אנצינדען א ליכט.

— צינד נישט, רבקה'שי, צינד נישט... כ'האב אזוי ליעב אז ס'איז פינסטער, כ'וואלט געוואלט עס זאל אייביג זיין נאכט, דו נישט? דער טאג איז ביי מיר אז אפקומעניש! מאנסבילען האלטען זיך אין איין דרעהען און איך האב פיינד מאנסבילען, כ'האב אזוי פיינד געזונטע, שעהנע מאנסבילען! רבקה'לע, האב איך ליעב קינדער! כ'האב ליעב קינדער און קאליקעס. אז כ'דערזעה א קאליקע מוז איך זיך אפשטעלן... זייערע צוקרומטע, פערחשכ'טע פנימ'ער בארוהיגען מיך... כ'פארגעס אז כ'בין דניאל'ס ווייב, ר' מענדעלי'ס און אייניקעל... ס'ווילט זיך מיר זיצען מיט זיי אין רינשטאק, געהן אין טראנטעס, בעטלען, אריינעטעמען זייער ריח און מיטזינגען. און ווייל די מאמעשי לאזט נישט זינגען זייערע לידער, ווילט זיך דוקא!

זי האט זיך מיט אמאל איינגעקארטשעט, פערגלייזעלט די אויגען, געפיהרט איין האנד איבער דער צווייטער, ווי מען פיהרט א בויגען איבער א פידעל און מיט א הארץ רייסענדעם ניגון זיך צעוויעגט:

„— — O Jezu mój, o Jezu mój,
Gdy będę w ciężkościach
Sam przy mnie stój — —"

רבקה האט איהר פארשטעלט מיט דער האנד ס׳מויל, נישט גע־לאזט ענדיגען. האט זי זיך אויסגעגלייכט און מיט א בייזער ארומגענומען די שוועסטער׳:

— און ביי אונז אין שטוב דרעהען זיך א גאנצע טאג ארום מאנס־בילען... ברר! וואס ציטערסטו? ס׳איז דיר קאלט? ארומנעמען דיך? פעסטער? רבקה׳שי ווען דו וואלסט כאטש געווען שלאקרירעק צי גע־לעמט! וואלט איך דיך ליעב געהאט! כ׳וואלט נישט אפגעטראטען פון דיין בעט און דו וואלסט מיר „געוורוזשעט.” ס׳איז מיר אזוי היים! רבקהשי גלעט מיך. דיינע פינגער זיינען קאלט... איצט איז מיר אזוי גוט אזוי גוט. א־אה אז־זוי...

רבקה׳לען איז געווען דערווידער דער שוועסטערס צערטליכקייט, נישט פערשטאנען ווי נאך מען קען ליעב האבען קאליקעס. זי געוואלט פרעגען צי זי האט פיינד מרדכי׳ן, באלד חרטה געהאט, זיך גענומען בעפרייען פון איהר און נישט אויפגעהערט זיך צו בעטען:

— לאז, דושקה, כ׳וועל אנצינדען א ליכט.

— מען דארף נישט, רבקה׳שי, לאמיר זיצען אין דער פינסטער. אין דער פינסטער קענסטו יעדען איינעם ארויסרופען. אז כ׳וויל שטעהט דער טאטעשי פאר מיינע אויגען און ער איז גאר היינט מיט דער מאמעשי אין לוקאוו. וואס זאגסטו, ס׳וועט ווערען פון דעם שדוך? אז דו וועסט חתונה האבען וועל איך בלייבען איינע אליין — איז דושקה א ווייל געבליבען זיצען אזא פערלוירענע און באלד אויפגעשפרונגען — קום, וועל איך דיר „וורוזשען.” ארויסרופען דעם יונגענמאן וואס מען רעדט דיר, קום!

— געה, ס׳איז כשוף!

— אז ס׳וואלט געווען כשוף, וואלט דניאל עס נישט געטון! נעכ־טען האט ער ארויסגערופען זיין עלטער זיידען, דעם רבי׳ן ר׳ יונתן!

— טאקע? — זיינען די אויגען ביי רבקה׳לען גרעסער געווארען — דו האסט אויך געזעהען דעם מת? מאמעלע! און דורך וואן קומט ער

אריין? ער הענגט אין די לופטען? און ער רעדט ווי א מענש? כ'וואלט עס נישט אויסגעהאלטען!

— כ'האב זיך טאקע דערשראקען! — האט דושקה געשמייכעלט — מאל דיר, דניאל בעט זיך ביי'ם זיידע ר' יונתן ער זאל איהם איבער־געבען דעם „יחוד" דורך וועלכען ער האט גערעדט מיט'ן אר"י און דער זיידע אין צעריסענע תכריכים שטעהט א צולעכערטער און די לעכער באוועגען זיך, די לעכער רעדען, לאכען... רויטע לעכער, פייערדיגע לע־כער, כי, כי, כי!

— גענוג, דושקה, האסט שטענדיג אזעלכע מעשיות אז ס'ווערט מיר אזש קאלט — האט רבקה'לע אויפגעציטערט.

דושקה האט נישט געענטפערט, א שלעפּ געטון די שוועסטער און ביידע זיינען אריין אין א קליין, פינסטער צימעריל. זי האט אנגעצונדען א דיק וואקסען ליכט, עס אוועקגעשטעלט צווישען צוויי שפּיגלען אויף א קיילעכדיגען טיש פון מארמעלשטיין און שטיל פאר זיך אנגעהויבען צו פּרעפּלען מיט די ליפּען. מיט א פּארכאַפּטען אטעם האט רבקה'לע זיך איינגעקוקט אין מארמעלשטיין און דארט גארנישט געזעהן. זי האט גע־קוקט א לענגערע צייט, געפיהלט ווי די אויגען לעפּלעך ווערען שווערער און איבער'ן מארמעלשטיין צינדען און לעשען זיך פינטעלעך, ווי די שארף פון נאדלען. איינציגווייז האבען די זילבערנע און גאלדענע פעדעמלעך, וואס אויפ'ן שטיין, זיך אנגעהויבען צו באוועגען, זיך געשלענגעלט, גע־דרעהט, געווארען נעבעלדיג און אין דער לופט האט עפּיס א רויש געטון, ווי עמיצער וואלט זיך געוועקט, גענומען געהן.

— שא — — —

פון ערגיץ האט זיך דערטראגען א שטיל געזאנג. רבקה'לע האט זיך אנגעהאלטען אן דער שוועסטער, געציטערט, און פאר די אויגען האט גע־שימערט און געבלענדט א טיעפער שנעע. ביימער, מענשען האבען זיך פערביינעטראגען. דאס געזאנג איז נאך געווארען שטילער ווי פריהער, זיך צונויפגעגאסען מיט דער בלייכקייט פון דער פולער לבנה, וואס האט מיט טויזענד קאלטע פעדים זיך געשפּרייט איבער דער פראסטיגער נאכט, פערפיהרט דא א דורכגעהער, דארט א פויער מיט א פּאר פערד,

האָט רבקה'לע פון אָרט זיך נישט געקענט ריהרען, געזעהען ווי די קאַלטע שטראַהלען וועבען זיך אַרום איהר, פלעכטען זיך, ציהען זיך ווייט, ווייט אין טיעפען שנעע, וואו אַנגעפּעלצטע מענשלעך טראָגען זיך אויף שליט־לער און מיט אַמאָל פאַרשווינדט אַלץ.

דושקה האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנד:

— זעהסט ?

רבקה'לע האָט געזעהן ווי פון נעבעל שיילט זיך אַרויס אַ געשטאַלט. און ווי אַ נאַכט־וואַנדלער געפיהרט פון קאַלטע לבנה־שטראַלען, האָט ס'געשטאַלט זיך געשאַרט צווישען די ביימער, אָנגעקומען מיט אַ געזאַנג.

— דערקענסט איהם ? — האָט דושקה געפרעגט.

רבקה'לע האָט איהם דערקענט, געפיהלט ווי אין איהר הויבט אַז עפּיס מיטצוזינגען, זיינען די פיס געוואָרען אַזוי לייכט, לייכטער ווי דער ווייסער שנעע און דער מח אַזוי לופטיג, לופטיגער ווי די פראָסטיגע נאַכט.

— דאַכט זיך, מען געהט ? — האָט דושקה אָנגעשפּיצט אַן אויער און אויסגעלאָשען דאָס ליכט.

— ס'דאַכט זיך דיר.

— מען געהט, זאָג איך דיר !

— אַ חוץ דניאל'ן איז דאָך קיינער אין הויז נישטאָ.

— ווער איז דאָס ?

— ווער געהט ?

מרדכי האָט געעפענט די טיר, געבליבען שטעהן אין דעם פינסטער־רען צימער, זיך גע'חדוש'ט, ווי ער וואָלט פערבלאָנדזשעט, געוועזן זיכער, אַז נור וואָס איז דאָ געוועזן ליכטיג און מיט אַמאָל איז אַזוי פינסטער. זאָל עס איהם זיך האָבען אויסגעדאַכט ? ער האָט געזעהן ווי אין אַ ווינקעל זעצט זיך עמיצער צו, דערקענט דושקה'ן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— זעה נור, דושקה, ווער ס'געהט ? איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מרדכי — האָט רבקה'לע זיך אין גאַנצען געטרייסעלט — לאָמיר אַריינ־געהן אין דער סאַליע, כ'צינד גלייך אָן אַ ליכט.

דושקה האט ליכט ווי א קאץ זיך ארויסגעשארט, פערשוואונדען און ביי מרדכי'ן איז זכרון איז א לענגערע צייט געבליבען דער רויטער שלעפ, וואס האט זיך נאכגעשארט נאך איהר.

זיי זיינען אריין אין דער סאליע. ער האט געקוקט ווי רבקה'לע פערשניצט מיט א זילבערנעם שנויץ די ליכט, גלייכט אויס די קנייטלעך, צינדט זיי אן. ער האט נישט באמערקט ווי א בעהאלטענע פרייד שטראלט פון איהרע שטילע אויגען, פון די קוים פערדרויטעלטע באקען און אפילו פון די לאנגע אריבערגעווארפענע פון פארענט צעפ.

דאס וואס זי האט איהם נישט געפרעגט, פארוואס ער האט זיך אזוי לאנג נישט געוויזען, האט איהם געערגערט. געזעהן אז ער איז זיך טועה, אז רבקה'לע קלערט גארנישט וועגען איהם, אנדערש וואלט זי אפילו פון העפליכקייט וועגען זיך געפרעגט וואס מיט איהם איז געווען. ער האט דאך מיט אן אמת געקענט קראנק זיין. ער איז איהר ווילד פרעמד, ווארט מסתמא ער זאל זיך וואס גיכער אפטראגען און ער, שוטה, האט זיך איינ־גערעדט, אז זי האט איהם ליעב, אז זי קוקט אויס די מינוט ער זאל עס איהר זאגען און איז נאך מעהר ביי זיך געפאלען.

און ווי אויף צו להכעיס האט זי נאך קיינמאל אזוי שעהן נישט אויס־געזעהען ווי איצט. די אראפגעלאזטע שווארצע ברעמען האבען זיך גע־צייכענט איבער די בלייכע באקען, געקוקט אזוי צוריקגעהאלטען און אין דער זעלבער צייט דערמאנט דעם פלאטער פון א ווייס שפיצעל ארום א מיידלישען האלז, וואס שימערט אפער א טונקעל קלייד, פערשווינדט און רוימט איין, אז דער רייץ פון קליידער ליגט אין דעם, מען זאל זיי קענען אויסטון.

אין די געצענדינער דערוויידער געווארען די פרוי־גאט מיט די פער־שייטע אויגען, מיט'ן נאקעטען בליק, וואס קוקט יעדען גלייך אין פנים אריין, האט קיין סודות נישט, האבען זיי זי פארברענט. דאס אש צושא־טען, ס'זאל פון איהר קיין זכר בלייבען, געכאפט א שעהמעדיג אידיש מיידעל מיט אראפגעלאזטע אויגען, זי אוועקגעשטעלט אין אלע געבעט־הייזער, אויף אלע שייד־וועגען, זי געקרוינט פאר א גאט און שוין טוי־זענטער יאהרען ווי גוי'שע טעכטער קניען פאר איהר, בעטען צו איהר.

טראגנע דאס אידישע מייבעל אויף די הערצער און געבליבען זיינען זיי מיט'ן זעלבען נאקעטען בליק, וואס קוקט יעדען אזוי פערשייט אין די אויגען.

דער געדאנק איז מרדכי'ן געפעלען געווארען, איהם געוואלט איבער־געבען רבקה'לען, זיך דערמאנט, אז זי האט איהם אזוי קאלט אויפגענו־מען און אפגעמאכט, אז אויב זי בעט איהם נישט זיצען, געהט ער גלייך אוועק.

רבקה'לע האט דערפיהלט ארום זיך א פרישקייט וואס האט גע־שלאגען פון זיין צופלאמט פנים, פון די דורכגעקלעטערטע קליידער, א פרישקייט פון א פראסטיגען ווינטער־טאג. די פרישקייט האט זי דורכ־גענומען און אלץ אין איהר האט שטארק געוואלט זיך צוטוליען צו מרדכי'ן, ארייננעמען דעם פראסטיגען ריח, פיהלען דעם הויך וואס שלאגט פון זיין מויל, פון די נאז־לעכער און אפילו פון די קליידער. זי האט זיך איינגעטוליעט אין איהר ווינטער־טוך און באקוועם זיך אוועק־געזעצט אין א ווינקעל פון דער אטאמאנע.

— וואס שטעהט איהר? איהר איילט זיך?

— יא, כ'איל זיך.

— טא געהט!

דער פערדרוס איז ביי מרדכי'ן מיט אמאל אוועק. דאס הייסען געהן האט איהם בארוהיגט. ר' איטשע האט דאך איהם איבערגעגעבען אז זי האט זיך געהאלטען אין איין נאכפרעגען אויף איהם. ער האט זי געוואלט איבערבעטען און איז צוגעגאנגען נעהנטער:

— רבקה'לע איז בייז?

— איך בין ברוגז אויף אייך.

— אויף מיר?

— יא.

— פארוואס?

— ווייל איהר זייט א שלעכטער!

— איך?

— יא, איהר.

— מיט וואס?

— אז מען איז קראנק — לאזט מען וויסען.

— איך בין נישט קראנק געווען.

מרדכי האט באמערקט ווי די אויגען זיינען ביי רבקה'לען פערלאפען. איז איהם ווארעם געווארען. געווען גליקליך וואס ער געפינט זיך מיט איהר אין איין צימער. ער איז געווען זיכער אז די שלעכטע מחשבות וועט ער בייקומען. אויסרייסען מיט'ן ווארצעל. זיך בעפרייען פון זיי. און וואס לענגער ער איז געזעסען און געשוויגען אלץ זיכערער איז ער ביי זיך געווארען אז ער האט זי ליעב און געזוכט א געלעגענהייט ווי איהר דאס צו זאגען. ער האט אויפגעכאפט רבקה'לעס צוריקגעהאלטענעם בליק. זי האט איהם א ווײלע אנגעקוקט און צוריק אראפגעלאזט די אויגען. ער האט זיך צוגעזעצט. ווי א שולדיגער אויסגעשטרעקט זיין האנד. זיך שטומערהייט עפּיס געבעטען. דערפיהלט רבקה'לעס האנד אין זיינער, זיך א ציה געטון. גענלעט איהרע טיעפע, ווייכע האר און געהאט ס'געפיהל אז דאס זיינען די ערשטע אקארדען, וואס ער נעמט פערביי־געהענדיג. שטעלט דאכט זיך אן דעם טאן און די טענער, ווי פון זיך הא־בען זיך א הויב געטון, זיך גענומען פלעכטען אין איהם. ארום איהם.

ער האט געציטערט פון פרייד און פאר די אויגען איז געווארען אזוי נעבעלדיג.

— רבקה'לע איז טאקע ברוגז?

— וואס שוויגט רבקה'לע?

זי האט ארויסגענומען איהר האנד פון זיינער, זיך טיעפער פערוקט אויף דער אטאמאנע און חשק געהאט זיך צו רייצען מיט איהם.

— ווען איהר ווייסט וואוהין מיין טאטעשי איז הייגט נעפאה־רען?

— וואוהין?

-- טרעפט.

— געפאהרען אנקוקען פאר רבקה'לען א חתן?

זי האט אויפגעהויבען א ווײלע די לענגליכע ברעמען, געוואלט עפּיס זאגען און באלד חרטה געהאט. אין די אויגען איז געלעגען אזא שטי־

לער טרויער, אז ביי מרדכי'ן האט פארפעלט אטעם. ער איז געווען זיכער אז באלד וועט עפּיס געשעהן וואס וועט איהם מאכען גליקליך אויף אייביג.

— וואס האט רבקה'לע געוואלט זאגען?

זי האט נישט געענטפערט, פארשטעלט דאס פּנים מיט די הענד.

— רבקה'לע וועט אויף מיין ווארט זאגען! — איז מרדכי צו איהר צוגעשטאנען און געוואלט אוועקנעמען די הענד פון איהר פּנים.

ער האט געקושט איהרע האר, געפיהלט איהר קאפּ אויף זיין אקסעל. זי האט זיך נישט געווערט, בלויז איהר אטעם, וואס האט מרדכי'ן געגלעט איבער'ן אויער, אויפגעוועקט יעדען נערוו, האט דאכט זיך איינגערוימט:

— כ'האב דיך ליעב... כ'האב דיך ליעב...

פון גרויס פרייד האט ער זי ארומגענומען און ווי פון זיך האט עפּיס א צאפּעל געטון אין זיין נשמה, געווען פארדריסליך וואס ס'איז איהם אזוי לייכט אנגעקומען.

## קאַפּיטעל 9

# ת פ א ר ת.

מרדכי האָט געזוכט אין דער פינסטער דאָס טירעל פון גאַרטען. עס נישט געקענט געפינען, איז ער אריבערגעקראָכען דעם פּלויט, זיך געלאָזט מיט דער פערשנעעטער לאַנקע און זיך גע׳חדושט וואָס ס׳איז אזוי גליטשיג. ער האָט נישט געפיהלט ווי דער פראָסט קנייפּט, גע־שאַרט מיט די פיס ער זאָל נישט פאַל׳ן און ס׳האָט איהם וועה געטהון פאַרוואָס ער איז נישט גליקליך. טיעף אין איהם האָט געהאַלטען אין איין בלעזלען זיך אז ס׳איז נישט דאָס, אז ס׳האָט געדאַרפט זיין אנדערש און די עטליכע ווערטער נאָך וועלכע ער האָט אזוי געגאַרט, זיי געוואָלט הערען פון רבקה׳לעס מויל, די ווערטער האָבען איהם איצט געשראָקען און ער האָט זיך נישט אויפגעהערט צו פרעגען — זאָל דאָס הייסען גליק? און וואָס מעהר ער האָט זיך פערטראַכט אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען דער פערדרוס, גענאַגט און דורכגעטריעפט דורך יעדען ביין וואָס רבקה׳לע האָט איהם ליעב און נישט פעליציע. ס׳האָט דאָך געקענט זיין פונקט פאַרקערט. וואָלט ער דעמאָלט געווען גליקליך?

ווער ווייס?

ווער? —

א הויכער מאַן איינגעהילט אין אַ שמויסענעם פעלץ, אז מען האָט ס׳פּנים נישט ארויסגעזעהן, איז מרדכי׳ן אנטקעגנע געקומען און איהם אָפּגעשטעלט:

— יונגערמאַן, פון וואַן געהט מען אזוי שפּעט?

— איהר דאַרפט עס וויסען?

— ביזט דאך א חצוף אויך!

— נישט קיין גרעסערער פון אייך!

דאס קול איז מרדכי׳ן געווען באקאנט. ער האט געכאפט א קוק פון דער זייט, דערקענט דעם בארוויסען ישראל און זיך געוואונדערט וואוהין ער געהט אזוי שפעט.

דער בארוויסער ישראל האט ארויפגעלעגט אויף מרדכי׳ן א האנד און זיך איינגעקוקט איהם אין פנים אריין:

— אה, דו ביזט עס! ער האט שוין דיך אויך אריינגעכאפט, דער פושע ישראל?

— וואס פארע פושע-ישראל? אז כ׳ווייס נישט וואס איהר רעדט?

— געהסט דאך פון דניאל׳ן?

— ניין.

— וואו דען ביזטו געווען אזוי שפעט?

מרדכי האט איהם געוואלט זאגען אז ס׳איז נישט זיין באבעס דאגה, געפיהלט ווי דעם בארוויסענס שווארצע אויגען נעמען איהם דורך. האט ער זיך פערלארען און ארויסגעשטאמעלט:

— וואו כ׳בין געווען?

— דאס פרעג איך דאך?

— ביי ר׳ דוד׳לען.

— ווי נאך ביזטו געווען ביי ר׳ דוד׳לען, אז ער מיט׳ן ווייב זיינען היינט גאר אין קאצק נישטא?

מרדכי האט געהאט פערדרוס צו וואס ער האט זיך אויסגערעדט און זיך נאך מעהר פערלוירען. נו טאקע, איז ער דאס מחויב אפצוגעבען דין וחשבון דעם בארוויסען ישראל? און איידער ער האט צייט געהאט עפיס צו ענטפערען, האבען די אויגען ביי ישראל׳ן זיך צעפינקעלט און ער האט ווייטער גערעדט:

— און אז מען געהט פון ר׳ דוד׳לען, דארף מען שפרינגען איבער פלויטען? זיי זיך מודה, אז דו געהסט פון דניאל׳ן!

— שוין מעהר ווי א וואך ווי כ׳האב איהם נישט געזעהן — האט מרדכי זיך פארענטפערט ווי א שולדיגער.

— מיט אן אמת?

— ווי כ'בין א איד!

— גלויב איך דיר! ביזט דאך ר' איטשעס א תלמיד!

— ווענען וואס פרעגט איהר דאס אלץ? — האט מרדכי זיך א שטעל געטון איהם אין וועג אריין, ווי ער וואלט איהם געוואלט פער־האלטען און דער פערדרוס וואס ער האט זיך פארענטפערט פאר א ווילד־פרעמדען האט אין איהם אנגעהויבען וואקסען.

— קאצק שלאפט רוהיג, איבערגעגעבען די נשמות אין מענדעלי'ס רשות, מענדעלי — אין דוד'לס, דוד'ל — אין שבתי־צביניק'ס — האט ישראל כמעט אויסגעשריען, ארויסגענומען פון דער קעשענע א קורצען, טיעפען ציבעק און מיט איהם געטייטעלט צו'ם הויף — און דארט טוט מען איצט אפ מעשי־סדום! וואי, וואי, מענשען זיינען טויב, מענשען זיינען בלינד, זעהען נישט די „סטרא־אחרא" פאר זייערע אויגען, זעהען נישט ווי דער שבתי־צבי'ניק לעבט מיט פרעמדע ווייבער! איך וועל איהם עוקר מן השורש זיין, דעם פושע־ישראל! זעהסט דאס ביסעל אש? — האט ישראל גענומען קלאפען מיט צוויי פינגער אין ציבעק און אויס־געשיט דאס אש זיך איבער'ן קאפ — אזוי וועט ער ביי מיר פליהען אויף אלע פיער זייטען, ס'זאל פון איהם קיין שריד ופליט נישט בלייבען! אזא קללה, אזא קללה!

ישראל האט א בלישטש געטון מיט די שווארצע אויגען, זיך איינגע־וויקעלט אין שמויסענעם פעלץ און אוועקגעגאנגען אהן א גוטע נאכט.

מרדכי איז געבליבען שטעהן אן איבערראשטער פון דעם צוזאמענ־טראף און ס'איז איהם קשה געווארען וואס ישראל טוט דא אזוי שפעט. ער האט איהם נאכגעקוקט, געזעהן ווי ישראל'ס הויכע, עטוואס געבויגענע פיגור וויעגט זיך איבער'ן גליטשיגען פעלד, דאכט זיך פאלט, הויבט זיך און אין די אויערען קלינגט נאך — וואי, וואי, ס'וועט נישט בלייבען קיין שריד ופליט — האט מרדכי'ן דורכגעשוידערט.

פאר די אויגען האט זיך געשפונען ירושלים א בעלאגערטע. מענ־שען שלאגען זיך מיט די לעצטע כחות, פאלען אין די גאסען פון הונגער, ווילען זיך נישט איבערגעבען דעם שונא און צווישען זיי דרעהט זיך ארום

דער בעוואקסענער נביא, הערט נישט אויף צו שיטען זאַלץ אויף די וואונ־
דען, האַלט אין איין דערמאַנען, אַז אַ קללה הענגט איבער דער הייליגער
שטאָדט, איבער'ן בית־המקדש, קיין זאַך וועט נישט העלפען, ירושלים
מוז חרוב ווערען.

מרדכי האַט נישט פערשטאַנען פּאַרוואָס די אויסגעהונגערטע אידען
האָבען נישט צעריסען דעם נביא אַ לעבעדיגען, זיך אַרומגעקוקט, דער־
זעהן ווי ישראל בויגט אָפּ אַ ברעט פון אַ פּלויט, קריכט אַריין אין גאָר־
טען. מיט האַרצקלאַפּעניש האָט ער איהם גענומען נאָכגעהן. ער איז
געגאַנגען שטיל, אויף די שפּיץ פינגער און אַז ער איז צוגעקומען צום
פּלויט און קיינעם נישט געזעהן, האָט ער געהאַט ס'געפיהל ווי ער וואָלט
עפּיס אָנגעוואָרען.

אַרום הויז האָט זיך באַוואויגען אַ געשטאַלט, אויסגעוואַקסען איבער
דניאל'ס פענסטער און אַריינגעקוקט דורך די שפּאַלטען פון לאַדען.

מרדכי'ן איז געוואָרען אונהיימליך און ביי איהם אין מח האָט זיך
געפּלאָנטערט אַז דער באָרוויסער ישראל געהט אונטערצינדען דעם הויף.
ער האָט זיך דערמאָנט אַז רבקה'לען, אַז ר' מענדעלי'ן, אינסטינקטיוו
צונויפגעקוועטשט אַ קויל שנעע, זי אַ שיק געטון צום פענסטער און זיך
בעהאַלטען. דאָס געשטאַלט האָט זיך אויסגעדרעהט, געקוקט פון וואַן
די קויל איז געקומען און פערשוואונדען.

מרדכי האָט זיך געלאָזט צום פענסטער. דער שנעע וואָס האָט זיך
געשמאָלצען ביי טאָג, געטריפט פון די ביימער, האָט מיט'ן אָבענד גענו־
מען פריהרען, איבערגעצויגען די ביימער מיט אייז, האָבען זיי אויסגע־
זעהן ווי פון דורכזיכטיג גלאָז.

פון'ם פערמאַכטען לאַדען האָט זיך געצויגען אַ שטראַהל, געפאַל'ן
צווישען די ביימער, זיך צעבראַכען אַז די געפרוירענע פריזמעס, האָבען
שטיקלעך רעגענבויגען זיך געצונדען און פאַר די אויגען האָט געפינטעלט
מיט גרין, בלוע און פיאָלעט.

מרדכי איז געבליבען שטעהן ביי'ם פערמאַכטען לאַדען, דערקענט
דניאל אייבשיץ'ס שטימע און איז אַריין אין פינסטערען פעדערהויז. ער
האָט אַ שפּאַר געטון אַ טיר. ס'איז געווען פערמאַכט. ער האָט שטאַר־

קער א שפּאר געטון האָט דער קייטעל נאכגעלאָזט. קיינער האָט זיך נישט ארומגעקוקט ווי ער איז אריין.

דושקה א האלב נאקעטע מיט'ן שטערען־טיכעל פון גראנאטען איז געזעסען אין מיטען צימער, ארום איהר אין א ראָד האָבען חסידים מיט ווייבער זיך געהאַלטען פאר די הענד, די קעפּ פערוואָרפען, די אויגען פערמאכט און ווען נישט די פּיס, וואָס האָבען זיך געשאַרט, וואַלט מען געקענט מיינען אז פון גרויס דבקות איז זיי בעפאַל'ן א דרעמיל.

אין א ווינקעל איז געשטאַנען א נידריג אידעל, זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנד, זיך אויסגעשמירט מיט בלוט וואָס איז ביי איהם גערונען פון דער נאָז, פון שטערען און מיט א וויינענדיג קול שטיל גערופען:

— טאַטע, טאַטע, אוי, טאַ־טע!

צוויי ווייבלעך האָבען זיך געהאַלטען פאר די הענד, זיך געדרעהט גיך, גיכער, אז זייערע קליידער האָבען זיך צעבלאָזען. ווי צועפּענטע שי־רעמס, זיך געוואָרפען איינע דער צווייטער אין די ארעמס, אויסגעמאַ־טערטע זיך אראָפּגעלאָזט און אזוי געבליבען ליגען אויף דער פּאָדלאָגע.

אויף א ווייכע אָטאָמאַנע איז געזעסען טעמרעלע, ר' מענדעלי'ס שוועגערין פון וואַרשע. זי איז געזעסען פּאָרוקט אין א ווינקעל, די פּיס אונטער זיך, די לויזע זיידענע קליידער זיינען געפאַלען אין ווייכע ליניען, זיך געפאָלדעוועט ארום די קניען. זי האָט אראָפּגענומען די פּעריל פון האַלז, זיך געשפּיעלט מיט די בייטשלעך, געקלימפּערט, ווי זי וואַלט עמיצען געוואָלט אָפּטון א כשוף.

דושקה האָט פון דער זייט געקוקט אויף טעמרען און יעדעס מאָל ווען דניאל איז אויסגעוואַקסען לעבען דער אָטאָמאַנע, האָט זי אנבעהאַלפען א קרים געטון מיט'ן מויל, ווי א קינד ווען ס'האַלט זיך ביי'ם פונאנדער־וויינען, איהם א רוף געטון, עפּיס איינגערוימט און מיט נצחון [illegible] ווי טעמרע קלימפּערט מיט די בייטשלעך פּעריל.

דניאל א הויכער מיט זעהר שמאָלע פּלייצעס, ווי ביי אַן איבערגע־וואַקסען בחור'ל, איז געשטאַנען אנגעשפּארט ביי א שטענדאר. דאָס שעהנע, בלייכע פּנים, ווי מען וואַלט ביז צו א טראָפּען בלוט פון דאָרט אָפּגעצאָפּט, האָט אויסגעזעהן זעהר מיעד. ער האָט נישט געוואוסט וואָס

מען וויל פון איהם, נישט פערשטאנען צו וואס מען קומט זיך נאך האלבע נאכט צונויף, זיך גע׳חדושט צו וואס נחמן זאגט אין זיין נאמען פאר׳ן עולם תורה, וואס ער האט קיינמאל נישט געזאגט, געליטען וואס ער קען זיך נישט בעפרייען אויף א רגע פון טעמרעלען און אין דער זעלבער צייט וואלט ער אלץ מוחל געווען, ווען ער קען מיט איהר בלייבען אליין.

נחמן א רויטער, מיט א פייערדיגע בארד האט געזאגט תורה אין דניאל׳ס נאמען. ער האט גערעדט גיך, אפגעהאקט, מיט אזא זיכער־קייט, אפט אנטשוויגען געווארען און זיין בליק איז געפאל׳ן איבער אלע־מענס קעפ, ווי ער וואלט געזעהן זאכען, וואס דער ארומיגער עולם זעהט נישט. די אויגען האבען ביי איהם געברענט, די בארד — געפלאקערט און כאטש ער האט פערדרעהט יעדען פסוק, האט זיך געפיהלט אז ער שטעהט העכער פון די ארומיגע לומדים און כמעט יעדער מיט ווען ער איז נור געקומען אין בארירונג איז שוין געבליבען אונטער זיין השפעה.

דער עולם האט אויפגעהערט טאנצען, זיך געקליבען ארום דניאל׳ן, געשלונגען נחמן׳ס ווערטער. און עלטערער איד האט זיך יעדע ווילע איבערגעקוליעט, געוויזען דערמיט אז אין דניאל׳ס געגענווארט דארף יעדערער ווערען שטויב, דניאל זאל האבען אויף וואס צו טרעטען. און וואס שנעלער נחמן האט גערעדט אלץ שטילער און סודות׳דיגער איז גע־ווארען ארום. די היץ וואס האט געשלאגען פון אויווען האט גערויטעלט די באקען, צעווארעמט די גלידער, איז דער עולם נישט איינגעשטאנען. זיך געשטעלט פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען.

א ווייבעל האט זיך אזוי שטארק איינגעקוקט אין דעם בלייבען דניאל אז זי האט אזש פערזשמורעט די אויגען, עטוואס צועפענט ס׳מויל און די דארע פערוויטעלטע באקען האבען געעטעמט מיט עונג. זי האט מיט אמאל א שטעק אויסגעטון די הענד, ווי זי וואלט עמיצען געוואלט איבערגעוואלד פערהאלטען, זיך געקארטשעט אין דרייען, ארויסגעלאזט א קרעכץ און ווי ס׳וואלט איהר מיט אמאל נישט גוט געווארען, האט זי זיך אנגעכאפט אן דער וואנד, בעהאלטען ס׳פנים אין די הענד און זיך דערפיהלט זינדיג.

קיינער האָט נישט באַמערקט ווי דושקה איז געבליבן זיצן איינע אַליין אין מיטן צימער, אַ פאַרלאָזענע. זי האָט זיך מעהר נישט איינגעקוקט אין טעמערלען, וועלכע דער עולם האָט פאַרשטעלט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי זיך איינגעהערט וואָס נחמן זאָגט. געהערט יוי אַ רויט, פייערדיג קול וויקעלט זיך אַרום איהר, וואַרעמט און גלעט איבער די אויגן־לעפּלעך:

„— — — דער מענש ליעבט דעם בורא לויט דער מדרגה ווי ער איז איהם משיג. און אַזוי ווי דעם מענשען'ס שכל האָט אַ גבול, איז ער נים ביכולת צו דערגרייכען די מדרגה פון עבודת־הבורא. דען מישטיינס געזאָגט, ווי ווייט קען אַ בשר ודם אַוועק מיט'ן שכל...״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מיט'ן שכל? האַ? מיט'ן שכל? וואָס וויל מען פון איהר? — האָט דושקה דערפיהלט ווי אַ משא לעגט זיך איבער איהר, געזעהן ווי די אַרומיגע דערווייטערען זיך, ווערען נישט און איבער'ן חלל וויקלען זיך קאַלירען איינע איבער דער אַנדערער, איינע אין דער אַנדערער, טראַגען זיך מיט געזאַנג און אַ שאַרפער ריח, ווי פון בלומען נעמט זיך שפּריי־טען. דער ריח ווערט שאַרפער, געדיכטער, מאַכט שנעלער קלאַפּען דאָס בלוט. די קאַלירען ווערען דינער, דינער, ציהען זיך העכער און העכער. פּלאַצען און פון די שפּאַלטען הויבען זיך פייערדיגע בלומען מיט צוע־פּענטע בעכערלעך, זינגען שטיל און האַרציג, ציהען זיך צו דער לבנה אויף הויכע, דינע שטענגלעך און צווישען די שטענגלעך שוועבען דניאל מיט טעמרען. פליהען פון אַ בלום צו אַ בלום. די בלומען בויגען זייערע קעפּלעך, פאַרמאַכען די בעכערלעך און האַלב פאַרטריקענטע, קראַנקע, האַלטען זיי זיך קוים, קרעכצען און איבער זיי טראָגט זיך אַ פייערדיג געזאַנג. דניאל פאַרשווינדט מיט טעמרעלין. — וואָס? נחמן זאָגט נאָך?

„— — — דיענען און לויבען דעם רבונו של עולם קען מען נור דורך „אהבה״. אום צו דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון „אהבה״ מוז מען פריהער קומען צו „עלית־נשמה״, זיך אין גאַנצען אויסטון פון גשמיות, זיך פיהלען אַ שתוף צום בורא און דאָס קען מען נור דערגריי־כען דורך „רזי־דאהבה״ און „הזדוגות״. יאַ, הזדוגות! אויף דער וועלט

צווישען זכר און נקבה און אויף יענער וועלט מיט „תפארת“ — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— זכר און נקבה? זי האט פיינד זכרים! אזעלכע שווערע, בעוואקסענע, בערדיגע און די בערד שטעכעו, קריכען איבער'ן לייב... ברר! וואס קוקט ער אויף איהר אזוי? וואס קוקען זיי? אזויפיעל גייציגע אויגען! און נחמן? זיין רויטע באָרד ווערט גרעסער, גרעסער, צוגיסט זיך אין א טייך, א פייערדיגען טייך... איהר ווילט קוקען? כא, כא, כא! באלד, באלד. א פריהער אין פייער אריין, אין פייער! קיין איינציגער זאל נישט בלייבען! אצינד קוקט! קוקט ווי כ'וואָרף אראפּ די קליידער, עפענט אייערע גייציגע אויגען, ס'ברענט? כא, כא, כא, איהר האט דאך געוואלט קוקען! קוקט, קוקט! אט איז דניאל! ווי ער קארטשעט זיך אין די פלאמען? דניאל! דני־אל! — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דושקה האט צועפענט די אויגען. קאלטע אנגסטען האבען געשלאגען פון איהר לייב. דניאל איז געשטאנען לעבען איהר, געגלעט איהר שטערען און זי בארוהיגט:

— נעה שפּאר זיך צו, ביזט אויסגעמאטערט.

ער האט זי אנגענומען פאר א האנד און איז מיט איהר ארויס פון צימער.

בשעת דניאל איז צוריק אריין און דער עולם איז נאך געשטאנען א פערגאפטער ארום נחמנ'ען, האט טעמרעלע זיך לייכט אראפּגעשארט פון דער אטאמאנע, געקלימפּערט מיט די בייטשלעך פעריל און זיך גע־לאזט טאנצען פאר דניאל'ן. דער עולם האט זיך מעהר נישט איינגע־הערט, געקוקט ווי טעמרעלע ווארפט פויל אפער הענד, פיס, בויגט זיך און איהרע אויגען, גרויסע, שווארצע אויגען לאזען נישט איינשטעהן, ציהען יעדען איינעם אריין אין טאנץ. די באוועגונגען ווערען ראשער, ווילדער, די ווייסע ציין שארפער, די אויגען שפּריצען פייער, בייזערען זיך, לאכען, איז דער עולם מעהר נישט איינגעשטאנען, געווארען מיטגע־ריסען, זיך געכאפּט פאר די הענד, אריינגעכאפּט מרדכי'ן, ארומגערינגעלט דניאל'ן מיט טעמרעלען און זיך פארגעסען.

מרדכי האט זיך מיטגעשאַרט ווי אַן איבעריגע זאַך, געזעהן ווי הענד פּלאָנטערען זיך פונאַנדער, די קנויל צעוויקעלט זיך, פּאַרלעך שטעהן אָפּ. בלייבען ליגען אין די ווינקעלען, האט איהם אַזאַ שרעק אַרומגענומען, אַז ער האט זיך גענומזט צוזעצען. די ליכט האָבען זיך איינציגווייז גע־לאָשען. ס'איז געוואָרען פינסטער. באַלד איז די פינסטערניש געוואָ־רען שוואַכער און פון אַלע ווינקעלען האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסצו־שיילען געשטאַלטען. דורך אַן אָפענעם לאַדען האט אַ פּולע, קאַלטע לבנה אַריינגעקוקט. אַ פערשלייערט געשטאַלט איז אויסגעוואַקסען, זיך געזעצט אויף מרדכי'ס קניען און איהם אַרומגענומען:

— אויב ס'איז אייך נישט באַקוועם, זאָגט, געה איך גלייך אַראָפּ!

מרדכי האט געשוויגען, זיך געוואונדערט וואָס ער האט קיינע בייזע מחשבות און כאָטש ס'האַרץ האט איהם געזאָגט ווער דאָס איז, האט ער פונדעסטוועגען מורא געהאַט אויפצוהויבען דעם שלייער.

פון דער פינסטערניש האָבען זיך געהערט פערשטיקטע אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען און איבער זיי האט זיך געטראָגען דאָס שטילע וויינען פון דעם איד וואָס האט זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנד:

— טאַטע, אוי טאַטע, אוי טאַ־טע!

אין דער טיר איז געשטאַנען דושקה אין אַ ווייס נאַכט העמד איבער די קנעכלעך. זי האט געקוקט מיט אָפענע אויגען און גאָרנישט געזעהן. דער אַרומגעשווירענער קאָפּ־האָר, די דינע פּיס האָבען דערמאַנט אַ יונג־בחור'ל. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך אַ ציה געטהון צו דער לבנה און פערמאַכט די אויגען. דושקה האט זיך געלאָזט איבער'ן צימער, אויסגעמיטען שטוהלען, מענשען און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער אַטאַמאַ־נע. זי האט אויסגעשטרעקט אַ האַנד, ווי זי וואָלט עמיצען געוואָלט אָנ־ריהרען, זיך ווידער אַ ציה געטהון צו דער לבנה, זיך צוהעשעט, שטיל, ווי אַ וויינענדיג קינד ווען ס'האַלט ביי'ם איינשלאָפען און איז אַרויס פון צימער מיט'ן זעלבען וועג דורך וועלכען זי איז אַריינגעקומען.

אַ גרויסער צער האט מרדכי'ן אַרומגענומען. געשטאַנען צווישען איהם און דעם אַרומיגען עולם ווי אַ מחיצה, איינגעזאַפּט יעדען פערלאַנג, נישט געטראַכט אַז ביי איהם אויף די קניען זיצט אַ פרוי און אַ פּאַר־

וועהטאגטע ווארימקייט. פון א יונגען פאטער וואס האלט זיין קראנק קינד אויף דער שוים. האט זיך געוועקט אין איהם. די פרוי האט געוויינט. און אין דעם וויינען האט זיך געהערט דער גלגול פון א ניגון. וואס האט דערמאנט אן אלטע שוהלען. בתי־מדרשים. וואו דורות אידען זיינען געזעסען אין די זאקען און נאס געמאכט די „קינות" מיט טרערען — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דרויסען האבען זיך דערטראגען קולות. די קולות זיינען געקומען פון אלע זייטען:

— אזא נבלה!

— אזא נבלה!

— מיט פרעמדע ווייבער!

— און אונטער דעם רבי'נס דאך!

— מען דארף זיי עוקר מן השורש זיין!

— נישט לאזען קיין שריד ופליט!

— שבתי־צבי'ניקעס!

— אמת'ע שבתי־צבי'ניקעס!

— געהט אין זיידעס דרכים. דער תכשיט!

— וואס פארע תכשיט?

— דניאל.

— שטאמט דאך פון די אייבשיץ'עס!

— ביזט נישט ווערט צו נעמען ר' יונתן'ס נאמען אין מויל אריין. שייגעץ דו!

— ווער איז דאס דער צדיק אין פעלץ?

— מען זאגט דעם ליפנער שוחט'ס ווייב איז דארט?

— און ר' לייבוש פארצעווער'ס אויך!

— אז אין אלעם איז שולדיג די געלע־דמאי!

— נחמנ'ן מיינסטו?

— און איך זאג אז אין אלעם איז שולדיג די חצופה!

— וואס פארע?

— טעמרעלע!

— די ווארשעווערין?

מרדכי האט זיך ארומגעזעהן אז ס'איז צו שפעט צו אנטלויפען. מען קען דער'הרג'עט ווערען, איז ער א גלייכגילטיגער געבליבען שטעהן. געווארט דער המון זאל זיך אריינרייסען.

— גיט אונז ארוים נחמנ'ען — האט עמיצער אריינגעשריען דורכ'ן פערמאכטען פענסטער.

— און דניאל'ן!

— דעם פושע-ישראל!

— ווען מען אייך נישט טשעפען!

— דניאל'ישי קרוין, בעהאלט זיך — איז דושקה אן איבערנעשראָ־קענע, איינגעהילט אין מאנ'ס פוטער, צו איהם צוגעשטאַנען.

— זיי קענען דיר כ'וויים וואס טון! כ'בעט דיך, דניאל, דורכ'ן קעלער קען מען אריבער צו'ם זיידעשי... וואס ווארטסטו?

א צוטומעלטער, אהן א מראה אין פנים, איז דניאל געשטאַנען. געווארט א האנד זאל איהם אננעמען, וועט ער געהן וואוהין מען וועט איהם פיהרען. נחמן איז אויסגעוואקסען.

— רבי, פערלאז אונז נישט!

דאס איז גענוג געווען. דער צעשראָקענער דניאל האט זיך אויס־געגלייכט, נישט געהייסען אנצינדען קיין ליכט, פערשפּארט טיר און פענסטער, געגעבען יעדען איינעם וואס ס'איז איהם געקומען אונטער דער האנד צו פערטיידיגען זיך.

דער המון אין דרויסען האט גענומען האקען שויבען. די ווייבער אנבעהאלפענע האבען געבראָכען די הענד און געוויינט. ס'האט לאַנג נישט געדויערט און דער דרויסיגער עולם האט אויפגעבראָכען די טיר, די פענסטער, זיך גענומען שפּארען פון אלע זייטען און ס'האט זיך אנגע־הויבען א געשלעג.

אין טומעל האט מרדכי זיך ארויסגערוקט. ער האט דורכגעקרייצט דעם גארטען, אריבער דעם פלויט און זיך געלאָזט מיט'ן וויעפּרזש.

ס'איז איהם קלאר געווארען אז חסידות גוסס'ט. געזעהן ווי א וועלט מיט אידען טרינקען זיך און ס'איז גענוג א האלב-נאַקעטע דושקה, א

פערשייטע טעמרע זיי זאָל'ן זיך פאַרגעסען. אויב ס'איז אמת אַז די צייט וועט ברענגען משיח'ן, האָט ער דאָך שוין לאַנג געדאַרפט זיין? יעדער טאָג פון גלות איז דאָך געווען און איז ראוי איהם אויפצונעמען? און ווער ווייס? מעגליך אַז משיח דאַרף קומען פון זיך, איז שוין צווישען אונז. דאַרף נור מיט זיין השפעה אוועקנעמען דאָס עקר'שאַפט פון מי־ליאָנען מענשען, וועל'ן זיי איהם דערקענען?

מעגליך...

וואָס ווייטער מרדכי איז געגאַנגען מיט'ן פעלד אַלץ אויפגערוימטער איז ער געוואָרען, פאַרגעסען אַז ס'איז נאַכט, געטובל'ט און געהייליגט אין זיך אַ נייע וואָרט וואָס האָט זיך געטראָגען פון דער ווייט, פון דער ברייט, שטום אַרויסגעזונגען פון דער ווייס פערשנעעטער ערד, פון די נאַקעטע ביימער וואָס זיינען געווען באַצויגען און באַהאַנגען מיט אייז, ווי מיט קרישטאַל, פון מיליאָנען שטערען און געפיהלט ווי פעדים פון ווייטע וועלטען קומען זיך ביי איהם אין האַרצען צונויף.

דער הימעל האָט זיך געהילט אין פלאַמען, זיך געשפרייט איבער'ן פעלד, איבער'ן וואַלד ווי אַ העל־רויטער שלייער. מרדכי האָט זיך אָפּגע־שטעלט, זיך דערמאָנט אַן רבקה'לען, אַן ר' מענדעלי'ן, געווען זיכער אַז דער „הויף" ברענט, געשטאַנען אַ ווייַלע, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אומ־קערען און אַ מאַך געטון מיט דער האַנד:

— לאָז ברענען!

די צווייגען באַדעקט מיט אייז האָבען זיך געצונדען אונטער די פלאַמען, זיך געשפיגעלט אין די קרישטאַלענע פריזמען, אין די גלעזערנע שטאַמען, האָבען זיך דאָ באַוויזען פייגעל מיט וויוויערקעס, דאָרט היר־שען מיט האָזען, אָפּגערגעקוקט פון הינטער יעדען בוים, אַראָפּגעקוקט פון יעדער צווייג, פון יעדער קאַרפּע.

מרדכי איז געשטאַנען אין אַ פער'כשופ'טער וועלט. ער האָט צור־קנעפּעלט אויף זיך די קליידער, אַראָפּגעכאַפּט דאָס קראַקולענע היטעל. דערפיהלט אונטער זיינע פיס דאָס אַש פון ברענענדע „הויפען", פון דורות און זיך מיט אַמאָל אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז געווען אין שנעע אַריין.

א צופלאמטער הימעל האט זיך געשפרייט איבער איהם, זיך אראפ־געלאזט, איהם ארומגענומען מיט נישט א דאאיגער רוהיגקייט. ספקות זיינען צעשוואומען, נישט געווארען צווישען הימעל און ערד. האט איהם אזא פרייד ארומגענומען אז ער איז אויפגעשפרונגען א פרישער און זיך געלאזט א זיכערער איבער'ן פערשנעעטען פעלד.

קאפיטעל 10

## שלמה מולכו.

צוויי ביי נאכט איז מרדכי אהיימגעקומען. ער איז שטיל אריין צו זיך אין צימער, נישט אנגעצונדען קיין ליכט, זיך גענומען אויסטון און אזוי געבליבען זיצען אויפ'ן בעט. פאסירונגען אהן א צוזאמענהאנג האבען זיך פערבייגעטראגען, אויפגעבליצט און זיך געלאשען ביי איהם אין הארצען ווי שטערען. ער האט זיך דערמאנט אז פאטער, ווי ער זיצט א האלב אויסגעטוענער אויפ'ן בעט, לייענט „קריאת־שמע" און די מוטער זיצט געגענאיבער א פערוויינטע. א שטילער פיין האט מרדכי'ן גענאגט. ער איז צוגעגאנגען צו'ם פענסטער. פערשנעעטע פעלדער האבען זיך געשפרייט, שטערען, ווי אריינגעזעצטע אויגען, האבען זיך קיין ריהר געטון, גלייכגילטיגע אראפגעקוקט, ווי נעכטען, ווי אייערנעכטען, ווי פאראיאהרען. ער האט זיך בעסער איינגעקוקט, דערזעהן צווישען די שטערען, גרעסערע, פינקעלדיגע, דערזעהן קלענערע, גאר קליינע, פער־זשמורעט עטוואס די אויגען, האבען זילבערנע שטויבעלעך זיך גענומען פלעכטען ווי פעדעם איבער די שטערען, זיך געצויגען צו איהם.

מרדכי'ן האט אזא בענקעניש ארומגענומען נאך א מענש, אז ער וואלט זיך יעדען איינעם געווארפען אין די ארעמס און זיך פאר איהם מתודה געווען. ער איז מיט אמאל צוגעגאנגען צו'ם קאכעל־אויווען, ארויסגע־נומען אש, זיך געשיט אויפ'ן פלאץ וואו מען לעגט דעם של־ראש, זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד ביי דער טיר און אהן ווערטער האט זיך פון איהם געריסען דער זעלבער וויינענדיגער ניגון, וואס ער האט יונגעלווייז געהערט פון זיין זיידען, ווען יענער האט אפגערעכט „חצות". ער האט

זיך נישט געפּרעגט צי וואָס ער טוט עס, זיך נישט גע׳חדושט, וואָס ער. מרדכי, דאַוועגט שוין חדשים נישט און מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען אָפּרעכטען „חצות". עס האָט זיך איהם געוואָלט וויינען און אָפּגיסענדיג זיך מיט טרערען, האָט ער זיך אָפּילו נישט געפּרעגט פון וואַנען ער קען „תקוני־זוהר" אויף אויסווענדיג און געהאַט ס׳געפיהל פון איינעם וואָס זאָגט אין חלום אַ בלאַט גמרא, וועלכען ער האָט קיינמאָל נישט געלערענט. רעדט אויף אַ שפּראַך וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהערט. און וואָס לענגער מרדכי האָט געזאָגט „תקוני־זוהר" אַלץ שטאַרקער האָט ער געוויינט, געוויינט פון חדוה, וואָס זיין האַרץ רייניגט זיך, געצאַפּעלט פון פרייד, דערפיהלט אַ שייכות צו די שטערען וואָס האָבען אריינגעפינקעלט פון אונבעקאַנטע וועלטען, איז די פרייד געוואָרען אַזוי גרויס, געקוואָלען פון יעדען אבר, זיך איבערגעגאָסען און די ליפּען האָבען געטריעפט:

— אַלע זיינען גערעכט, אַלע! ר׳ מענדעלי, ר׳ איטשע, דער באַר־וויסער ישראל! אַלע זיינען גערעכט, אַלע! דניאל, דושקע, טעמרע! אַלע, אַלע — פעליציע, קאַמאַראַווסקי, קאַהאַנע... אַלע, אַל־לע — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האָט זיך שטאַרקער צעוויעגט, אויפגעהערט זאָגען, זיך דער־מאָנט אַז „תקוני־זוהר" זאָגט מען ביי אַ רבינס פּטירה, זיך פערטראַכט און אַ מיעדער אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַן וואַנד.

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט זיך? וואָס רייסען זיך אַלע קריעה? דער רבי איז נסתלק געוואָרען? אַזוי... אַט ליגט ער! ר׳ איטשע שטעהט ביי דער טיר און זאָגט „תקוני־זוהר". דער רבי ליגט צוגעדעקט מיט זיין ווייסער זיידענער קאַפּאָטע. אַזוי פיעל ליכט! אַזוי פיעל מענשען! די וואַנד רוקען זיך פונאַנדער... וואָס ליגט ער עפּיס אויף דער מטה? ווער איז דאָס? דער באַרוויסער ישראל? וואַרפט איהם אַרויס! וואַרפט איהם אַרויס! קיין האַנד הויבט זיך נישט. דער באַרוויסער ישראל געהט צו צום רבין:

— קאַצקער רבי, טו תשובה!

דער רבי איינגעוויקעלט אין דער ווייסער זיידענער קאַפּאָטע שטעלט זיך אויף. אַלע צולויפען זיך, די וואַנד נאָך זיי. דאָס צימער ווערט

גרעסער, גרעסער, ווערט בלויז חלל און אין מיטען חלל שטעהט מרדכי א פערלווירענער. דער רבי נעמט איהם אַז פאַר א האנד, רעדט קיין ווארט נישט, שטעלט טריט, דראָבנע טריט, קרעכצט און ריהרט זיך נישט פון אָרט. מרדכי ציטערט, קוקט זיך ארום — זיי שטעהען ביי א הייהל. א בת־קול, ווי דאס בלאָזען פון א שופר, טרייסעלט אויף די לופט:

— יוסף קארו! יוסף קארו!

דער שטיין, וואס האט פארשטעלט דעם אריינגאנג אין דער הייהל, האט זיך אוועקגעקייקעלט און אן אויסגעדארטער מענש, אהן א העמד וואס זאל צודעקען זיין נאקעט לייב, בלויז א גארטעל. פון בלעטער ארום די לענדען, איז געזעסען אין דעם אריינגאנג און געלערענט. דער נאקעטער מענש האט זיך צומאל נישט אומגעקוקט, ווייטער געלערענט, מסביר געווען עמיצען אן ענין, כאטש אין הייהל האט מען קיינעם נישט געזעהן. ער האט אויפגעציטערט פון מאל צו מאל, ווי די פרעמדע בליקען וואלטען איהם געשטערט.

א בעוואקסען פארזעהעניש מיט א מורא'דיג פנים, ווי ביי אן אויס־טערלישע חיה, איז ארויסגעקראכען פון דער פינסטערער הייהל און מרדכי'ן שטיל באגריסט:

— וואס ציטערסטו? דארפסט זיך נישט שרעקען, איך בין יוסף קארו'ס „מגיד". געוואוין זיך איין צו קוקען מיר אין די אויגען, וועסט דארט געפונען אן אפּגלאנץ פון דעם וואס הייסט „רחום וחנון." נא, דא האסטו א פעקיל מיט עסען, לאז זיך אין וועג אריין, קאצק איז פאר דיר קיין פּלאץ נישט, געה נאך מזרח, געה נאך מעריב, געה נאך צפון, געה נאך דרום, לאז דיך אין דער גרויסער וועלט אריין, צווישען מענשען און אז אלע וועגען וועלען דיר קלאר ווערען, אלע מענשען — נאָהענט, דעמאלט בלייב שטעהן ביי די טויערען פון רוים. און אז ס'וועט אויף דיר קומען אן עת־צרה — האט דאס פארזעהעניש זיך צוגעבויגען צו מרדכי'ן, איהם א וויילע אנגעקוקט, איז מרדכי'ן קשה געווארען ווי נאך האט איהם גאר געקענט איינפאלען א רגע צוריק אז דעם „מגיד'ס" צו־שטראהלטע פנים איז מיאוס — און אז ס'וועט אויף דיר קומען אן עת־צרה — האט דער „מגיד" איבערגע'חזרט און שטיל עפּיס איינגערוימט

מרדכי'ן אויפ'ן אויער — וועסטו מיט דעם דאזיגען „יחוד" מיך תמיד קענען ארויסרופען. געה און זיי מצליח!

מרדכי האט זיך געלאזט אין וועג אריין, געגאנגען טעג, נעכט, דורכ־געגאנגען שטעדט, מדינות, וואו ער האט אפילו ס'לשון נישט פערשטא־נען. די קליידער האבען אנגעהויבען אויף איהם פונאנדערפאלען, פון די שיך איז קיין זכר געבליבען און וואס שטארקער ער האט געוואלט ארויסטרייבען פון הארצען דעם יאוש, אלץ טיפער האט ער זיך צו איהם פערקליבען. א הונגעריגער, א דורשטיגער האט ער זיך געשלעפט איבער א ווייסטע געגענד, געזוכט צווישען די שטיינער א וואסעריל וואו א טרונק צו טון. פון אונטער א גרויסען שטיין איז ארויסגערונען א שנירעל וואסער, געפאל'ן מיט א רויש, זיך געשלענגעלט צווישען צווייגען און בלעטער. מרדכי האט זיך געלאזט נאכ'ן רויש, דערזעהן א רייטער אויף א צוגאווע פערד און גענומען געהן שנעלער.

— ווער איז דאס? א בעקאנט פנים... אה, ס'איז דאך קאהאנע!...

— גוט, גוט מרדכי, זעץ דיך אויף מיין פערד, טו אן מיינע קליי־דער און פאהר אין שטאדט אריין!

פון צווישען די שטיינער האט זיך געקייקעלט א ווידער־קול, ווי ס'וואלט ארויסגעקומען פון א הייכל;

והיכא יתיב? און וואו זיצט ע ר?

אפיתחא דקרתא! ביי'ם טויער פון רוים!

ומאי סימניה? און וואס איז זיין סמן?

יתיב ביני עניי סובלי חלאים — ער זיצט צווישען ארימעלייט וואס ליידען פון קראנקהייטען.

וכולן שרו ואסירו בחד זמנא — און אלע בינדען זיי אויף און פערבינדען זייערע וואונדען אין איין צייט.

איהו שרי חד ואסיר חד — ער בינדט אויף און פערבינד יעדע וואונד זיינע באזונדער.

אמר — דלמא מבעינא, דלא איעכב — טראכט זיך, טאמער וועט מען א פאדער טון, זאל איך זיך נישט פערהאלטען.

דאס ווידערקול האט זיך דריי מאל איבערגע'חזרט, אויף דריי פער־

שידענע קולות, אויסגעניכטערט מרדכי'ן פון דער מיעדקיים, פערטריבען דעם יאוש. ער איז ארויף אויפ'ן פערד, עס א טרייב געטון, דורכגעריטען טיטוס'עס טויער, וואו ער האט „מנחה" געדאווענט און זיך אפגעשטעלט ביי'ם ערשטען גוי'אישען גאסט־הויז:

— בעל־הבית, כ'בין א ריטער פון דעם הויז פירעס, כ'האב אין רוים א געליעבטע נאך וועלכער כ'געה אוים און איהרע עלטערען האלטען זי געפאנגען, האבען אוועקגעשטעלט א שווערע וואך און קיין ריטער טאר זיך נישט בעווייזען ארום שלאס, וואו זי געפינט זיך, בעט איך דיך, בעל־הבית, נעם צו מיין פערד, מיינע קליידער, זוך אויף ביי דיר אין שטאל אלטע טראנטעס...

מרדכי האט זיך איינגעהילט אין א זיידענעם דגל וואו ס'איז געווען אויסגענעהט מיט רויטען זייד — ממעמקים קראתיך אל — ארויפגע־ווארפען אויף זיך די טראנטעס און זיך געלאזט צום בריק וואס איבער דעם טיבער.

הונדערטער קאליקעס זיינען געזעסען אין שורות, געשלאפען צו־לעגט ארום די פארענטשעס. מענשען אהן פיס, אהן הענד, אהן אויגען, האבען זיך געקריגט, געשאלטען די גאנצע וועלט, צועפענט די וואונדען, זיי געווארעמט אויף דער זון. און אז ס'איז אנגעפאהרען א ריטער זיי־נען די קאליקעס שטיל געווארען, גענומען זאגען אויפ'ן קול „ברכה", צעהלענדיג די ברוינע פאטשערקעס אויף די לאנגע בייטשען. די צוע־פענטע וואונדען, די צופוילטע גלידער, דער חלל וואו גלידער האבען גע־דארפט זיין, אלץ האט זיך געריסען צו'ם פערבייגעהער נאך א נדבה, אויסרעכענענדיג בשעת־מעשה די נעמען פון די הייליגע.

צווישען די קאליקעס איז געזעסען מרדכי. ער האט געפלאכטען זיינע פאטשערקעס ווי רעהרען פון א מנורה, אכט רעהרען ארום דער רעכטער האנד, אכט ארום דער לינקער, נישט געזעהן ווי פון אלע ווינקלען רייסען זיך צו איהם אויסגעוועבטע טויערען, שפיצען פון „טמאות."

די שפיצען האבען זיך געריקט נעהנטער, געקומען פון אלע עקען שטאדט, דינע, דינערע, אויפגעטרייסעלט די לופט מיט זייערע גלאקען, איינגעשלונגען וואס זיי האבען אנגעטראפען אויפ'ן וועג. מרדכי האט

געהאַלטען אין איין מתקן זיין דעם „ניצוץ־אלוה" וואָס אין יעדער „טמאה" איהם דערהויבען צו זיין שורש, מצרף געווען די „פּונקען" און פייערדיגע אותיות זיינען אויסגעוואַקסען איבער די רעהרען, זיך געצונדען, זיך גע־לאָשען, זיך געשפּיגעלט אין דעם שטילען טיבער ווי אין א בריליאַנטענעם שפּיגעל.




און אז די אותיות איבער די רעהרען האָבען זיך שטאַרקער צופלאַ־קערט, זיך געצויגען צו'ם ליכט פון אין־סוף, ווי א קינד צו א מאַמע, געפּלאַטערט, ווי ווייס צוגליהטע צונגען, זיך אויסגעבויגען, זיך צונויפ־געקומען, די ערשטע רעהר מיט דער לעצטער, יעדע מיט איהר חבר'טאַרין, דער אַנהייב מיט'ן סוף, דער סוף מיט'ן אַנהייב, דכר ונוקבא, פּונקט ווי דער פלאַם קומט זיך צונויף מיט דער קויל, דעמאָלט האָט זיך דערהערט א געוויין. דאָס האָט די „הא" פון די ערשטע אַכט רעהרען, די „נון" פון די צווייטע אַכט רעהרען זיך געריסען איינע צו דער אַנדערער, געיאָ־מערט פון בענקעניש און זיך קיינמאָל נישט געקענט צונויפקומען, ווייל די זכרים פון די ערשטע אַכט רעהרען האָבען זיך באַהאַפטען מיט די נקבות פון די צווייטע און די יניקה וואָס זיי האָבען געצויגען איז געקומען פון שורש, פון דער „הא" און „נון", אריינגעשטראָמט אין יעדער רעהר באַזונדער, זיך צונויפגעגאָסען מיט זיי, געוואָרען איינס, ווי א מוטער ווערט איינס מיט'ן קינד וואָס דאַרף געבוירען ווערען.

איבער די ווייס צוגליהטע צונגען האָבען זיך אויסגעשטעלט אין א שורה צוויי און צוואַנציג צעשוואָומענע אותיות, זיך אויסגעבויגען אין א פייערדיג ראַד, בלוע ווי סאַפּירשטיין, האָט מרדכי אַראָפּגעוואָרפען די

שיר, פון גרויס שרעק געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד און עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט—מחשבה, דבור ומעשה, הכל הוא דבר אחד בהקב"הו.

פון דעם פייערדיגען ראד האט זיך ארויסגעשיילט אן אנדער ראד. פון אנדערען ווידער אן אנדערס און אז זייער צאהל האט דערגרייכט צעהן, האבען די רעדער אנגעהויבען ציטערען, ווארפען בלועליכע שטי־קער פייער און פון א געדיכטען רויך האט זיך באוויזען גאט ארומגע־רינגעלט מיט שרפים.

— קדוש, קדוש, קדוש, עפענט די טוירען, מאכט א וועג, דער אל־מעכטיגער קומט! — האבען די שרפים געפאטשט מיט די פליגעל אינ'ם נהרא דנור, וואס איבער דעם כתר און וואס שטארקער זיי האבען גע־פאטשט, אלץ מעהר שטערען האבען זיך אפגעריסען, געבליבען הענגען צווישען די בלוע רעדער, נרעסער און טיעפער געמאכט די מחיצה, האט זיך דאס בענקעריש פון די שרפים פערשטארקט צו דער ליכטיגקייט, וואס האט קיין אנהויב, וואס האט קיין סוף, צו דער ליכטיגקייט וועמעס אנהייב, וועמעס סוף איז „א י ן".

— קדוש, קדוש, קדוש...

— ווער ביזטו? — האט זיך געהערט און נישט געהערט פון מזרח מעריב, צפון, דרום — דאס האט דער מענש דיך געקרוינט פאר א גאט, דיך אויסגעפוצט אין דונערען און בליצען, דיך געמאכט פאר אן „אל רחום וחנון," פאר א נוקם ונוטר ביז דעם פערטען דור, אויסגעמאסטען דיינע גלידער, דיר איינגערעדט אז טאג און נאכט דארף מען דיר זינגען שירה. ווער ביזטו, ווער? און אפילו, דו, מיט דיינע בלוטיגע פיס און הענד, וואס האסט געוואלט אויסלייזען דעם מענשענס זינד מיט דיין איינען בלוט, ווער ביסטו? דיין לעבען, דיין טוידט, דיין רחמנות, וואס האט זיך געוואלט באזעצען אויף די חורבות פון די הילצערנע און שטיי־נערנע געטער און וואגעלט נאך ביז היינט איבער דער וועלט, איז פונקט אזוי פארגענגליך ווי די געטער, טא ווער ביזטו? אפילו דאס שעהנסטע פון דיינע מעשים, דאס וואס א גאט האט דערנעהנטערט צו זיך אן „אשת־זנונים", איז אויך נישט מעהר ווי מענשליך, טא וואס ווילסטו? קארטשע זיך, קריך פון דער איינגענער הויט, דו, וועמען דער מענש, די טפה סרוחה,

האט געקרוינט פאר א גאט, דיך געהייסען מאכען פון רוים — ירושלים, וויים, אז דיין שעה האט געשלאגען, דיין טאג פארגעהט, פארגעהט —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פייערדיגער הימעל האט זיך גענומען לעשען. די וועלדער פון נהרא־דנור האבען זיך צעשפיעלט, זיך צעברומט ווי הונגעריגע לייבען, פארברענט אלץ וואס ארום. שטיקער וואלקענס זיינען אנגעשוואומען פון אלע זייטען, אנגעיאגט א פינסטערניש און צווישען די וואלקענס האט זיך געטראגען ר' איטשע א בלייכער, א פער'חלש'טער, זיך אנגעהאלטען אן ר' מענדעלי'ן, א בעוואקסענער, אין דרייען א געבוינענער פון אלטקייט. מרדכי האט געזעהן ווי זיי לויפען, קוקען זיך צומאל נישט אום, לויפען דערשלאגענע, פער'חשב'טע, ווי מען וואלט זיי פון ערגיץ וואו ארויסגע־טריבען, דעם „עתיק־יומין" מיט'ן „בחור ואיש מלחמה" — האט מרדכי זיך צעוויינט, געהאט תרעומות צום „אין־סוף", זיך פערגאנגען אין טרעה־רען און געזעהן ווי פון אלע זייטען טראגען זיך צו איהם קאליקעס. זיי שי־קען צו א מיידעל מיט א לעדיגען פלאץ וואו ס'איז אמאל א נאז געווען, זי זאל א שטיף טון מיט איהם, שיקען צו א מיידעל מיט אויסגעטריקענטע הענטלעך, וואו פון פינגער איז קיין זכר געבליבען, בלויז דינע, פער־וואקסענע קנאכען האבען זיך געבאמבעלט. נעמען די מיידלעך זיך דרעה־הען, הייבען די פלאכטעס, קומען אן נאך און נאך, נעמען זיך פאר די הענד. די קאליקעס קלאפען צו מיט די הענד, מיט די קוליעס און די מיידלעך רינגלען ארום מרדכי'ן, כאפען אריין מאנדאלענען, טעמרען, נעמען זיך דרעהען, שנעל, שנעלער, פאלען מיט אמאל אויף איהם ארויף, מאטערען איהם ביז טרערען, אהן אויפהער, האט מרדכי א געשריי געטון און צועפענט די אויגען.

ער איז געזעסען ביי דער טיר, די פיס איינגעשלאפען, ווי זיי וואל־טען נישט געווען זיינע. עס האט אנגעהויבען טאגען. ער האט זיך געוואלט דערמאנען וואס איהם האט גע'חלומט, נישט גערענקט, בלויז געפיהלט א מיעדקייט. ער האט זיך אויפגעשטעלט, די פיס האבען גע־שטאכען ווי מיט שפילקעס און א הינקעדיגער האט ער זיך געלאזט היין און צוריק איבער'ן צימער. ער האט אזוי געשפרייזט א לענגערע צייט,

זיך מיט אמאל אפגעשטעלט ביי'ם טיש, לאנג געקוקט אויף א צועפענט ספר'ל און עטליכע מאל איבערגעליינט: „ספר מפואר." ער האט דער־זעהן פאר זיך דעם גאנצען חלום, נישט געווארען איבערראשט, בלויז א שטילער טרויער האט איהם ארומגענומען, אנגעפילט ס'הארץ, נישט וועה געטון, נישט אויפגערעגט, זיך געהאלטען אין איין וויקלען ארום איהם און אויפוויקלען.

איהם איז קלאר געווארען פארוואס מענשען וואס האבען אויפגע־טרייסעלט וועלטען, געגעבען דעם לעבען א נייעם תוך, האבען נישט איבערגעלאזט נאך זיך קיינע כתבים. תמיד האט זיך באוויזען א תלמיד, צי תלמידים, געשריבען אין נאמען פון רבי'ן. און גוט אזוי!

ער האט גענומען דעם „ספר המפואר" געדרוקט אין סאלאניקי. ווי ארעם, ווי ארעם! א שאטען פון א שאטען! וואס פאר א שיכות האט דאס חבור'ל מיט'ן ליכטיגען געשטאלט פון א Diogo-Pires? Diogo-Pires — שלמה מולכו — אליהו הנביא, וואס קומט אנזאגען דער וועלט אז משיח זיצט ביי די טויערען פון רוים, לאזט הערען גאט'סווארט אז דער טיבער וועט פערפלייצען די זינדיגע שטאדט און קלעמענס דער זיבטער פער־לאזט פון שרעק דעם פאלאץ, אנטלויפט — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען האט אנגעקלאפט.

קאפיטעל 11

## דער „מגיד".

מרדכי האט געעפענט. א יונג דינסט־מיידעל האט איהם אר״ינ־געבראכט אנבייסען. זי האט געהויבען די נאך נישט ענטוויקעלטע פליי־צעס, געוואלט מרדכי זאל זי באמערקען און ס'האט איהר גענומען עטליכע מינוט ביז זי האט צושטעלט דאס עסען אויפ'ן טיש.

מרדכי האט געשפרייזט הין און צוריק, ווי ס'וואלט אין צימער קיינער נישט געווען און אז דאס דינסטמיידעל האט שוין געהאלטען ביי'ם ארויסגעהן, האט ער זי אפגעשטעלט:

— פריידע, האסט געזעהן נעכטען ס'פייער?

— וואס פארע פייער?

— ווייסט גארנישט?

— ס'האט דען געברענט?

— דעם רבי'נס הויף...

— מאמעלע — האט ס'מיידעל זיך אנגעכאפט מיט די פינגער פאר די באקען, פערקרימט ס'פנים, ווי זי וואלט געהאט יסורים — ס'קען נישט זיין! ווען ס'וואלט חס וחלילה עפיס געווען, וואלט דאך דראנג די זעמיל אידענע געוואוסט און זי האט גארנישט דערצעהלט! ניין, ניין — האט ס'מיידעל זיך גע'חנ'דעלט — מרדכי שפאסט אודאי!

כ'שפאס נישט — איז מרדכי געווארען נאך ערענסטער און אליין אויך אנגעהויבען צווייפלען.

— כ'וועל נור צוואשען ס'געפעס — האט ס'מיידעל געעפענט די טיר — געה איך גלייך אין שטאדט אריין. ס'קען נישט זיין, ס'קען נישט!

מרדכי האָט גענומען עסען. געשלונגען נישט צוקייטערהייט און בשעת־מעשה געטראַכט צי ס'האָט זיך איהם מיט אַן אמת נישט גע־חלומט אַז דער „הויף" האָט געברענט. יאָ, דער הויף האָט געברענט! דער באַרוויסער ישראל האָט איהם אונטערגעצונדען! ער איז זיכער! דער הויף האָט געברענט, געדאַרפט ברענען... וואָס? געדאַרפט ברענען? הייסט עס ער אַליין גיט צו אַז ער איז נישט זיכער? באַלד — האָט מרדכי אוועקגערוקט פון זיך דאָס עסען, זיך אויפגעשטעלט און מיט אָנ־געשטרענגטע אויגען אויפגעכאַפּט דעם קלענסטען געדאַנק וואָס האָט אויפגעבלעזעלט אין איהם, קיין איינעם נישט געלאָזט זיך ארויסגליטשען — און דעם באַרוויסען ישראל האָט ער נעכטען ביי נאַכט באַגעגענט? און טעמרעלען האָט ער געזעהן טאַנצען? און אַ פערשלייערטע דאַמע אין געזעסען אויף זיין שוים? און דושקה אין אַ בלויז העמד? הייסט עס דער הויף האָט געברענט צי ס'זאָל אַלץ האָבען געווען אַ חלום? מעגליך... און אַז דער „מגיד"? און אַז יוסף קארו איז אריין אין שמעון־בן־יוחאי'ס הייכל האָט זיך צו איהם באַוויזען... דרך ארץ! דו פערגלייכסט זיך צו ר' יוסף קארו, צו ר' שלמה מולכו? מענשען פון ברייטסטען שניט, יחידי סגולה, וואָס האָבען געוויזען דער וועלט אַז ישראל איז דער סוד פון דער בריאה, אַז ישראל, אוריתא וקודשא בריך הוא זיינען איינס. מענשען וואָס זיינען מיט פרייד אומגעקומען אויף קדוש־השם...

און דו?

דער מח האָט ביי איהם שנעלער אָנגעהויבען צו ארבייטען, איהם נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט, ווי ער וואָלט איהם געהאַלטען אויף אַ קייט. געדאַנקען, ווי מחנות פייגעל, זיינען מיט אַמאָל אָנגעפלויגען, גע־שפּרונגען הין און צוריק, פערשוואונדען, נישט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין שפּור און פון הינטער דער פוסטקייט האָט זיך יעדע ווייַלע געהערט אַן אָפּקלאַנג פון אַ געלעכטער. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, דער־פיהלט דאָס איינענע האַרץ, אָנגעהויבען הויכען אויף דער פערפרוירענער שויב און זיך איינגעקוקט. צווישען די ביימער פון גאָרטען האָבען שפּאַ־צירט פּעליציע מיט קאַמאַראָווסקי'ן. פון קרענקונג האָט מרדכי אָנגע־

הויבען שווערער צו עטעמען, געליטען וואס ער קוקט דורכ'ן פענסטער און זיך צוריק אוועקגעזעצט ביי'ם טיש. נו טאקע וואס געהט איהם פעליציע אן? זי איז דאך איהם א ווילד פרעמדע! דאס געלעכטער אין גארטען האט נישט אויפגעהערט. מרדכי איז אויפגעשפרונגען, געוואלט פערמאכען דעם לאדען און האט פערצויגען די פארהאנגלעך. ער איז געגאנגען איבער'ן צימער גיך, כמעט געלאפען הין און צוריק, ווי א חיה אין א שטייג און אז ס'געלעכטער האט אויפגעהערט איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און זיך איינגעהערט. ער האט פונאנדערגע־רוקט די פארהאנגלעך, געעפענט א לופטשיק און געזעהן ווי דאס פארעל פערשווינד צווישען די פערשנעעטע ביימער, בעוויזט זיך ווידער.

פאסירונגען האבען זיך פאסמעסווייז פערבייגעטראגען, זיך געשנו־רעוועט ארום מרדכי'ן. ער האט אנגעשפארט דעם שטערען אן דער פער־פרוירענער שויב און דערפיהלט אין זיך א שטילען טרויער.

פעליציע, פעליציע...

דיין געליבטער איז אריין אין קדשי־קדשים, דורכגעשטאכען דאס פרוכת און מיר פארגעהען אין בלוט...

פעליציע, פעליציע...

און אז ביזט טויזענד מאל שעהנער פאר קלעאפאטרען, איז וואס? מעהר ווי א בירינִיקה, אן אסתר'קע, א קעבס־ווייב וועסטו נישט זיין!

פעליציע, פעליציע...

צו וואס האסטו געשיקט דיין געליבטען אין בית־המקדש אריין? צו וואס? איבער דיר פארגעהן מיר דאך אין בלוט, איבער דיר, פעליציע...

וויי, וויי...

וויי, וויי...

ארימע פעליציע, אומגליקליכע שוועסטער מיינע...

מיין בלוט קאכט אין מיר, דאס בלוט פון די נביאים זיד אין מיר, ווען איך זעה וואס פון דיר איז געווארען, וואס ז י י האבען פון דיר געמאכט...

שוועסטער...

מיר וועל'ן נישט שווייגען, מיר וועל'ן נקמה נעמען פאר אונזער בלוט, פאר דיין שעהנקייט, פאר דיין צניעות...

מיר זיינען די שוואכסטע?

יא, שוועסטער, די שוואכסטע האבען שוין איינמאל א שליידער געטון דער וועלט א פלאנטער, פון וועלכען זי קען נאך ביז דעם היינטיגען טאג נישט פטור ווערען.

טרייסט דיך שוועסטער, טרייסט דיך...

איבער אידישע בית־עלמין'ס שלעפט זיך ארום נישט איין פעליציע, נישט איין שרה'לע א בעליידיגטע, זאגט נביאות אז משיח איז שוין געקומען, ווארט אויף איהם, אויף איהר חתן. און אז מיר וועל'ן מעהר דעם פיין נישט קענען איבערטראגען וועט א שרה'לע, צי א מרים פון דאס נייע אזוי פערקנוילען די וועלט, זי זאל זיך מעהר שוין קיינמאל נישט קענען אויפפלאנטערען!

פאר אונזער בלוט, פעליציע, פאר דיין שעהנקייט, פאר דיין צניעות...

פעליציע, פעליציע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי איז ארוים פון צימער. שטראל איז איהם געקומען אין פנים אריין מיט א פעקיל צייטונגען.

— אין ווארשע איז גארנישט היימלעד.

— וואס איז?

— צייט קראנבערג האט אפגעקויפט דעם „קוריער־פאראנני" קען מען איהם אין דער האנד אריין נישט נעמען. וואס מען עפענט א בלאט געהט אלץ די זעלבע סדרה — אידען און אידען. פאלאקען מיינען מן הסתם אז די פינסטערע „באלאטשארזשעם" האבען מיט אמאל זיך ארומגעזעהן ווי ארים זיי זיינען גייסטיג און דורשטיגע זיך א ווארף געטון אויף דער פוילישער קולטור! בהמות, ניין און נייכציג פראצענט פון פוילישע אידען ווייסען נישט צי אזא זאך ווי פוילישע קולטור איז גאר בנמצא!

— וואס זאגט איהר צו יאסטראוו'ס דרשה ביי די קארמעליטען אויף

לעשנא? — האָט מרדכי זיך אָנגערופען אבי עפּעס צו זאָגען און זיך גע׳ישוב׳ט צי ער זאָל איהם פרעגען וועגען דער נעכטיגער שרפה.

— א נייעס, נו, — האָט שטראָל א הויב געטהון מיט אן אקסעל — ״יי זעלבע תורה האָט קאָהאַנע נאָך פאַר א יאָהרען גע׳דרש׳נט! קאָהאַנע אָבער פאַרשטעהט איך, נור אז א רב, דערצו נאָך דער וואַרשעווער, ר׳ מייזעלס מיין איך, מיט דער כנופיה נעמען טענה׳ן ס׳זעלבע, זעה איך אין דעם געפאַהר. ממה נפשך — האָט שטראָל אָנגעוויזען אויף די צייטונגען, ווי ער וואָלט פון דאָרטען עפּיס ארויסגעלייענט — אויב פוילען איז דעם וואַרשעווער רב׳ס פאַטערלאַנד, איז רוסלאַנד — דעם מאָסקווער רב׳ס און אויב ס׳זאָל חס וחלילה קומען צו א צוזאַמענשטויס, דאַרפען די ביידע רבנים זיך ווערען דם־שונאים, געהן אויף מעסער־שטער. ווען אידען וואָלטען פון תמיד אָן געפיהרט אַזאַ פּאָליטיק, וואָלט פון זיי ביז איצט שוין קיין זכר נישט געבליבען! דאַרפסט מעהר, אפילו דער מאַרגראַבי‍אַ וויעלאָפּאָלסקי איז דאַגעגען! און אז דער קייסער איז געווען אין ווילנע ווער האָט איהם צומייסטען געזונגען שבחים? אַדיניעץ! איינער פון די גרעסטע פּוילישע דיכטער! ער האָט אָנגעשריבען לכבוד דעם קייסער א שיר וואו ער שטייגט איבער אַלעמען אין פּאַטריאָטיזם, אַפילו דעם רוס קוקאָלניק. נו, פרעג איך דיך, וואו איז דער שכל וואָס אונזערע משכילים ווילען איבערשטייגען די פּאָלאַקען? ניין, מרדכי, מיר אידען דאַרפען זיך נישט מישען! — האָט דער אַלטער א צופרידענער א מאַך געטהון מיט׳ן פּעקיל צייטונגען און איז אַנשווייגען געוואָרען.

מרדכי האָט פאַר זיך געזעהן דעם פאָטער און שטראָלען מחותנים. האָט זיין פאָטער צוגעשטעלט פּראָוויאַנט אין 1831. ס׳פערד איז אונטער איהם דער׳הרג׳עט געוואָרען ביי וואָליע ווען דער שונא האָט גענומען וואַרשע. און שטראָל? ער שרייט ס׳איז אַן אונזין, אידען דאַרפען זיך נישט מישען און פאַר זיין געלד האָט מען שוין עטליכע הונדערט ביקסען אריבערגע׳מולכ׳ט פון אויסלאַנד.

א דינסט מיידעל מיט א פלעדערוויש אין דער האַנד איז זינגענדיג ארויס פון א טיר. זי האָט דערזעהן דעם בעל־הבית, אַנשווייגען געוואָרען און גענומען געהן אויף צוריק. שטראָל האָט זי אָפּגעשטעלט.

— די מאדאם שלאפט נאך ?
— די מאדאם איז געגאנגען פאר א שפאציר.
— אליין ?
— די מאדאם איז געגאנגען מיט'ן הראביא.

די צופרידענהייט אויף שטראל'ס פנים איז נישט געווארען. ער האט זיך אויסגעריבען מיט צוויי פינגער די אויגען, זיך צוגענעצט און איבער'ן פנים האט זיך צולעגט א טעמפע מיעדקייט, ווי ביי א קורצזיכטיגען ווען ער טוט אויס די ברילען. ער האט אפגעהוסט.

— א ווארילער גוי קאמאראנווסקי !

— וואס, ער האט ליעב אידישע פיש ? — האט מרדכי זיך געכאפט אז ער איז פערקראכען און איז רויט געווארען.

— וואס האט ער ליעב ? אידישע פיש ? — האט שטראל זיך געמאכט תם'עוואטע — פון וואן ווייסטו אז ער האט ליעב אידישע פיש ?

ער האט מרדכי'ן דורכגענומען מיט די אויגען, ווי ער וואלט עפיס געוואלט פון איהם אויסגעפונען, זיך צולאכט דין און אונבעהאלפען און אין געלעכטער איז געווען עפיס פויגלישעס, וואס האט דענערווירט.

פעליציע איז אונטערגעקומען א ציפלאמטע פון פראסט, שטיפעריש א כאפ געטון דעם מאנ'ס א האנד און זי אונטערגעטראגען צו איהר באק :

— קאלט ?

— וואו האסטו געלאזט דעם הראביא ? — האט ער גענומען איהר האנד אין זיינער, זי געגלעט און די קנייטשען אויף זיין אלט פנים האבען געשמייכעלט, געזאגט מרדכי'ן אז ער האט א טעות.

— ער איז אויף דער וועראנדע, קוקט איבער די פאסט.
— ער האט שוין איבערגעביסען ?
— ניין.
— וועל איך איהם ארייגרופען.
— גוט. וואו געהסטו ? ער זיצט צו דער גאס צו.

מרדכי האט ארייגעטעמט א דינעם ריח, ווי פון מירטען בלעט-

לעך, וואס פעליציע האט איבערגעלאזט נאך זיך, זיך מעהר נישט גע־פיהלט אליין און איז ארוים פון פעדער־הויז.

דער פראסט האט געפידעלט, פערכאפט דעם אטעם, געהאנגען אי־בער די ביימער, איבער די הייזער, ווי צודריוועלטע וואטע.

מרדכי איז געגאנגען מיט אן אויסגעטראטענער סטעזשקע, מעהר ניט באשולדיגט פעליציען און געטראכט אז ס'איז נישטא קיין מיאוס'ערע זאך ווי אן אלטער מאן נעמט א יונג ווייב.

פער'דאגה'טע אידען זיינען געלאפען פון דאווענען, די טליתים־זעק אונטער די ארעמס, די פנים'ער איינגעטוליעט אין די ווינטער קאפא־טעס. א אידענע מיט א פארטוך האלץ ביז איבער דער נאז, האט אויס־געטראטען אין שנעע א וועג, צוגעהאלטען די העלצער מיט די פערקרומ־טע פינגער פון קעלט און געקרעכצט. פון א שפייז־געוועלבעל איז ארוים א איד מיט א טלית־זאק אונטער'ן ארעם, געהאלטען אין דער האנד א געבייטעלט ברויט, געקלאפט מיט די שפיץ פינגער אין באדעם אריין צי ס'איז אויסגעבאקען און א צופרידענער וואס ער וועט אריינבראקען דאס פרישע ברויט אין דער הייסער גריץ, האט ער זיך געלאזט מיט א שמייכעל אהיים.

די ארומיגע אלטעגליכקייט האט ביי מרדכי'ן אפגענומען הענד און פיס. ער האט זיך אויף א רגע אפגעשטעלט, ווי ער וואלט האלב אויפ־געקומען פון א חלום און פון הינטער די ארומיגע פאסירונגען האט אפיר־געבליצט:

נו, איז וואס? נו, איז וואס?

ער איז געגאנגען דורך זייטיגע געסלעך, אויסגעמיטען מענשען, גע־וואלט פון דערווייטענס א קוק טון אויפ'ן „הויף".

— שלום־עליכם, מרדכי!

פאר איהם איז געשטאנען שמאי שאפט אין א שאפענעם פעלץ. מרדכי האט געקוקט אויפ'ן פוטער מיט'ן ברייטען קאלנער, געוועזן זיכער, אז שאפט האט דעם פוטער נישט געקויפט, צוגענומען ביי א שררה פאר פראצענט און זיך דערמאנט ווי דער פאטער האט שמאי'ן איינמאל אויס־געפאטשט.

— זייט איהר שוין לאנג אין קאָצק ?

— פון נעכטען אַז. כ'האב דיך געזוכט ביים רבי'ן אין בית־המדרש, וואו געפינסטו זיך, וואו ?

— איהר זייט שוין געוועזן אין „הויף" ?

— ווי דען, כ'האב זיך שוין געזעהן מיט ר' איטשען...

— ס'איז, דאכט זיך, נעכטען געוועזן א פייער ? — האט מרדכי סתם א פרעג געטון.

— פשש... דאס הייסט א שרפה ! א גאנצע נאכט האט געברענט !

מרדכי'ן איז ליכטיג געווארען אין די אויגען. ער האט נישט ארויס־געוויזען אז דאס פייער האט מיט איהם א שייכות און געפרעגט אין דער וועלט אריין :

— הייסט עס, דער הויף איז אין גאנצען אפּגעברענט געווארען ?

— נישט געבליבען קיין גאנץ ברעט ? דער שאדען באטרעפט אין די שווערע טויזענטער !

— און די ספרי־תורות ?

— וואס מיינסטו ?

— האט מען כאטש די ספרי־תורות געראטעוועט ?

— ס'האט דאך געברענט ביים שררה הינטער דעם בית־עולם !

— אזוי גאר — האט מרדכי צוזעפענט א פּאר אויגען, ווי מען וואלט איהם מיט אמאל א שטארקען קלאפּ געטון איבער'ן קאפּ — אזוי...

— וואס האסטו דען געמיינט ? — האט שמאי געשמייכעלט.

— גאר נישט — האט מרדכי א קנייטש געטון מיט'ן שטערען און זיך פערלוירען — ווען זייט איהר... נעכטען, זאגט איהר, זייט איהר גע־קומען ? וואס הערט זיך אין וואלד ?

— דער טאטע, ווי דער טאטע, ווייסט דאך ? און די מאמע האלט אין איין וויינען, וואס איהר מרדכי'לי מוז נעבעך זיין אין דער פרעמד. כ'האב פאר דיר א בריעף — האט ער גענומען זוכען אין אלע קעשע־נעס — נא, און אויב דו נויטיגסט זיך אין געלד, זאג, וועל איך דיר געבען.

— איהר וועט מיר געטרויען ? — האט מרדכי אויפגעריסען דעם

בריעף ווי צום ליינען, זיך מישב געווען און איהם אריינגעלעגט אין דער בוזעם קעשענע.

— דיין טאטענס א ווארט איז דער קוראנטסטער וועקסעל — האבען זיך די קליינע אויגען ביי שאפט'ן צעשפיעלט — האסט אפשר צייט, מרדכי?

— וואס איז דען?

— כ'וויל זיך מיט דיר דורכרעדען. כ'דארף אויך זיין אין „סאנד". איז אויב דו האסט צייט, פיהר מיך צו.

מרדכי איז מיטגעגאנגען. די נייגעריגקייט וואס שמאי האט איהם צו דערצעהלען אין געוואקסען. ארויסגערופען אהן א שיעור קאמבינאציעס, איהם געשראקען פאר'ן פאטער, וועלכער קען נישט הערען ווי די מוטער וויינט, לויפט איינער אליין איבער'ן וואלד, זידעלט פון פערדרוס די פויערים, פיהלט אז ער געהט אונטער, אז זיין שרה טאבעצקי איז שוין אונטערגעגאנגען און שמאי, שמאי שאפט, וואס האלט אין איין פרעגען פון וואנען איז עם געדרונגען, אז מען דארף געהען אין א ווייסען קאלנער מיט שווארצע שיך, טאמער פארקערט, א שווארצען קאלנער מיט ווייסע שיך — אט דער שמאי, וואס זיצט תמיד אין „סאנד", נעמט יעדען טאג צו ביי אן אנדער פריץ א גיט, ווערט בעל-הבית איבער — — —

— שמאי — האט מרדכי איהם אפגעשטעלט — ווי ווערט אייך נישט נמאס צו משפט'ן זיך דאס גאנצע לעבען? ווייסט איהר כאטש אז א וועלט מיט מענשען זיינען אייך שונאים? איהר זייט דאך א איד א גביר, איז צייט איהר זאלט הנאה האבען פון אייער עשירות, נישט — —

— כא, כא, כא, — האט שאפט זיך שפיציג צולאכט — דאס רעדט פון דיר ארוים דער קציןבן-קצין! איך ווייס, אז געלד איז נישט אלץ! פונדעסטוועגען צו לעבען אזוי ברייט ווי דיין פאטער, דארף מען קענען! כ'קען זיך טאקע ערלויבען צו עסען א מיטאג פאר פינף גילדען, אפילו פאר צעהן גילדען, נאר דעם אמת געזאגט, איז עם ביי מיר אן אפקומעניש! דאס זיצען, דאס באדינען דיך, ד'ייערליי פליישען — כ'קען עם נישט פארטראגען! געה איך מיר אריין אין א גארקיך פון אנשי-שלומנו, קאסט מיך אין גאנצען א גילדען און כ'האב הנאה! צו דיין טאטען, זעהסטו,

וועל איך זיך קיינמאָל נישט פערגלייכען! ער פיהרט דאָך אַ שטאָט אי־בער זיינע כחות! מיינסט טאַקע אַז דער טאַטע איז אַזאַ עושר? הויבט זיך נישט אָן! אין פלאַצק וועסטו געפינען צעהנדליגע אידען וואָס זיינען רייכער פון איהם. און דאָס וואָס כ'האָב אַ וועלט מיט שונאים, וואָס קען איך מיר העלפען? מענשען וועלען קיינמאָל נישט פערגינען זייערס אַ גלייכען, ווען ער ווערט רייך! יאַ — האָט ער זיך געצופּט דאָס גראָע, שיטערע בערדעל — מען האַלט דאָך מיך פאַר אַ געפערליכען קמצן, נאָר גלויב מיר, מרדכי, ווען כ'קריג פאַר מיין צירעלען אַ לייטישען חתן, וואָלט איך איהם איבערגעגעבען די געשעפטען און אליין זיך צוריקגעצויגען פון האנדעל — — — פאַרשטעהסט, אַז מיט'ן טאַטען קען איך נישט רע־דען! ער ווייס, אַז שמאי האָט זיך נאָך ביי דיין זיידע געוואַלגערט אין קיך, געפאָהרען פאַר אַ גילדען אין שטאָדט אריין שחט'ען עופות, געשטאַ־נען ווי אַ פאַכטער פאַר אַ שררה און דער טאַטע איז דער שעהנער איד, מיט אַן אמת, דער נגיד, דער גרויסער בעל־צדקה! ער פאַרגעסט אָבער, דיין טאַטע, אַ קליינינקייט — אַז שמאי איז ביים היינטיגען טאָג דער רייכסטער איד אין דער אַקאַליצע, קען צו יעדער צייט צונעמען דעם וואַלד ביים יונגען טאַבעצקי און דער טאַטע בכבודו ובעצמו וועט בליי־בען ביי מ י ר אַ מענש, ביי ש מ אַ י ' ן!

מרדכי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פאַר'ן פאָטער, נישט געקענט פערטראָגען דאָס שמאָלציגע פייערל אין שמאי'ס אויגען און איהם גע־וואָלט אָפּשטעלען.

— שמאי אָבער — האָט שאָפט זיך געקלאָפּט אין האַרץ אַריין און ווייטער גערעדט—ווייס, ווער דיין טאַטע איז און וועט עס נישט טון, שמאי איז קיין פּראַצענטניק! נור נישט דאָס בין איך אויסען. רעד איך פאַר אַ פּאָר וואָכען מיט'ן טאַטע, דער אמת איז, אַז כ'קען מיט איהם נישט רעדען, רעד איך, אַז כ'גע̃ה צונעמען דעם וואַלד און איהם אוועקגעבען די קינדער נדן — — — פרעגט ער — וואָס פאַרע קינדער? קען איך איהם שוין אין די אויגען גלייך נישט קוקען און כ'זאָג שטיל — כ'מיין, ווען ר' אברהם... ווי דער שטייגער איז... מיינסט, מרדכי, אַז איך בין ביי זיך גע־נאַרט? כ'ווייס, אַז כ'בין נישט דעם טאַטענס גלייכען! נו, טאַקע, ווי

קומט שמאי צו ר׳ אברהם׳ן? נור אז גאט האט מיך געבענשט מיט אזא עשירות, גלויב איך אז עס איז מסתמא מן השמים מיר זאלען זיך משדך זיין. וואס זאגסטו? האסט דו געדארפט הערען ווי דער טאטע איז מיר אנגעפאהרען! כ׳קען דעם טאטען, וויים זיינע משוגעת׳ען... אלא מה, טראכט איך מיר, כ׳וועל רעדען מיט דיר, ביזט געלאסענער.... אויב ס׳זאל ווערען, מרדכי, ציה איך זיך צוריק פון די געשעפטען, גיב דיר אלץ איבער, מיין גאנץ פארמעגען... הא, וואס זאגסטו?

מרדכי האט נישט געגלויבט זיינע אויערען, זיך ניט פארגעשטעלט אז שמאי, דער וועמען מען האט געשאצט אין א מיליאן גילדען און ביי וועמען איז שטוב איז נישט געווען א שאף זיך אריינצוואשען, נור א גריבעל האט מען אויסגעגראבען ביי דער טיר, וואוהין מען פלעגט גיסען געגעל־וואסער, דער איד איז בכח זיך צו שיידען מיט זיין גאנץ פאר־מעגען, אבי זיך איינצוקויפען אין יחוס. דאס האט איהם אזוי געריהרט אז ער האט זיך פארלוירען, נישט געקענט זאגען דעם אמת, אז ער האלט נישט ביי חתונה האבען, קלויבט זיך אוועק צו פאהרען, געזעהן פאר זיך אנאנדער שמאי׳ן, וועמען ער האט נישט געוואלט פערשאפען קיין עגמת־נפש. די צונג האט זיך ביי איהם א דרעה געטון און ער האט ארויס־געשטאמעלט:

— זארגט נישט, שמאי, ס׳וועט אלץ גוט זיין!

ביידע זיינען אפגעגאנגען איבער א מינוט, געשוויגען. דער שנעע האט געסקריפעט. שאפט האט זיך מיט אמאל א כאפ געטון:

— כ׳האב גאר פארגעסען! וואס זאגסטו צו דעם צעטיל מיט נעמען וואס הענגט ביים רבי׳ן אין בית־המדרש?

— וואס מיינט איהר?

— מען דערצעהלט — האט שאפט אויסגעצויגען די פלייצעס, אז מען האט קוים דעם קאפ ארייסגעזעהן — אז היינטיגע נאכט האט מען ביי דניאל׳ן אפגעטון מעשי־תעתועים, מ׳קען עס פשוט איבער די ליפען נישט ברענגען! און וואו? אונטער איין דאך מיט ר׳ מענדעלי׳ן! ווער זאל זיך ריכטען? אזא נבלה, אזא...

— ס׳הענגט, זאגט איהר, א צעטעל?

— אין דער פריה האט געהאנגען. שפעטער האט ר׳ דוד׳ל איהם געהייסען ארונטערדייסען. וואס מיינסטו, ס׳איז א כבוד פאר ר׳ דוד־לען? מען שמועסט שטארק, אז דער „הויף“ וועט צווינגען דניאל׳ן ער זאל געבען דושקה׳ן א גט. אה, האט מען זיי צו׳הרג׳עט! יעדער איי־נער פון זיי האט ארייגעכאפט א „משכנתא“. נחמנ׳ען האט מען אזוי צוממית׳ט אז ער ליגט צו בעט! אין הויף איז חשך! יא, הער זיך איין, ווי קומט עס מרדכי, וואס דיין נאמען איז דארט פאראן — איז שמאי געווארען לעקעשעוואטע — כ׳האב אליין איבערגעלייענט — — —

— מיין נאמען?

— יא, כ׳האב זיך גע׳חדוש׳ט. נו טאקע, ווי קומט עס, דו... כ׳מיין, ווי פאסט... ר׳ איטשע האט גרויס עגמת נפש דערפון! ווייסט דאך, ער רעדט נישט...

מרדכי האט נישט געענטפערט, זיך נישט איינגעהערט וואס שמאי רעדט, דערפיהלט ווי קאצק איז איהם מיט אמאל ענג געווארען. ביים מחותן קען ער נישט איינזיצען, ס׳יאגט איהם פון צימער ארויס, ביי ר׳ דוד׳לען וועט מען היינט־מארגען פערמאכען פאר איהם די טירען... ער האט זיך דערמאנט אן „מגיד“, וועלכער האט איהם געהייסען געהן אין דער גרויסער וועלט אריין, געזאגט אז קאצק איז פאר איהם קיין פלאץ נישט און זיך געווענדעט צו שמאי׳ן:

— הערט, שמאי, כ׳וויל איהר זאלט מיר בארגען פינף טויזענד גיל־דען, נאר מיט דעם תנאי דער טאטע זאל דערפון נישט וויסען.

— צו וואס דארפסטו אזוי פיעל געלד?

— כ׳דארף.

— ווען וועסטו „פעלנאליעטנא“? איבער א יאהר?

— איבער צוויי.

— גוט, נו קום אריבער צו מיר אויף דער אכסניה.

— ווען?

— ווען ס׳איז דיר באקוועמער. כ׳וועל דא מסתמא זוימען א צוויי וואכען.

— וועלען מיר זיך זעהען. לאָמיר זאָגען... וואָס איז היינט — מיטוואָך?

מרדכי האָט באַמערקט ווי פון דער צווייטער זייט גאַס מאַכט מען צו איהם מיט דער האַנד, דערקענט קאַהאַנען און ער האָט זיך געזעגענט מיט שמאַי'ן.

— וועלען מיר זיך זעהען די אַנדערע וואָך.

— גוט.

מרדכי איז אַריבערגעגאַנגען צו קאַהאַנען און איהם געדריקט די האַנד:

— און איך האָב געמיינט אַז איהר זייט אין וואַרשע?

— כ'בין היינט פאַרטאָג צוריקגעקומען — האָט קאַהאַנע נישט אַרויסגעלאָזט מרדכי'ס האַנד — הערט, פאָהרט מיט מיר מיט צו די פראַנצישקאַנער.

— אין קלויסטער אַריין?

— מען וועט אייך דאָרט נישט אָפּ'שמד'ען — האָט קאַהאַנע גע־שמייכעלט — פאָהרט מיט, קאַמאַראָווסקי, וואַרט אויף מיר ביי ראָזענס וויין־שענק מיט אַ געשפּאַנטען שליטען.

— אַזוי ווי כ'געה? — האָט מרדכי אַנגעוויזען אויף דער קאַנגאָ־רענער קאַפּאָטע וואָס הינטער'ן פוטער.

— וואָס מאַכט עס אויס — האָט קאַהאַנע אַ הויב געטהון מיט די אַקסלען און געשמייכעלט — און אויב איהר ווילט, וועלען מיר זיך טוי־שען. נעמט מיין רעקעל און גיט מיר אייער קאַפּאָטע. נו, קומט — האָט ער אַרויסגעלאָזט מרדכי'ס האַנד, גענומען געהן גיך, אַז מרדכי איז יעדע ווײַלע געבליבען הינטערשטעליג.

פאר׳ן שטורם

# דריטער טהייל.

## קאפיטעל 1.

## רוים און ירושלים.

נידריג, ברייטביייניג, די צו ברייטע עטוואס אויסגעבויגענע פלייצעס, האבען געמאכט דעם גרויסען קאפ אויסזעהן קלענער. די טיעפע ווינקלען פון קאפ מיט די איינצעלנע, צעוואָרפענע קרייזלעך, ווי פון שווארצען זייד, האבען זיך צונויפגעגאסען מיט'ן ברייטען שטערען און פון אונטער די דיקע, שווארצע ברעמען, וואס האבען זיך געוועלבט ארויף, האבען ארויסגעפינקעלט א פאר אונרוהיגע אויגען, וואס האבען פערזיכערט, אז צו וואס דער מענש זאל זיך ניט נעמען, וועט ער עס דורכפיהרען.

די פוילישע אימיגראנטען פון פראנקרייך, בעלגיע און דייטשלאנד האבען גוט געקענט „אונזער" קאהאנען, אין די סטודענטישע קאלאניעס האט מען איהם פארגעטערט, דערצעהלט וועגען איהם לעגענדען, איהם גערופען „הייליגער פאוועל".

פיליפ קאהאנע איז געפארען פון איין קאלאניע אין דער צווייטער, גערעדט איבער „דזשאדי", „ניעבאסקא קאמעדיא", געלערענט די יוגענד ווי צו לייענען פאעזיע, זי ארגאניזירט פאליטיש, געהאלפען דעם גענעראל מיעראסלאווסקי, בעשאפען צווישען די סטודענטען אן ארגאניזאציע, וואס זאל זיין גרייט צו יעדען רוף זיך אנצושליסען אן אויפשטאנד.

קאהאנע האט גערעדט פויליש מיט א אידישען אקצענט, זיך נישט געקענט בעפרייען פון העברעאישען אידיאם, פון דעם נביא'ס משל, געבוים די זאצען ווי ער וואלט גערעדט אידיש און אז זיינס א חבר, א פאלאק, האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, פארוואס ער בעפרייט זיך נישט דערפון, האט ער געענטפערט אז ער וועט דעם תוך נישט מקריב זיין פאר דער פארם, פשוט דערפאר וואס ער איז געבוירען געווארען א איד.

קאהאנע האט נישט געוואוסט ווי מען לאדענט אן א פיסטאלעט און אין דער זעלבער צייט האט ער געלייענט פאר סטודענטען לעקציעס אין פעלד־פארטיפיקאציע, געליינט איבער טאקטיק און סטראטעגיק.

אויפ'ן ערשטען קוק איז געווען עפיס קאמישעס אין זיין גאנצער פי־גור. דער ריהרעוודיגער קאהאנע מיט די שווארצע קרייזלעך האט זיך קוים ארויסגעזעהן פון צווישען די בלאנדע, געוויקסיגע פאלאקען. האט ער זיך אבער צורעדט, האבען די בלאנדע צוהערער פארגעסען אז צווי־שען זיי שטעהט א קליין אידעל. דערזעהן איבער זיך א נביא, וואס שליי־דערט בליצען און פלאמען, רייסט מיט שטיינער און בערג, פערשפרייט ארום זיך א פיינליכע אונרוה, וואס טראגט זיך, וואגעלט איבער פוילישע פעלדער און וועלדער, זאגט אז די שעה איז נאהענט—פערלאזט דאס יונגווארג די שוהלען, די לעהר־ביכער, לאזט דער פויער איבער דאס אקער־אייזען אויפ'ן פעלד, לאזט איבער ווייב און קינד און בעפרייטע זאמלען זיי זיך אין די וועלדער.

קאהאנע האט זיך יאהרען ארומגעשלעפט אין אויסלאנד, געווען א קאמוניסט, געפלאנט אויסצובויען א קאלאניע אין אמעריקא, א מין „נייע איקאריען", געזאמעלט געלד, פאראינטערעסירט אימיגראנטען. פונקט דעמאלט האט ער זיך באגעגענט אין פאריז מיט העס'ען און פון זיין פלאן איז גארנישט געווארען. העס האט אויף איהם געהאט אזא איינפלוס, אז קאהאנע האט אנגעהויבען צו קוקען קרום אויף זיינע פריהערדיגע חברים, נישט פערשטאנען פארוואס זיינע קאלעגען, וואס זיינען ערשט נעכטען ארוים פון דער אידישער סביבה, שעהמען זיך מיט זייער אפ־שטאמונג און הראביא יעלענסקי, א גוי פון דריטען דור, וועמעס עלטער־זיידע, ר' שאיעס, איז געווען פראנק'ס אפאסטאל, ווייזט ביי יעדער גע־לעגענהייט ארויס זיין אידישקייט, ווארפט זיך דערמיט אלעמען אין די אויגען, ווי דאס וואלט געווען זיין אמת'ער יחוס.

קאהאנע האט אנגעהויבען פרום צו ווערען, פערלאזט א בארד, גע־רעדט אין פאריזער בתי־מדרשים, אז די גאולה איז נאהענט, געגלויבט, אז די צייט איז געקומען אלע אונטערדריקטע פעלקער זאלען אראפוואר־פען פון זייערע קברים די שווערע מצבות און אויפשטעהן תחית־המתים.

ער האט זיך געשלעפט איבער די פאריזער גאסען, וויטער געשפונען די התגלות וואס זיינע ברידער, די נביאים, האבען אנגעהויבען אויפ'ן בארג מוריה און וואס האט זיך נאך ביז דעם היינטיגען טאג נישט איי־בערגעריסען. אפילו ווען דער געצענדינערשער רוים האט געמאכט א סוף צום גריכישען און אידישען קולטור־לעבען, איז פון די חורבות ארויס־געוואקסען א נייע לעבען. וואס איז נתגלה געווארען דורך א איד. און איצט ווען דאס קריסטליכע רוים גוסס'ט און ס'נייע לעבען קלאפט שוין אין די פענסטער, וועקט דעם מענש צו מעשים, דערצעהלט אז די גאולה איז נאהענט, ליגט אין מענשען'ס אייגענע הענד — אפילו ד א ס נייע לעבען ווערט אויך נתגלה דורך א איד.

קאהאנע האט העם'ען פארגעטערט, געקוקט אויף סיבילען ווי אויף מאגדאלענען, געשטאנען ביים קוואל פון אידישער התגלות, געשעפט גאט'סווארט. עס פערשפרייט אין די בתי־מדרשים, וואו מען האט אויף איהם געקוקט ווי אויף א משוגע'נעם, עס פערשפרייט צווישען פוילישע סטודענטען, וואו מען האט זיך נישט צוגעהערט צו איהם. ער איז אבער נישט מיעד געווארען, געהאלטען אין איין פלאנצען אויף דער שטיינער־נער ערד ביז ס'איז א נס געשעהן — פון צווישען די שטיינערנע שפאלטען האבען זיך דא און דארט ארויסגעריסען פער'עקשנ'טע ביימלער, זיך פער־צווייגט, זיך געווארצעלט אין טרוקענעם שטיין, דערמאנט גאט'ס ווארט.

קאהאנע האט געזעהן, אז זיין ארבייט וועט שוין נישט פערלוירען געהן, מען וועט זי טון אהן איהם, איז ער א צופרידענער צוריק געפאהרען נאך פוילען, געגלויבט אז היינט־מארגען וועט דאס פוילישע פאלק זיך באפרייען, אויפשטעהן תחית־המתים, דערנעהנטערען די גאולה.

---

אז קאהאנע מיט מרדכי'ן זיינען צוגעקומען צו דער ווין־שענק, האי־בען זיי פון דערווייטענס דערזעהן ווי קאמאראווסקי מיט יעלענסקי'ן זי־צען אין א געשפאנטען שליטען.

יעלענסקי איז פלינק ארויסגעשפרונגען און זיי אנטקעגען געגאנגען.

— באקענט אייך — האט קאהאנע איהם געגעבען די האנד און גע־צייגט אויף מרדכי'ן — הראביא יעלענסקי...

— צו הונדערט טויזענד טייוואלים! — האט יעלענסקי איהם אי־בערגעריסען און מיט די אויגען זיך ענטשולדיגט פאר מרדכי'ן — וואס פארע הראביא בין איך איהם? מען רופט מיך יערזשי, יערזשי יעלענס־קי! כ'הייס נאך מיין זיידען — י ר ו ח ם.

דאס לעצטע ווארט האט ער אקצענטירט און געקוקט אויף מרדכי'ן מיט אזא קרענקליכער גדלות, ווי ער וואלט נישט דערמאנט א אידישען נאמען, נאר דעם עלטסטען פוילישען הערב.

ער האט געוויזען מרדכי'ן וואו זיך צו זעצען, אליין אויך ארייגגע־שפרונגען אין שליטען און א געשריי געטון צום אנטרייבער:

— פאהר!

יעלענסקי האט איינגעדעקט אלעמענס פיס מיט א האריגען „קאץ". זיך באקוועם אוועקגעזעצט און אויף א מינוט נישט אנשווייגען געווארען. ער האט גערעדט גיך, געפעפענט און פערמאכט די לאנגע פינגער פון דער רעכטער האנד און די פאלירטע, דורכזיכטיגע נעגעל האבען צוגעגעבען די ווערטער א שארפקייט.

— אז ס'איז א חרפה צו זיין א הראביא! אין קעניגליכען הויף האט מען מיט'ן הערב געהאנדעלט, ווי מיינע זיידעס מיט בראנפען! און ביי סטאניסלאוו אגוסט'ן האט יעדער כאם פאר פינף, זעקס הונדערט דוקא־טען געקענט ווערען א הראביא!

מרדכי האט זיך איינגעקוקט אין יעלענסקי'ן, געזעהן פאר זיך א אידיש פנים. די אויגען לענגליך, פינקלען ווי שווארץ ביער, נעמען דורך. קיין סמן פון דער נישט זיכערקייט און שרעק, וואס מען זעהט אין אידישע אויגען.

— וואס זאגט איהר — האט קאהאנע זיך אנגערופען — ווי די גאנצע פרעסע האט אויפגענומען יאסטראווו'ס רעדע?

— „צוויי ברידער פון איין ערד?" — האט יעלענסקי זיך צולאכט — וואס פארע ברידער זיינען מיר? אפשר דו מיט'ן הראביא קאמאראווסקי'ן, צי מיט מיעראסלאווסקי'ן? איך נישט! איך בין א איד! כ'רעד שוין נישט, וואס אין די דרייסיגער איז מאראווסקי'ן נישט אנגעשטאנען די שלאכטא זאל זיך שלאגן צוזאמען מיט אידען. אפילו דער „גרויסער" לעלעוועל איז אויך געווען דאגעגען און מיט אמאל ב ר י ד ע ר? דארפסט מעהר? נעם מיין אלטען! א פרומער קאטאליק, האלט אין איין תפלה טון, חבר'ט זיך בלויז מיט גלחים, סטראשעט, אז אויב כ'וועל נישט פרומער ווערען און כ'וועל איהם נישט אויפהערען צו דערגעהן די יאהרען מיט'ן זיידע ירוחם, דוקא ווען געסט וועלען זיין אין הויז, הא, הא, הא, וועט ער מיך מאכען פאר אוים יורש — — — דארפסט איהר א בעסערען קאטאליק? האט דער אלטער אבער א שוואכקייט. טרייבט פון הויז די ארימע שלאכטא, וואס שרכנ'ט זיך צו מיין שוועסטער, וויל פאר איהר א הראביא און דוקא פון די אלטע, פוילישע הראביעס און זיי, די הראביעס, ווילען איהם פאר קיין פאל נישט מוחל זיין, וואס דער זיידע ירוחם האט געקראגען פון בישאפ דעמבאווסקי הונדערט שמיץ!

— שמיץ? — האט מרדכי אן איבערראשטער איבערגעפרעגט.

— יא, פאניע, שמיץ. דאס איז געווען, באלד... דאס איז געווען ווינטער אין 1750. דער פרומער בישאפ האט ארויסגעגעבען א באפעל אז אין פיער און צוואנציג שעה זאלען אלע אידען פערלאזען קאמענעץ-פאדאלסק און קיין פאלאק זאל ניט דערוועגען צו קויפען א אידיש הויז. מיין זיידע האט אנגערעדט די אידען זיי זאלען אונטערצינדען די הייזער, נישט איבערגעבען זיי דעם קלויסטער. ער האט דער ערשטער אונטערגעצונדען זיין הויז און פון אידישען קווארטאל איז איבער נאכט קיין זכר געבליבען. דערפאר האט מען איהם אויסגעצויגען אין מיטען מארק אויפ'ן שנעע, געשמיסען און דער פרומער דעמבאווסקי האט געצוואונגען מיין עלטער-באבע צו ציילען די שמיץ וואס מען גיט איהר מאן...

יעלענסקי האט געקוקט פון איינעם אויפ'ן צווייטען. ווי ער וואלט געוואלט אויסגעפינען דעם רושם וואס זיינע רייד האבען געמאכט.

יעדעס מאל, ווען קאמאראווסקי האט געהערט יעלענסקי'ן רעדען, האט ער זיך פארלארען, ווי אין אלעם וואלט ער געווען שולדיג, געווען שולדיג וואס זיין זיידע, זיין טאטע האבען געשמיסען פויערים, געשמיסען אידען, זיך געגרויסט און געוויילט דערמיט געסט. ער האט געקוקט אויף די דריי אידען, וואס זיינען איהם אזוי נאהענט און ליעב און נישט פארשטאנען פארוואס זיי זיינען איהם אין דער זעלבער צייט אזוי פרעמד. דאס לעבערליכע, וואס מען האט אין איהם איינגעפלאנצט פון קינדוויין אן צו דעם איד, איז פערשוואונדען און ער האט דערזעהן אין יעדען איינעם מיט אידיש בלוט עפיס טראגישעס, קין'ס צייכען. איז ער דאך גע־וואקסען מיט יערושי'ן, צוזאמען געלערענט, צוזאמען גע'חלומ'ט און יע־דעס מאל ווען ער איז געקומען צו איהם צו גאסט, האט יערושי'ס פאטער מיט'ן פער'דאגה'טען פנים, די שווערע, הייליגע בילדער, דאס נישט הויכע רעדען, אלץ האט איהם געשראקען און ער האט געהאט ס'געפיהל אז ער געפינט זיך אין אן אנדער וועלט, וואס וועט איהם תמיד זיין פרעמד.

יעלענסקי האט א פינקעל געטון מיט די אויגען און געענדיגט:

— דער בישאפ האט מורא געהאט די קומענדע דורות זאלען נישט פארגעסען זיין גרויסע איבערגעגעבענהייט צו דער קירכע, האט ער אליין באשריבען ווי ער האט ארויסגעטריבען די „אונגלויביגע", נישט רחמנות געהאט אויף קינדער און אלטע, זיי געטריבען מיט הינד און שטעקענס ביז איבער'ן גארטעל אין שנעע און דעם „פארכאטען" י ר ו ח ם האט ער געדארפט פארברענען, נישט אפלאזען מיט הונדערט שמיץ. צום סוף דריקט דער בישאפ אויס די האפנונג אז זיין ביכעל וועט זיך געפינען אין יעדער קאטוילישער שטוב.

**— דאס איז דאך דאס זעלבע ביכעל וואס דיין פאטער האלט אין איין אויפקויפען — האט זיך קאהאנע אנגערופען.**

— יא, ער צאלט שווער געלד, וויל נישט מען זאל וויסען זיין יחוס— האט יעלענסקי אריינגעשמייכעלט אין זיין דיקער, שווארצער וואנסע — מען קען דאס ביכעל מעהר נישט קריגען. כ'האב אבער מורא, אז דער אלטער וועט מיד מעהר איבער זיין שוועל נישט אריבערלאזען! איהר

ווייסט וואס כ׳געה טון? כ׳געה עס לאזען איבערדרוקען. כ׳וועל צוגעבען דעם יחוס פון ירוחם׳ען ביז פיאטר יעלענסקי׳ן און עס צושיקען צו אלע אונזערע שכנים. כא, כא, כא! וואס זאגט איהר דערויף?

ער האט נישט געווארט אויף קיין ענטפער, אנגעכאפט קאמאראווס־קי׳ן פאר א האנט און וויטער גערעדט:

— אייער „יעדנאשטש“ איז אז אונזין! אז איהר האט נישט גע־קענט פערדייען, דו און דיינע זיידעס, עטליכע הונדערט גע׳שמד׳טע אי־דען, וואס שטעהען אייך נאך היינט ווי א ביין אין האלז, ווי קענט איהר נאך חלום׳ען צו אסימילירען די אידען פון פוילען? פון אייערע פלאקסע־נע האר וועט דאך קיין זכר נישט בלייבען!

די פערד האבען זיך געטראגען איבער׳ן שנעע, אויפגעהויבען א קאל־טען, שטעכיגען שטויב, געשמיסען מיט די לאנגע עקען איבער די גלאנ־ציגע זייטען, פערווארפען די קעפ מיט די צוהיצטע נאז־לעכער און גע־הירזשעט.

יעלענסקי האט נישט אויפגעהערט רעדען און איבער׳ן וועג, צווישען די שטעכיגע שנעעלעך, האט זיך געקייקעלט א הארציג געלעכטער.

מרדכי האט אנגעקוואלען פון יעלענסקי׳ס רייד, געקוקט אויפ׳ן שטאלצען הראביא, געזוכט א שייכות צווישען איהם און די „מה־יפית“ אידען, אין וועמעס נאמען ער רעדט. ער האט פאר זיך געזעהן מולכו׳ן. ווי ער קומט אנצורייטען נאך רעגענסבורג, דארף אויפגענומען ווערען אין קייסערליכען הויף, איז זיכער אז ער וועט דעם קעניג געווינען אויף זיין זייט און מרדכי׳ן איז תמיד קשה געווען צו וואס מולכו, האט דעם ערש־טען וויזיט געמאכט ביי ר׳ יוסילמאנען, דעם שתדלן, מיט וועלכען ער האט זיך צומאל נישט געקענט צונויפרעדען. ר׳ יוסילמאן, א דערשלא־גענער, דייטשער איד, מיט א געלע שאנד־לאטע אויף די פלייצעס, וואס בויגט זיך פאר יעדען דורכגעהענדען קריסט און מולכו — א שטאלצער ריטער, וואס האט זיך ערצויגען אין קעניגליכען הויף! איצט קוקענדיג אויף יעלענסקי׳ן, איז מרדכי׳ן קלאר געווארען פאר וואס שלמה מולכו האט זיך גע׳חבר׳ט מיט יוסילמאנען, דעם שתדלן.

— אז מען קען מיט דיר נישט רעדן — האט קאמאראווסקי עטליכע מאל איבערגעהאקט יעלענסקי'ן.

— וואס דארפסטו מעהר ? — האבן די אויגן ביי יעלענסקי'ן גע־פלאקערט — כ'האב ליגן אן אנאנים ביכעל, וואו עס ווערט באשריבען ווי מען האט מיין פאטער געקריסטעלט. יעדעס מאל ווען כ'ליין דאס ביכעל, פאלט מיר איין אז א פאלאק בענקט מעהר נאך ראסען־הערשאפט ווי נאך א פוילישען שטאט !

— נישט אמת, נישט אמת — האט קאהאנע זיך א קרום געטון.

— דער שרייבער פון ביכעל — האט יעלענסקי נישט באמערקט קאהאנעס קרום און גערעדט אין איין אטעם — קלאגט זיך וואס מען קען נישט דורכגעהן די ווארשעווער גאסען מען זאל נישט באגעגענען א נעא־פיט. די נעאפיטען פארנעמען זיך נישט מיט קיין ארבייט, יעדער האלט איבער צוואנציג שענקען, לעבען אפגעזונדערט, זיינען זיך קיינמאל נישט משדך מיט אן א מ ת ' ע ן קאטאליק, געבליבען די זעלבע אידען. הא, הא, הא, ווי געפעלט עס דיר ?

— טשיקאווע, טשיקאווע — האט קאהאנע זיך געקנאקט די פינגער.

— קען מען קריגען ביי דיר דאס ביכעל ?

— געווים, כ'האב אפילו אויסגעפונען ווער ס'האט געשריבען דאס אנאנימע ביכעל, איינער א גלח, האגארטאווסקי הייסט ער. הערט אבער ווייטער — אויף די „כשצינעס" — דערצעהלט דער גלח — זיינען געווען א דרייסיג נעאפיטען, קיין איין אמת'ער קאטאליק. ס'עסען איז געווען ווי ביי אידען — געפילטע פיש, ווייסע חלה — — — דאס רעדען מיט די הענד, די צעשראקענע, ביטרע אויגען, אפילו דאס צו אפטע צלמ'ן זיך, אלץ האט מיר אויסגעזעהן אז כ'זיץ צווישען אידען, אז זיי קוקען אויף מיר קרום, ווארפען אריין אידישע ווערטער, וועלכע איך פארשטעה נים. ווי זיי וואלטען זיך אויסגעהיט פון מיר, ווי פון א פרעמדען, בין איך אין מיטען מאלצייט ארויסגעגאנגען — — —

— אט זיינען מיר שוין — האט קאהאנע זיך אנגערופען.

אלע זיינען אויף א ווייטע אנשוויגען געווארען, אויסגעמיטען צו קר־

קען אויף קאַכאַראַוואָסקי׳ן, ווי יעלענסקי׳ס רייד וואָלטען סותר און נאַריש געמאַכט זייער איצטיגעס פּאַהרען.

בארג אַרויף האָבען זיך געצויגען אָפּגערייניגטע סטעזשקעס, וואָס פון ביידע זייטען איז געלעגען אַ טיפער שנעע. לאַנגע, געקאַלעכטע גע־ביידעס זיינען געווען צעוואָרפען איבער׳ן גאַנצען שטח און אויסגעזעהן פון דערווייטענס ווי קאַזאַרמעס. אין דער מיט איז געשטאַנען אַ קלויס־טער מיט צוויי טורעמס, וועמעס צלמים, באַשאָטען מיט צודריוועלטען שנעע, האָבען זיך געצייכענט אין דער דורכזיכטיגער לופט. די טויערען פון קלויסטער זיינען געווען ברייט צועפענט און די פלעמלעך פון די וואַק־סענע ליכט האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט אין שאָטען, פערשוואונדען און זיך צוריק באַוויזען. פון אַלע זייטען זיינען אָנגעפּאַרען שליטלעך מיט פּויערים, יונגען מיט סענקעוואַטע שטעקענס זיינען אָנגעקומען קופּקעסווייז, פרויען אין שוואַרצע קליידער האָבען געקניעט פאַר׳ן קלויסטער און איינ־ציגווייז פערשוואונדען אין די צועפענטע טויערען, ווי אין אַ בעלויכטענער, טיעפער הייהל. מאַנאַכען אין לאַנגע, ברוינע קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען, וואָס די טראָלדען האָבען זיך געבאַמבעלט צווישען די פיס, האָבען זיך נאָטפאַרכטיג געשאַרט צווישען עולם, געטון זייער טעגליכע אַרבייט, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פאַרגעקומען.

דער שליטען האָט זיך אָפּגעשטעלט. יעלענסקי האָט אויפגעהויבען דעם „קאָץ“ און אַלע זיינען אַרויס. עס איז שווער געווען צוצוקומען צום קלויסטער. דער עולם האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע זייטען. יעדע ווייל־ע איז אָנגעקומען אַ פרישע קאָמפּאַניע. איינער האָט געטראָגען אַ צלם, אַ אַנדערער — אַ הייליג בילד און דער עולם האָט געזונגען. דאָס גע־זאַנג האָט זיך געטראָגען פון אַרום און אַרום. דאָ האָט מען געענדיגט, דאָרט אָנגעהויבען, דאָ איז אימיצער אַריין אין דער מיט און דאָס שטילע געזאַנג האָט זיך געקייקעלט איבער׳ן ווייסען שנעע, אָנגעיאָגט אַ טרויער. ס׳פאָלק האָט זיך געהאַלטען אין איין צלם׳ען און שטיל מיטגעזונגען, ווי אויף אַ „אַטפּוסט“.

אַ יונגער גלח איז אויסגעוואַקסען, זיך באַגריסט, פון דער זייט אַ קוק געטון אויף מרדכי׳ן, ווען מען האָט איהם פאָרגעשטעלט, איז מרדכי׳ן

געוואָרען אונהיימליך, געמיינט, אַז פון אַלע זייטען קוקט מען אויף איהם.

— פאַניע קאַהאַנע — האָט דער גלח אַ צופרידענער געוויזען אויף די מענשען, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין אָנקומען — איצט וועט שוין קיינער נישט זאָגען, אַז ס'פאָלק איז געגען אויפשטאַנד, האַ?

מרדכי האָט זיך נישט צוגעהערט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, האַלב פערמאַכטע אויגען, נישט געפיהלט אַז ארום איהם איז אַ געדיכטע וואַנד מיט מענשען, וואָס האַלט זיך אין איין צוזאַמענפּרעסען, פאַרשטעלט וואָס טוט זיך ארום. אין מוח ביי איהם איז געוואָרען אַזוי לופטיג אַז ער האָט זיך געהויבען איבער אַלעמענס קעפּ, געזעהן ווי דער שונא אַ בעוואָפענטער קומט אָן, שטעלט אָן די ביקסען און סטראַשעט אַז אויב מען וועט זיך נישט פונאַנדערגעהן וועט ער שיסען. דער עולם האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי איין מענש זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און זיך געבעטען ביים שונא:

— שים!

דער עולם האָט זיך אַ וויעג געטון, געוואָלט נעהנטער צוקומען צום קלויסטער, מיטגעשלעפּט מרדכי'ן. האָט ער דערפיהלט ווי ער זיצט אין אַ קלעם, טראָגט זיך מיט'ן שטראָם ווי אַ שפּענדיל און מורא געהאַט די מאַסע זאָל נישט צוקוועטשען קאַהאַנען. ער האָט זיך ארומגעקוקט, דערזעהן ארום זיך פאַרדעכטיגע פּנים'ער, דערזעהן שפּיציגע אויגען, געהערט ווי אַן אַלטיטשקער אין אַ „קאָנפעדעראַטקע" דערצעהלט, ווי ער האָט אין די דרייסיגער פערטייטיגט וואַרשע און קיינער פון די ארומיגע הערט זיך נישט איין. אַלע מיט צופּעגטע מיילער, גייציגע אויגען רייסען זיך צום קלויסטער מיט אָנגעשטעלטע עלעבויגענס, איז מרדכי'ן איינגעפאַלען צי די זעלבע מאַסע וואָלט בכח געווען זיך צו שטעלען קעגען וועלכען עס איז שונא?

ביים אריינגאַנג אין קלויסטער, וואו דאָס בילד פון דער הייליגער מאַמע איז געשטאַנען, האָט מען אויסגעשטעלט אַ גיפּסענע פיגור פון אַ יונגער פרוי. אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ „קאָנפעדעראַטקע", אויפ'ן האַרץ אַ ווייסען אַדלער פון בלומען און איבער די הענד און פיס האָבען

געהאנגען אייזערנע קייטען. א הייפעלע יונגעליים מיט מיידלעך האבען געקניעט אויפ'ן שנעע און געזונגען:

**Boże coś Polskę — — —**

דאס פאלק האט אונטערגעכאפט. געבליבען שטעהן ווי א וואנד און אין דער קאלטער לופט האט עפּיס א ציטער געטון אהן ווערטער.

ביי דער פיגור איז אויסגעוואקסען א גלח. נאך איהם א צווייטער, א דריטער. דער עולם האט זיך קיין ריהר געטון, געשטאנען מיט צו־שטראלטע פנים'ער, נישט געהערט וואס מען רעדט. בלויז געפיהלט אז די שעה האט געשלאגען, מען דארף צערייסען די קייטען.

קאהאנע האט געארבייט מיט די פויסטען, געערדט הייזעריג. די וואס זיינען געשטאנען נאהענט האבען געווארפען די היטלען, געשריען „יעדנאשטש". מרדכי האט דערפיהלט א פאר נאסע וואנסען פון טאבעק־שמעקען אויף זיינע באקען — אז עלטערער גוי האט איהם ארומגעכאפט און זיך צוקושט:

— אז „יעדנאשטש", זאל זיין „יעדנאשטש"!

עמיצער האט פערצויגען און איבער'ן פעלד האט א הילך געטון:

**Z dymem pożarów — — —**

דאס געזאנג איז געוואקסען העכער און העכער, זיך געקייקעלט אי־בער די פוטערנע היטלען פון די פויערים און אין דער לופט האט זיך גע־טראגען א הייליג גלויבען פון א פאלק, אז היינט, מארגען וועט עס בע־פרייט ווערען.

די לופט האט אויפגעציטערט ארום און ארום:

— ער פאהרט. ער פאהרט.

— ווער?

— פרינץ פאניאטאווסקי!

— ווער איז ער?

— ווער ער איז? כ'ווייס — — — ווי זאגט מען דיר?

— א פרינץ?

— יאַ, פּאַניע, אַ פּרינץ!

— ניין, ס'איז נאָר הראַביאַ זאַמאָיסקי!

— ביזט זיכער?

— זיכער צי נישט זיכער, נאָר ס'קומט, ברודער, אַנצופּאַהרען נישט ביליע־ווער!

— וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ געשפּאַן?

— ווי דאָס לויכט!

— גאָלד!

— ריינע גאָלד!

פון וואַלד איז אַנגעריטען אַ סוויטע שלאַכטשיצעס. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געלויף, קיינער האָט נישט געוואוסט ווער עס קומט אַנצופאַהרען. מען האָט אַנגערופען פערשידענע נעמען, זיך געשפּאַרט, זיך געוועט. באַלד האָט זיך באַוויזען אַ קאַטש געשפּאַנט „נאַ־שפּיץ" אין צעהן פערד — לויט די צעהן פוילישע גובערניעס. אין קאַטש איז געזעסען אַ יונגערמאַן, אַרומגערינגעלט מיט דאַמען. די פערד געהילט אין בלויע־זיידענעם בראָקאַט, דורכגעוועבט מיט זילבערנע אַדלערס, האָבען געטראַגען אויף די פּעריסענע קעפּ גאָלדענע יחוס־הערבען. בויגינע, פוילישע טעכטער אין נאַציאָנאַלע „קראַקאָווסקע" קליידער האָבען געשלאָסען אַן עהרען־וואַך, עטוואָס געבויגען זייערע שטאָלצע קעפּ, גע'כשופ'ט מיט די בלויע אויגען, מיט די גאָלדענע צעפּ. די גלאָקען האָבען זיך שטיל צעוויעגט און פון קלויסטער איז דעם פּרינץ אַנטקעגען געקומען אַ הייליגע פּראָצעסיע. און די קלויסטער־גלאָקען האָבען זיך שטאַרקער צעוויעגט און די שטאָלצע, פוילישע טעכטער האָבען טיעפער געבויגען זייערע קעפּ, העכער און שטאַרקער האָט געקלונגען זייער געזאַנג, בעגלייט מיט אַ קרעכץ פון אַ אידישער פידעל. אַזוי האָט מען אַראָפּגעשליידערט דעם שווערען יאָך, פערהילכט די חרפּה און וועהטאָג פון פוילישען פאָלק — האָט דער עולם שטיל און הייליג זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען פאַר זייער פּרינץ און געגאַרט נאָך זיינעם אַ וואָרט.

און שטאָלץ איז געשטאַנען דער פּרינץ איבער דעם קניענדיגען פאָלק. קריגעריש געביסען זיין לאַנגע וואָנסע און געזעהן ווי פון וואַלד קומט אַן

א איד. דאס איז געווען משה׳לע דארף־שוחט, א קליין אידעל מיט אן אויסגעגעסען בערדעל, וואס האט אהיים געטראגען א זעקעל מיט לונג־און־לעבערס. פארגעסען האט דער פרינץ, אז מען קניעט און מען ווארט אויף זיינס א ווארט. ער איז ארויס פון דער קאטש, אנטקעגען געגאנגען דעם אידעל, איהם ארומגעכאפט און זיך צוקושט מיט איהם. האבען די שלאכטשיצעס געווארפען די „קאנפעדעראטקעס“, די דאמען — די ווייסע, זיידענע האנטשעך און דאס נור וואס תפילה׳דיג פאלק איז אויפגעשפרונגען מיט א וויוואט, געשריען „יעדנאשטש“, לאנג לעבען זאל מאשעק — האט זיך די ברייטע נאטור פונ׳ם פרינץ צעשפיעלט אונטער די דאמעס געשרייען, האט ער משה׳ן געכאפט אויף די הענד, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאס אידעל האט געדריגעט מיט די פיס, געוויינט, איהם אריינגעזעצט אין דער קאטש און דער צוג האט זיך ווייטער געצויגען.

די דאמען האבען גענומען בארוהיגען דעם שוחט, איהם געגלעט, אראפגענומען פון די העלזער סאמעטלעך, בענדער, ציערונג, אויסגעפלאכטען פאר איהם א „קאנפעדעראטקע“ מיט א פאווע־פעדער, געגאסען אויף איהם פארפומען פון זילבערנע פלאקאנען און געווארפען גורל, ווער עס זאל איהם צוערשט א קוש טון. דער שוחט איז נעבער געזעסען אין געברענטע צרות, געוויינט, תפלה געטון.

מרדכי איז אויסגעוואקסען ביי דער גיפסענער פיגור, וואו הייליגע פאהנען האבען געפלאטערט. א בלייבער, מיט אויפגעהויבענע הענד, איז ער געשטאנען עטוואס געבויגען, זיך קיין ריהר געטון. די אויגען אפענע, מילדע, האבען געקוקט עטוואס צעשראקען און וועמעס בליק האט צו זיי פערבלאנדזשעט, האט זיך שוין פון זיינע אויגען נישט געקענט בעפרייען. צווישען די פלאטערענדע פאהנען האבען ארויסגעשטראלט צוויי פנים׳ער, ווי צוויי לייבליכע ברידער — דער בלייבער „ז ו ה ן“ און דער נאך בלייבערער מרדכי.

די געשרייען זיינען געווארען קלענער, דאס געזאנג שטילער. דא און דארט האט מען געטייטעלט מיט די פינגער, ווי אויף א וואונדער, זיך

נישט געכאפט וואס דא טוט זיך, פערגאפטע זיך געהויבען אויף די שפּיץ פינגער:

— ווער איז דאס?
— ווער איז דאס?
— א איד?
— ער זעהט דאך אוים ווי פאן יעזוס!
— ווער איז דאס?
— ווער?

מרדכי איז געשטאנען ווי פריהער. ס'פּנים בלייך, אויסגעצווינגען, די האר נאכלעסיג צעווארפען איבער'ן שטערען, די קאפאטע צוקנעפעלט און די ווייסע, איידעלע הענד געוועגדט צום עולם.

די פּלוצלינגע שטילקייט האט געזשומעט אין די אויערען, בולט'ער געמאכט דאס איינטאניגע וויעגען פון די קלויסטער גלאקען, און א פחד געמישט מיט נייגעריגקייט האט זיך געוויעגט אין די הערצער.

קיינער האט נישט באמערקט ווי פון וואלד זיינען אנגעריטען קא־זאקען אויף קליינע, פלינקע פערד. מיט אמאל האט זיך דערהערט דאס קלאפען פון א פּויק. די קאזאקען זיינען אנגעלאפען מיט פינקעלדיגע באַ־יאנעטען, מיט אנגעשטעלטע ביקסען צום שיסען.

אנשטאט צו אנטלויפען האט דער עולם זיך נאך מעהר צוזאמענגע־דריקט, פלייצע צו פלייצע, זיך צונויפגעגאסען אין אן אונענדליכער וואנד און איבער דער וואנד איז געשטאנען מרדכי, ווי אויסגעהאקט פון מאטען שטיין, זיך אנגעשפּארט מיט איין האנד אן דער הייליגער מאמע און גע־קוקט אויפ'ן עולם.

די מאסע האט זיך א שפּאר געטון, געוואלט אריין אין קלויסטער, געווען אבער אזוי צוזאמענגעפּרעסט, אז קיין איין מענש האט זיך נישט געקענט אפּרייסען, איז די מאסע געבליבען שטעקען אין דער לופט, דאכט זיך געהאנגען, ווי א פויסט וואלט זיך איהר אוועקגעשטעלט אין האלז און מיט גלאציגע אויגען געקוקט אויפ'ן בלייכען איד.

די פּויק איז אנשווייגען געווארען און ס'האט זיך געהערט א הייזעריג קול פון אן אפיציר:

— צוגעהט אייך, אז נישט וועט מען אייך מיט געווער צוטרייבען!

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. א יונגער גלח האָט אויפגעהויבען א צלם און זיך צוזונגען:

**Święty Boże — — —**

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט:

**Święty Boże, święty mocny, święty a nieśmiertelny, zmiłuj się nad nami.**

אַלע האָבען אַראָפּגעכאַפּט די היטלען. געזונגען העכער. פער׳עקשנ׳ט געקוקט אויף די פינקעלדיגע באַיאָנעטען, אויף די לעכער פון די אָנגעשטעלט ביקסען, זיך געמאָסטען מיט כוחות.

א לייכט קלאַפּען פון פּויקען, ווי מען וואָלט אַרבעס געשאָטען, האָט אויפגעטרייסעלט די לופט. באַלד איז דאָס קלאַפּען געוואָרען שטאַרקער, איבערגעגאַנגען אין א וואָיען, אַז דרעשטשעס זיינען דורך איבער׳ן לייב. און א קנאַל פון ביקסען האָט פערטויבט אויף א רגע דאָס שטילע געזאַנג. דער גלח האָט אַרויסגעלאָזט דעם צלם, א צווייטער האָט איהם אויפגעהויבען, גלייך געפאַלען פון א קויל. מרדכי האָט אונטערגעכאַפּט דעם צלם.

די צונויפגעפּרעסטע וואַנד פון מענשען האָט נאָכגעלאָזט, אַריבערגעשפּרונגען איבער די קרעכצען פון די געפאַלענע, זיך נישט צעלאָפען און מיט אויפגעהויבענע שטעקענס, מיט בלויזע הענד, מיט שטיינער זיך א שפּאַר געטון צום שונא.

מרדכי איז געלאָפען אויף א פריהער.

ס׳העמד צעריסען, ס׳ווייסע לייב צועפענט, די ליפּען פאַרקוועטשט פון וועהטאָג און די אָנגעצונדענע אויגען האָבען דאַכט זיך געשריען צום שונא:

— שים! מאָרדעווע אומשולדיגע מענשען!

עמיצער האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר א האַנד. ער האָט געזעהן ווי א אינגעל האָט זיך צוגעזעצט, אָנגעשטעלט אויף איהם א פּאַר שטומע, צעשראָקענע אויגען און בלוט האָט זיך א גאָס געטון ביים אינגעל פון

מויל. מרדכי האט איהם צוגעלעגט דעם צלם צו די ליפּען און איז גלייך אויסגעשלעפּט געוואָרען מיט'ן שטראָם. ער איז געלאָפען ווי אין פיבער, געפיהלט ווי די הענד ברענען ביי איהם, שרפ'ענען, זיך געוואָלט בעפרייען פון די ווייס צוגליהטע שטיקער אייזען, וואָס ער האָט געהאַלטען צווישען די פינגער און טויזענדער פּאַסירונגען האָבען אויפגעשיינט ביי איהם אין א רגע. ער האט זיך אָפּגעשטעלט. האט ער זיך אָפּגעשטעלט ווען די מאסע, ווי א רויע קראַפט, האָט אומגעוואָרפען און אויסגעריסען אַלץ וואָס ס'איז איהר געשטאַנען אין וועג? יא, ער האט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעכאַפּט א פאָדעם נאָך א פאָדעם, געהאַלטען דעם סוד פון דער וועלט, א פּאַרבלוטיגטען, געוואָלט איהם א שליידער טון דער מאסע, ווי א צו־רייצטען ביק, זי זאָל משוגע ווערען, זי זאָל זיך אויפעסען לעבעדיגער־הייט. ער האט א הויב געטון די הענד, דערזעהן ווי דער צלם צעוואַקסט זיך, בלייבט שטעהן צווישען איהם און דער מאסע. ווי אַן אייזערנע מחיצה. רויטע טראָפּענס פייער זיינען פּערביי מיט א זשומעריי. מרדכי האט דערפיהלט א שליידער אויף צוריק — דער צלם אַן איבערגעבראָ־כענער איז געלעגען ביי זיינע פיס. ער האט דערזעהן קאָהאָנ'ען ווי ער שטעהט איבער'ן צעבראָכענעם צלם מיט צושפּרייטע הענד און שרייט:

— רוים איז געפאַלען! רוים איז געפאַלען!

די מאסע האט זיך א שפּאַר געטון, זיך געקייקעלט אין דער בלוי־קייט אריין מיט די פיס ארויף, נישט געוואָרען. מרדכי האט זיך גע־חדוש'ט פאַרוואָס ס'איז מיט אמאָל אזוי שטיל געוואָרען. ער האט גע־רופען, זיך געיאָגט אין דער בלויקייט. אַלץ איז אָפּגעשטאָרבען, צע־שווימען.

### קאַפּיטעל 2.

## בלוט און פייער.

מרדכי האָט געעפענט אַן אויג, ניט געקענט פאַרטראַגען די ווייסקייט פון שנעע און עס צוריק פערמאַכט. ער האָט זיך געחדושט פאַרוואָס ער קען זיך קיין ריהר ניט טון. זיין גאַנצער קערפּער איז געווען פערגליווערט. דער שנעע וואָס איז געלעגען אויף זיין צועפענט העמד האָט זיך צושיט מיט אַ בריה איבער'ן לייב און ער האָט זיך אויסגעניכטערט. אַ גרויער הימעל מיט אַ בלאַסען אָפּשיין פון אַ שטערען איז געהאָנגען איבער איהם. די שטילקייט פון דער אָנקומענדער נאַכט האָט געזשומעט אין די אויערן און ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען ווי לאַנג ער ליגט שוין אַזוי. ער איז געווען זיכער אַז ער איז פערוואונדעט. די פיס האָבען געשווערט און געזונקען אין שנעע אַריין ווי אָנגעזאָפּטע קלעצער. ער האָט גענומען שאַרען מיט די הענד אַרום זיך, אָנגעטאַפּט דעם צובראָכענעם צלם און זיך דערמאָנט, ווי דער אויסגעצערטער גלח איז געבליבען ליגען ביים קלויסטער. דער גלח איז געפאַלען פאַר פּוילען, פאַר זיינע ברידער — די טויזענטער פּויערים וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט פון אַרום און אַרום — און ער, מרדכי? פאַרוואָס ליגט ער דאָ? אַ קראָהה האָט זיך צעשריען, באַלד אַ צווייטע, אַ דריטע און מיט אַ קראַקען האָבען זיך קראָהען אַראָפּגעלאָזט פון אַלע זייטען. מרדכי'ן איז איינגעפאַלען אַז אַ מענש מוז דאָרטען ליגען. ער האָט אָנגעשטרענגט די אויגען, געזעהן ווי די שוואַרצע שנאָבלען צייכנען זיך איבער'ן שנעע, ווערען לענגער, שפּיציגער, פאַלען היין און צוריק, ווי בלאַנקענדע קלינגער, לאָזען זיך אַראָפּ וואו דער מענש ליגט. אַ קראָהה האָט זיך אוועקגע-

שטעלט מיט צושפּרייטע פליגעל אויפ'ן שאַרבען, פעריסען דעם שנאַבעל, ווי א בוימפּיקער, און מיט א פּער'עקשנ'טע פּינקטילכקייט געפּיקעט אין שטערען אַריין, טיעפער, טיעפער, ווי די קראָה וואָלט מיט א קלין זיך געקליבען שפּאַלטען דעם שאַרבען. מרדכי האָט זיך געכאַפּט אַז ער זעהט גאָרנישט, אַז דאָס שטעלט ער זיך בלויז פאָר און ער האָט אויפגעציטערט. א פערלאַנג צו לעבען האָט אין איהם גענומען וואַקסען און וואָס העכער און טומעלדיגער דאָס קראַקען איז געוואָרען, אויפגעטרייסעלט די שטיל־קייט פון דער נאַכט, אַלץ שטאַרקער איז ביי מרדכי'ן געוואָרען דער פער־לאַנג, זיך געגעגעלט אַן דעם צוגויפגעפּרעסטען שנעע, זיך געקרעמפּט אין דער שניידענדער לופט. און אַז די לבנה האָט מיט איהר אַרויס־קומען אויסגעלאָשען אויף א רגע די שטערען, אַפּגעגאָסען מרדכי'ן מיט א מאַטע־ליכט, האָט ער זיך דערפיהלט דורכזיכטיג, געזעהן אַרום און אַרום אויגען, וואָס נעמען איהם דורך און איז פון שרעק אויפגעשפּרונ־גען. מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך, געזעהן פאַר זיך פאַרשנעעטע קוסטען און זיך איינגעהערט. דאָס קראַ־קען האָט מיטגעבראַכט אָפּגעריסענע קלאַנגען, ווי מענשען וואָלטען גע־רעד. אויפ'ן שנעע, וואו די לבנה האָט אויסגעשניטען א וועגיל, האָט זיך באַוואויגען א שאָטען פון א מענש. מרדכי האָט זיך גענומען שאַרען אויף אַלע פיער. פון הינטער א קוסט האָט זיך געהערט א פוויעריש קול:

„— — — מיט א קויל אין הינטער־חלק — — — —

— נו שטעל זיך, פּאַניע „וואַיאַווניקו"! שטעל זיך!

— ס'האָט זיך דיר פערוואָלט „וואַיעווען"? האַ?

— ווי שטייף דאָס איז!

— אַזאַ „וואַנסאַל"!

— האָסט מורא געהאַט מען וועט דיר צושלעפּען דעם וואַלד, גע־שמיסען אַז א פוויער האָט גענומען א דרענגיל אויף א דישעל, איצט שווייגסטו, האַ? מער ווי א ברעט אויף א טרומנע. וועסטו מיט דיר נישט מיטנעמען!

— וועסט שוין מעהר נישט שמייסען פוויערים אין הויף!

— נישט קריכען צו זייערע ווייבער!

— נו בויג איין א פוס! ציה אויס די קאפיטעס!

— אז ס'האט זיך דיר פערוואלט „וואיעווען," האלט זיך מיט דער קויל אין הינטער־חלק!

מרדכי האט מעהר נישט געקענט איינליגען. ער איז אויפגעשפרונגען און זיך א ווארף געטון צום קוסט. דער פויער, אן איבערגעשראקענער, האט א כאפ געטון אן אנגעשטאפטען זאק, אינסטינקטיוו א געשריי געטון: „יעזוס־מאריא" און גענומען לויפען. פון גרויס שרעק האט ער דעם זאק אויך אוועקגעווארפען און איז פערשוואונדען. ביים קוסט איז געשטאנען אנגעשפארט א נאקעטער מת. דאס רעכטע אויג עטוואס צועפענט, ס'מויל אויסגעקרומט, די לינקע האלבע וואנסע פארקוועטשט צווישען די פערדריקטע ליפען, אזוי אז ס'האט זיך מרדכי'ן אויסגעדאכט ס'שטעהט א מענש מיט א האלב פנים, קוקט אויף דיר וואס מען האט איהם אויסגעטון אין אזא קאלטער נאכט א נאקעטען און וויינט. א יוכטענער שטיוועל, וואס דער פויער האט נישט צייט געהאט אריינצורלעגען אין זאק אריין, האט זיך געוואלגערט אין שנעע. אויפ'ן מת'ס הארץ, וואו דאס בלוט פון דער וואונד איז שוין געווען פערגליווערט, האט געהאנגען א קליין צלמ'ל. מרדכי איז געשטאנען פאר'ן טוידטען מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, ווי פאר אן אפענעם קבר, נישט געוואוסט וועט דאס איז, פארגעסען צו וואס ס'מזל האט זיי ביידען דא אהערגעבראכט. געזעהן דעם פער'יתומ'טען שטיוועל און אין די אויערען האט ביי איהם געקלונגען:

— וועסט שוין מעהר נישט שמייסען פויערים אין הויף?

די קראהען ארום האבען נישט אויפגעהערט צו קראקען. מרדכי האט אויסגעצויגען דעם טוידטען און כאטש ער האט געוואוסט אז די קראהען וועלען איהם אויסגראבען, האט ער פונדעסטוועגען אנגעשיט אויף איהם א בערגיל מיט שנעע, אריינגעשטעקט דעם צעבראכענעם צלם און זיך געלאזט מיט'ן פעלד.

ערשט איצט האט ער זיך ארומגעזעהן אז ער האט נישט ס'פוטער. די קאלטע ווינטער־נאכט האט איהם דורכגענומען. ער האט זיך יעדע ווילע אפגעטרייסעלט, ווי ער וואלט זיך געוואלט בעפרייען פון פראסט,

מעהר זיך נישט געפרעגט וואס ער טוט דא, פערשטאנען אז דער אויס־געצערטער גלח, דער מת, וועמען ער האט נור וואס באגראבען אין שנעע, זיינען נישט געפאלען פאר זייערע ברידער. די ברידער האבען די קרבנות נישט אנגענומען. ווי הונגעריגע וועלף האבען זיי זיך געלאזט אין דער נאכט אריין, נקמה גענומען פאר דעם גוטען וואס מען האט פאר זיי געוואלט טון און אפשר פאר די פריצישע שמיץ, פאר די טרערען פון זייערע ווייבער און טעכטער?

אפשר....

מרדכי איז געגאנגען גיכער, כמעט געלאפען, אויפגעכאפט יעדען קלאנג, נישט פערטוישט א בוים אויף א מענש און ווי איינער, וואס טראגט זיך מיט א פאר ווילדע פערד, האלט פעסט די לייצען, איז זיכער אז ווי שנעל די פערד זאלען זיך נישט טראגען, פון זיינע הענד וועלען זיי זיך שוין נישט ארויסרייסען, מיט דער זעלבער זיכערקייט האט ער זיך געהאלטען אן זיינע פערשארפטע חושים און געשפאנט אלץ טיעפער אין דערנאכט אריין. די זיכערקייט איז געווען אין איהם, געקוואלען פון יעדען גליעד זיינס, א זיכערקייט, וואס מען ווייס אליין ניט פון איהר, ביז מען בלייבט אליין מיט זיך. אויסטערלישע ערשיינונגען זיי־נען פערביי געשווימען מרדכי'ן, זיך צומאל נישט אנגעריהרט אן איהם, ווי זיי וואלטען ארויסגערופען געווארען דורך א געהיימען צייכען פון איינעם, וואס האט באצווינגען די אויסערליכע וועלט. ער איז געווען פריי פון שרעק, נישט באמערקט די ווייסע ווינטער־נאכט, וואס איז גע־שטאנען אין עק וואלד באפעלצט אין שנעע, באוואקסען מיט אייז־צעפ־לעך. די ווינטער נאכט האט ארויסגעשיקט פון איהרע ברייטע, שמוי־סענע ארבעל דעם אויסגעצערטען גלח, דעם מת וועמען מרדכי האט בא־גראבען אין שנעע, ארויסגעשיקט הונגעריגע וועלף, וואס טראגען זיך נאך א געשפאנטען שליטען, טראגען זיך נאך פעליציען און קאמאראווסקי'ן. די מחבלים האבען געדארפט פערלויפען מרדכי'ן דעם וועג, איהם אי־בערשרעקען, ער זאל זיך איבערגעבען אין זייער רשות, האבען זיי אבער נישט געקענט צוקומען צו איהם, ווי א פייערדיג ראד וואלט זיי אפגע־טיילט פון מרדכי'ן. מרדכי אויסגעטון פון ד ע ר וועלט, ווייט פון

מענשען האָט דערפיהלט אין זיך אַ גרויסע ליעבע צום מענש, די ליעבע וואָס אַנטפּלעקט זיך אין מדבריות, אין וועלדער.

דער מוח האָט זיך ביי מרדכי'ן געצונדען. ער האָט געזעהן ווי אַרום איהם פלאַקערט אויף אַ פייער, ווערט גרעסער, כאַפּט אַרום איין געביידע נאָך דער צווייטער. נאַקעטע מענשען בעוויזען זיך דאָ און דאָרט, ציטערען פון קעלט, קענען זיך נישט דערווארעמען אין אייגענעם פייער און דאָס פייער, ווי אַ שיטערע מאַסע, גיסט זיך פונאַנדער ווי אַ טייך, קאַכט. די מענשען ראַנגלען זיך, קלעטערען איינער איבער'ן צווייטען, ווילען אַרויס און אין מיטען טייך שטעהט אַן איינגעבויגענער צלם, ווי אַן אַלטע דאַמבע, מאַכט טיעפער ס'פייער, לאָזט קיינעם נישט אַרויס, שטעהט ווי גבריאל'ס שטאַק־רעהר אין מיטען ים. דאָרט איז בלויז רוים אויסגעבויט געוואָרען און דאָ — אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואָס דאַרף חרוב ווערען. דער מח ביי מרדכי'ן האָט געבליצט, געזעהן ווי אַ בנין נאָך אַ בנין פאַלט איין, אַ געביידע נאָך אַ געביידע קראַכט און איבער די חורבות שטעהט אַ א י ד, שטעהט ע ר, רופט צו זיך די דערשלאַגענע, די הונגעריגע, די געפייניגטע, רייסט די שלוזען, ברעכט די דאַמבען, פערפלייצט די ערד, מאַכט אַלץ חרוב, דער מענש, אַ נאַקעטער, אַ ניי־געבויגענער זאָל ווייטער קענען שפּינען גאָט'ס פאָדעם, דעם אידישען פאָדעם, וואָס איז נאָך נישט איבערגעריסען געוואָרען.

---

שפּעט אין דער נאַכט האָט מרדכי אַנגעקלאַפּט אין אַ נידריג שטיבעל, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזעהן פון שנעע. פון אינעווייניג האָט זיך געהערט אַ פאַרשלאָפען קול:

— ווער איז דאָרט?

— אַ דורכגעהער וויל איבערנעכטיגען.

קיינער האָט נישט געענטפערט. מרדכי האָט שוין געוואָלט אוועק־געהן, האָט ער דערהערט ווי מען פּאַרעט זיך ביי דער טיר און עמיצער רעדט צו זיך מיט אַ בייזער:

— שלאָפען לאָזען זיי נישט! שלעפּען זיך אויף די וועגען ביי נאַכט ווי נישט גוטע!

די טיר האָט זיך געעפענט מיט אַ סקריפּ און פון הינטער דער טיר האָט זיך געהערט:

— קומט אַריין, גיכער! מיר וועלען באַלד האָבען אַ פולע שטוב מיט פראָסט!

מרדכי איז אַריין אין אַ פינסטערער שטוב. אַ פערשטיקטע, וואַרימע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט אָנגעלעגענע קאַרטאָפעל און בהמה־מיסט, האָט איהם אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, קיינעם נישט געזעהן און געזאָגט:

— ענטשולדיגט, גוטע מענשען, וואָס כ׳האָב אייך איבערגעוועקט, כ׳וועל איבערשלאָפען די נאַכט, אייך באַלוינען און געהן ווייטער, איהר דאַרפט נישט מורא האָבען...

— פאַר אַ מענש איז קיין זאַך נישט צו שווער — האָט פון דער פינסטער זיך געהערט אַ פרויען־שטימע, געקלונגען מיט שרעק און הכנעה — נור, פּאַניע טייערער, היינטיגע צייטען, ווען די וועגען זיינען פול מיט וועלף, נישט מיט קיין מענשען, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג!

— וואָס, ס׳פּאַלק בונטעוועט זיך ביי אייך אויך? — האָט מרדכי געפרעגט.

— ס׳פּאַלק, פּאַניע, איז געוואָרען ווילד, האָט מעהר נישט מורא פאַר גאָט, אַנטלויפט אין די וועלדער אַריין, אַז ס׳איז נישט זיכער דורכצו־פאָרען!

— און ווי איז דער שררה? — האָט מרדכי זיך געפרעגט — ס׳דאַרף באַלאַנגט דאָך צו רודאָווסקי׳ן?

— יאָ, פּאַניע טייערער. דער שררה, פרעגט איהר? ווי אַ שררה! אויפ׳ן פאָלוואַרק טאָר מען נישט אַריינשמעקען.

— דער יונגער שרה — האט דער פויער זיך אנגערופען — איז קיין שרה, ס'איז א „פסור־בראט,“ א „היצעל“! וויים נישט מעהר ווי צו שמייסען פויערים!

אין דער פינסטער האט זיך צוטראגען א פארבענקטע מע־עע פון א קעלביל.

— דאס בענקט עס נאך דער מאמע. א יונגס, מען האט עס נעב־טען אנטוויינט און אין שטאל איז קאלט, האט מען עס אריינגענומען אין שטוב אריין.

דער פויער האט אנגענומען מרדכי'ן פאר דער האנד און איהם צו־געפירט צום אויווען:

— פאניע, דא האט איהר א קישען און קריכט ארויף. אויפ'ן אויווען ליגט היי, וועט איהר זיך לעגען, גור זעהט, שרעקט אייך נישט איבער, מיינע קינדער שלאפען דארט.

מרדכי איז פארזיכטיג ארויף אויפ'ן אויווען. פון אונטער א קאל־דרע האט ארויסגעשיינט א קאפ פלאקסענע האר, ווי א סנאפ לבנה שטראלען, דורכגעריסען דאס פינסטערניש, אז ס'איז אזש ליכטיג גע־ווארען. מרדכי'ס מיעדע גלידער האבען אויפגעציטערט. ער האט זיך אויסגעצויגען אין פרישען היי אריין. די זוניגע האר, וואס זיינען גע־לעגען נעבען איהם, האבען איהם באאונרוהיגט און מרדכי'ן האט זיך שטארק געוואלט איינגנורען זיין פארקלעטערט פנים, דעם מיעדען קאפ אין די צעווארפענע האר. ס'הארץ איז איהם איבערגעלאפען פון פרייד און דאנקבארקייט צום מענש, געפיהלט ווי די דורכגעפרווירענע גלידער דאיען אויף, די האר שפרייטען זיך איבער איהם ווי פרישע זאנגען, שווע־רען איבער די אויגען־לעפלעך און דאס פארבענקטע מעקען פון קעלבעל ווערט רחמנות'דיגער, דערווייטערט זיך און צעשווימט.

אין שלאף האט מרדכי געהערט קולות, זיך אויפגעכאפט מיט׳ן גע־דאנק אז ער געפינט זיך אויף א יריד און זיך אויפגעזעצט. דאס ערשטע האט ער א קוק געטון אין דער זייט וואו די לויכטענדע האר האבען זיך גע־שפרייט, געזעהן אז ארום איהם געפינט זיך גארנישט, האט ער אליין אנגעהויבען צו צווייפלען צי ס׳איז נישט געווען א חלום. די שטייג מיט גענז, וואס מען האט אריינגענומען אויף איבער נאכט, איז נאך געשטאנען ביים אויווען. די גענז האבען ארויסגעשטעקט די לאנגע העל־זער דורך די שטאכעטען, פעריסען די קעפ און זיך יעדע ווילע צוגודערט: גאן־גאן־גאן! דאס קעלביל איז געלעגען אויף א ביסעל שטרוי, רחמנות'־דיג אויסגעצויגען ס׳מארדעלע און זיך פארגאנגען מיט א ציטער — מע־עע. אן עלטערער פויער אהן א רעקיל האט געהאלטען א שטיק האלץ און מיט א דלאטע אויסגעהאקט א מילטער. דערנעבען איז גע־זעסען זיין טאכטער, געשפונען אויף א רעדיל און די פלאקסענע פאס־מעס וואס האבען געהאנגען אויף איהר האלז האבען זיך צונויפגעגאסען מיט די דורכזיכטיגע האר.

— עסען, עסען! — האט די פויערטע ארויסגערוקט פון הינטערן אויווען א קלאץ, ארויפגעלעגט אויף איהם דאס ברעט פון דער שלאף־באנק און אוועקגעשטעלט אן ערדענע שיסעל פול מיט פאריקע קארטא־פעל. די פארע האט באלד איינגעהילט א האלבע שטוב. די טיר האט זיך געעפענט. קנוילענווייז איז דער פראסט אריין, נאך איהם אן אלטע באבע מיט א שטעקעלע:

— זאל זיין געלויבט...

— אויף אימער און אייביג, באבע. וואס עפיס אזוי פריה? — האט די פויערטע געפרעגט —איהר האט זיך צוקריגט מיט דער שנור?

די באבע האט אפגעקלאפט די ארומגעבונדענע מיט שמאטעס שיך, געקוקט מיט איהר אפגעבליאקעטע אויגען אויף די פארינע קארטאפעל און אפגעזיפצט:

— איך קריג זיך מיט קיינעם נישט... כ׳קען אויסקומען מיט׳ן

ערגסטען מענש... אז א מענש ארבייט טאג און נאכט האט ער קיין צייט צו קריגען זיך... מען יאגט פון אונז דעם דער ארויס... אויף א בהמה דארף מען אויך רחמנות האבען, גאט'ס באשעפעניש, ווי שוין אויף א מענש? שלעכטע צייטען, טייערע מארטא, שלעכטע צייטען... כ'האב שוין דריי פאנעם איבערגעלעבט און כ'געדענק נישט פויערים זאלען לויפען פון „הויף"... דעם היינטיגענס פאטער, דער גאטזעליגער רודאווסקי, דאס איז דאך געוועזן די גוטסקייט אליין, נישט אומזיסט האט ס'פאלק איהם גערופען „יעזולעק" און איבערגעלאזט א זוהן, מעג איהם דער ערשטער דונער טרעפען, וויים נישט פון קיין „קאשטשאל", וואס פארע קאטאליק איז ער? דאס איז דער פערשאלטענער לוציפער, וואס אין די הייליגע ביכער, איז א וואונדער אז פויערים, אמת'ע קאטאליקען אנטלויפען פון איהם? אז דער מענש האט ביי די היינטיגע פאנעם קיין ווערט נישט, ערגער ווי א הונד... האט מען מיין וולאדעקען אוועקגעשטעלט שניידען שעצקע, האט ער געשניטען ביז ער איז געפאלען פון די כחות א טאג און א נאכט, איז דאס געהערט געווארען? ליגט ער אין בעט און קען נישט אפדעכען, זאגט אז די זייטען שטעכען איהם... מען דארף איהם לאזען אדער... בין איך געקומען אייך בעטען, וואיטשער, איהר זאלט נאכ'ן עסען אריבערקומען...

— גוט, גוט, באבקא! כ'וועל קומען!

— זאל אייך גאט העלפען! — האט די אלטע א הויב געטון מיט'ן שטעקעלע צום באלקען, ווי זי וואלט אנגעוויזען וואו גאט געפינט זיך און איז ארויס מיט דראבנע טריט.

די פאריגע קארטאפעל האבען פערכאפט ביי מרדכי'ן דעם אטעם, אז ס'איז איהם אזש הויל געווארען ביים הארץ. ער איז אראפ פון אויווען, און עטליכע מאל איבערגעחזרט:

— א שעהנעם דאנק פאר'ן נאכט־לעגער.

— און ווי איז זיך געשלאפען, פאניע, באקוועם? — האט דער פויער געפרעגט און מרדכי האט געפיהלט ווי די שטובינגע בעטראכטען איהם פון קאפ ביז פיס.

— ווי א גע'הרג'עטער!

— איז גוט, איז גוט, פאניע! — האט דער פויער געלאזט ליגען די מולטער, זיך אויפגעשטעלט און אפגעווישט די הענד אן די הויזען באשאטענע מיט זעגאכץ און שפענדלעך — נישטא פארוואס צו דאנקען. ס'איז א באגאטעלא — און זיך געווענד צו דער טאכטער — מאגדא, גיב א האנדטוך וועט דער פאן זיך איינוואשען און עסען מיט אונז אנבייסען!

זי האט אפגעשטעלט ס'רעדעל, גענומען זוכען אין א קופער, ארויסגענומען א שטיק ווייסע לייוונט און א נישט דרייסטע עס אונטערגעטראגען מרדכי'ן:

— ביטע.

אויף מרדכי'ן האט א בלאז געטון מיט דעם ריח פון ווינטער עפעל, מיט דעם ריח פון אויסגעטרוקענטע קיהן, נישט געוואוסט צי דאס קומט פון האנדטוך, צי פון מיידעל, געקוקט אויף איהרע זוניגע האר, און געטראכט צי דאס איז ס'מיידעל וואס איז געשלאפען נעבען איהם אויפ'ן אויווען.

ער האט זיך איינגעוואשען, זיך לאנג נישט געלאזט בעטען און זיך געזעצט צו דער שיסעל מיט קארטאפעל. אלע האבען געגעסען מיט הילצערנע לעפעל פון דער זעלבער שיסעל, געגעסען מיט דרך־ארץ, שווייגענדיג און אז דער ערשטער הונגער איז אריבער און די פנים'ער ביי די עסערס זיינען געווארען אויפגעלעגטער, האט דער פויער געלאזט פאלען א ווארט:

— איז דער פאן א הינער?

— ניין, פאניע, כ'קום פון ווייט!

— פון וואן?

— אזש פון פלאצק!

— כ'קען פלאצק, פאניע, כ'בין דורכגעפארען, א שעהנע שטאדט און וואס פארע „קאשטשאל" דארט איז פאראן, וויפיעל רייכטום, אז עס שווינדעלט אזש אין קאפ ווען מען קומט אריין! כ'האב געארבייט, פאניע, אין די ליפאווצער וועלדער, אראפגעלאזטביימער.

— קענט איהר דעם „שרייבער" דארט?

— צי איך קען? צי איך קען דעם פאן שרייבער? דאס איז א וואוילער איד, אן עהרליכער מענש, אן אמת'ער פאן! דען פאן קען איהם?

— דאס איז מיין פאטער — האט מרדכי זיך אנגערופען, בשעת מעשה חרטה געהאט און אראפגעלאזט די אויגען.

פון איבעראשונג האט דער פויער געעפענט א מויל, אויסגעגלאצט די אויגען, זיך איבערגע'צלמ'ט און נישט געוואוסט וואס צו טון מיט מרדכי'ן. ער האט גענומען ווישען די נאסע וואנסען, וואס האבען זיך נעפלאנטערט צווישען די ליפען און א געשריי געטון צו דער פויערטע:

— ווייב, אז מיר האבען יא אזא גאסט, דארפסטו מאכען א בע־סערען אנבייסען, האסט דאכט זיך שמאנט? גיב ס'ברויט מיט דער פוטער צום טיש! באלד, וואו איז מיין פעלציל?

מרדכי האט געזעהן אז דער פויער קלייבט זיך געהן עפיס ברענגען, האט ער זיך אויפגעשטעלט און איהם פארשטעלט דעם וועג:

— וואוהין געהט איהר?

— פאניע טייערער, אבראמעק וואוינט נישט ווייט, כ'וועל זיך אריבערכאפען נאך א קוואטירעלע אקוויט, פאניע טייערער!

וואס שטארקער מרדכי האט זיך געבעטען ער זאל נישט געהן, אלץ צונומענער און ווייכער איז דער פויער געווארען, זיך געכאפט קושען מרדכי'ס הענד. מרדכי האט זיך קוים ארויסגעפלאנטערט און אז דער פויער איז ארוים איז אין שטוב געווארען אונאנגענעם שטיל.

מרדכי האט באמערקט דאס צוקנייטשטע פנים פון דער פויערטע, וואס האט איהם אנגעקוקט מיט דער טעמפקייט פון א צואקערט שטיק ערד און ער האט זיך סתם א פרעג געטון:

— אין „הויף" ביי אייך איז שטיל?

— שטיל, איז נישט שטיל, פאניע — האט די פויערטע ארייננגע־שנייצט אין פארטוך — מען קען נישט זאגען! שוין ס'דריטע יאהר ווי עס ווערט אלץ פארברענט אויף די פעלדער, נישטא קיין ברויט, עסען מענשען ווארצלען, ווערען געשוואלען... א קללה, נאט'ס א קללה, פאניע...

און מיין אלטער, איין מאנסביל אליין... אנדערע האבען זיהן, העלפען זיי ארויס... דערצו, פאניע, האט ער זיך אויף דער עלטער גענומען צום גלעזיל... מיינע הענד, פאניע, זיינען שוין פערקרומט פון פראצע, כ'קען די פינגער נישט פערמאכען און ער שלעפט אלץ אין שענק אריין, א שטי־קעל פוטער, אן איי, אלץ...

מרדכי האט דערזעהן טרערען אויפ'ן פערשוואר׳צטען פנים און אז אומעט וואס באפאלט דיך אין מיטען פעלד, ווען א דראבנער רעגען טריפט אויף דער שווארצער ערד, זאפט מעהר נישט איין און קיינער ווייס נישט ווען דער רעגען וועט אויפהערען — דער זעלבער טרויער האט איצט מרדכי'ן ארומגענומען. ער האט ארויסגענומען עטליכע מטבעות און איהר ארייגעשטופט אין דער האנד אריין.

— טייערינקער פאן — איז די פויערטע א פאל געטון איהם צו די פיס און זיי גענומען קושען.

די טאכטער, וואס האט אויסגעמיטען די גאנצע צייט צו קוקען אויף מרדכי'ן, ווי זי וואלט קיינמאל צווישען מענשען נישט געווען, האט זיך געפארעט ביים רעדעל, אפגעווישט די הייליגע בילדער, וואס זיינען גע־ווען צעהאנגען איבער די ווענד און אז זי האט דערזעהן ווי די מוטער איז געפאלען מרדכי'ן צו די פיס, האט זי, ווי אין פארלעגנהייט, א כאפ געטון די שטייג מיט גענז און נישט געווארען.

— וואס טוט איהר? שעמט אייך! — האט מרדכי א פערלוירע־נער אויפגעהויבען די פויערטע.

ער האט געהאט פערדרוס פאר'ן מיידעל, זיך געזעגענט און איז אוועק.

---

מרדכי איז געגאנגען אין דארף אריין.

די נידריגע הייזלעך האבען זיך קוים ארויסגעזעהן פון אונטער די ברייטע שטרויענע דעכער, וואס האבען זיך געבויגען אונטער די שווערע

משא פון שנעע. דער שנעע האָט אָפּגעווישט די קאָלירען, זיך אויסגע־גליכט מיט די פּלויטען, אויסגעטון אַלץ נאַקעט, האָט זיך געדאַכט אַז דער שטח, אויף וועלכען די עטליכע צענדליג הייזער זיינען געווען צעוואָרפען, איז קלענער געוואָרען און די ביימער, הייזער און שייערען האָבען זיך צונויפגעשאַרט. פון איין הויז צום צווייטען האָבען זיך געצויגען שטרע־קעס שנעע, געצייכענט מיט קרוהישע לאַפּקעס. ביי אַ ברונעם, וואו ס'איז האָט דערגרייכט ביז צום הילצענעם ראַנד, האָבען אינגלעך זיך אַראָפּגעלאָזט, ווער אויף הילצערנע גליטשערס, ווער אויף די געזעסען און מיט זייער קינדערש געלעכטער אויפגעטרייסעלט די שטילקייט. פון אַן אָפענעם שטאַל האָט ארויסגעקוקט אַ בושעל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און דער צער פון ווינטער האָט זיך געזעהן אין זיינע אויסגעקראַכענע פּעדערען, אין דעם צובראָכענעם פליגעל, וואָס האָט געשטאַרט ווי אַן איינגעטרוקענטע האַנד.

מרדכי האָט געזעהן ווי דער פויגעל שטעקט אוים דעם צובראָכענעם פליגעל, צושרייט זיך אַ פאַרבענקטער — קליאַ, קליאַ, קליאַ — ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט פאַר איהם, וואָס פאַר אַן אומגליק ס'איז איהם גע־שעהן. אַלע זיינען אַוועקגעפלויגען און איהם, אַ קאַליקע, האָט מען אי־בערגעלאָזט, ער זאָל אויסגעהן אין לאַנד פון שנעע, פערפרוירען ווערען.

ביי אַ פערשנעעטען פּלויט איז געשטאַנען אַ פויערטע איינגעהילט אין אַ דערגע, מיט וועלכער מען דעקט צו אַ פערד. מיט צושפּרייטע פינ־גער, ווי מיט נעגעל, האָט זי זיך געריסען צו אַ מיטעליעהריגען פויער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט פּלויט:

„— — — אויב וועסט נישט אָפּגעבען דעם חזיר, וועל איך דיר די אויגען אויסדראַפּען!

— נעה בעסער, באַבע, אהיים! — האָט דער פויער אַ ציה געטון די הויזען.

— איך וועל נישט אָפּטרעטען! — האָט די פויערטע גענומען קלע־טערען איבער'ן פּלויט, אַז די דערגע איז איהר אַראָפּגעפאַלען פון קאָפּ און די נישט פאַרקעמטע האָר זיינען צעפאַלען איבער'ן פּנים.

— קריך נישט איבער'ן פּלויט, — האָט דער פויער זיך געכאַפּט צום פּאַסעק — דען אַז כ'וועל דיר איבערצעהלען די ביינער, באַבע, וועסטו שוין אַהיים נישט טרעפען!

— ווער האָט מורא פאַר דיר? — האָט זי געהאַלטען אין איין שפּרונגען מיט די נעגעל איהם אין פּנים אַריין — דו חזיר'ש אויער, דו! אַ כוואַט, קוק איהם נור אָן! ער וועט שלאָגען אַן אָרימע אַלמנה, אַז זאָלסט הענד און פיס צוברעכען, יעזוס הייליגער!

פון די אָרומיגע הייזער האָבען זיך די טירען געעפענט און נייגעריגע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט. די פויערטע האָט גענומען צו זיי אַפּעלירען:

— דאָס חזיר מיינ'ס איז אַריין צו איהם אין הויף, האָט ער עס פערנומען און מאַכט זיך נישט וויסען!

— באַצאָהל פאַר'ן שאָדען! — האָט דער פויער געצווינגען די הויזען.

— אַ קרענק וועל איך דיר באַצאָהלען! — האָט די פויערטע זיך אַ לאָז געטון צום פויער.

— קום אַהער, סוקע דו! — האָט דער פויער זי גערופען מיט אַ פינגער.

— אַ סוקע בין איך? — האָט די פויערטע זיך אויסגעדרעהט צו די עטליכע פאַר נייגעריגע אויגען, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט, ווער דורך אַ צועפענטע טיר, ווער דורך אַ פענסטער — ווען איהר וואָלט געהאַט גאָט אין האַרצען, וואָלט איהר נישט געלאָזט אַזוי בעליידיגען אַן אָרימע אַלמנה!... מען ווייס נישט... מאָרגען קען אַנאַנדערע ווערען אַן אַלמנה!..

— ווי דאָס האָט געעפענט אַ מויל — האָט דער פויער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ווי דאָס שרייט, ווי אַ קוה ווען זי געהט זיך קעלבען!

— טויגסט דאָך צומאָל נישט, דיין ווייב זאָל זיך קעלבען! — האָט די פויערטע נאָך העכער געשריען — אַ וואונדער וואָס זי וואוינט מיט אַזאַ אויסגעשניטענעם?

אַ שייגעציל פון אַ יאָהר צעהן, מיט אַ האַלצערנעם גליטשער אין דער האַנד, מיט פולע קעשענעס שנעע־קוילען איז אונטערגעקומען.

— וואָס שרייסטו אזוי, מאמע?

די פּויערטע האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבען פון אָנהויב, דערצעהלט פאַר'ן קינד אַלע אייגצעלהייטען, ווי זי וואָלט גערעדט מיט א דערוואַקסענעם. דאָס שייגעציל האָט געציטערט פון כעס, געגראָזשעט מיט'ן גליטשער דעם פּויער און געשריען:

— גיב אָפּ דעם חזיר!

דאָס האָט צוגעגעבען דער מוטער קוראַזש און זי איז אַריבערגעקראָכען דעם פּלויט. דאָס שייגעציל נאָך איהר. דער פּויער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, גענומען טרייסלען אַז די פּויערטע האָט זיך אַזש צוגעזעצט אין שנעע אריין. דאָס שייגעציל האָט א שליידער געטהון דעם פּויער א קויל־שנעע אין פּנים אריין, געזעהן אַז ער לאָזט נישט אָפּ די מוטער, האָט ער זיך איהם פערפּלאָנטערט צווישען די פיס, זיך איינגעגעסען ווי א ראַק, געקווּיטשעט ווי מען וואָלט די הויט פון איהם געשונדען און זיך אזוי איינגעביסען דעם פּויער אין א פוס אריין, אַז ער האָט אָפּגעלאָזט די פּויערטע.

— ווי הויבט מען דאָס א האַנד אויף א פרוי, דערצו נאָך אַן אַלמנה? — איז מרדכי אריין אין דערמיט.

דער פּויער האָט זיך קוים אָפּגעריסען פוג'ם שייגעציל, בעטראַכט א ווײַלע מרדכי'ן און זיך פאַרענטפערט:

— לאָז זי נישט קריכען!

— טאַ גיב אָפּ דעם חזיר! — האָט די פּויערטע געשריען, איינגעהאַלטען דאָס זוהנדעל, וואָס האָט זיך ווידער געריסען צום פּויער מיט א קויל־שנעע.

— באַצאָהל פאַר'ן שאָדען!

— גיב איהר אָפּ דעם חזיר, גיב אָפּ, מאַטשעק! — זיינען אויסגעוואַקסען עטליכע שכנים און צוגעשטאַנען צום פּויער.

— טאַ לאָז זי צוזאָגען אַז זי וועט מעהר דעם חזיר נישט אַריינלאָזען צו מיר אין הויף אריין!

די פּויערטע האָט נישט געענטפערט, געשטאַנען אין שנעע אויף די קניען, זיך געבעטען ביי איהר זוהנדעלע ער זאָל אהיימגעהן און דער

צעהן־יעהריגער פויער האט זיך אלץ געריסען, געגראזשעט מיט א קליין פויסטעל, וואו א קויל שנעע איז געוועז צונויפגעקוועטשט און געשריען:

— ער וועט שלאגען מיין מאמע? מיין מאמע וועט ער שלאגען?

דאס שיינעציל האט זיך ארויסגעריסען פון דער מוטער, אפגעלאפען עטליכע טריט און גענומען שליידערען אין פויער אריין א קויל־שנעע נאך א קויל. דער פויער האט זיך א לאז געטון נאך איהם. מרדכי נאך זיי. ער האט געזעהן ווי דער פויער בלייבט הינטערשטעליג, פארשעמט זיך פאר די ארומיגע און לויפט פון פערדרוס ווייטער. די טיעפע שנעען האבען איהם אויסגעמאטערט. ער האט זיך אפגעשטעלט און א פערסאפעטער גענומען געהן צוריק. מרדכי האט זיך ארומגעקוקט. דערזעהן קעגענאיבער א שענק און אריינגעגאנגען זיך איבערכאפען דאס הארץ נאך די טרוקענע קארטאפעל, וואס ער האט געגעסען אויף אנבייסען.

---

אז מרדכי איז אריינגעקומען אין שענק, האט קיינער זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. ס'איז געוועזן א גרויסע שטוב. אין פראנט איז געשטאנען א צעווארפען בעט, וואו א רויט קינד איז געלעגען מיט פערווארפענע פיס און געשריען. איבער'ן בעט האט געהאנגען א הייליגע „מאמע“ אין א רעהם אהן א גלאז. פון אלטקייט האט זיך די „מאמע“ אויסגעוועלבט, ארויס פון דער רעהם און זי האט אויסגעזעהן, ווי זי וואלט זיך געווייקט אין וואסער און דערנאך א לענגערע צייט זיך געטרוקענט. צווישען אויוועז און דער וואנד, האלב פערצויגען מיט א ציצענער פארהאנג, זיינען געשטאנען צוויי בעטלעך אין דער פארם פון א דלת. אן אויסגעצערטע פרוי, מיט א פנים פון נישט א דערוואקסען מיידעל, איז געזעסען אין איינעם פון די בעטען, טרוקען געהוסט און זיך געשפילט מיט א פיצעלע קינד. אן אלטיטשקע, מיט א דריי־עקיג טיכעל אויפ'ן קאפ, פון אונטער וועלכען אש־גרוע האר זיינען ארויסגעקראכען,

האָט געשאַבען קאַרטאָפּעל, געעפענט און פערמאַכט אַ איינגעפאַלען מויל און אין איהר אויסזעהן איז געווען עפּיס מכשפה'שעס. לעבען דער טיר ביי אַ קאַמאָדע, וואו צוויי פּאָר מעשענע לייכטער זיינען געשטאַנען, איז געזעסען אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט צעוואָרפענע קרייזלעך איבער דער גאַמבע און באַקען, ווי שיטערע געוויקסען איבער אַ זאַמדיג שטיקעל ערד און זיך לייכט געשאָקעלט איבער אַ ספר.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, געמיינט ער האָט אַ טעות, און ווען נישט די פּעסלעך ביער און די עטליכע בלאָזען בראַנפען, וואָלט ער נישט געגלויבט דאָס זאָל זיין אַ שענק. אויף דער קאָמאָדע, אויף די אַרומיגע בענקלעך זיינען געלעגען ספרים. געאָמעטרישע פיגורען, אויסגעשניטען פון טאָוועל, האָבען זיך געוואָלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. פון הינטער דער פאָרהאַנג האָט זיך געהערט אַ שוואַך קול:

— דוד, דוד, אַ קונה איז דאָ!

דער יונגערמאַן האָט אַ וואָרף געטון מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ פליעג, זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער נישט בעוואַקסענער גאַמבע, איבער אַ רגע זיך שטיל פערגאַנגען, פערמאַכענדיג די אויגען און מיט אַמאָל איבערגעריסען:

— חנה, דאַרפסט מיך?

— אבי האַסט מפסיק געווען! — האָט די אַלטיטשקע זיך אַ בייזער געטון און געוויזען אויף מרדכי'ן — גיה צו צום קונה און שיק אַריין די שיקסע. וואָס זיצט זי אַזוי לאַנג אין שטאַל? דער ממזר איהרער האָט מיך שוין באַלד טויב געמאַכט!

דער יונגערמאַן האָט געלאָזט ליגען דעם ספר, זיך אויפגעשטעלט און גענפערענט אויף פּויליש:

— דער פּאַן וויל עפּיס?

— קען מען ביי אייך קריגען עפּיס צו עסען? — האָט מרדכי געזאָגט אויף אידיש און בשעת־מעשה נייגעריג זיך אַ רוק געטון צום אָפּענעם ספר.

דער יונגערמאַן האָט זיך אינסטינקטיוו פערלוירען, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַ איד פּויליש, באַמערקט מרדכי'ס נייגעריגקייט, האָט ער

פערמאַכט דעם ספר, באַלד חרטה געהאַט, אַנגעהויבן שטאַמלען, ווי ער וואָלט עפּיס דעם פרעמדען שולדיג געבליבן און איהם אונטערגעטראַגן דאָס ספר:

— האָט נישט פאַריבעל, כ׳מיין... אויב איהר ווילט אַריינקוקען, איז אודאי און אודאי... יאָ, דאָס איז דער „גבעת־המורה,״ אַ פּשט אויפ׳ן „מורה־נבוכים״...

— האָסט געהערט, חנה? — האָט די אַלטע אויסגעקלאַפּט מיט די ליפּען — ס׳קומט אַריין אַ קונה, וויל עסען, פּאַשעט ער איהם מיט ספרים!

— בייזערט אייך נישט, באַבעשי — האָט מרדכי זי געוואָלט איינ־נעמען.

— ווער בייזערט זיך, ווער? — האָט זי אויסגעקנעטען די ווערטער מיט די ליפּען — כ׳זאָג נור אַז פון תהילים איז נאָך קיינער נישט זאַט געוואָרען!

— וואָס וועט איהר עסען? — האָט דער יונגערמאַן געשמייכעלט.

— אויב מען קען קריגען אַ פּיינקוכען...

דער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט עמיצען געזוכט, אַ נישט דרייסטער פערצויגען די פאַרהאַנג, וואו די בעטען זיינען גע־שטאַנען און שטיל זיך געפרעגט:

— חנה... חנה.. שלאָפסט?

— וואָס ווילסטו פון חנה׳ן? כ׳געה שוין, כ׳געה — האָט די אַלטע זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעשאָקעלט פון פאַרטוך די קאַרטאָפעל־שאָלעכץ — ברענג דערווייל אַריין פון קעמעריל די אייער!

מרדכי האָט געעפענט אַ צווייט ספר׳ל. ס׳איז געווען דער „איל משולש.״ ער האָט זיך געבאָפּט אַז די געאָמעטרישע פיגורען, אויסגע־שניטען פון טאָוועל, האָבען אַ שייכות מיט׳ן ווילנער גאון׳ס געאָמעטריע, נישט באַמערקט ווי די אַלטיטשקע איז אונטערגעקומען, אָפּגעהוסט און אַנגעהויבען רעדען צו איהם, ווי צו אַן אַלטען בעקאַנטען:

— גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זיך נישט געקענט העלפען, געמוזט אַריינגעמען אָט די „טמאה״ אין מיין שטוב אַריין — האָט זי

אַנגעוויזען אויף דער הייליגער „מאַמע" — מיין טאַטער קרענקט שוין אַזוי אַ גאַנצען ווינטער און ס'עופּעלע פּאַדערט זיינס, דאַרף האָבען אַן אַם... מיין איידעם, זאָל געזונד זיין, איז אַ לערנער... זיצט איבער זיינע ספרים, מעג זיך אַלץ אַרום איהם איבערקערען, געהט עס איהם נישט אָן. דערצו איז ער טאַקע נישט מסוגל צו מסחר, טענה איך, אַז וויבאַלד צו מסחר טויגסטו נישט, זעה, ווער אַ רב, ביזט דאָך שוין אַ טאַטע, ענט־פערט ער נישט. זיצט אויף גאַנצע נעכט. און וואָס מיינט איהר טוט ער? וואו ער דערטאַפּט נור אַ שאַכטעל, צושניידט ער עס, שניצט אויס צאַצקעס, ווי אַ יונגעל... אַט וואַלגערען זיי זיך אַרום — האָט די אַלטע געוויזען אויף די געאָמעטרישע פיגורען — האָב איך אייך געוואָלט בע־טען, נעמט נישט פאַר אומגוט און וואַרפט אַריין אַ וואָרט... כ'מיין...

— מאַמע, וואָס האָסטו זיך צורעדט? רוף בעסער אַריין די שיקסע, ס'קינד וויינט, ס'איז הונגעריג!

— ווער האָט זיך צורעדט, ווער? אַ וואָרט טאָר מען נישט אויס־רעדען! — האָט די אַלטע צונומען די הענד, ווי מען וואָלט אויף איהר געמאַכט אַ בלבול, געעפּענט די טיר און גענומען רופען — פראַנקאַ, פראַנקאַ, וואָס ליגסטו אַזוי לאַנג אין שטאַל? — און זי האָט צוגעגעבען אין אידיש — אַ נישט דערלעבען זאָלסטו אַריינצוקומען.

פראַנקאַ, מיט אַ פּאָר פלייצעס פון אַ פּויער, איז אַריינגעקומען מיט אַן אַרעם האָלץ. זי האָט אַ שליידער געטון די העלצער ביי דער קיך, אַ כאַפּ געטון ס'קינד, זיך צולעגט אויף איהר בעט און עס געגעבען די ברוסט. דער רויטער שייגעץ האָט גענומען רייסען די ברוסט פונ'ם קינד'ס מויל, געשריען — ס'איז מיין מאַמעס, ס'איז מיין מאַמעס — און זיך פערגאַנגען. די שיקסע האָט אַרויסגענומען די צווייטע ברוסט, צוגעלעגט דעם שייגעץ, זיך אויסגעצויגען ווי גרויס זי איז געווען און איבער דער שענק האָט זיך געטראָגען אַ צופרידען וואָרטשען, וואָס האָט דערמאָנט דאָס וואָרטשען פון חזירים'לעך, ווען זיי זייגען.

מרדכי האָט בעטראַכט דאָס בעל־הבית'ישקייט, די דריי ווייבער, וואָס האָבען געפיהרט דאָס ווירטשאַפט, זיך געשאָפט מיט'ן יונגעמאַן ווי מיט אַ לעהר־אינגעל, געקוקט אויף דער אויסגעוועלבטער „מאַמע,"

אויף די צעווארפענע ספרים און זיך נישט געקענט בעפרייען פון דעם שטריק. וואס האט זיך געצויגען ארום דער קיר, וואו ווינדלען האבען זיך געטרוקענט, שנירלער קנאבעל מיט ציבעלעס האבען געהאנגען.

דער יונגערמאן איז אונטערגעקומען:

— איהר קומט פון ווייט?

— פון פלאצק.

— איהר האט אודאי געשעפטען אין הויף?

— ניין.

דער יונגערמאן האט נאך עפּיס געוואלט פרעגען, געזעהן ווי די אלטיטשקע קומט אונטער מיט'ן פיינקוכען, איז ער אנטשוויגען געווארען. מרדכי האט זיך געזעצט עסען און פערצווינגען א שמועס:

— איז כאטש דא פרנסה?

— קוים וואס מען שטופּט זיך דורך.

— אנדערע זיינען דאך נתעשר געווארען?

— פון קיין שענק איז נאך קיינער נישט נתעשר געווארען. און אז איינער איז רייך — איז דברים בגו — נעמט ער מסתמא צו גנבות, מולך'ט בראנפען פון פרייסען... אז מען ארבייט אויפ'ן שררה! דערצו איז עס א מיאוסע פרנסה..

— וואס מיינט איהר?

— פשוט, זיץ און בעט גאט דער מענש זאל זיך אנשכור'ן, אנוועדען דעם צלם אלקים... ווען איך וויים עס פריהער, וואלט איך מיינע פאר הונדערט גולדען נדן נישט אריינגעגראבען...

— וויפיעל א שטייגער האט איהר דאס אריינגעלעגט?

— טויזענד גילדען!

— און ווען איהר האט איצט דאס געלד, וואס, למשל, וואלט איהר געטון דער מיט?

— וואס כ'וואלט געטון? — האט דער יונגערמאן פערשארצט דעם קאשקעט און זיך צושמייכעלט — העלפט וואלט איך איבערגעלאזט מיין ווייב און מיט פינף הונדערט גילדען וואלט איך אנטלאפען נאך בערלין.

— שטודירען?

דער יונגערמאַן האָט עפּיס נישט דערזאָגט, זיך אַרומגעקוקט צי מען הערט נישט אונטער און שטילער גערעדט:

— די זאַך איז אַט וואָס, כ'האָב אָנגעשריבען אַ חבור וואָס איז סותר דעם „איל משולש"... כ'רוף איהם „איל מרובע"...

— הייסט עס, איהר זייט נישט מסכים מיט'ן ווילנער גאון'ס גע־אָמעטריע? — האָט מרדכי אויפגעהערט עסען.

— נישט כ'בין נישט מסכים — האָט דער יונגערמאַן זיך אַ קרום געטון, ווי ער וואָלט געהאַט פּערדרוס וואָס מען פערשטעהט איהם נישט — דער ווילנער גאון האָט אין זיין „איל משולש" גאָרנישט מחדש גע־ווען, איז אַליין מודה אַז ער געהט אין אייקליד'ס שיטה... אמת, ביז איהם האָט קיינער אין לשון־קודש אַזוי פּינקטליך נישט מסביר געווען דעם ענין... מיין שיטה אָבער, איז פּונקט דער היפּוך פון אייקליד'ס. און יעדער שאלה און סתירה פאַרענטפער איך מיט מיין שיטה פּונקט ווי אייקליד מיט זיינער... דאָס מיינט נישט אַז מיין שיטה איז אמת'ער, ניין, דאָס הייסט אַז אייקליד'ס איז נישט די איינציגע, איהר פאַרשטעהט? די צרה איז, וואָס מענשען האַלטען אין איין רעדען וועגען שטח און מרחב און אין אמת'ן ווייסען מיר נאָך עד היום נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, במילא, קומט אויס אַז יעדער זאַך, וואָס קוקט אין אונזערע אויגען אויס קידער־ווידער, נישט נאַטירליך, האַלטען מיר עס פאַר אונמעגליך! איהר פאַרשטעהט. — האָבען די אויגען ביים יונגענמאַן אַ בליץ געטון, פון התפּעלות געהאַלטען אין איין רוקען דעם קאַשקעט אַרויף און אַראָפּ און זיך אויפגעשטעלט — לויט אייקלידען קענען די ווינקלען פון אַ דריי־עק נים זיין קלענער פון הונדערט און אַכציג גראַדוסען און אויב מיר זאָ־לען אָננעמען, — האָט דער יונגערמאַן געענדיגט מיט אַ גמרא ניגון — אַז זיי קענען יאָ זיין קלענער פון הונדערט און אַכציג, (וואָס איך באַווייז אין מיין חבור) מוז עס פירען צו אַ נייער געאָמעטריע, וואָס איז דער היפּוך פון אייקליד'ס.

בשעת דער יונגערמאַן האָט גערעדט, איז מרדכי געזעסען אַ בע־גייסטערטער, כמעט נישט געכאַפּט דעם אונטערשיד, פאַרוואָס דעם יונ־

גענמאַנ׳ס שיטה איז דער היפּוך פון אייקליד׳ס, זיך נישט געקענט דער־מאָנען דעם נאָמען פון אַ רוסישען פּראָפעסאָר, מיט וועמען די וועלט האָט געקאָכט, אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ נייע געאָמעטריע... דער פער־דרוס ביי איהם איז געוואַקסען, ווי אַלץ וואָלט זיך געווענדט אין דעם פּאַרגעסענעם נאָמען און די פרייד, וואָס ער האָט דעם יונגענמאַן אויס־געפונען, איז פערשוואונדען.

— איהר האָט שוין געוויזען עמיצען אייער חבור? — האָט מרדכי איהם איבערגעריסען.

ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס אויף ניין. זיין צושטראַלט פּנים, זיין האַלטען זיך, אַלץ האָבען מרדכי׳ן איבערצייגט אַז דער יונגער־מאַן האָט עפּיס מחדש געווען, געשאַפען אַ יש מאין. ער האָט אַרויס־גענומען פון דער קאַמאָדע עטליכע צענדליג צונויפגענעהטע זייטלעך פּאַפּיער און זיי אונטערגעטראָגען מרדכי׳ן:

— אָט איז מיין חבור!

מרדכי האָט אַ בלעטער געטון דעם כתב־יד, זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן שער־בלאַט, וואו ס׳איז געשטאַנען גע׳כתוב׳ט:

ספר

איל מרובע

יסודתו בהררי קודש, בשעור וגודש

מצרף ומטהר, מפרש ומבאר

בשיטה חדשה, אין בה כל קשת

מישרת הדורים, בדברים ברורים

נותנים אותותם,

בדברי חכמים וחדותם.

כל אלה ידי עשתה, הצעיר באלפי ישראל

דוד בלא״אמור ר׳ בונם זצ״ל.

אויפ׳ן צווייטען בלאַט איז געווען אָנגעשריבען אַ שיר מיט ר״שי כתב. דער יונגערמאַן האָט באַמערקט, ווי מרדכי קוקט זיך איין, האָט ער זיך פערלוירען און צוריק אָנגעהויבען שטאַמלען:

— גלאט אזוי, א שיר — — — —

— דוד, דוד, — האט די אלטע געשריען — קום גור אהער! מען דארף דיך האבען!

מרדכי האט געלייענט:

**אל הזמן**

חוי, זמן בוגד טורפני,
עד אן מלתעותיך ישבוני?
איך לבך אבן מלחרפני,
עוד מעט אלך ואינני.

ראה, מתום בי אין
שלמת נעורי תשות לאין?
יגונים אשתה תחת יין
ועוד אנוע ואנוד בקין.

חבט אכזרי, מחלתי אנושה,
סאת מצוקותי הנה גדושה,
חשע ממני ואבליגה חישה
חלא אין כוחי נחושה!

מרדכי האט איבערגעלייענט דעם שיר, נישט פערשטאנען וואס פאר א שייכות דאס האט מיט'ן ענין און געטראכט אז מען דארף אהער שיקען קאהאנען ער זאל איבערלייענען דעם חבור.

עטליכע פויערים זיינען אריינגעקומען, פול געמאכט די שענק מיט זייער גודערען. די שווערע מאכארקע האט געקרעלט אין האלז. מרדכי האט זיך אויפגעשטעלט. דער יונגערמאן מיט א פראפען אין מויל איז אונטערגעקומען. מרדכי האט איהם באצאהלט פאר'ן עסען, צוגעזאגט אריבערצוקומען די טעג וועגען חבור מיט זיינס א בעקאנטען, זיך גע־זעגענט און איז ארויס.

ער איז געגאנגען מיט'ן טראקט, געשניטען צו'ם הויף, וועמעס שטיי־

נערנע שייערען און שפייכלערס האבען זיך געצויגען, ווי קאזארמעס, איבער'ן גאנצען וועג. ער האט זיך דערמאנט אז „גבעת־המורה," נישט געזעהן אין דעם א צופאל, וואס מיט דרייפיערטעל יאהרהונדערט צוריק, איז דער מחבר פונ'ם ספר'ל, שלמה מיימון, פונקט אזוי געזעסען אין א שענק, ווי דער יונגערמאן, געשריבען בעהאלטענערהייט א חבור'ל און גע'חלומ'ט צו פארען נאך אויסלאנד. דריי־פיערטעל יאהרהונדערט — און קיין זאך האט זיך נישט געענדערט, אלץ ווי געווען און ווער וויים, מעגליך אז אין דריי־פיערטעל יאהרהונדערט שפעטער, וועט א הונגעריגער דורכגעהער ארייגפאלען אין דער האלב־איינגעפאלענער שענק און ווידער באגעגענען אזא יונגענמאן — — — מעגליך — — — —

---

צוויי לעשניקעס האבען אריינגעפיהרט אין הויף אריין א פויער מיט געבונדענע אויף א הינטער הענד. פון די שייערען, פערד־שטאלען האבען זיך באוויזען פאראבקעס אין שעפסענע פעלצען, גייגעריגע ארומגערינגעלט דעם ארעסטאנט:

— וואס איז דער מעהר, סטאך?

— ווער האט דיך אזוי צושלאגען?

— זעה נאר ווי געשוואלען?

— מען זעהט דאך ביי איהם קיין אויג נישט ארויס!

דער געבונדענער האט געוואלט א שמייכעל טון, האט דאס אונטערגעשלאגענע אויג צוקרומט דעם שמייכעל און איבער'ן פנים האט זיך צולעגט א מינע, ווי ער וואלט זיך געהאלטען ביים פונאנדערוויינען. ער האט שטיל געפרעגט:

— וואו איז אנטעק?

— אנטעק פיאסעצקי׳ס?
— יא.
— אט קומט ער!

אנטעק, א ברייטביינינגער שיינעץ, אין א רויטען שפּאנציר, איז ארויס פון שטאל אהן א היטעל. ער האט געקנאלט מיט א קורץ בייטשעל. דערזעהן סטאכען א געבונדענעם, איז ער אונטערגעלאפען:

— און וואו איז מיין „אלטער״?
— זיי האבען אונז צושלאגען!
— פארוואס?
— גנב׳עט נישט, וועט מען אייך נישט שלאגען! — האט זיך א לעשניק אנגערופען.

— זאגסט ליגען! — האט דער געבונדענער מיט בטול געקוקט אויפ׳ן לעשניק, אונבעהאלפען א שלעפּ געטון די צוגעבונדענע האנד, ווי ער וואלט זיך געוואלט א קלאפּ טון אין הארץ אריין — מיר האבען נישט גע׳גנב׳עט! מיר האבען גענומען האלץ פון אונזער וואלד, פון פויערשען — — —

— א קוויטעל האסטו געהאט? — האט דער לעשניק וואוילעריש א פרעג געטון.

— פערמאך בעסער די געמבע, פערמאך! — האט אנטעק א געשריי געטון אויפ׳ן לעשניק און ווידער געפרעגט סטאכען — און וואו מיין „אלטער״ איז, ווייסטו גארנישט?

— פרעג זיי, די „פסור־בראטעס״ — האט דער פויער געוויזען אויף די לעשניקעס — זיי האבען איהם געשלאגען — — —

די לעשניקעס האבען זיך פערלוירען, נישט געקענט פערטראגען די בליקען פון די פאראבקעס, זיך גענומען רוקען אויף צוריק, געווארפען מיט די אויגען הין און הער, ווי זיי וואלטען געוואלט אויסמיידען א געפאהר און איינער פון זיי האט זיך אנגערופען:

— אבי איהר טשעפּעט זיך! מיר זיינען נישט שולדיג! איהר אויף אונזער פלאץ וואלט אויך נישט בעסער געווען! צו וואס האלט מען א

לעשניק אין וואלד? ער זאל לאזען צושלעפּען ס'האלץ? דערצו איז דער פּאן אליין געשטאַנען — — — געהייסען שלאָגען — — —

— האסטו געשלאָגען? — איז אַנטעק אונטערגעגאַנגען.

דער לעשניק האט נישט געענטפערט און זיך א רוק געטון אויף צו־ריק. אַנטעק האט איהם אונטערגעטראָגען ס'בייטשעל צו דער נאז:

— אַזאַ הונדצוואָט! בינד גלייך אויף סטאַכען, הערסט?

— ווער ביזטו דאס? — האט דער לעשניק א בלייכער פערוואָרפען דאס פּנים אויף צוריק און עטוואס אונטערגעהויבען זיין סענקעוואַטע שטעקען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פערטיידיגען.

— ווער א י ך בין? אַט ווער כ'בין! — האט אַנטעק איהם אויס־געהאַקט א פּאַטש.

דאס איז געגנוג געווען די פּאַראָבקעס זאל'ן זיך א ווארף טון אויף די לעשניקעס. מען האט געשלאָגען מיט וואס ס'איז נור געקומען אין דער האנד אריין — מיט קלאָניצעס, דישלעס, פערדישע פּאַדקאָוועס, מיט די אָפּצאַסען פון די שטיוועל. פון די קולות האבען זיך הינד געגומען רייסען אויף די קייטען מיט א בילעריי, שיקסעס האבען געקוויטשעט און אין דעם טומעל, וואס האט זיך געהויבען איבער די געביידעס פון הויף, זיך געקייקעלט איבער די שטילע, פערשנעעטע פעלדער, האט זיך געהערט א פער־צווייפעלט געשריי:

— אלא באָגאַ, ראַטעוועט! אלא באָגאַ! — — —

דער שררה איז אַנגעריטען פון וואלד מיט א סוויטע. מיט אַנגע־שטעלטע ביקסען האבען זיי ארומגערינגעלט דעם המון און אָפּגעשטעלט דאס געשלעג. ס'איז געוואָרען אומאַנגענעם שטיל. די לעשניקעס, פער־בלוטיגטע, אָהן כוחות, האבען אַנגעוויזען אויף אַנטעקען.

— איך וועל איהם אַנלערנען, דעם בונטאָווניק, דעם כאַם! — איז דער שררה נישט אייגגעזעסען אויפ'ן פערד, וואס האט זיך געהאַלטען אין איין דרעהען — פינף און צוואַנציג שמיץ גלייך אויפ'ן פּלאַץ!

ער האט א טרייב געטון ס'פערד, פערביינעלאָפען אַנטעקען און איהם אָפּגעמאַסטען מיט'ן ראַפּניק איבער'ן פּנים. א צושפּאַלטענע פּאַס באַק איז גלייך אַנגעלאָפען ווי א שטיק קישקע. אַנטעק האט זיך א

כאַפּ געטון פאַר דער באַק. געגומען לויפען אַרום און אַרום און זיך אויסטערליש צושריען, אַז ביי אַלעמען זיינען דורך דרעשטשעס.

די פּאַראַבקעס האָבען געוואָלט אַפּציהען, נישט זעהען די שאַנד פון אַ ברודער, האָט מען זיי פאַרשטעלט דעם וועג — געהייסען קוקען, ווי מען באַגעהט זיך מיט אַ בונטאַווניק.

דער עקאַנאָם האָט אַנטעקן געבונדען הענד און פיס, ווי מען בינד אַ בהמה פאַר דער שחיטה און אַז מען האָט געבראַכט די ריטער, האָט עמיצער אַ ציה געטון ביי'ם שטריק און אַנטעק איז אַ פאַל געטון אין שנעע אַריין ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. מען האָט איהם אַוועקגעלעגט מיט'ן פּנים אַראָפּ. צוויי פויערים האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף איהם. איינער אויף די פיס, דער צווייטער אויף די פּלייצעס. דער עקאַנאָם האָט בעטראַכט די ריטער, זיי גוט איינגעריבען אין שנעע, עטליכע מאָל דורכגעשניטען מיט זיי די לופט מיט אַ פּייף און אַ צופרידענער זיי איי־בערגעגעבען דעם שמייסער. די פּאַראַבקעס האָבען געהאַלטען די אויגען צו דער ערד, נישט געקוקט אויפ'ן פּלאַץ וואו אַנטעק איז געלעגען און אונבעהאָלפענע געפּיהלט ווי דער הויף ווערט פאַר זיי אַלץ ענגער און ענגער. עס האָט זיך דערהערט דעם עקאַנאָם'ס שטימע:

— פאַרטיג?

— פאַרטיג! — האָט געענטפערט דער שמייסער.

דער עקאַנאָם האָט איינטאָניג געצעהלט:

— איינס — — — צוויי — — — דריי — — — —

די רוט האָט געפייפט איבער די איינגעצויגענע הויזען, זיי דורכגע־האַקט, געשניטען מיט'ן פליייש. טראָפּענס בלוט האָבען געטריפט אין ווייסען שנעע אַריין, געטריפט און פערגליווערט געוואָרען. אַנטעק האָט געשריען נישט מיט קיין מענשיש קול, אַנשווייגען געוואָרען, ווידער אָנ־געהויבען און צווישען שווייגען און שרייען, איז דאָס איינטאָניגע צעהלען פון עקאַנאָם טעמפּ געפאַל'ן אויף די פערטויבטע אויערען:

— אַכט — — — ניין — — — צעהן — — — —

מרדכי איז אונטערגעקומען, געזעהן ווי מען שמייסט אַ דערוואַק־סענעם מענש, איז ער אַ פערציטערטער געוואָרען. ער האָט געהערט אַז

פּריצים שמייסען פּויערים, שמייסען אידען, עס אויפגענומען ווי א בבא־מעשה, וואס אַלע דערצעהלען און וואס קיינער האט עס נישט בייגע־וואוינט. איצט האט ער זיך אַנגעשטויסען דערמיט אויג אויף אויג. ער האט זיך דורכגעשטופּט און איז גלייך צוגעגאַנגען צו'ם שמייסער:

— מענש דו, ווי שעהמסטו זיך נישט אויפצוהויבען אויף דיינ'ם א ברודער א האנד?

מרדכי'ס דרייסטקייט, דאס האַלטען זיך, זיין הארציגקייט, אַלץ האט געווירקט, געקומען אַזוי אונערוואַרטעט, אז דער שמייסער האט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויפ'ן שרה, אויף מרדכי'ן, האבען זיך אַלע אנגע־הויבען איבערצוקוקען און דאס שטילקייט האט געשניטען די אויערען.

צי דערפאר וואס מען האט אויפגעהערט שמייסען, צי דערפאר וואס א פּרעמדער האט געהאט די העזה איהם זיך אנטקעגענצושטעלען, ווי ס'זאַל נישט זיין, האט דער פּערדרוס ביי'ם שרה געהאַלטען אין וואַק־סען. אז אַנגעכמורעטער האט ער זיך ארויסגערוקט מיט'ן פּערד און גע־פרעגט מרדכי'ן:

— ווער זייט איהר דאס?

— א דורכגעהער — האט מרדכי געענטפערט.

— טאַ געהט ווייטער אז ס'איז אייך גוט, — האט דער שרה זיך געבייזערט — מישט אייך נישט אין פרעמדע אינטערעסען!

— לאַז דער „וויעלמאַזשני פּאַן" אזוי גוט זיין — האט א פּאַראַבעק אַנגעהויבען שטאַמלען, זיך פּערנויגט מיט'ן היטעל אין דער האנד און געצייגט אויף אנטקעגען — די איבריגע שמיץ גיט מיר!

— וואס טוט זיך דא, צו הונדערט טויזענד טייוואַלים? — איז דער שרה פון כעס נישט איינגעזעסען אויפ'ן פּערד און א געשריי גע־טון צו'ם שמייסער — קאַלעק, שמיים ווייטער! דאס כאמסטווא וועט מיר נישט דיקטירען וואס כ'האב צו טון!

— קאַלעק איז א קאַטאַליק, ער וועט נישט שמייסען זיינ'ם א ברו־דער — האט מרדכי זיך אַנגערופען.

— ווער איז ער, דער פּרעמדער? — האט איינער פון די סוויטע אריינגעוואַרפען.

— וואס וויל ער?
— ס'איז א „קשאנדז״?
— ווייס איך!?
— ס'איז דאך א איד!
— וואס דו פלאפעלסט!
— פרעג איהם!
— פרעג איהם דו!
— ס'איז א איד! ס'איז א איד!
— א איד? — האט דער שררה אן איבעראשטער איבערגעפרעגט.
— יא — האט מרדכי געענטפערט.
— טא גיב דעם איד די איבריגע שמיץ! — האט דער שררה א געשריי געטון צו'ם שמייסער און אויסגעשפיגען — אזא נישט גלוי־ביגער!

איידער מרדכי האט צייט געהאט זיך אומצוקוקען, איז ער שוין געלעגען אויפ'ן שנעע, געפיהלט, ווי אן אנגעגליהטער קלין שנייד זיך אלץ טיעפער אין לייב אריין, שפאלט, דאכט זיך, די פלייצעס אין צוויי־ען, צוקרישעלט א ביין נאך א ביין... די יסורים ווערען אלץ גרעסער. פאלן איבער איהם ווי שפיציגע שטיינער און פון אונטער די קלעפ הערט זיך דעם עקאנאם'ס איינטאניגער צעהלען:

— צוואנציג — — — איין־און־צוואנציג — — — צוויי־און־צוואנציג — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי איז געלעגען אהן כוחות, נישט געזעהן וואס ס'טוט זיך ארום איהם, בלויז געפיהלט ווי מען רייבט איהם די שלעפען מיט שנעע. ער האט געעפענט די אויגען, געקוקט איבער א רגע אויף די פאראבקעס, וואס זיינען געשטאנען איבער איהם, זיך געכאפט וואס מיט איהם האט פאסירט און מיט די לעצטע כוחות זיך א שטעל אויף געטון. ער האט נישט געקענט געהן, געזעהן רעדער פאר די אויגען און זיך אנגעהויבען וואקלען. די פאראבקעס האבען איהם אונטערגעכאפט, אריינגעפיהרט אין שטאל, וואו אנטעק איז געלעגען, אפגעוואשען מיט לעבלעך וואסער

זיינע וואונדען און נישט דרייסטע זיך געפרעגט צו ער וועט עפּעס עסען.

— אַ טרונק וואַסער, — האָט מרדכי זיך געבעטען.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ פולע שעפּ. ס'וואַסער האָט געקיהלט זיין צופלאַמטען קערפּער, איהם אביסעל אָפּגעפרישט. מיט מאַטערניש האָט ער זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בויך און אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט, ווי די פּאַראַבקעס, וואָס האָבען זיך צוזעצט אַרום אַנטענק'ען, האָבען געשמועסט:

— אַז וואָס ס'קומט אויף אונז, איז אַלץ ווייניג! — האָט זיך איינער אָנגערופען.

— איך וועל איהם ווייזען, דעם „פּסו־בראַט", אי צו שמייסען! — האָט אַנטעק אַריינגעוואָרפען מיט אַ קרעכץ.

— מיר האַלטען אין איין ווייזען און זיי שלאָגען דערוויייל!

— אַז אַ פּויער און אַ בהמה איז אַלץ איינס!

— גערעכט! וויטעק איז גערעכט! ווען מיר וואָלטען געווען מענשען, וואָלטען מיר דאָ נישט געזעסען!

— אין פּעפּלאָווקע, דערצעהלט מען, האָבען די „כלאָפּצעס" אונטערגעצונדען דעם הויף!

— מיר דאַרפען אויך אַזוי טון!

— איהר זינדיגט — האָט זיך אַן אַלטער פּורמאַן אָנגערופען.

— אין קאַרשין האָבען זיי דער'הרג'עט דעם שררה!

— מען דאַרף זיי אַלע אויס'הרג'ענען!

— אונזערער איז אויך נישט זיכער מיט'ן לעבען!

— איהר זינדיגט, קינדער, איהר זינדיגט — האָט דער פּורמאַן זיך אָפּגע'צלמ'ט — דער נישט־גוטער רעדט פון אייך אַרויס!

— ווי זינדיגען מיר, זיידע — האָט אַנטעק זיך אויפגעזעצט — אַז מיר האָבען ביי די פּאַנעס אַ גאַנץ יאָהר „פּאָסט"? אונזער שררה איז אַ שוואַכער מענש, ערלויבט איהם דער „קשאַנדז" צו עסען אין „פּאָסט" געבראָטענע קאַטשקעס, זיך אויסצוהאַלטען אַ „קאַכאַנקע" און אַפילו שמייסען פּויערים — — — הערט, זיידע, מיין נאָמען איז נישט אַנטעק, צו מיר וועלען זיך נישט אָפּרעכענען מיט איהם! ווען נישט איהר, אַלטע

בהמות. וואָלטען מיר שוין לאַנג צוגענומען ביי די פּאַנעס די ערד, אונזער ערד — — — — דער „קשאַנדז“ הייסט נישט, האַ? מיר ווילען זעהן — — —

מרדכי איז געלעגען אין פיבער. ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די פּאַראַבקעס, נישט געוואוסט אז די באַציהונגען צווישען דאָרף און הויף זאָלען זיין אזוי פערשאַפּט און געקריצט מיט די ציין פון בעליי־דיגונג. א טיעפע מרה־שחורה האָט זיך געלעגט איבער איהם, זיך איינ־געביסען, געעגבערט ווי א שרויף. האָבען פינסטערע מחשבות זיך גענומען וועקען, איהם בעפאַלען מיט נעגעל און ציין, געשריען — נקמה, נקמה פאַר די שמיץ! אהן א שיעור פלענער האָבען אויפגעטיקט און זיך געלאָשען אין זיין הייסען מוח. ער האָט זיך געהאַלטען מיט ביידע הענד פאַר די שלייפען. וואָס האָבען זיך געהויבען ווי בלאָז־זעק און געוועז זיכער, אז נאָר אזוי נאָך וועט ער צונויפנעמען די געדאַנקען. און יעדעס מאָל ווען די פּלענער זיינען זיך צעשווימען, איבערגעלאָזט א קאַלטען חלל, האָט ער אויפגעציטערט, זיך געשראָקען אז אָט, אָט פערלירט ער די געלעגענהייט. און ווען מען וואָלט איהם דעמאָלט געפרעגט, וואָס ער ציטערט אזוי און וואָס פאַר א געלעגענהייט ער האָט מורא אנצואווערען, וואָלט ער אליין ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. די שרעק האָט מעהר נישט אנגעהאַלטען ווי א רגע. באַלד האָבען די שלייפען ווידער ביי איהם אנגעהויבען צו קלאַפּען. דער פיבער האָט פערטריבען די ספקות און נייע פּלענער האָבען זיך גענומען וויקלען ארום איהם, זיך געוויקעלט און אויפגעוויקעלט.

מיט'ן אנקומען פון דער נאַכט, איז דער פיבער ביי מרדכי'ן געשטי־גען. די שטילע רייד פון די פּאַראַבקעס האָבען מאָדנע געקלונגען אין זיינע אויערען און ער האָט געזעהן ווי דאָס פערד־שטאַל ווערט פול מיט מענשען. ער האָט זיך ארויפגערוקט אויפ'ן זאַק מיט היי, זיך א הויב געטון, געבליבען שטעהן אויף די קניען און זיינע צופלאַמטע אויגען האָ־בען זיך אפגעשטעלט אויפ'ן בילד, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנד אין א נישט געהובעלטער רעהם. ס'איז געווען א הייליגע „מאַמע“, וואָס האָט שליטה איבער פייער. די פּאַראַבקעס האָבען איהם איינציגווייז ארומגערינגעלט. ער האָט אנגעהויבען רעדען צו זיי. און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, איז זייער אונרוהיגקייט אלץ מעהר געוואַקסען, זיך

ארויסגעריסען מיט א קללה, מיט א געבייזלטער פויסט, זיך געלעגט אויף זייערע אנגעכמורעטע פנים'ער, ווי שווערע, פינסטערע וואלקענס. מרדכי האט נישט אויפגעהערט צו רעדען, געשטאנען אויפ'ן זאק מיט היי און זיינע ווערטער האבען זיך געקנוילט, געוועקט אין די פויערים דעם בע־לייידיגטען מענש, געקלונגען אזוי הארציג און אין דער זעלבער צייט גע־שניטען פאסען לעבעדיגערהיים. די רייד זיינען געקומען פון זיך, נישט נעגלויבט אז דאס רעדט ער, מרדכי, און די ווערטער, ווי פונקען, זיינען געפאלען אויף די פערוואלקענטע מוחות, זיי געצונדען און א פייער האט זיך צעפלאקערט.

---

דער הימעל איז געשטאנען אין פלאמען, אין רויך.

אויף א פריהער האבען פיער פויערים געטראגען אויף שטריק א טרומנע, וואו אנטעק'ס פאטער, פיאסעצקי, איז געלעגען א דער'הרג'ע־טער. פאראבקעס מיט קאסעס, שפאדלעס, העק זיינען נאכגענאנגען, זיך גרופירט לויט די דערפער. ביים אריינקומען אין דארף, האט דער גלאק אנגעהויבען קלינגען, ווי ס'וואלט א פייער געוועז. ס'פויערים־פאלק מיט די ווייבער און קינדער זיינען צונויפגעקומען, זיך געשטעלט ארום און ארום דער אפענער טרומנע, וואו זייער שכן פיאסעצקי איז געלעגען. מרדכי, וועמען קיינער האט נישט געקענט, נישט געוואוסט פון וואנען ער האט זיך גענומען, איז אויסגעוואקסען ביי דער טרומנע. זיין בלייך פנים, דאס האלטען זיך, די צופלאמטע אויגען, האבען צוגעגעבען עפיס מיסטעריעזעס צו דער פראצעסיע. אנטעק האט אנידערגעקניעט, צו־שפרייט די הענד:

— שכנים, איהר ווייסט ווער ס'האט דער'הרג'עט מיין טאטען?

— מיר ווייסען! מיר ווייסען! — האבען די פויערים געענטפערט און זיך אראפגעלאזט אויף די קניען.

— איך וויל איהר זאלט מיר העלפען קריגען גערעכטיגקייט!

— מיר וועלען העלפען! מיר וועלען העלפען!

מרדכי האט מספיד געווען דעם טוידטען, מיטגעריסען די ארומיגע מיט זיינע הארציגע, פשוט'ע רייד. אליין אויך מיטגעריסען געווארען און אז ער האט דערזעהן, ווי די פויערטעס כליפען, די פערהארטעוועטע הער־צער פון די פויערים האבען נאכגעלאזט, ווייך געווארען און א פעסטע האנד וואלט יעצט געקענט פיהרען די פויערים, וואוהין זי וואלט נאר גע־וואלט, פונקט דעמאלט האט זיך דערהערט א שטימע:

— קומט אין הויף אריין!

— קומט, ברידער!

— מיר וועלען די פאנעס אפגעבען אונזערע „כאלופעס"!

— און מיר וועלען וואוינען אין שלאס!

— גערעכט!

— גערעכט!

— נעמט דעם טוידטען!

— נעמט די טרומנע!

— קומט!

— קומט!

— לאזט די טרומנע אויף א פריהער!

— ווער איז דער פרעמדער?

— כ'וויים נישט!

— דאס הייסט גערעדט!

— ווי פון א ביכעל ארוים!

— רעדט בעסער ווי דער קשאנדז!

— דערמאן נישט זיין נאמען!

— ווער האט איהם דער'הרג'עט?

— פּיאַסעצקין?
— יאָ.
— כ'ווייס נישט.
— מען זאָגט, דער פּאַן.
— מיר ווילן זיך אָפּרעכענען מיט איהם!
— דו וואָלסט געקענט אויפהייבן א האנד אויפ'ן פּאַן?
— איך נישט!
— איך נישט!
— ס'געהט אויף ביי נאכט א פראָסט!
— וואָס אַרט עס דיך? אין דיין שאָפּען־פוטער וועסטו נישט גע־פרוירען ווערען!
— ווי א חזיר האָט דאָס אידעל געקוויטשעט! אוי, געוואַלד! אוי, גע־וואַלד! נישט געלאָזט אראָפּציהען פון זיך דעם פעלץ!
— ציגד אָן די שטיקער קיהן! — האָבען זיך געהערט קולות פון אַלע זייטען.
— ס'איז דאָך נאָך טאָג!
— צינדט אָן, זאָגט מען אייך!
דאָ און דאָרט האָבען אויפגעפלאַקערט מיט א קנאַקעריי שטיקער קיהן, זיך געריסען צום פערפלאַמטען הימעל. די פאַראַבקעס מיט בלאַנ־קענדע קאַסעס אויף די אַקסלען האָבען געשפּרייזט אַרום דער טרומנע מיט געבויגענע קעפּ.
די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שלאָס, וואָס האָט אויס־געזעהן ווי א פערלאָזענער, אַזוי שטיל איז געווען אַרום. דער המון האָט געשריען, געליאַרעמט, גערופען דעם שררה. דער עקאָנאָם איז אַרויס אויפ'ן גאַנעק מיט א ביקס:
— צוגעהט אייך מיט גוטען!
— א טשו! א טשו! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען.

— מיט א ביקס?
— אזא חזר'ישער עק!
— אזא חזר'יש אויער!
— פערטרייבט איהם!
— מיר ווילען דעם שררה!
— א טשו! א טשו!
— אין שטאַל אריין!

פון אלע זייטען האבען גענומען פליהען אויף איהם שטיינער, פלע־שער, שטיקער האָלץ און ס'איז געווארען אזא געשריי, אז מען האט גע־קענט טויב ווערען. דער שררה איז נישט ארויס. פון עטליכע פענסטער האט מען אויסגעשאָסען מיט אמאָל, געוואלט איבערשרעקען דעם המון. געסטראשעט אויפצוכאפען יעדען איינעם, ווער ס'וועט וואגען אונטערצו־קומען צום שלאָס. דער כעס איז געוואקסען. א פּאַראַבעק האט איינ־געצויגען דעם קאָפּ צווישען די אקסלען, ווי איינער וואָס האט מורא ער וועט כאפּען קלעפּ און זיך געלאָזט צום שלאָס. א קויל האט איהם אוועק־געלעגט. דאָס איז געווען גענוג. דער המון האט זיך א שפּאַר געטון, זיך געטראָגען ווי א שטורעם צום שלאָס, שיקענדיג אויף א פריהער א האגעל מיט שטיינער, פלעשער און העלצער. פון אלע פענסטער האט מען גע־שאָסען. דער המון האט זיך נישט אָפּגעשטעלט, געשפּרונגען איבער די געפאַלענע, אויפגעבראָכען מיט העק די טירען, געקראָכען אין די קעלערס, ארומגערינגעלט דעם שלאָס פון אלע זייטען. מען האט אנגעהויבען צו שלעפּען פון די קעלערס קאַשען מיט ווייז, מיט אקעוויט, זיך געריסען איבער די פלעשער, אָפּגעהאַקט די העלזער, און געטרונקען. דאָס גע־שריי איז געוואקסען. פון א קעלער האט א נעדיכטער רויך זיך אנגע־הויבען ארויסצוקנוילען, מיטגעריסען מיט זיך א פלאַם, איז דער המון ווילד געווארען פון שמחה, זיך געהאַלדזט, געטרונקען ברודערשאַפט, גע־קניעט ארום דעם טוידטען פּיאַסעצקי און געשריען וואָס כח נאר:

— דער שלאָס ברענט!
— דער שלאָס ברענט!

אין א ווינקעל איז געשטאַנען דער אַלטער פּורמאַן, געהאַלטען די הייליגע „מאַמע“, וואָס האָט שליטה איבער פייער, זיך געצלמט און שטיל געפּרעפּילט:

— איהר זינדיגט, קינדער! איהר זינדיגט!

דער המון האָט אָן אַלעם פאַרגעסען, זיך געשטופּט ארום די קאַשען מיט שנאַפּס, זיך געקריגט, זיך געשלאָגען מיט די פויסטען, געכאַפּט ווי־פיעל איינער האָט געקענט און די, וואָס האָבען זיך נישט געקענט דער־שטופּען, האָבען געגרעוועט, ווי זיי וואָלטען געהאַלטען ביי'ם משוגע ווע־רען. די חיה אין מענש האָט זיך געוועקט, אנגעשטעקט קליין און גרויס. האָט מען געוואָרפען פלעשער בראָנפען אין פייער אריין, געלאָפען איבער'ן הויף ווי פאַר'סם'טע מייז, געזוכט די דינסטען און אז מען האָט זיי נישט געפונען, האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף אייגענע שוועסטער.

דער שרה האָט זיך באַוויזען אין א פענסטער, עפּיס גערעדט, גע־מאַכט מיט די הענד, ווי ער וואָלט זיך געבעטען. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געוואָלט הערען, בלויז געשריען:

— לאָזט איהם נישט ארויס!

— פאַרברענט איהם!

— פאַרברענט איהם!

— צו'ם טייוועל מיט דער שלאַכטא!

— ווער געהט אין שענק אריין?

— קומט כלאָפּצי, מיר וועל'ן אויפהענגען די שענקער פאַר די פּאות!

— קומט!

— קומט!

מרדכי איז געשטאַנען אין א זייט, פערלוירען געקוקט וואָס עס טוט זיך ארום, וואָס ער האָט אויפגעטון און חרטה געהאַט. ער האָט מעהר נישט געגלויבט אין המון. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שענקערס נאָ־מען, איהם עטליכע מאָל איבערגע'חזרט, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען; און א גלייכגילטיגער זיך געלאָזט מיט דער צווייטער זייט פעלד.

די טרומנע האט זיך געריהרט פון ארט. די שטיקער קיהן האבען געפלאקערט אין דער נאכט, זיך אפגעשפיגעלט אין די בלאנקענדע קאָ־סעס. וואס האבען זיך באוואוינגען איבער אקסלען, און ס'האט אויסגע־זעהן ווי דער טוידט, א פיעל־קעפיגער, שפרייזט איבער די וועגען און לאזט אלץ אוועק מיט'ן רויך.

---

די אומרוהען צווישען די פויערים געגען די „הויפען" זיינען געוואק־סען, זיך פערשפרייט איבער פוילין, ארומגעכאפט די גאנצע געגענד פון פלאצק, שעדלעץ און לובלין, ווי א פייער כאפט ארום א געדיכטען, טרו־קענעם וואלד. די שלאכטא, וואס האט זיך באריהמט אז א „מאסקאל" איז זייער שווער קיינמאל נישט אריבערגעטראטען, די זעלבע „שלאכטא" האט איצט געמוזט רופען רוסיש מיליטער צו הילף, נישט זיכער געווען מיט'ן לעבען און זיך באפעסטיגט אין זייערע שלעסער, אין די הויפען. די רעגירונג, וואס האט אין אנהויב זיך נישט געמאכט זעהען, וואס ס'קומט פאר אין דארף, געוואלט אז צווישען פויער און שררה זאל די שנאה ווערען גרעסער, האט זיך מיט אמאל אליין דערשראקען, מורא געהאט די זאך זאל זיך נישט ארויסגליטשען פון איהר האנד, זי אריבער־וואקסען און אנגעהויבען אונטערצודריקען די אומרוהען אהן רחמנות. די אנפיהרער האט מען ארעסטירט. זיי האבען געלעגט די שולד אויף אן אפגעריסענעם יונגענמאן, וואס שלעפט זיך איבער די דערפער און בונטעוועט די פויערים. דעם יונגענמאן האבען אלע געזעהן, נאכגעזאגט זיינע דרשות און קיינער האט נישט געוואוסט ווער עס איז, ווי ער הייסט, פון וואן ער האט זיך גענומען און וואו ער געפינט זיך. מען האט איהם געזוכט אין יעדען דארף. און וויפיעל עדות מען האט נישט אויסגע־

פרעגט, האט יעדער געגעבען אנדערע סמנים. איינער דעם היפוך פון צווייטען. ווי ס׳וואלט זיך נישט געהאנדעלט וועגען אן אפגעריסענעם יונגענמאן, וואס איז איצט נעכטען געווען אין די דערפער, געלעבט צווי־שען די פויערים, נאר וועגען א לעגענדע פון הונדערטער יאהרען, וואס לעבט אויף אין יעדער געגענד אנדערש.

די פריצים זיינען זיכער געווען אז דער בונטאווניק איז א איד, די פויערים האבען זיך געצלם׳ט, אז ס׳איז אן עהרליכער קאטאליק — ביי יעדער „פיגור" האט ער געקניעט און תפילה געטון — און די זקנים צווישען זיי האבען אין דער שטיל געטענה׳ט אז ער איז א נישט־גוטער. זיי האבען דערצעהלט ווי ער איז אריין צו א פויערטע אין שטוב אריין. די פויערטע, וואס איז געווען אין די הויכע מאנאטען, האט דערזעהן אז ער האט פיס פון א ציעג, האט זי פון שרעק גע׳מפיל׳ט און געבוירען א קינד מיט הערנער. און די גלחים האבען אין זייערע דרשות נישט אויפ־געהערט צו טרייסטען אז די ישועה איז נאהענט, א סמן — דער פער־שאלטענער אנטי־קריסט דרעהט זיך ארום אין די דערפער, בונטעוועט ס׳פאלק, רייצט דעם המון נעגען שררה, נעגען „קשאנדז".

קאפיטעל 3.

## די פטירה.

מרדכי איז צוריק געקומען נאך קאצק אן אפגעריסענער, און אויס־געדארטער. דער טרויער, וואס האט תמיד ארויסגעקוקט פון זיינע גרויע אויגען, איז פערשוואונדען און עפּיס וואלפישעס איז געווען אין זיין גאנצען אויסזעהן. די גרויע אויגען האבען דורכגענומען, געקוקט מיט געוואגטקייט און שרעק. ער האט געוואוסט אז מען זוכט איהם אויף די וועגען, אין די דערפער. געוואוסט אז ער דארף אויסמיידען מענשען און זיך אפגעשטעלט אין יעדער שענק. ער האט זיך צוגעהערט ווי מען דערצעהלט וועגען איהם נישט געשטויגענע מעשיות. פיעל מאל אנטייל גענומען אין די שמועסען און איינמאל איז ער שיעור נישט דער׳הרג׳עט געווארען, ווען ער האט גענומען רעדען שלעכטס וועגען זיך אליין. אויפ־געוויזען די פויערים, אז ער איז א טרוס, אנדערש וואלט ער נישט פער־שוואונדען, איבערגעלאזט די פויערים אליין — — —

בלייבען אין פוילען האט מרדכי מעהר נישט געקענט. ער האט זיך גע׳חדושט, וואס דער פערלאנג צו פאהרען נאך אויסלאנד איז ביי איהם פערשוואונדען און זיין פלאץ האט פערנומען א גלייכגילטיגקייט. און ווען נישט פעליציע, וואס האט אויסגעארבייט אלע פלענער ער זאל פערלאזען פוילין, וואלט ער זיך נישט גערוהרט פון ארט, געזעסען אין קאצק און זיך געשלאגען מיט דער דעה צי ער זאל זיך יא איבערגעבען דער פאליציי, צי נישט. ער האט אויסגעקליבען צו פאהרען נאך פאריז, כאטש אין הארצען האט ער נישט געוואוסט וואס ער וועט דארט טון, אפילו די שפראך נישט פערשטאנען. מעגליך דאס, וואס קאהאנע האט זיך געקליבען אהין, מעגליך אויך, וואס אין פאריז איז געווען א גרויסע, פוי־

לישע קאַלאָניע, ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט מרדכי באַשלאָסען צו פער־לאָזען פוילין, גלייך ווי ער וועט זיך שאַפען געלד.

ער איז אַריבער אויף דער אכסניה צו שאַפטען. איהם געטראָפען איבער אַ שוואַרץ־ברויט, אַ ציבעלע און אַ טעפּיל צוקאַריע.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט! — האָט שאַפט זיך אויפגעשטעלט, צונע־רוקט ס'טישעל צו'ם בעט און געגעבען מרדכי'ן די שטוהל — זיץ! וועסט אפשר מיטהאַלטען?

— אַ דאַנק! כ'האָב נאָר וואָס געגעסען!

— און אַז וואָלסט געווען הונגעריג, וואָלסטו דען מיטגעהאַלטען? — האָט שאַפט זיך געריבען די הענד אַז זיינע פּוטערנע הויזען און גע־קנייטשט דעם שטערען. — שמאי האָט גענוג אַ ציבעלקע, אַ טעפּעל צו־קאַריע, אָבער דו, ר' אברהם'ס זוהן? טאַקע, וואָס עסט איהר אויף אָנ־בייסען? מאַרצעפּאַנען?

— וואָס האָט איהר זיך היינט צורעדט, שמאי? — האָט מרדכי געשמייכעלט.

— כ'רעד פון צרות, מרדכי! שוין צוויי מאָל געוואָלט אהיימפאָהרען און זיך געמוזט פון וועג אומקערען! מען איז דאָך נישט זיכער מיט'ן לעבען, מ'קען דער'הרג'עט ווערען! דאָס פעבעל איז ווילד געוואָרען. וויל מעהר נישט אַרבייטען; הפקר און פּטור! ס'דערמאָנט מיך יענע מעשה, ווי די הינד האָבען אויפגעהערט צו פאָלגען דעם קאַפּ, אַ ווירט־שאַפט, האַ? דער פּויער וויל ווערען אַ פּאַן! און מען שמועסט — האָט ער שטילער גערעדט — אַז אחינו בני ישראל האָבען אויך אַ האַנד אין דער זאַך — — — אַז אומעטום אידעלער — — — אַז אומגליק, זאָג איך דיר! ווער ס'זאָל נישט גערעכט זיין, וועט עס אויסגעהן צו אונזערע קעפּ. דער פּויער בונטעוועט זיך, דער פּריץ בונטעוועט זיך — ווער אָבער לייד? מיר! כ'דאַרף נויטיג זיין אין דער היים און גאַרנישט — — — — באַטש איצט וואָלט איך סיי־ווי־סיי נישט געפאָרען. דער רבי דאַרף רחמים — — —

— ווידער אוועקגעפאַלען? — האָט מרדכי זיך געפרעגט.

— שלעבט, מרדכי שלעבט — — — האט מעהר קיין מראה אין פנים — — — ס׳טוט זיך חשך — — — —

מרדכי האט זיך אויפגעשטעלט, זיך דערמאנט צו וואס ער איז גע־קומען און אנגעהויבען:

— שמאי, כ׳דארף האבען פינף טויזענד גילדען — — — —

— ווער האט היינטיגע צייטען אזא סומע? — האט שמאי איהם איבערגעריסען, זיך א הויב געטון און צוריק געבליבען זיצען אויפ׳ן בעט — כ׳וועל דיר זאגען דעם אמת, נאר וואס שטעהסטו? זיץ! כ׳האב אויפגעהערט צו בארגען געלד, אפילו דעם רייכסטען פריץ בארג איך מעהר נישט! ביי אזעלכע צייטען, ווער וויים וואס מארגען קען זיין? כ׳מיין, קאראנטער אז מען גיט די פאר גילדען פון דער האנד נישט ארויס... נאר דיר, זעהסטו, איז עפעס אנדערש! ר׳ אברהם׳ס זוהן וועל איך גערן טון א טובה — — — אבער נישט אזא סומע, כ׳האב פשוט נישט — — — — מיין גאנץ פארמעגען שטעקט אין די הויפען ביי פריצים — — — די תבואה איז אדער פארברענט, אדער צופוילט, אז דער פויער ארביים נישט! א שעהן ווירטשאפט פיהרט זיך אין פוילין, א יאהר אויף זיי! וואס האב איך געוואלט זאגען? יא, דריי טויזענד קען איך דיר געבען.

— לאז זיין דריי טויזענד — האט מרדכי איינגעשטימט.

שמאי האט אנגעשריבען א פאר ווערטער אויף א בייגעלע פאפיר און עס אונטערגעטראגען מרדכי׳ן:

— זיי אזוי גוט און שרייב עס אונטער, בעסער אז ס׳איז פאראן א קוויטעל — — —

מרדכי האט איבערגעלייענט ס׳קוויטעל, א הויב געטון מיט די אקס־לען און געשמייכעלט:

— איהר גיט מיר דריי טויזענד און מאכט אויס א קוויטעל אויף זעקס?

— רעדסט דאך, זיי מיר מוחל, נארנישט ווי א סוחר — האט שמאי אנגענומען מרדכי׳ן פאר א לאץ — לאז דיך דיענען — שמאי בארגט ר׳ אברהם׳ס זוהן דריי טויזענד גילדען, פרעגען זיך, אויף וואס בארגט ער איהם, כ׳מיין אויף וואס קוקענדיג? אויף די גיטער, וואס ער פער־

מאַגט, צי אויף די מטלטלים? — האָט ער זיך געצופּט ס'בערדיל, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגן א האַרבער סוגיה — און דאָס וואָס ר' אברהם'ס זוהן ווערט איצט אין צוויי יאָהר אַרום מינדיג, דאָס איז גאָרנישט? — — — איז קיין עולה וואָס שמאי וויל זיך פאַרזיכערען. הא, וואָס זאָגסטו! ? נאָר כ'גיב דיר מיין „הן שלי". אז מעהר ווי דריי טויזענד גילדען וועל איך פון דיר נישט נעמען — — —

א גלייכגילטיגער האָט מרדכי אונטערגעשריבען, געקוקט ווי שמאי שיט טרוקענע זאַמד אויפ'ן אונטערשריפט, שלעפּט אַרויס א לעדערנעם טייסטער, צעהלט א פערזאָרגטער יעדען באַנקנאָט מיט א קרעכץ. ווי ס'וואָלט איהם שווער געווען צו שיידען זיך מיט'ן געלד. עטליכע מאָל האָט שמאי איבערגעצעהלט די סומע, נישט געטרויעט זיינע העגד און אז מרדכי האָט געוואָלט דאָס פּעקיל געלד אריינלעגען אין דער קעשענע, האָט ער איהם גענויט נאָך אַמאָל איבערצוצעהלען.

מרדכי איז אַרויס פון שמאי'ן, געוואָלט געהן זאָגען קאַהאַנען אז מאָרגען אין דער פריה וועלען זיי קענען פאָהרען, זיך דערמאָנט אַז רבי'ן און זיך געלאָזט אין „הויף" אריין.

---

שוין צוויי וואָכען ווי ר'מענדעלי איז נישט אַרויס פון בעט, געווען זעהר שוואַך. א חוץ ר' איטשען האָט ער קיינעם נישט געוואָלט זעהען, נישט געלאָזט צורוימען דעם פערלאָזטען חדר, וואָס איז פול געווען מיט שפּינוועבס. איבער דער פאָדלאָגע האָבען שפּאַצירט מייזלעך, זיך גע־האַלטען אַזוי היימיש, אַז זיי פלעגען זיך אָפּשטעלען ביי'ם רבי'נס בעט, קוועטשען מיט די שנעבעלעך, ווי זיי וואָלטען עפּיס פערלאַנגט און אין הויף האָט מען געגלויבט אַז דאָס זיינען זינדיגע נשמות וואָס דאַרפען „תקון".

ר' איטשע האָט געהאַלטען אין איין צוואַרפען העלצער אין אויווען

אריין און אז ס'פייער האט זיך צופלאקערט, האט ר' מענדעלי אפּערגע־נומען פון אונטערען קישען א שליסעל און איהם צוגערופען:

— נא, נעם ארויס די שמות פון מיין קופערט און פאַרברען! וואס קוקסטו? פאַרברען זאגט מען דיר! דער דרוקער האט שוין גענוג אָנ־געדרוקט! נישטא פאר וועמען צו שרייבען! הערסט, איטשע, כ'ווער דערשטיקט — — — די וועלט  ש ט י נ ק ט  מיר — — — נו, וואס ווארטסטו? ווארף אלץ אין פייער אריין!

ר' איטשע האט געווארפען אין אויוועז אריין איין כתב־יד נאכ'ן צווייטען און אז ער האט אריינגעווארפען דעם לעצטען, האט ר' מענ־דעלי זיך צולאכט, שטיל און טרוקען, אז ס'האט ר' איטשען דורכגעשוי־דערט.

— אפּגעארבייט א לעבען, זיך גע'מח'ט, מחדש געווען וועלטען, געוואלט ברענגען משיח'ן — פרעג איך דיך — וואס? וואס? קומט א פייעריל און דער אמת'ער מענדעלי איז שוין נישטא, געבליבען בלויז א זעקיל מיט קראנקע ביינער! בין איך נישט גערעכט, איטשע — האט דער רבי אנגענומען זיין האנד — אז דער מענש איז א שטינקער? הא, וואס שווייגסטו?

דער רבי האט צועפענט די אויגען און זיך מיט אמאל א זעץ אויף געטון:

— האסט שוין אלץ אריינגעווארפען אין פייער? אלץ?

— אלץ, רבי.

— א שאד, א שאד — — — האט ר' מענדעלי זיך פערקרימט, ווי ער וואלט איבערגעלעבט שרעקליכע יסורים.

— וואס איז, רבי? וואס איז געשעהן?

— נארנישט, נארנישט — — — צווישען די שמות איז געלעגען מיין ספר־האדם, א חבור וואס האט געהאלטען איין זייטעל און ענטהאל־טען דעם גאנצען מענש — — — א שאד, דעם ספר־האדם האב איך געוואלט איבערלאזען — — —

— אז ס'איז איין זייטעל, רבי, קען מען דאך עס איבערשרייבען — האט ר' איטשע איהם געוואלט בארוהיגען.

— מ׳קען נישט, מ׳קען נישט — האָט דער רבי פער׳עקשנט אי־בערגע׳חזרט און גענומען רייבען מיט א האנד דעם שטערן — כ׳געדענק נישט, כ׳געדענק גארנישט — — —

דער רבי איז א פאַל געטון אויפ׳ן קישען אהן כחות, פערמאַכט די אויגען און אנגעהויבען קרעכצען. ר׳ איטשע האָט איהם געמינטערט. די חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען ארום די פענסטער, געזעהן ווי דער רבי איז אוועקגעפאַלן, האבען אנגעהויבען צו קלאַפּען אין די שויבען, זיך גע־ריסען מיט קולות אריין.

דער רבי האָט צוריק געעפענט די אויגען, א קוק געטון צום פענס־טער, פון וואַן די קולות זיינען געקומען, געשאָקעלט צו ר׳ איטשען מיט׳ן קאָפּ:

— זעהסט דעם אנלויף? אין די יונגע יאָהרען ווען כ׳האָב געפיל־נעוועט, האָט זיך די „פּאַספּולסטווא“ נישט אנגעקלעפּט אין מיר! זייער שמחה איז געווען אין לשער, ווען איך, מענדעל, בין נכשל געוואָרען אין זייערע אויגען און דער איזשביצער האָט צוגענומען ס׳פּעבעל! אין תוך האָט יעדער מענש פיינד א צדיק, פּרעהט זיך ווען ער כאַפּט אן עהרליכען מאַן ביי אן עבירה! אז ווער דאַרף זיי? ווער דאַרף זיי, פרעג איך דיך? ווען איך וואָלט אנגעהויבען פון דאָס נייע, — איז ר׳ מענדעלי געוואָרען אויפגערוימטער — ווייסטו וואָס כ׳וואָלט געטון? כ׳וואָלט זיך אויסגע־קליבען עטליכע הונדערט יונגעלייט, זיי אנגעטון שטריימלעך פון קרויט, ארויפגעשיקט אויף דעבער, זיי זאָל׳ן שרייען טאָג און נאַכט — די וועלט שטינקט, די וועלט שטינקט — — —

ר׳ מענדעלי איז אנשווינגען געוואָרען, געפיהלט אז ס׳ווערט איהם לייכטער. דאָס גערויש אין קאָפּ האָט נאָכגעלאָזט, פערשוואונדען. ער האָט געקוקט ווי דאָס פּאַפּיר פלאַקערט, קאַרטשעט זיך, ווערט נישט, אויסגעזעהן אונבעהאָלפען, ווי איינער וועמעס גאַנצע פאַרמעגען ברענט און ער קען זיך נישט העלפען. ער האָט זיך א ציה געטון, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּיס ראַטעווען און זיך געבעטען:

— גיב מיר פּאַפּיר — — — גיב מיר א פעדער — — — — —

ער האָט געהאַלטען די געגזענע פעדער צווישען די פינגער, געצי־

טערט, געזעהן ווי דאס ביינעלע פאפיר צעוואקסט זיך, די אותיות ווערען גרעסער, גרעסער, הויבען זיך אויף, אזעלכע בלויע, פייערדיגע, דרעהען זיך פאר זיינע אויגען ווי רעדער, א ראד איבער א ראד, א ראד אין א ראד, וויקלען זיך ארום בעט פון אלע זייטען, הויבט זיך די שטוב אן מיטצודרעהען. גיך, גיכער און ארום הארץ ווערט מיט אמאל אזוי הויל... זאל דאס זיין דער סוף?...

ר' איטשע האט זיך נעכאפט אז דער רבי מישט, ווייס נישט וואס ער שרייבט. האלט אין איין איבער'חזר'ען די זעלבע אותיות. ער האט פרובירט ליינען:

— ספר־האדם. ספספספ — ה־ההאדם — ספספספספספ ספ ספספ

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רבי האט א שליידער געטון און דר'ערד דאס פאפיר מיט דער פעד„ .״שווער אפגעזיפצט און געבליבען ליגען אהן מראה. ארום די פארקוועטשטע ליפען זיינען געשטאנען בלעזלעך. א דערשראקענער האט ר' איטשע אריינגערופען דעם שמש. דער רבי האט נאך אמאל געעפענט די אויגען, געקוקט א ווייל אין חלל פאר זיך, געגלאצט מיט איין אויג, ווי ער וואלט נישט געקענט באוועגען דערמיט, זיך אפגעשטעלט אויף ר' איטשען, עטליכע קרעכץ געטון און איז נסתלק געווארען.

אז מרדכי איז אנגעקומען אין „הויף,“ האט שוין גאנץ קאצק גע־וואוסט וועגען ר' מענדעלי'ס פטירה. מען האט צוגעמאכט די קראמען, אוועקגעלעגט די ארבייט, צולאזט די קינדער און אין אלע געסלעך זיינען געשטאנען קופקעס מענשען, זיך געסוד'עט ווער ס'וועט זיך מתעסק זיין מיט זיין הייליגען גוף — די תלמידים, צי די „חברה קדישא“?

דער הויף איז שוין נישט געווען דורכצוגעהן — קעפ אויף קעפ, נישט ארויס, נישט אריין. מרדכי האט זיך קוים דורכגעשטופט, גע־בליבען שטעהן ביי ר' מענדעלי'ס טיר. דאס חדר איז פול געווען מיט יללות. די קינדער, די אייניקלעך זיינען געשטאנען ארום בעט, וואו דער נפטר איז געלעגען איבערגעדעקט מיט זיין ווייסער, זיידענער קאפאטע. רבקה'לע האט זיך געהאלטען פאר די האר, אויפ'ן קול זיך אויסגע־טענה'ט מיט'ן זיידען, יעדע ווייל זיך פערגאנגען אין א געוויין. מרדכי,

וואס האט קיינמאל נישט געקענט הערען די יללות ביי א לויה, איז איצט געווען צופרידען וואס מען וויינט, געוואלט אז די געשרייען זאל'ן זיין העכער, דערגרייכען די הימלען, אז אן עולה איז בעגאנגען געווארען. דושקה איז געשטאנען אן איבערגעשראקענע, געדרעהט מיט'ן קאפ, געליטען מסתמא וואס ארום איהר געפינען זיך אזויפיל מאנסבילען. דניאל האט אנגעשפארט א פויסט אן וועגטיל פון בעט, אויף דער פויסט א צווייטע, אוועקגעלעגט דעם שטערען און געוויינט. ר' דוד'ל איז נישט איינגעשטאנען, זיך מתעסק געווען, געהייסען אנצינדען וואס מעהר ליכט, נישט פארגעסען זיינע חולאת'ן — יעדע ווייל ארויסגענומען פון וועס־טיל־קעשענע א פלעשיל, געעפענט א פראפען א שמעק געטון און אפגעזיפצט. אין א ווינקעל איז געשטאנען ר' איטשע א פער'דאגה'טער און שטיל געזאגט „תקוני־זוהר."

די משפחה האט איינציגווייז אנגעהויבען ארויסצוגעהן פון חדר. רבקה'לע האט דערזעהן מרדכי'ן, האט זי צעשפרייט די הענד, פארגעסען די עולה, וואס ער איז געגען איהר בעגאנגען און אויף דאס נייע זיך צעוויינט:

— מרדכי, וואס זאגסטו צו אונזער אומגליק? מרדכי — — — — —

די אויגען זיינען ביי איהם פערלאפען מיט טרערען, געשטאנען אהנבעהאלפען, נישט געוואוסט וואס צו טון און איידער ער האט זיך ארומגעקוקט, איז שוין רבקה'לע נישט געווען. ער האט מעהר נישט געקענט איינשטעהן, זיך געגעסען, געליטען, וואס רבקה'לע האט נישט געהאט קיין טענות צו איהם, איהם נישט פערבייגעגאנגען ווי א פרעמדען.

פון בית־המדרש זיינען אנגעקומען די „חברה־קדישא", צעווארעמטע, זיך געווישט מיט קאלירטע טיכלעך די שטערענס די פנים'ער, געטענהט אלע צוזאמען:

— די מצוה בעלאנגט צו אונז!

— מיר וועל'ן נישט אפטרעטען פון דאנען!

— א דין־תורה?

— גוט!

— גוט!

— ס'איז א געוואונענע דין־תורה!

— דרך־ארץ — האט א חסיד א טופע געטון מיט א פוס — וואס פארע דבורים?

— מיט דער טהרה וועל'ן זיך מתעסק זיין תלמידים און גוטע אידען.

— מען טוט דער שטאדט אן עולה!

— אן עולה!

— די מצוה באלאנגט צו אונז!

— קאצק וועט נישט דערלאזען!

ר' איטשע איז אונטערגעגאנגען, בארוהיגט מיט די הענד ביידע צדדים:

— שא, שא, קריגט אייך נישט. מיר וועל'ןווארפען גורל און ווער ס'וועט זוכה זיין — — —

— גוט!

— גוט!

ס'איז שטיל געווארען. איבער'ן חדר האט זיך געהערט ווי א חסיד דערצעהלט, צו'ם ערשט הויך, דערנאך שטילער:

„— — — און אז מען האט דעם מגיד'ס הייליגען גוף טובל געווען, איז די מקוה פול געווארען מיט א ריח־בשמים, ווי פון די טייערסטע געווירצען, דען וויסען זאלסטו אז אפילו דער טוידטער גוף פון א צדיק איז בבחינת „בשר הקודש", ווערים און א שלעכטער ריח האבען קיין שליטה אויף איהם — — — —"

ביי די לעצטע ווערטער האט מרדכי זיך געכאפט אז די לופט שטיקט. מען דארף עפענען א פענסטער. א פערלאנג אפצודעקען דעם נפטר האט איהם נישט צורוה געלאזט. ער האט געוואלט זעהן צי דער טרויער ארום דעם רבי'נס אויגען איז געבליבען, כאטש ס'הארץ האט איהם געזאגט, אז דער טוידט לאזט קיין זאך נישט איבער. ער איז פול געווען מיט תרעומות, נישט געוואוסט געגען וועם, געגען וואס, זיך דערמאנט, ווי משה האט נישט געוואלט שטארבען און אז קיין זאך האט נישט גע־

האלפען, האט די נשמה זיך גענומען בעטען בײ'ם רבונו־של־עולם ער זאל זי נישט שײדען מיט'ן גוף, מיט וועלכען זי איז הונדערט און צוואנציג יאהר געווען צוזאמען, און דא אונטער דער ווײסער קאפאטע ליגט אז אויסגעצערט גופ'ל, ווי פון נישט א דערוואקסען קינד. ר' מענדעלי'ס נשמה האט געלעבט ביחידות, געזעסען אין דעם פערלאזטען צימער מיט שפינוועבס, נישט אײנגעשטימט מיט'ן סדר העולם און א חוץ דעם שוואכען גוף. האט זי אויף דער וועלט קײנעם נישט געהאט, איז מען בעפאלן דעם גוף, איבערגעוואלד איהם צוגענומען פון דער נשמה, צור־קנײטשט, צובראכען, צונויפגעדרעהט אין א פעקיל און עס פארשטעקט אונטער דער אויסגעדריוועלטער קאפאטע.

---

אז אויסגערוהטער האט מרדכי זיך אויפגעכאפט אין מיטען דער נאכט, געווען זיכער אז ער האט זיך נאר וואס אוועקגעלעגט און געהאט פערדרוס, וואס דער שמועס מיט ר' מענדעלי'ן איז געווען א חלום. דער רבי איז דאך גאר טוידט. ער האט זיך אנגעטון אין דער פינסטער און איז ארויס אויף דער גאס. קאצק איז געשלאפען. בלויז אין רבי'נס בית־המדרש זײנען מקורבים און לײב־מענשען געזעסען, וועד איבער א „זוהר", וועד איבער א „משניות", געדרימעלט, זיך פערגאנגען מיט א פערוועהטיגטען ניגון. די אויל־קנײטלען, די טריפענדע ליכט האבען קוים באלויכטען דעם גרויסען בית־המדרש. בײ א שטענדער איז געזעסען א שווערער חסיד, די הענד פארלעגט איבער אן אפענעם משניות. די נאמבע אײנגענורעט אין די הענד, געשנארכט און זײן צוכמאליעטע בארד, א טאנקעל גרויע, וואס איז געשטאנען פון בײדע זײטען גאמבע, ווי צווײ פלעדערווישען, האט זיך באוואויגען. הינטער'ן אויוון האט עמיצער אויסגעוויינט תהלים, אז מען האט געקענט צעהלען יעדעס ווארט.

אויף בענק, אונטער טישען זיינען געלעגען חסידים, די קאַפּאָטעס צו־קאָפּענס און געקרעכצט פון שלאָף.

אויף די שפּיץ פינגער איז מרדכי אריין אין ר׳ מענדעלי׳ס חדר. א שווערער ריח האָט איהם א שלאָג געטון אין פּנים אריין. אין מיטען חדר, אויף א מטה, צונויפגעשלאָגען פון שולחן, איז ר׳ מענדעלי געלעגען צוגעדעקט מיט דער ווייסער, זיידענער קאַפּאָטע. אויף דער פּאָדלאָגע האָבען געברענט דיקע, חלב׳נע ליכט, זעגאָכץ האָט זיך געוואָלגערט. ר׳ איטשע איז געשטאַנען צוקאָפּענס, די באַקען פערפלאָמט, די אויגען פער־גאָסען מיט גרויסע טרעהרען, ווי ביי א קליין קינד, וואָס פארבלאָנדזשעט. ווערט אן די מאַמע. ר׳ דוד׳ל איז געזעסען מיט פערמאַכטע אויגען און ווען נישט די זיפצען, וואָס האָבען זיך יעדע ווייל ארויסגעריסען מיט אן אוי, וואָלט מען געקענט מיינען אז ער שלאָפט. ביי דער מזרח וואַנד זיינען געשטאַנען די צוויי פוילישע עלוים — ר׳ אברהם׳ל, דעם נפטר׳ס איידעם און ר׳ העניך... זיי האָבען געפּאַטשט מיט די הענד אין דער וואַנד אריין און געזאָגט „תקוני־זוהר“.

ר׳ איטשע האָט אנגעשטעלט זיינע פערוויינטע אויגען אויף מרדכי׳ן. געקוקט מיט אזוי פיעל רחמים, אז מרדכי׳ן האָט פארקוועטשט אין האַלז.

אין דער טיר איז געשטאַנען דער באָרוויסער ישראל און זיך בעהאַל־טען פאַר דער נאָז. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מטה, אָפּגעדעקט די קאַפּאָטע און זיך אוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט׳ן נפטר:

— קאָצקער רבי, דיינע תלמידים האָבען געוואָרפען גורל, מיט וואָס פאַר א טהייל פון דיין היילינגען גוף זיי זאָל׳ן זיך מתעסק זיין ביי דער טהרה. דאָס איז געזאָגט געוואָרען, ווען דער גוף איז בבחינת „בשר הקודש שלא הסריח.“ ווי איז אָבער דער דין, קאָצקער רבי, אז דער גוף עפּוש׳ט? ווי איז דין — — —

דער שמש מיט עטליכע מקורבים האָבען איהם נישט געלאָזט ענ־דיגען, איהם א כאַפּ געטון אונטער די אָרעמס און ארויסגעפירט.

ר׳ איטשע האָט זיך נישט אנגערופען, אריינגענומען דעם קאָפּ צווי־שען די הענד און העכער געוויינט. ר׳ העניך איז צוגעגאַנגען צו ר׳ אברהם׳לען און איהם געפרעגט:

— ווייסטו וואס מיר האבן געלערנט אין קאצק?

ר' אברהמ'ל האט געפעפנט זיינע תמימות'דיגע אויגען און גע־שווינגען.

— מיר האבן געלערנט, אז דער מענש זאל כל־ימיו גערענקען, דאס ער איז א ש ט י נ ק ע ר.

---

פון די ארומיגע שטעדטליך האבן געהאלטען אין איין אנקומען בוידען מיט חסידים. מענשען זיינען געשטאנען אקסעל ביי אקסעל, זיך קיין ריהר געטון, געשטאנען ווי אן אויסגעגאסענע וואנד. קיינער האט נישט געוואוסט ווי נאך מען וועט אריינגעמען דעם נפטר צו דער טהרה אין מקוה אריין. מען איז געשטאנען מיט געבויגענע קעפ, איי־בערגעגעבען מיט שרעק די מעשה מיט'ן בארוויסען ישראל, געווען זיכער אז עפיס מוז געשעהן. מיט אמאל האט עמיצער אויסגעשריען אז מען טראגט דעם רבי'ן. די צונויפגעפרעסטע וואנד ווי פון גראניט, האט א קרעכץ געטון, זיך געשפאלטען, צופאלען, ווי דורך א נס, אין צווייען און פון אלע זייטען האט זיך געהערט:

— מאכט א ווארע!

— מאכט א ווארע!

— מאכט פלאץ פאר די נושאי־המטה!

— אט געהען זיי!

וואס א טריט האבן די נושאי־המטה זיך געטווישט, מכבד געווען מקורבים מיט דער מצוה, צוגענומען קוויטלען און זיי געלעגט אויף דער מטה.

די מקוה האט מען נישט ארויסגעזעהן. מענשען זיינען געשטאנען ארום די ווענד, אויף די פענסטער, געהאנגען אויפ'ן דאך, זיך געהאלטען ביי די קוימענס, זיך געקריגט, זיך געשלאגען איבער א שטיקעל פלאץ

איבערגעגעבען דעם יחוס פון יעדען איינעם. וואס האט זיך מתעסק געווען מיט דער טהרה.

— אזא זכיה!

— מסתמא האט ער עס פערדיענט!

— אין דער חברה קדישא זיינען פאראן שעהנערע אידען, ווי משה קירזשנער — — —

— און אז ער איז א קירזשנער, איז וואס?

— האט איהם לייזער וויינמאכער געוואלט געבען הונדערט גילדען פאר'ן זכות — — —

— איהר הערט?

— און ער האט נישט געוואלט פארקויפען, כאטש משה איז א איד, אן ארימאן!

די מקוה איז געווארען אזוי געפאקט מיט מענשען, אז די ליכט האבען נישט געוואלט ברענען. די צעהן מתעסקים זיינען געשטאנען ארום דעם נפטר, זיך איינגעטיילט מיט ר' מענדעלי'ס גוף, לויט דעם שייכות פון די אברים צו די ספירות. דער שמש ר' פאוועש, האט איינציגווייז אויפגערופען:

— ר' איטשע וועט זיך מתעסק זיין מיט'ן צדיק'ס הייליגען קאפ. ר' העניך — מיט דער רעכטער האנד, ר' משה קירזשנער — מיט דער לינקער, דער צדיק פון פשיסכע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בשעת די מתעסקים האבען זיך גענומען פאר דער טהרה, האט עמי־צער אנגעהויבען צו זאגען „הלל". דער עולם האט אונטערגעכאפט מיט פער'חלש'טע קולות. פערווארפען די קעפ, די הענד און ווען זיי וואלטען געהאט אויף זיך טליתים, וואלט מען געקענט מיינען, אז אן עדה אידען דאווענט „נעילה".

מיט אמאל איז שטיל געווארען. באלד האט זיך געהערט ווי די מתעסקים אמפערען זיך. דער המון האט זיך א שטעל געטון אויף די נעגעל, אנגעשפיצט די אוירען:

— ס'וואסער איז צו פלאך!

— טובל זיין שטעהענדיגערהייט קען מען נישט!
— און ס'דארף זיין טבילה כדת!
— טא לאז ר' איטשע אראפשטופען דעם הייליגען צדיק'ס קאפ!
— דער רבי קען זיך אליין טובל זיין! — האט ר' איטשע געזאגט מיט בטחון — גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.

דער המון האט אויפגעציטערט פון ר' איטשעס ווערטער, זיך א שפאר געטון, זיך גענומען סוד'ען:

— וואס זאגסטו?
— הא?
— א נס?
— א נס!
— ס'איז געשעהן א נס!
— ס'וואסער האט זיך א הויב געטון איבער ר' מענדעלי'ס קאפ...
— און דער רבי האט זיך טובל געווען?
— דאס רעדט מען דאך!
— ווער פארשטעהט זייערע דרכים?
— פלאי פלאים!

---

ארום דעם אפענעם קבר האבען חסידים געפלאכטען א דאפעלטע קייט פון הענד. א טרוקענער שנעע האט געשפריצט, אפגעווייסט דעם בית־עולם. אהנבעהאלפען איז געשטאנען דעם רבי'נס משפחה, מעהר קיין כוח געהאט איינצורייסען, בלויז טעמרעלע האט זיך אויסגע'טענה'ט מיט'ן שוואגער, פערוואָרפען יעדע ווײלע איהרע שעהנע הענד מיט די לויזע ארבעל. די ארבעל האבען זיך פערשארצט און איהרע ווייסע הענד, ווייסער פונ'ם שנעע, האבען זיך געשפארט איבער'ן קבר, מבולבל געמאכט די מתעסקים. דער המון איז געווארען נייגעריג:

— ווער איז זי ?
— ווער איז דאס ?
— ס'איז דעם רבי'נס א שוועגעריו.
— ס'איז דאך טעמרעלע !
— די וואס מען האט געכאפט ?
— יא, יא, די זעלבע — — — —
— זי איז שוין איינמאל א צנועה !
— האלט ס'מויל !
— ווער, רעכענסטו, וועט זיין רבי ?
— ר' איטשע !
— און ר' דוד'ל וועט שווייגען ?
— שא, שא !
— מען זאגט קדיש !

גלייך ווי ר' דוד'ל האט געענדיגט קדיש, איז טעמרעלע וואוילעריש אונטערגעגאנגען און איהם באגריסט:

— מזל־טוב, רבי !

הויף־מענשען האבען זיך גענומען ארויסשארען, ארומגערינגעלט ר' דוד'לען, איהם אפגעגעבען „מזל־טוב", געווארט דער גרויסער עולם זאל אונטערקומען, און ס'האט אויסגעזעהן ווי א קופקעלע חסידים האבען זיך אפגעריסען פון גרויסען עולם, וואס איז געשטאנען א פערגאפטער, זיך נישט געריהרט פון ארט.

ר' מענדעלי'ס לייב־מענשען האבען אויפגעזוכט צווישען עולם ר' איטשען, געפלאכטען ארום איהם א קייט און פון טויזענטער מיילער האט זיך א שאט געטון אויף איהם:

— מזל־טוב, רבי !
— מזל־טוב, רבי !
— מזל־טוב !

א הונגעריגער, א מיעדער איז מרדכי געגאַנגען אהיים, זיך נישט געחדוש'ט וואָס א שווערער אומעט איז איהם באַפאַלען, געשטיגען, וואָס נעהנטער ער איז צוגעקומען צו שטראַהל'ס הויז. ער האָט געוואוסט אַז מאָרגען פריה, ווען ער וועט פערלאַזען פּוילין, רייסט ער איבער אַלע פּע־דים, דערוויילטערט זיך פון א לעבען, וואָס איז פול מיט ספקות און יסורים, לאָזט זיך אויף אַן אונבעקאַנטען וועג און הויבט אַן פון דאָס נייע. ער האָט אַליין נישט געוואוסט אין וואָס וועט באַשטעהן דאָס נייע לעבען, געוועזען אבער זיכער אַז ס'וועט זיין אַנדערש פון'ם יעצטיגען, ס'מוז זיין. מרדכי האָט פאַרענטפערט זיין אומעט מיט'ן רבי'נס טוידט, מיט'ן צער, וואָס ער וועט פערשאַפען די עלטערען, כאָטש ס'האַרץ האָט איהם אונטערגעזאָגט אַז ס'איז נישט אמת, אַז ער נאַרט זיך אַליין, אַז עפּיס שטעהט איהם אין וועג, פון וועלכען מען דאַרף זיך בעפרייען און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך א נעם געטהון אין דער האַנד אריין, איז אַלץ ארום איהם צושווימען און דער אומעט איז נאָך געוואָרען גרעסער.

ער איז געגאַנגען אין מיטען גאַס, וואו דער שנעע איז געווען טיע־פער, זיך געהויבען ארויף און אראָפּ, נישט באַמערקט, אַז ס'איז טונקעל געוואָרען. ער האָט זיך געטויכט אין דער אייגענער נשמה, דערזעהן זיין פּרצוף, אַזאַ מיאוס'ען, האָט ער זיך פיינד געקראָגען, גענומען געהן גי־כער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו בלייבען מיט זיך אַליין. ער איז ארוים הינטער דער שטאָדט. דאָ און דאָרט האָבען זיך באַוויזען שטע־רען, קליינע, פינקעלדיגע, זיך געשפּיגעלט אין שנעע. שאָטענס זיינען אַנגעלאָפען, לאַנגע, דינע, זיך געלעגט קלאָפּטערווייז און נישט געוואָרען. מרדכי איז געגאַנגען מיט צושפּרייטע פינגער, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּיס דערגרונטעווען, זיך אַראָפּגעלאָזט טיעפער, טיעפער, געפיהלט ווי די שנאה צו זיך אַליין פאַרשווינדט, דערקענט זיין אייגען פּנים, אַזאַ מענשליך, איז איהם איינגעפאַלען, אַז גוט און שלעכט עקזיסטירען גאַרנישט, ס'ווענדט זיך בלויז ווי ווייט דער מענש קען זיך פּערטיעפען — — —

מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקוקט ווער ס'רופט איהם, דערזעהן, אַז פעליציע קומט אַן פון סאַד, איז איהם קלאָר געוואָרען פון

וואו דער אומעט האט זיך צו איהם גענומען, זי איז אונטערגעקומען און מיטגעבראכט אז אנגענעמען ריח פון סאסנאווע וואלד.

— איהר געהט פון דער לויה?

— יא.

— איהר דארפט זיין פארזיכטיג, — האט פעליציע כמעט איהם איינגערוימט — מען זוכט אייך.

— איך בעהאלט זיך נישט.

— א, אה, — האט זי אנגענומען מרדכי'ן פאר א האנד, צווייריייטיג געשמייכעלט. מרדכי האט א גלייכגילטיגער זי אנגעקוקט.

אז אויפגעלעגטע האט זי איהם גענומען אונטער'ן ארעם, אפגעגאנגען עטליכע טריט און דערצעהלט:

— ר'ווייסט, ס'ערשטע מאל וואס כ'האב היינט מורא געהאט צו געהן מיט'ן סאד אליין, ס'האט זיך מיר אלץ געדאכט, אז מען געהט מיר נאך — — — א גאנצען וועג האב איך געטראכט וועגען רבי'ן. ס'איז טאקע אמת אז ער איז געזעסען דרייצעהן יאהר פערשפארט?

מרדכי האט א שאקעל געטון מיט'ן קאפ אויף יא, געגאנגען און געשוויגען.

דער געדיכטער סאד האט אויסגעזעהן שיטער. די ביימער פון ביידע זייטען אלעע, וואס פלעגען זיך זומער צונויפקומען מיט זייערע בלעטער און דערמאנען דעם ארייגאנג אין א פינסטערע הייהל, זיינען יעצט געשטאנען נאקעט. ווארצלען, שטיקלעך ערד מיט גראז, האבען דא און דארט ארויסגעשטארט פון שנעע. ערגיץ וואו האט געקראקעט א קרוה, אונהיימליך אפגעהילכט אין דעם לעדיגען סאד.

— כ'בין אייך מקנא, וואס איהר פאהרט אוועק — האט פעליציע זיך אנגערופען — ס'איז מיר אלץ אזוי דערעסען! דרעה איך זיך ארום איינע אליין — — — שוין באלד א וואך ווי דער פאן שטראל זיצט אין ווארשע.

זי האט א שמייכעל געטון, געוואלט ווייזען דערמיט אז זי שפאסט, נויטינט זיך נישט מען זאל זי באדויערען. זי איז געווארען לעבעדיגער,

גענומען געהן גיכער, זיך געכאפט אז דאס שוך־בענדעל האט זיך ביי איהר אויפגעבונדען און זיך אפגעשטעלט:

— זייט אזוי גוט און בינדט מיר צו ס'בענדעל פון שוך!

מרדכי האט זיך אראפגעלאזט אויפ'ן שנעע, גענומען בינדען דאס בענדעל, אנגעריהרט איהר דינעם פוס, דעם ווייכען זאק, געמאכט א שלייף, איהם צוריק אויפגעבונדען, האט זי זיך צולאכט און איהם שטי־פעריש א שלעפ געטון פאר אן אויער:

— אזוי לאנג?

ביים אבענד־ברויט האט דער שמועס זיך נישט געקלעפט. עפיס, וואס מען קען נישט אנכאפען, אהן א נאמען, האט ענג געמאכט פאר ביי־דען דעם גרויסען צימער. פעליציע האט ארויסגענומען „אירידיאן,“ פארגעלייגט א זייטעל, א שליידער געטון דעם בוך אויף דער אטאמאנע, צוגעגאנגען צו דער פיאנא, גענומען עטליכע אקארדען, צוגעהאקט ס'דע־קיל און געבליבען שטעהן פאר מרדכי'ן מיט פארלעגטע הענד, ווי א שי־לערין. ער האט א ציטער געטון. די אונרוהיגקייט פון איהר פנים איז פערשוואונדען און איהרע אויגען האבען געקוקט אזוי אונבעהאלפען קינ־דיש. זי האט איהם מיט אמאל ארומגענומען, א קוש געטון, זיך געטור־ליעט און געציטערט:

— געה שלאפען, דארפסט מארגען זיך פריה אויפהויבען! געה שלא־פען, מרדכי!

אן אויסגעניכטערטער האט ער געכאפט איהר האנד, לאנג געקושט, נישט באמערקט ווי זי האט זיך ארויסגעדרעהט, נישט געווארען.

ער איז אריין צו זיך אין צימער, זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעטיל, געוואלט איינשלאפען. זיין צוהיצטער מח האט זיך געצונדען, זיך גע־פאלדעוועט, אנגעווארפען אהן א שיעור פלענער. זיי געמאכט צו נישט, אריבערגעשפרונגען איין מחיצה נאך דער צווייטער און מיט אמאל, א פער'כשופ'טער, זיך אפגעשטעלט פאר א שטרוי, זיך נישט געקענט ריה־רען פון ארט, זיך געקארטשעט פון וועהטאג און אנגעהויבען פון דאס נייע. ער האט געשפרייזט איבער פאריזער בולווארען, גע'טענה'עט מיט

ר׳ איטשען, מיט די עלטערען, געטרייסט רחל׳ן, רבקה׳לען, זיך געבעטען ביי פעליציען....

ער איז אראפ פון בעטעל, געגאנגען אויף די שפיץ נעגעל, זיך גע־גנב׳עט, און געבליבען שטעהן ביי פעליציעס טיר, וואס איז געווען פער־מאכט. ער האט נישט געוואוסט אז פעליציע שלאפט נישט. יעדער גליעד איהרער וויינט אין דער פינסטער. מיט פערבונדענע אויגען האבען ביידע געווארט אויף א נס, געווען טויב צום שטילען געוויין און פערבייגע־גאנגען איינער דעם צווייטען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניו־יארק, 1919—1915.